ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# פלא יועץ

## חלק א'

אידיש

80

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

# ספר

# פלא יועץ

## חלק א.

עצה טובה קמ"ל רבי, רבי שנה ופירש איזהו דרך ישרה לסור ממוקשי
מות אשר המה לבער פעור נצמדים בדברים ערבים ומתוקים כל
היך שטועמו אומר לי לי סם דחי' דכולו ביי הכ' ממתקים
וכולו מחמדים דבריו המתוקים יוצאים מעמקא דלבא
דרחמנא בעי' והמה יורדים חדרי בטן ומזהב ומפז
רב נחמדים פעולת דורש טוב לעמו רב צדק
מורה בק"ק סליסטרה יע"א עיר קטנה
ואנשי סגולת חסדים.

---

דיעזעס האָכוויכטיגע מוסר ספר האבע איך וואָרטגעטרייא איבער־
זעטצט אונד מיט אנמערקונגען פערזעהען, אויך האבע איך ער־
צעהלונגען פאָן אגדת הש"ס מדרשים אונד אנדערע הייליגע ספרים
אונטער דען טיטעל תומר דבורה בייגעפיגט. דיא שעהן, בע־
לעהרענד אונד מלא יראה זינד.

ממני הקטן שבקטנים יהודא כהן קרוים מק"ק באניהאד יע"א.
אבדק"ק יאנקאָוואטץ והגליל יע"א.

שנת וזאת הברכה לפ"ק.

---

**Nachdruck verboten.**

---

צווייטע פערבעססערטע קאָריגירטע אויפלאגע.

ודברת בם לפ"ק.

Verlag von JULIUS KRAUSZ
Bezirks Rabbiner (Bács) **Jankovácz, Ungarn.**

נדפס בדפוס של הרבני מו"ה מאיר ראזענבוים הלוי בפאקש.

# איינלייטונג דעם פּערפֿאססערס זצ״ל.

דער פלא יועץ אל גבור האט אונענדליך פֿיעל גוטעס מיט זיינע געשעפּפֿע געטהאן, ווער מאג אונד קאנן פֿערקינדען זיין לאָב, אללע טובות אבער איבערשטייגט דיא גראָסע גנאדע אונד ליעבע, דאס ער ישראל צו זיינעם פֿאָלקע ערוועהלטע, איהנען תורה אונד מצות געגעבען האט, ער שפּייסט אונד ערנעהרט זיין פֿאָלק, אונד האט איהנען דען וועג געעבנעט דער צו עוה״ב פֿיהרט. אויך איך פֿינדע ניכט וואָרטע גענוג צו ערצעהלען דיא טובות דיא ער מיר בעוויעזען, איך זעגנע השי״ת דער מיר בים יעטץ געהאָלפֿען אונד דער מיר וויטער העלפֿען זאָלל. מיין הערץ געליסטעט מְזַכֵּה רַבִּים צו זיין אונד השי״ת איין נחת רוח צו מאכען, דאהער האבע איך בְּעֶזְרַת השי״ת פֿיר מיך אונד מיינעסגלייכען דיעזעס ספר געמאכט ענטהאלטענד דברי מוסר ויראָה, איך האבע עס פלא יועץ בעטיטעלט וויל אין דיא בוכשטאבען פלא, מיין נאהמען אליעזר פאפו ענטהאלטען איסט. צו דיר אללמעכטיגער ערהעבע איך מיינע אויגען, דוא אַב הָרַחֲמָן עוֹשֶׂה צְדָקוֹת עִם כָּל בָּשָׂר ורוח געבע מיר דיא זכי׳ דאס מיינע וואָרטע אנקלאנג פֿינדען זאָללען או׳ ד׳ ווי אנא ד׳ הושיעה נא וכו׳.

אונד צו אייך מיינע ברידער רופֿע איך צו, קויפֿעט אייך דיעזעס ספר לערנעט דאפֿאָן גוטעס טהון, הערעט צו אונד שאפֿפֿעט אייך עוויגעס לעבען. אין מדרש שטעהט דער מענש ברויך זיך איינע מצוה צו ערווערבען דיא עוויג דויערט, דאהער וועהלטע איך מיר דיעזע מצוה מזכה רבים צו זיין. איך קעננע מיינע וועניגקייט, דאס איך ניכט צו דיעזער ארבייט ווירדיג בין, אנדערע מוכיח צו זיין, אבער איך מאכע עס הויפּטזעכליך פֿיר מיינע קינדער אונד פֿיר מיינעסגלייכען, פֿיללייכט ווירד אויך איין אנדערער דארין עטוואס גוטעס ניצליכעס פֿינדען, בעפֿאָר איך שליעסע וויל איך נאָך השי״ת דאנקען דאס ער גוטעס טהוט מיט זיינע געשעפּפֿע אונד זיא אויסערוועהלטע מיט מיר גוטעס צו טהון, הֵטִיבָה ד׳ לַטּוֹבִים איך קאנן ניכט איהרע נאהמען אויפֿצעהלען, דאהער בעטע איך צו השי״ת השקיפה ממעון קדשיך וברך את עמך ישראל וכו׳ וכו׳ ואחי יעקב הי״ו גם הוא יגדל יראה זש״ק וכו׳ ועתה יגדל נא כח ד׳ וכו׳ מי שגאל את האבות הוא יגאל את הבנים וכו׳ וכו׳ הכ״ד אנוש אדם מועט מזער וכו׳ הכותב והותם בעיר עז לי סליסטרה בחדש ניסן שנת אשריכם זורעי על כל מים.

נא״ה אליעזר בכ״ר יצחק פאפו.

---

# איינלייטונג דעם איבערזעטצער׳ס.

דיעס איסט אין קירצע דיא איינלייטונג דעס פֿערפֿאססערס, איך האבע נור נאָך מעהרערעס בייצופֿינגען. שאָן פֿאָר איינינע יאהרע וואורדע אין מיר דער גדאנקע ערוועקט, דיעזעס הייליגע ניצליכע ספר פֿיר דען כְּלַל ישראל צוגענגליך צו מאכען, אונד עס וואָרטגעטרייא צו איבערזעטצען, איך וואָללטע דאמיט איינען דאָפּפּעלטען צוועק עררייכען, ערסטענס פֿיר יונג אונד אלט, וויב אונד קינד איין ספר אין הענדען צו געבען, וועלכעס איין וואונדערבאהרער ראטהגעבער (פלא יועץ) איין טרעסטער אונד העלפֿער פֿיר אללע וואונדען איסט. צווייטענס אבער זאה איך דאס זעממטליכע מוסר ספרים [illegible], אללע אין פּאָלניש יידישער שפּראכע געשריעבען

זינד, פֿיעלע פֿערשטעהען עס ניכט, מאנכע שפּעטטעלן דאריבער, דאהער וואר מיינע כוונה איין מוסר ספר אין אונזערע געברייכליכע שפּראכע הערויסצוגעבען, איך שריעב איינינע באָגען, אבער הערטע דאן אויף, וויל איין זאָלכע איבערזעטצונג גראָסע ארביים אונד מיהע קאָסטעט, ביס איינינע פֿריינדע דעהנען דיא איבערזעטצונג זעהר געפֿיעל, אין מיר דרעננטען, מיינע ארבייט פֿאָרטצוזעטצען. זאָ האבע איך בעזהי״ת דען ערסטען טהייל פֿאָללענדעט, אונד האָפֿפֿע דאָס דיעזע מיינע ארבייט איבעראהל דיא נעהעריגע ווירדיגונג פֿינדען ווירד. איך האבע מיך בעשטרעבט וואָרט געטרייא צו איבערזעטצען, נור מאנכמאהל וויא עס דיא צייט אונד דיא איבערזעטצונג ערפֿאָרדערט האבע מאנכעס מקַצֵר אָדער מוֹסִיף געוועזען. אום אבער דיעזען ספר בעזאָנדערן רייז צו געבען, דאס עס בעלעהרענד אונד אונטערהאלטענד זיין זאָלל, — האבע איך שעהנע ערצעהלונגען פֿאָן אַגָּדַת הש״ס וּמִדְרָשִׁים צוזאממענגענאָממען, וועלכע אויף דען פלא יועץ בעצוג האָבען, אונד מָלֵא יִרְאָה זינד. איך האבע זיא בעטיטעלט תומר דבורה צום אנדענקען אן מיינער פֿערשטאָרבענען מוטטער הצנועה והחסודה מ׳ דבורה ע״ה. וואָללטע איך איהר לאָב פֿערקינדען, איהר צדקות ריהמען, זאָ מיסטען איינינע באָגען פֿאָלל מיט איהרע מַעֲשִׂים טוֹבִים ווערדען, אויף איהר פאסט דער אויסשפּרוך אונזערער הכמינו ז״ל ודבוֹרָה אִשָּׁה נְבִיאָה אֵשֶׁת לַפִּדוֹת, זאגט דער מדרש זיא היעס דעסהאלב אשת לפדות, אונד האטטע צו נבואָה זוכֶה געוועזען, וויל זיא דאָכט צו דער מנורָה אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פֿערפֿערטיגטע אום וויא פֿיעלמעהר מיינע מוטטער ע״ה דיא דאָכט צו דער תוה״ק בערייטעטע געלד אונד פֿערמעגען אָפּפֿערטע, אום אונס תורה לערנען צו לאססען, וואס זיא פֿיר אונס אין דער ישיבה טהאט איסט אונבעשרייבליך, איהר צדקה אונד גמילות חסד האטטע קיינע גרענצען, אונד בייא דעם אללען וואר זיא בעשיידען, אונד וואָללטע ניכט געריהמט ווערדען. פֿאָן איהר צדקות קעננטע איך פֿיעל ערצעהלען, נור וויים איך דאס עס איהר וואונש געוועזען ווערע ניכט געריהמט צו ווערדען, נור איינעס וויל איך צום מוסטער הערפֿאָרהעבען. איינע לאנגע צייט ליעס זיא אללע שמוטצוועשע פֿאָן דער באָניהאדער ישיבה הערויסברינגען, אויסצוואשען, אונד אויסצובעססערן, וואָמיט דיא ארמע בחורים פֿיעל געלד ערשפּאהרטען. זאָ אונד דערגלייכען גמילות חסד איבטע זיא אין שטיללען בהסתר דבר. איך ערפֿיללע נור איינען קליינען טהייל דער דאנקבאהרקייט אינדעם איך איהר דיעזען געדענקשטיין זעטצע, מעגע זיא אין גן עדן אונטער אנדערע צדיקים וצדקניות דיא פֿריכטע איהרער טהאטען געניעסען, מעגע זיא אויך דאָרט פֿיר איהרע קינדער אונד פֿאמיליע ווירקען, איין מֵלִיץ יוֹשֶׁר פֿיר אונס אללע זיין, ותהי נשמתה צרורה בצרור החיים עד תעמוד לקץ הימין אמן.

היום ה׳ לסי שופטים ב׳ אלול יאהרצייט של אמנו ע״ה הרמתה לפ״נ.

איך מעגע היער צום גוטען לזכר עולם געדאכט ווערדען, אבי מורי הצדיק כה״ר יקותיאל כהן קרויס נ״י דער אונענדליך פֿיעל אָפּפֿערטע זיינע קינדער תורה לערנען צו לאססען, אונד ווער איהם קעננט בעוואונדערט זיינע אָפּפֿערוויללינגקייט, וויא ער אויף זיך גאר ניכט אכטעט, נור אללעס וועגען זיינע קינדער טהוט. מעגע השי״ת זיינע יאהרע צום גוטען פֿערלעננערן, דאס אן איהם אין ערפֿיללונג געהע צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה וכו׳ עוד ינובון בשיבה דשנים וכו׳. אויך מיינע געשוויסטער מוס איך היער עפּפֿענטליך דאנק זאגען, דאס זיא זיך מיינעטוועגען זאָ מאנכמאהל בעמיהטען, איבערהויפּט

אחותי הצנועה אשה יראת ד׳ מ׳ בילא שתחיי אונד גיסי ירא ד׳ המפורסם ביתו פתוח לרווחה כה׳ שמואל האהן פאָן מאָראדי זיא האבען מיט מיר אונד מיינע געשוויסטער פיעל גוטעס געטהאן, ישלם ד׳ שכרם בכפליים ויזכו לבנים עוסקים בתורה ויראת שמים.

מנחת תודה וברכה אשא לכבוד חותני הרב הצדיק החריף כש״ת מוה׳ אדוני׳ שמעלצער נ״י עם זוגתו וכל משפחתו שיחיי ובפרט לבתו היא אשתי היקרה טובת שיכל הצנועה מ׳ עטל שתחי׳ ישלם ד׳ להם כפעלם ותהיי משכורתם שלימה יברכם ד׳ בברכה משולשת בנים חייי ומזונות עד בא לציון גואל בב״א.

מיין דאנקעסגעפיהל מאכט עס מיר צור פפליכט אשתי הראשונה החשובה הצנועה מאד במעשיי מ׳ שבע ע״ה צו געדענקען זיא וואר דיא טאָכטער דעס הרב הגאון המנוח מוה׳ משה קאמארן זצ״ל שהיי אבדק״ק וויצען, ועץ פרי עושה פרי למינו, זיא וואר איינע ווירדיגע טאָכטער איהרעס פאטערס פאָן יוגענד אויף אן קול תורה געוועהנט, אייפערטע זיא מיך אן תורה צו לערנען ומצדקתה לספר הירועה קצר מהכיל נפטרה בת כ׳ שנים כמעט בלא חטא ומפני שלא הניחה בנים אחריי תהי׳ זאת לה לזכרון עולם, עד תעמוד לקץ הימין אמן.

אמרו רז״ל במס׳ מגילה לא מאסתים בימי כשדיים שהעמדתי להם דניאל חנניי מישאל ועזריי ולא גאלתים בימי המן שהעמדתי להם מרדכי ואסתר וכו׳ גם בימינו ובדורינו העמיד לנו צדיקים מליצים ישרים, אשר מצאו חן לפני מלכים ישרים, ולזכר עולם יהיי צדיק ועניו המפורסם כקש״ת מוהי משה מאנטעפיארע זצ״ל, וביותר בית ראָטהשילד העומדת לשם ולתהלה ולתפארת ובתוכם הצדיק והסיד המופלג בתורה ויראה עושה צדקות בכל עת כקש״ת מוה׳ שמעון וואלף המכונה באראָן ווילהעלם קארל פ׳ ראָטהשילד נ״י בק״ק פראנקפורט תומך בימין צדקי כל מחבר ספר, גם אותי העניק מטובו איזה פעמים, יהי ד׳ עמו ויאריך ימים ושנים, ויזכה לראות כהן גדול עומד ומשמש בבית עולמים בב״א.

אום וויא פיעלמעהר אבער מוס איך השי״ת דאנקבאהר זיין כוס ישועות אֶשא ובשם ד׳ אקרא, וויא קאנן איך פינדען וואָרטע גענוג אום הקב״ה פיר טובות אונד חסדים צו דאנקען איבערהויפט דאס ער מיר דיא זכיי געגעבען האט תורה צו לערנען, אלו פינו מלא שירה כים וכו׳ וכו׳ אין אנו מספיקים להודות וכו׳ אונד ביטטע איך דען אלל־מעכטיגען בורא ית׳ כאשר עד הנה עזרני כן אל יעזבני לנצח עד בא לציון גואל בב״א.

איך האבע דיעזעס ספר לגדולי הדור געצייגט, ובעזהי״ת האט עס אויך בייא איהנען בייפאלל געפונדען, איך זאנדטע אויך איין באָגען אן הר׳ הג׳ המפורסם כש״ת מוה׳ זוסמאן אליעזר נ״י אבדק״ק האללאש וועגען הסכמה ער שריעב מיר אין קורצע פאָלגענדעס, מיין ליעבער פריינד: זיא ווערדען שאָן פערציהען איך האבע נאָך ניע זעלבסט מיינע אללער ליעבסטע פריינדע איינע הסכמה געגעבען, איהר ספר ברויך גאהר קיינע הסכמה, איהר הענדעווערק וויר אָהנע צווייפעל ביי יעדעם בייפאלל פינדען, אונד אויך איך ווערדע מיך בעשטרעבען איהר ספר אין מיין בעצירק צו פערברייטען אונד בין זאָגסט לטובתו בערייט. — אויך בייא הרב הגאון הקדוש המפורסם ברוב צדקתו כקש״ת מוה׳ הלל ל״ש מקאללאמייא האט מיין ספר חן געפונדען וויא אוים זיינער הסכמה ערזיכטליך איסט.

## איינלייטונג דעם איבערזעטצערים

איך האבע פיעלע טאגע פיעלע נעכטע געאָפּפערט וועגען דיעזעם ספר, דאס איינענטהומסרעכט פאָן דיעזעם "פלא יועץ" מיינען "צאינה וראינה" "קול יהודא" אונד ס׳ "מנחה חדשה" ניזהערט מיר אלליין, אדם אוסר דבר שלו דאהער, פערביעטע יעדען נאכדריק ושארית ישראל לא יעשו עולה, דענן אָהנעדען איסור השגת גבול איסט עס אויך לויט לאנדעסגעזעטץ פערבאָטען.

יעדעס ספר אויף וועלכעם ניכט מיינע אייגענהענדיגע אונטערשריפט איסט, לגניבה יחשב ומצוה להודיענו.

---

# מכתב

## של הרב הגאון המפורסם נ׳ ע״ה בוצינא קדישא חסידא ופרישא בקש״ת מוה׳ הלל ל״ש אבדק״ק קאלאמייא יע״א.

ייתון בני אהרן לשלם דעבדין עובדא דאהרן הי׳ ניהו יראי ד׳ התורני המופלג הרו״ח ושנ״ן כש״ת מוה׳ יודא הכהן נ׳ ביישוב פ״ו.

על שאלתו ממני ליתן לו הסכמה על שטרח להעתיק ספר פלא יועץ ללשון ידיש דייטש ורצונו להדפיסו ולהלקו בישראל, ידע נא אהובי כי כבר יש לו הסכמה ממתני׳ דאבות כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום הימנו, יעבור שספר זה אהוב לכל, הוא עדות ברורה על גודל קדושתו וצדקתו של המחבר, מעתה מי שטורח בהעתקו כדי שיהיו גם עניי דעת משל עם ד׳ יוכלים להגות מאורו, מה רב טובו, ואני אומר לו מהלקו יהא חלקי, ויישר כוחו וחילו, ועליו הכתוב אומ׳ ושם דרך בישע אלקים אראני, וגם מקיים בדבר הזה מצות ולדבקה בו, מה הוא יורה התאים בדרך אף אתה כן תעשה, וגם לפני רבות בשנים עלתה על דעתי לעשות כן, ובקשתי אז מן ידידי בר אבהן ירא ד׳ התורני המופלג והחרוץ הנגיד מוה׳ יוסף גינז ז״ל המדפיס בעיר וויען הבירה שקנה מיורשי המחבר פלא יועץ הזכות של הדפסת זה שיתן לי רשות להדפיסו בלשון אשכנז ונתן לי זאת בכתב, אבל לא אסתייע מלתא לי לעשות כן, לכן זכות זה שיש לי, אני נותן שלא יהי׳ עליו שום פרוצה פה. וחיוב הוא לכל אחד ואחד להביא ברכה זאת לתוך ביתו לעיין בו בכל יום לכל הפחות חצי שעה ובשבת קודש רוב היום.

כ״ה תשרי תרמ״ו קאללאמייא.

הק׳ הלל ל״ש מוועטש.

---

הצדיק ה, הלל נ׳ שרייבט אין דיעזעם בריעף, דאס זיא ליעבע אונד פערעהרונג וועלכעם דיעזען ספר געבראכט ווירד, צייגנים אויף דיא גראָסע קדושה אונד צדקות דעם פערפאססערס גיבט אונד דאס עס דאהער איינע גראָסע וויכטינע זאבע איסט, דער אללגעמיינען וועלט צו איבערגעבען, אויך ער ר׳ הלל וואָללטע פאָר יאהרען דיעזעס איבערזעטצען נור ווארדע דער געדאנקע דורך אומשטענדע ניכט אויסגעפיהרט, ער שאפפט זיך פאָן איינענטהימער דעם פלא יועץ הרבני המופלג ר׳ יוסף מדפיס אין וויען ע.ילויבניס, וועלכער איהם ערלייבניס ערטהיילטע, אונד וועלבען זכות אונד ערלויבניס ער מיר איבערגיבט, ר׳ הלל שליעסט מיט דען וואָרטען, דאס עס איין חיוב אויף יעדעם איסט דיעזעס ספר צו קויפען, אונד דארין אללטעגליך וועניגסטענס איינע האלבע שטונדע, אונד שבת ויו״ט דען גרעססטען טהייל דעם טאגעס צו לערנען.

## מכתב מהרב הגאון הגדול המפורסם ע"ה נ"י בנש"ק כקש"ת מוה' שמחה בונם בופר נ"י אברק"ק פרעסבורג יע"א.

שלום וברכה לכבוד הרב וכו' !

יקרת מכתבו קבלתי בעת שאין דרך הסופר לצאת בקולמסו, ומה שמבקש ממני הסכמה על העתקתו ספר הקדוש פלא יועץ אשר טרח ויגע הרבה לתרגמו בלשון אשכנז לפי דעתי אין מן הצורך, כי כל רואה יראה ויבין כי מלאכתו מלאכת שמים לזכות את הרבים, והוא לתועלת גדול לרבים מאחינו בני ישראל, ולבית יעקב אלו הנשים אשר אינם בקיאים בלשון הקודש, ושמחתי בהודעתו כי עוסק ובא להוציא לאור עולם חלק שני וגם להוסיף מדיליה לקוטי שושנים פנינים יקרים משאר ספרי מוסר הנכנסים ללב כל קוראיהם, והנני אומר לו יישר כחו וחילו ודי יהי' עמו לבצע מהשכתו הטובה וזכות הרבים תלוי בו, ואשרי מי שזוכה במצוה זו לתמכו ולסעדו לפתוח לו עזרת הקונים להביא ברכה לתוך ביתו — ושארית ישראל לא יעשה עולה להסיג גבולו ולהדפיס ספר זה בלתי רשותו כי פרי עמלו הוא ולא יקום הלילה בארור ולהשומעים יונעם ויהי' בכלל ברוך אשר יקים את דברי תורה הזאת להפיץ יראת שמים וטהרה בישראל, הכ"ד שיל"ת פה פ"ב עש"ק לסי שמיני תרמז לפ"ק.

הק' שמחה בונם בה"ג מהראשב"ם זצ"ל

---

# הסכמת

ההי"ג המפורסם חריף ובקי וכו' וכו' כש"ת מוה' יעקב פראגער נ"י אב"ד דק"ק אדא ופ"וו יע"א.

התן אנ"ו הה"ג מהר"ם שיק זצ"ל.

הנה הרבני המופלג בתורה ויראת שמים חריץ ושנון תמים במעשיו מוה' יודא כ"ץ ני' קרוים כהן שדעתו יפה מתו שבי ק"ק פ"וו שהוא תחת דגלי בקש ממני לתת הסכמה על ספרו העתקת פלא יועץ יועץ אשר כשמו כן הוא עצתו נפלאה לתורה ולעבודה והקדוש ההוא ביקש שיעתקנו ספרו ללשונות אחרים וכו' וכו' הרבני הנ"ל הטה שכמו לסבול להיות למס עובד להטיב עם ישראל ושם לילות כימים לברר וללבן ללשון צח ונקי גם להוסיף ולגרוע וכו' ואמינא לפעלא טבא וישר יהי' ד' אלקינו עמו להוציא מהשכתו אל פועל ויקפצו עליו הקונים ובדין שיטול שכרו וכו' וכו' ואם אמנם ראוי הי' למנוע עצמו מתת הסכמה שזה ראוי' לגדולי הדור אבל בהיות רבני הנל יושב תחת גבולי ואני מכיר אותו שלא יצא תקלה מתחת ידו והוא תלמיד חביב לאמו"ה הגאון המובהק מהר"ם שיק זצ"ל ע"כ הרהבתי בנפשי לתת הסכמה לספר זה, והנה לנדור גדר בפני עושי עולה מסיגי גבול לדעתי אין צריך בספר אשר טרח בו מלבד מה שאסרה תורה עוד דינא

# הסכמת

אמ"ו הה"ג המפורסם חריף ובקי וכו' וכו' כש"ת מוה' משה הלוי פאללאק נ"י אבדק"ק באניהאד יע"א.

גם אנכי לא אוכל לסרב נגד ידידי הרב נ' אשר מכירו הייתי מנעוריו, ומעודו עד היום הזה יגע בתורה וידיו רב לו בפלפול וסברא ויט שכמו לסבול למלאות רצון הקדוש בעמ"ה פלא יועץ זי"ע להעתיק דבריו בלשון המורגל בפי המון עם למען ישבעו ויתענגו גם הם מאמרי נועם דברי טעם, ע"כ נוצר תאנה יאכל פריו, ויקויים בו קרא שכתוב יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך בזה ובבא וכל התומך ומחזיק בידו, יתברך בנפשו ובמאדו ויהי כזית הודו. ובעזהי"י יום די פ' וילך תהי' צדקה הרמת לפ"ק.

משה בה"ג מ"ז סג"ל פאללאק.

דמלכותא דינא וכו׳ וכו׳ ע״כ פשוט מאד שהבא להדפיס ספר זה בלי רשות המחבר הוא בכלל עונש מסיג גבול והמונע מזה יהי׳ מצליה וכו׳ וכו׳.

דברי המדבר פה אדא יום א׳ לס׳ לא תסיג גבול הרמת קרן ישראל לפ״ק.

**ה׳ק יעקב סג״ל פראגער אב״ד פה אדא וגליל.**

איך האבע דיא ערפאהרונג געמאכט דאס פיעלע דיעזעס ספר ניכט לעזען קענ־נען, דא ליידער דיא אונוויססענהייט וואס יידישקייט אנבעלאנגט, טאג טעגליך צונימט — איך וויל דאהער זיא לעזעארט פיר יעדען פערשטענדליך מאכען.

ä au i a ei eu oder u e au ei u i

אִ, אֻ, אֵי, אוֹי, עֶ, וּ, ײ, אַ, יִ, וו, אֿ,

אבקירצונגען: תוה״ק תורה הקדושה, חכז״ל חכמינו ז״ל, השי״ת השם יתברך, ת״ח תלמידי חכמים, צ״ב צום ביישפיעל, או׳ ז׳ וו׳ אונד זא ווייטער, ח״ו חלילה וחס, אודג״ל אונד דערגלייכען.

ואלה יעמדו על הברכה לזכר עולם, דיא נאהמען הרבנים הגדולים והחשובים היקרים, דיא זיך אום פערברייטונג דעם פלא יועץ בעזאנדערע פערדיענסטע ערווארבען האבען.

הה״ג מוה׳ אברהם גרינבוים אבדק״ק קעזמארק.
הה״ג מוה׳ אברהם ליב טרוטצער, אבדק״ק צעצע.
הנגיד כה׳ אברהם ערלאנגער, לוצערן.
הנגיד מוה׳ אפרים רייכפעלד, נייטרא.
הנגיד כה׳ אלחנן צבי הערץ, האלל ווירטעמבערג.
הנגיד הערר אדאלף פאן ענגעל, פעטש.
הנגיד הערר אדאלף מאאס, גייליגגען.
הה״ג מו״ה דוד שפיגעל, אבדק״ק דיענדיעש.
הנגיד הערר ה׳ לעהמאן, שטעטין.
הה״ג מו״ה זוסמאן סופר, אבדק״ק פאקש. יותר מששים עקסעמפל׳
הה״ג מו״ה זאב פארקאש, אבדק״ק טשארנא.
הה״ג מו״ה יודא גרינוואלד, אבדק״ק באניהאד.
הה״ג מו״ה יעקב סנידערס, אבדק״ק ראאב סיגעטה.
הה״ג מו״ה יעקב כ״ץ פישער, אבד״ק ז׳ מיהאלפא.

הה"ג מו"ה יעקב יוסף גינז, אבדק"ק בעסערמעני.
הה"ג מו"ה יוהנן וויס, אבדק"ק איפאלישאג.
הה"ג מו"ה יוסף סופר, אבדק"ק דערעטשקע.
הנגיד מו"ה יעקב עקשטיין, טאפאלשאני.
הנגיד מו"ה יעקל מאיר גבאי, א"י מילהויזען.
הנגיד כה' יעקב דרייפוס, באדען שווייץ.
הנגיד כה' לוי אייזעמאן, באזעל שווייץ.
הה"ג מו"ה משולם רובינשטיין, אבדק"ק ק' קערעש.
הה"ג מו"ה מרדי ליב ווינקלער, אבדק"ק ברעזאווא
הה"ג מו"ה מנהם מענדל ט"ב, אבדק"ק פילעק.
הה"ג מו"ה מאיר קאליש, בק"ק ס' סאללאש.
הה"ג מו"ה משה סופר, אבדק"ק ט' פירעד.
הרבני מו"ה משה מרדכי קליין הזן ושו"ב, בק"ק סערדאהעלי.
הרבני מו"ה מרדכי יואל, שו"ב והזן בק"ק אונגוואהר.
הה"ג מו"ה נפתלי סופר, אבדק"ק פעטשי חדש.
הה"ג מו"ה פנחס שטיינער, אבדק"ק איללאק.
הה"ג מו"ה שמעון סופר, אבדק"ק ערלוי.
הה"ג מוה' שמעון משה הלוי, אבדק"ק פ"ק.
הנגיר כה' שלמה שטראסבורגער, רעקסינגען.
הנגיד כה' ש' נארדען, האמבורג.
הנגידים געברידער שענקאלאווסקי, האמבורג.
הנגיד כה' שמואל וויס, שעפרעש.
הה"ג המכונה דרי עהרמאן, אבדק"ק באדען שווייץ.
הה"ג המכונה דרי קאהן, אבדק"ק פולדא.
הותני הה"ג מוה' אדוני' שמעלצער, בק"ק פעטראוואסעללא.
הנגידים געברידער לאנג, באדען שווייץ.
הנגיד ה' לעאפאלד קראמער, פראנקפורט אם מאין.
הנגיד ה' לעאפאלד ווערטהיימער, מילהויזען.
הה"ג מוה' משה מאזים ראזענבוים, אבדק"ק ס' שאמלוי.
הה"ג מוה' שלמה כ"ץ, אבדק"ק סאבאסלא.

אללע יענע עדלע מאַנגער והרבנים הצדיקים דיא זיך נאָך ווייטער אום פער־ברייטערונג מיינער ספרים בעמיהען, אונד דיע אום פערברייטונג מיינעס צו"ר בעמיהמען, ווערדע א"ה וועגן מיר השי"ת דיא זכי' געבען ווירד דען צאינה וראינה אין צווייטער אויפלאגע הערויסצוגעבען איהרע נאהמען לזכר עולם פערצייכנען — [דיא ערסטע אויפ־לאגע צאינה וראינה איסט לייִדער זעהר פערשטיממעלט אונד פעהלערהאפט ערשיענען, הקב"ה העלפע מיר באלדיגסט איינע צווייטע אויפלאגע ערשיינען צו לאססען]
ג' לסי צדק צדק תרדוף למען תחי' ילכו יונקותיו לפ"ק.

דאם השי"ת זיין אונטערנעהמען זעגנען זאָלל האט מאן אללעס מעגליכע אנגעווענדעט. אונד אויך צו השי"ת געבעטען, דאנן האָפפע אונד פערטרויע מאן אויף דיא ישועה פאָן השי"ת, אללעס ווירד צום גוטען זיין, וסוף הכבוד לבא.

אברך לאל יעצוני זכות רבים פניד אבקש פרני וחנני
יה הושיעני ונא דבריך הורני.

**תושלבע.**

# שלום־וואָרט.

## טהייערעס ספר ליעבלינג מיינעס הערצענס

בעפאָר דוא דיך פאָן מיר שיידעסט, בעפאָר דוא דיינע רייזע אונטערנימםסט וויל איך דיר איינען קליינען געלייטשיין מיטגעבען:

דוא ביסט ניכט מיין קינד, דאס איך געבאָהרען,
דיינען פאטטער האסט דוא לענגסט פערלאָהרען,

אין אלטערווירדיגען געוואנדע וואנדערסט דוא לאנגע צייט
דיינע הייליגע לעהרען פערקינדענד דער געזאממטען מענשהייט,

אבער אימער קליינער וואורדע דער קרייס דיינער פערעהרער אונד געגנער,
דיינע שפראכע צו פערשטעהען פאנדען זיך קיינע פרויען אונד וועניג מיננער,

דא נאהם איך דיך אין מיין בעשיידענעס היים,
דיך אומצוקליידען זאָללטע מיינע אויפגאבע זיין,

איך גאב דיר איין געוואנד זויבער אונד ריין,
געציערט געשמיקט מיט פערלען אונד עדעלשטיין.

פערלען אוים מדרשים אגדת הש"ס הענגטע איך דיר אן,
זאָ דאס יעדער מאנן אונד פרוי דיך פערשטעהען קאנן

וואָהל ווערדען זיך טאדלער אונד קריטיקער פינדען
מאן קאנן יא ניעמאנד דען מונד פערבינדען,

אבער וואָ גיבט עס איין מייסטער דער ניכט פעהלען זאָלל,
געגען דעם ניעמאנד עמפפינדעט נייד האסס׳ אונד גראָלל,

דארום שרעקע ניכט צוריק, אונד רייזע פאָן אָרט צו אָרט,
איבעראהל בגלעהרענד פערקינדענד דעם עווינען וואָרט,

בעגייסטערע יעדעם פיר תורה אונד יראת שמים
דאמיט באלד ערבויט ווערדע ציון וירושלים.

**בב"א.**

ב"ה

# שמירה למגפה ר"ל

בדוק ומנוסה, מהרב הצדיק

מהור"ר **משה טייטעלבוים** זצללה"ה

**בזה השער לא יבוא צער**
**בזה הדלת לא יבוא בהלת**
**בזה הפתח לא יבוא רצח**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| וי | יה | עו | מה | ד |
| פי | יה | נו | חה | ם |
| וי | יה | פו | לה | ל |
| זי | תה | עו | צה | ר |
| הי | מה | גו | פה | ה |

רבש"ע

כשם שפסחת על בתי בני ישראל במצרים ולא נתת המשחית לבוא אל בתיהם כן תעצור המשחית מלבוא אל בתינו ובבתי כל ישראל אמן סלה ועד:

**אימי דאברהם אבינו**
**אמתלאי בת כרנבו**
**ושם בת אשר שרח**

דוא האטמאן שוין געפאקט געמוזעלט אין געשארלאכט

ה"ק יושע ווייס בן משה זכרי זאב בודאפעסט

בע"ה

# מנחה חדשה

מליחה, נדה, חלה, הדלקה.

עם

# שמן למנחה

## אנהאנג צו פלא יועץ

קורצגעפאסטע דינים נִדָּה, מְלִיחָה, חַלָּה, והַדְלָקָה מִיט איינִיגֶע דארויף בעציעהענדע דברי מוסר.

בעארבייטעט אונד הערויסגעגעבען ממני

הק׳ **יהודא כהן קרויס**.

צווייטע פערמעהרטע פונקטירטע אויסגאבע

שנת רב שלום בניך לפ"ק. כתמר יפרח לפ"ק.

נאכדרוק פארבעהאלטען.

Zu beziehen durch

**J. Krausz Bez. Rabbiner**

**Jankovácz.** (Ungarn.)

דרוק פאן מ. ראזענבוים פאקש תר"ס.

# הקדמה

דיא בעליעבטהייט, וועלכער זיך מיינע ספרים פלא יועץ אונד צאינה וראינה ביים יידישען פובליקום ערפרייען, האט אין מיר דען געדאנקען אנגערעגט, נאכדעם איך געגענווארטיג בעשעפטיגט בין דען פלא יועץ אין איינער צווייטען פערבעססערטען אויפלאגע הערויסצוגעבען, דיעזעם ספר, דיעזעם קליינע, אבער האכוויכטיגע ווערק אלס אנהאנג בייצוגעבען. דורך דיעזעם ספר קאנן זיך יעדער אין קורצער צייט נעננויא קעננטניס דיעזער ערהאבענען אונד וויכטיגען דינים פערשאפפען, נור מוס דיעזעם ספר ניכט נור געלעזען זאנדערן אויך געלערנט ווערדען, עס געביהרט זיך יעדעם מאנאטה איינמאל דיעזעם ספר דורכצולעזען, אונד בייא יעדעם צווייפעל איינע שאלה צו מאכען.

אום בדבר הלכה חלילה ניכט נכשל צו ווערדען, האבע איך עם לכבוד הרב הגאון הצדיק כש"ת מו"ה יהודא גרינוואלד נ"י אבדס"ק באניהאד צור דורכזיכט איינגעזענדעט, דער מיך אויך אין איינעם שרייבען צור הערויסגאבע אנאייפערטע. — מיינען איננינסטען יישר כח אונד דאנק אללע יענען יראים ות"ח דיא זיך בעשטרעבטען מיינע ספרים לטובת כלל ישראל אין וויטערע קרייזע צו פערברייטען, וראה קראתי בשם הנגיד היקר החשוב והמפואר כה' אברהם ערלאנגער נ"י בלוצערן שווייץ דער זיך אום פערברייטונג מיינער ספרים בעזאנדערע פערדיענסטע ערווארבען האט, אויך מענע היקר החשוב כה' חיים אלכסנדר מערקלער שיחי' פעסט באטיו לזכר עולם ולטובה פערצייכנעט זיין: וכולם אשר השתדלו להפיץ הספרים, הנזכרים פה, ואשר אינם נזכרים, יתברכו בברכה משולשת. ונזכה לעלות יחדיו לציון ברנא בב"א.

אויף יעדעם עקסעמפלאר בעפינדעט זיך מיין חותם.

בעה"ית איך פיהלע בעמיססינגט צו ערקלערען, דאס נאך זעהר פיעלע דינים זינד בייא דיעזע הלכות נשים איך האבע נור אין קירצע דיא אללערנעטהינסטע דינים היער געאורדנעט, דאמיט יעדעם יידישעס וויב, דאס נאטהווענדינסטע וויססען זאלל, אונד ביטטע זעהר בייא יעדעם צווייפעל איינע שאלה צו מאכען.

# מנחה חדשה

א. *יעדעם ווייב בייא וועלכער זיך געבליהט צייגט, עס זייא וועהרענד איהרער געפעסטגעזעצטען צייט דער פעריאדע, אדער אויסער דיעזער צייט, וועגן אימּמער זיך געבליהט צייגט, אונד דאסועלכע ראטה אדער שווארץ איסט, אדער אויך נור דער רעטהליכען אדער שווארצען פארבע עהנליך איסט, וועגן דאס פארגעפונדענע נאך זא וועניג איסט, איסט זיא נדה. פיר איהרעם מאנגע אונריין, ביס זיא דיא וויטער פאלגענדען אנארדנונגען בעפאלגט אונד נאך פארגעשריעבענער צייט אין איין ריטועלל צובערייטעטעם באד (מקוה) זיך אונטערטויכט. דיע זינדע פאן נדה, נעמליך וואהרענד זיע אונריין איסט מיט איהרען מאנן אין בעריהרונג צו קאממען, איסט זעהר גראס, דיא שטראפע איסט כרת אויסראטטונג רח״ל.

ב. וועגן דיא פארגעפונדענע פייכטיגקייט פאן גאנץ ווייסער, אדער גריגער, אדער גאלדגעלבער פארבע איסט, איסט זיא ריין, זאבאלד עס אבער שאן דונקעל איסט, אדער נור אים מינדעסטען איינער אנדערען פארבע גלייכט, אדער אויך נור קליינע פינקטכען פאן ראטה אדער שווארץ דארין זיך פינדען, מוס זיא איינע אנפראגע בייא איינעם ראבבינער אדער פראממען געלעהרטען מאכען, דער פאהיג איסט זאלכע וויכטיגע אנגעלעגענהייט צו בעאורטהיילען. וועגן זיא אבער ניכטס פיהלט, זאנדערן אן איהרעם העמדע, דעקען אדער בעטטוך רעטהליכע פלעקען פינדעט, אונד זיא זיך ניכט מיט זאלכעם בעשעפטיגט האט, פאן וועלכעם דיעזע פלעקען הערריהרען קעננען, איסט זיא אויך טמא, אינדעם עס אבער אויף דיא גרעסע דעס כתם (פלעקען) אנקאממט, אונד איבערהויפט אין דען דרייא ערסטען טאגען נאך דעם וויסאגלעגען קיינער אנדערער

---

## שמן למנחה

*מיט דען ווארטען הרי את מקודשת לי וכו׳ וויר דיא יידישע עהע געשלאססען, דיא עהע זאלל איין הייליגטהום זיין, אין דאס הייליגטהום מיסטען אבער אויך דיא קרבנות אהנע פעהלער זיין. וואהל איסט דיא זינגעסלוסט צום בעשטאנדע, צור פארטפפלאנצונג אונבעדינגט נאטהוועגדיג, אונד דאס ערסטע געבאטה אן דיא מענשהייט וואהר אויך פרו ורבו פערמעהרעט אייך, אבער דיא עהע דארף דאך ניכט דער אבלאגערונגספלאטץ אללעס זיננליכען שמוטצעס זיין, וויר מיססען אונזערן וויללען איינער העהערען מאכט אונטערארדנען, וויר מיססען אונזערן זינגעסרייץ אונזערן טריעב פיעלמאהלס אונטערדריקען, דאמיט וויר דיא גרענצען דיא אונס דיא תורה געצאגען, ניעמאלס איבערטרעטען זאללען. עס גיבט פילליכט קיין געזעטץ אין יודענטהום, דאס זאלך שטארקען וויללענסקראפט בעדארף, אלס דאס עהע געזעטץ, אינמיטטען דעם איניגסטען פאמיליענלעבענס, דעם צארטליכסטען אומגאנגעס, מוס מאן וועגן פלעטצליך דיא נדה צייט איינטרעטעט, יעדע פערבינדונג אבברעכען אונד יעדע בעריהרונג אויסווייכען. עס אפפענבאהרט זיך דאמיט דער אדעל דעס מענשען, ער ערהעבט זיך

בעשעפטיגונג דען כתם צושרייבען דאַרף, זאָלל מאַן בייא איינען כתם (פלעקען) איינע שאלה מאַכען.

ג. וועגן זיא פיהלט דאס זיך איהרע געבעהרמוטטער עפנעט, וויא עס געוועגליך בייא דער פעריאָדע אונד בייא יעדעם איהרער בלוטפליססע צו זיין פפלעגט, איסט זיא פערפפליכטעט זיך זאָפאָרט מיט איין בדיקה טיכעלכען גוט צו אונטערזוכען, פינדעט זיא דאַרויף ראָטה אָדער שוואַרצע פייכטיגקייט, אָדער אויך נור דיעזעס אהנליכען, איסט זיא איינע נדה, איסט אַבער דיא פייכטיגקייט פאָן וויסער אָדער גרינער פאַרבע איסט זיא ריין, וועגן זיך אַבער גאַהר ניכטס פאָרפינדעט, זאָ איסט זיא איינע נדה, אונד זאָלל מאַן דיעס זעהר בעאַכטען, דאַ פיעלע גלויבען, וועגן זיא ניכטס פינדען, דאַס זיא ריין זינד וואַס אַבער ניכט וואַהר איסט, דען זאָבאַלד זיא פיהלט, דאַס זיך איהרע געבעהרמוטטער עפנעט, זאָ איסט זיא וועגן זיא ניכטס פאָרפינדעט איינע נדה.

ד. זאָבאַלד דאַס עהעוויב איינע נדה געוואָרדען איסט, זאָ ווירד זיא פיר איהרעם מאַנגע אונריין, אונד דאַרף מיט איהם ביס נאַך דער טבלה אין גאַר קיינע בעריהרונג קאָממען, אונד זאָ לאַנגע זיא זיך דער פאָרגעשריעבענען טבילה ניכט אונטערציעהט, וועגן עס נאָך זאָלאַנגע דויערט איסט זיא אימער איינע נדה, אונד איסט אין דיעזער צייט יעדע נאָהערונג צו איהרעם מאַנגע שטרענג פערבאָטען.

ה. דיא עהעלייטע דירפען זיך געגענזייטיג ניכט מיט דען קליינסטען פינגער בע־ריהרען, זיא דירפען ניכט וואָהרענד דער נדה צייט מיט איינאַנדער שערצען, אָדער עטוואַס איינער דעם אַנדערן צורייכען, זיא דירפען אויך ניכט עטוואַס, איינער אין דעם אַנדערן האַנד ווערפען, זאָנדערן מיססען אימער דען נענענשטאַנד העראַבלעגען, אונד זאָ דאַרף עס ערסט דער אַנדערע צונעהמען. זיא דירפען ניכט אויס איינעם טעללער עססען, אונד וועגן זיא אויך אַנדערסמאַהל ניכט אויס איינעם טעללער צו עססען פפלעגען, זאָ געביהרט עס זיך איין ערינגערונגסצייכען ביים טישע צו מאַכען: וועגן דאַס וויב ביים עססען אונד טרינקען עטוואַס איבריג לעסט, דאַרף דיעס דער מאַנן

---

## שמן למנחה

דאַמיט איבער דאַס טהיער, אינדעם ער אלס העלד, זיינע ליידענשאַפטען בעזיעגט, אונד דיא טהיערישע ויננעסלוסט פאָן זיינען הערצען ענטפערנט. דאַס יידישע עהעגע־זעטץ איסט אַבער וויא יעדער ריכטיג דענקענדער בעקעננען מוס, פיר דיא געזונדהייט אונד פאָרטפפלאַנצונג אייסערסט פערדערנד: נון אבער ווערדען מאַנכע זאַגען, געוויס איסט דאַס נדה געזעטץ עדעל אונד ערהאַבען, אבער וויא קאַנן דער מענש זאָלך שוועהרע פערפפליכטונגען נאַכקאָממען, אונד בייא דעם גראָסען יצר הרע דען יעדער בעזיצט זאָ זיך צוריקהאַלטען, דיא געליסטע דיא ליידענשאַפט אונטערדריקען!

נון זאָלכע וואָרטע האַבען אויך דיא מרגלים געשפראָכען, דאַס לאַנד איסט גוט איין ארץ זבת חלב ודבש, אפס כי עז העם, נור אבער דאס פאָלק איסט זאָ שטאַרק, דאס וויר עס ניכט בעוואַלטיגען קעננען, וואס וואַהרען אבער דיא וואָרטע כלבים עלה נעלה וירשנו אותה וכו' וויר ווערדען שאָן איהנען מיט הילפע דעם עוויגען בייקאָממען קעננען. אונד זאָ מיססען וויר אונס אנטוואָרטען, אללעס קעננען וויר דורכזעטצען, אונמעגליכעס האט אונס השי"ת ניכט געבאָטען, אונד וואס דעם מענשען בייא שטאַרקען וויללען מעגליך איסט, וויא פיעל ער מיט הילפע דעם עוויגען לייסטען קאַנן, וויל איך מיט פאָלגענדע ביישפיעלע בעווייזען.

ניכט געניעסען, אויסער עס ווירד אין איין אנדערעס געפאס איבערלעערט, אדער ווען ער ניכט וויים דאס זיא דאפאן גענעססען, אונד געטרינקען האט דאס וויב דאך אבער אין איהרע נדה צייט, וואס איהר מאנן ביים עססען אונד טרינקען איבריג לעסט געניעסען. דער נאך דעם בענשען איבליכע ברכה ווין, פאן דעם זאנסט דער מאנן זיינעם וויבע צו טרינקען גיבט, זאלל אין דיעזער צייט ניכט פאם מאננע זיינעב וויבע פארנעזעצט ווערדען.

ו. דיא בעטטען דער עהעלייטע דירפען ניכט נעדרענגט נאהע בייזאממען שטעהען, זאנדערן מיססען דורך איינען צווישענרוים געטרעננט זיין, ער דארף אויך איהר בעטט זיך ניכט זעטצען, וועננ זיא אויך ניכט געגענווארטיג איסט, זעלבסט דאמאלס ניכט, וועננ זיא זיך, אונד דאס בעטט וויים אנגעלעגט האט, אום וויא פיעל־מעהר איסט פערבאטען דארטהין זיך צו לעגען: וואהרענד דער נדה צייט דירפען זיא ניכט בייזאממען אויף איינע באנק אדער אנדערעס זיטצען, ניכט בייזאממען אויף איינען וואגען פאהרען, אויסער עס איסט עטוואס דרינגענדעס, דאנן דירפען זיא בייזאממען פאהרען, אבער מיססען זא זיטצען, דאס זיא זיך ניכט אנריהרען זאללען: אין דער נעגענווארט איהרעס מאננעס, דארף זיא ניכט זיין בעטט מיט בעטטוואשע פערזעהען, אדער זיינען בעכער אנפיללען, קורץ געזאגט,ביידע עהעלייטע מיססען זעהר געוואהרנט זיין, ביס נאך דער טבילה אין קיינע בעריהרונג צו קאממען, איינער דען אנדערן אויס־ווייכען, אבגעזאנדערט לעבען, דאמיט זיא צו קיינער זינדע קאממען זאללען עס גע־ביהרט זיך אויך דעסהאלב, דאס יעדעס וויב וואהרענד דיעזער צייט, אן איהרע בעקליידונג, איינע איהר אונד איהרעם מאננע בעקאננטע פערענדערונג טראגען זאלל, (צום בייששפיעל איינע שירצע, דיא זיא נור דאמאלס טראגט) דאמיט זיא ביידע, דורך דיעזען צייכען שטעטס אן דיא נדה צייט אונד נדה פערבאטה עררינגערט זאללען ווערדען.

---

## שמן למנחה

דא פאר אללעם יוסף הצדיק: אלס יינגלינג פאן 17 יאהרע ווירד ער פאן זיינע ברידער פערקויפט, מיט אללע רייצע מענשליכער שענהייט אויסגעשטאטטעט, קאממט ער אין דאס הויז איינעס רייכען עגיפטערס, זיינע הערין פערליעבט זיך אין איהם, אונד ווענדעט אללעס מעגליכע אן, איהם צור זינדע צו פערלייטען, אבער דער זיעבצעהניאהריגע יינגלינג ווייגערט זיך איהרען וויללען צו טהון, זיא שמיכט אונד קליידעט זיך, אום זיינע זיננעסלוסט צו וועקען, יוסף אבער ווענדעט וועג זיין אויגע, דא דראהט זיא איהם, אויסהונגערן צו לאססען, ער אבער אנטווארטעט ד׳ נותן לחם לרעבים, דער עוויגע גיבט בראד פיר דיא הונגערנדען, איך ווערדע דיך אין פעססעלן לעגען לאססען, דראהט איהם זיינע הערין, ער אבער שפריכט, דאנן פירכטע איך אויך ניכטס, דענן ד׳ מתיר אסורים, דער עוויגע בינדעט אויף דיא געפעססעלטען, דא ליעס זיא איהם איינען דאלך אונטער דאס קין לעגען, דאס ער זא געצוואונגען ווערדע, אויף זיא צו שויען. אבער יוסף בעטראכטעט זיא דאך ניכט, דא ווארדע איינעס טאגעס איין גראסעס פעסט געפייערט, אונד דיעזע הערין שטעללטע זיך קראנק אום אלליין צוהויזע בלייבען צו קעננען מיט יוסף, נון ביטטעטע אונד דראהטע זיא דען יוסף אונד אלס אללעס ניכט נוצטע ערפאסטע זיא יוסף מיט געוואלט דאס ער זיך איהרען וויללען פיגע, אבער יוסף ליעס זיין געוואנד אין איהרע האנד, אונד

ז. מאנכע פרויען זינד זיך נוהג וואהרענד איהרער פעריאדע דאס הייסט איהרעם בלוטפלוסעס ניכט אין שוהל צו געהען, ווענן זיא אבער דאך געהט, זא זאלל זיא ניכט אין דאס ספר תורה שויען, ווענן מאן עס בייא הגבהה דען עולם צייגט.

ח. ווענן וואהרענד דער נדה צייט איינער דער עהעליטע ערקראנקט אונד דיא פערזעהנליכע בעדינונג דעם אנדערן בענעטהיגט, זא זאלל מאן איינע שאלה מאכען.

ט. דאס וייב וועלכע נדה איסט, מוס זיעבען ריינע טאגע צאהלען אבער בייא דיעזעם מוס פאלגענדעס שטרענג בעאבאכטעט ווערדען.

י. ווענן דאס וייב וויא אבען "א" איינע נדה געווארדען איסט, מוס זיא פינף טאגע ווארטען, ערסט פאם זעכסטען טאגע אן, דארף זיא אנפאנגען דיא זיעבען ריינע טאגע צו צעהלען, עס זייא ווענן איהרע פעריאדע פינף טאגע דויערט, אדער זיא נור איינען טאג בלוטפלוס האט, יא זעלבסט ווענן זיא נור איינען פעראונרייניגענדען פלעק געפונדען האט, דארף זיא דאך ניע פאר דעם זעכסטען טאג אנפאנגען צו צעהלען, אונד מוס מאן וויסען דאס דיא נאכט אימר צום פאלגענדעם טאג געהערט, צום ביישפיעל, שבת בייא נאכט, דאס הייסט דיא נאכט נאך אויסגאנג דעם שבת ווירד צום זאנטאג גערעכנעט. אונד ווענן זיא בייא נאכט בלוטפלוס זיעהט, ווירד עס אימ־מער בעטראכטעט, אלס האטטע זיא אם מארגינען טאג געזעהען, אונד ווירד דער מארגיגע טאג אלס דער ערסטע איהרער פינף טאגע בעטראכטעט.

יא. זאלאנגע זיך געבליטה צייגט, אדער זיא אויך נור פלעקען פינדעט, דארף זיא ווענן עס אויך לאנגער אלס פינף טאגע דויערט, ניכט וויס אנלעגען, ווענן זיך אבער אם פינפטען טאג גאר קיין געבליטה מעהר צייגט, זא מוס פאר דעם וייסאנ־לעגען אונד צאהלען נאך פאלגענדעס בעאכטעט ווערדען. אם פינפטען טאג צור אבענדצייט, אבער נאך בעפאר דיא נאכט איינטרעטעט, מוס זיע זיך גענוי אונטערזוכען אב זיא ריין איסט, זיא נימט איינען וויסען ליינוואנד פעטצען, פאן ניכט נייער אומגעוואשענער ליינוואנד, אונד דער עטוואס אבגענוצט זיין זאלל, זאמיט צארט אונד וייך איסט, אונד אונטערזוכט זיך וויא וייט נור מעגליך איסט. אונד ווענן זיך גאר ניכטס פאן רעטהליכער אדער שווארצער פייכטיגקייט פארפינדעט, אונד זיא זיך גאנץ

---

## שמן למנחה

ענטפלאה פאר איהר, אום ניכט צור זינדע צו קאממען, זיא וואללטע זיך דאנן אן איהם ראכען, אבער השי"ת פערלאסט דיא זיינען ניכט, אונד דער קערכער וואהין זיא איהם ווערפען ליעס, עפפנעט זיך, אונד אם ראש השנה אן וועלכעם יעדעם נאך זיינען טהאטען פערגעלטעט ווירד, ווארדע יוסף בעפרייט צום בעהערשער מצרים'ס איינגעזעצט: אונד נון נאך אייניגע ביישפיעלע מענשליכער ווידערשטאנדספאהיגקייט: אלס רות מיט נעמי איהרער שוויגערמוטטער פאן חוצה לארץ צוריקקעהרטע, דא גיענג רות אלס ארמע לקט שיכחה קלויבען, אונד דא טראף עס זיך, דאס זיא אויף דאס פעלד דעס בועז איהרעם מאנעס פערוואנדטען, איהם בועז בעגעגנעטע דער זיא זעהר פריינדליך אויפנאהם אונד אויך זיינען קנאבען געבאט, זיא דיא רות פריינדליך צו בעהאנדלען. אייגמאהל שפראך נעמי צו איהרע שוויגערטאכטער רות, וויסע בועז איסט אונזער פערוואנדטער דער אונזערע פעלדער אויסצולעזען ברויך, אונד אויך דיך צום וייבע נעהמען זאלל, פאלגליך לליידע אונד שמיקע דיך, אונד בייא נאכט לעגע דיך נעבען זיינעם נאכטלאגער, אונד ער ווירד דיר שאן זאגען וואס צו טהון

ריין פיהלט, וואשט זיא זיך דען אינטערן טהייל דעם קערפערס, קליידעט איין ווייס־געוואשענעס העמד אן, בריטעט איין ווייסעס לייננטוך אויף איהר בעטט, אונד וועגן דיא איבריגע בעטטוואשע ניכט ריין איסט, זאלל זיא אויך דיעזע וועקסלען, אונד דיעזעס ווירד וויסאנלעגען (לבישת ליבון) גענאננט. עס געהערט זיך נאך דעם אונ־טערזוכען איינען זא ריינען ווייכען לייננוואנדפעטצען דארטהין צו געבען ביס נאכט דארט צו לאססען דאנן הערויסנעהמען גוט בודק צו זיין ביים ליכטשיין, אונד וויע מעגליך אם דארויפפאלגענדען נאכמאלס נאכצוזעהען, וויכטיג איסט גוט בודק צו זיין וויא וויט זיע נור מיט דען פינגער רייכען קאנן:

יב. דיעזע היער פארגעשריבענע בדיקה מוס פאר דעם מעריב געבעטה אם פינפטען טאגע געשעהען, וועגן מאן אין שוהל מעריב געבעטעט האט, דארף זיא ניכט מעהר וויסאנלעגען, אויסער וועגן נאך פאללקאממען טאג איסט, זאלל זיא וויס אנלעגען, אבער דאך נאך איינע שאלה מאכען. וועגן אבער שאן דונקעל איסט, אונד אויך נור דער מינדעסטע צווייפעל וואלטעט, דאס דיא אבענדדעממערונג איינגעטרעטען איסט, מוס שאן דאס וויסאנלעגען אויף דעם מארגינען טאג פערשאבען ווערדען.

יג. ווא פריהצייטיג מעריב געבעטעט ווירד, זאלל זיא בעפאר נאכט ווירד, זיך נאכמאלס בודק זיין, דאס בעסטע איסט, דאס בדיקה טיכעלכען, דארט וואהרענד דער אבענדצייט ביס נאכט צו לאססען, אונד דאנן נאכמאלס נאכזעהען.

יד. וועגן דאס וויסאנלעגען אויף תשעה באב פעללט, זאלל מאן נור דארט זיך וואשען ווא עס נעטהיג איסט. אויך ווייסוועששע דירפען אנגעלעגט ווערדען, האט מאן אבער ריינע, אבער עטוואס בענוצטע, זאלל דיעזע פארגעצאגען ווערדען.

טו. שבת ויום טוב איסט ערלויבט זיך וויסאנצולעגען, נור דארף מאן דאמאלס קיין וואססער ווארמען צום וויסאנלעגען, אויסער מאן האט פאן ערב שבת ווארמעס וואססער, עס איסט אבער אללגעמיין איבליך, שבת ויום טוב ניכט וויסאנצולעגען.

## שמן למנחה

איסט, רות טהאט וויא איהר בעפאהלען, בועז מערקטע ניכטס ביים שלאפענגעהען, נור דאנן אלס ער מיטטען דער נאכט ערוואכטע, פאנד ער נעבען זיך איין לעבענדיגעס וועזען, אנפאנגס גלויבטע ער, עס זייא איין (שד) דאמאן, ביס זיא זיך צו ערקעננען גאב, אונד אויך דיא אורזאכע אנגאב, ווארום זיא זא געשהאן האט, דא שפראך בועז דוא האסט רעכט געטהאן, אבער עס איסט נאך דא איין נאהערער פערוואנדטער דאס בית דין מוס ערסט ענטשיידען, וועגן דערזעלבע אויף זיין פארעכט פערציכטעט, ווערדע איך דיך עהעליכען, אונד שילדערן אונס אונזערע חכמים, אין מדרש, וועלכ' געוואל־טיגען קאמפף בועז האטטע אויסצושטעהען, מיט זיינער ליידענשאפט. פאר איהם דאס שענע וייב, דאס מיט רעכט איהם געהערטע, מיטטען דער נאכט קיינער זאה, קיינער וואוסטע, זיא וואהר ריין, אונד מיט אללערהאנד אויסרעדען וואללטע איהם דער יצר הרע צור זינדע פערלייטען, דא שוואהר בועז ביים לעבען דעם עוויגען חי ד' שכבי עד בוקר דאס ער זיא עהער ניכט בעריהרען ווירד, ביס זיא איהם ניכט פאן בית דין צוגעשפראכען איסט: — אין תנ"ך פינדען וויר נאך פאלגענדעס בעלעהרענדעס ביישפיעל שאול המלך האטטע זיינע טאכטער מיכל דוד הע"ה צום וייבע געגעבען, יעדאך שפעטער אלס שאול איין גראסער פיינד דעם דוד וואורדע, נאהם שאול זיינע טאכטער צוריק מיט דער אויסרעדע, דיא עהע זייא אונגילטיג, אונד פערהייראטעטע זיא מיט

טז. מיט דעם זעקסטען טאג פאנגען זיך דיא זיעבען ריינע טאגע (שבעה נקיים) אן, אונד אם יעדען איינצעלנען דער זיעבען טאגע, מוס זיא זיך פריה אונד אבענד נעגוי בודק זיין, אונטערזוכען אב זיא ריין איסט, דיא בדקה אין דער פריה האט צו געשעהען, ווענן שאן זיכער טאג איסט, דיא פאן אבענד, פאר דעם מנחה געבעטה, אדער בעססער בעפאר נאכט ווירד: ווענן זיא נון זיעבען נאך איינאנדער פאלגענדע טאגע, טאגליך זיך צווייםאהל אינטערזוכטע, אונד אימער זיך ריין געפונדען האט, זא קאנן זיא דען זיעבענטען טאג אבענד צור טבילה געהען, ווענן אבער אין דיא זיעבען ריינע טאגע זיך געבליטה צייגט, אדער זיא ביים בודק זיין אויף דעם טוכלאפ־פען ראטהע אדער שווארצע פייכטיגקייט אדער זאנסט פעראונרייניגענדע פלעקען פינדעט, זא געלטען דיא בעריטס געצעהלטען טאגע פיר ניכטס, זיא איסט ווידער נדה, אונד מוס אויפס נייע וויסאנלעגען, אונד נאכמאלס אנפאנגען שבעה נקיים צו צעהלען.

יז. בייא דיעזעם היער ערוואהנטען פאלל, ווענן זיא נעהמליך וואהרענד דער שבעה נקיים נדה ווירד, ברויך זיא ניכט וויא אבען פינף טאגע צו ווארטען, ואנדערן ווענן זיך ניכטס מעהר צייגט, אונד זיא ניכטס פעראונרייניגענדעס פינדעט, קאנן זיא נאך אם זעלבען טאג פאר דעם מנחה מעריב געבעטה וויסאנלעגען אונד פאן מארגען דיא שבעה נקיים אנפאנגען צו צאהלען.

יח. מאן ברויך וויא געשריעבען שטעהט, יעדען טאג פאן דיא זיעבען טאגע זיך צווייםאהל צו אונטערזוכען, ווענן מאן אבער דורך אירגענד וועלכע פערהינדערונג זיך ניכט האט טאגליך אונטערזוכט, זא איסט דיא הויפטזאכע, אב ביים פינפטען טאג אבענד ביים וויסאנלעגען דיא אונטערזוכונג געהעריג שטאטטגעפונדען האט, ווענן זיא דאנן אויסער דיעזער בדיקה, אם ערסטען אונד לעצטען טאג דער שבעה נקיים זיך האט בודק געוועזען, דארף זיא זיך טובל זיין.

יט. עס געביהרט זיך דאס זיא דייטליך יעדען טאג זאגען זאלל, הייטע איסט דער ערסטע אדער צווייטע טאג מיינער שבעה נקיים.

---

## שמן למנחה

פלטיא בן ליש, דיעזער מוסטע זיך דען קעניגס וויללען פיגען, אבער גלייך נאך דער הייראטה לעגטען זיא איינען דאלך צווישען זיך, אונד גלאבטען, אן איינאנדער ניכט אנצוריהרען, אונד ווער דיעזעס איבערטרעטעט, זאלל מיט דעם דאלכע ערשטאכען ווערדען, דא מיכל בת שאול נאך אימער אלס דוד זיין וויב זיך בעטראכטעטע, זא בליעבען זיא לאנגע צייט בייזאממען, אהנע זיך צו בעריהרען, אונד שפעטער נאך דעם טאדע שאולים אלס דוד זיין וויב צוריקפערלאנגטע, קאם זיא צו איהם ריין אונבעפלעקט צוריק.

דיא גמרא ערצעהלט אין מס׳ גיטין איין חתן מיט זיינע כלה נעריעטהען אין געפאנגענשאפט צו איינעם העררן, דער זיא מיט איינאנדער פערהייראטעטע, דא שפראך דיא ברויט צו איהרעם חתן, עס איסט וואהר וויר זינד אונס שאן פאן פריהער בעשטיממט, אבער דוא האסט מיר נאך קיינע כתובה געשריעבען, אונד זא איסט דאך ניכט רעכט בייזאממען אלס מאנן אונד וויב צו לעבען, ריהרע מיך ניכט אן, אונד לאנגע צייט וואהרען זיא בייזאממען, לעבטען אין נאהעסטער בעציהונג אהנע דאס עס פאן איהם בעריהרט ווארדע.

כ. *וואהרענד דען זיעבען ריינען טאגען, איסט יעדע אנגאהערונג וויא אויך בעריהרונג זא וויא אין איהרע נדה צייט שטרענג פערבאטען. עס דארף קיין וייב וועגן איהר מאנן צוהויזע איסט. אהנע רעליגיעזע אורזאכע דיא טבילה פערצעגערן. ווענן ער אדער זיא כראנק איסט, זאללען זיא וועגען דיא פערזעגליכע בעדיענונג וועגן זיא בע־נעטהיגען, איינע שאלה מאכען.

## פארבערייטונג צור טבילה.

כא. אם זיעבענטען טאג דארף זיא זיך ניכט מיט קלעבריגע שטאפפע וויא טייג או׳ די גל׳ בעשעפטיגען, ווענן זיא אבער זיך יא בעשעפטיגט האט, אדער אם ערב שבת וואָ זיא דאך געוועהנליך אויף שבת קנעטעט, זאלל זיא זיך גלייך נאך דעם קנעטען וואשען אונד פאן יעדעם טייג רייניגען, וועגען דיעזער אורזאכע עססען דיא פרויען אם איהרער טבילה קיין פלייש, דאמיט ניכטס צווישען דיא צאהנע בלייבען זאלל, ווענן זיא אבער אויס פערגעססענהייט פלייש געגעססען האט ברויך דיא טבילה ניכט פערשאבען צו ווערדען, זאנדערן זיא מוס זיך דיא צאהנע גענוי אויסרייניגען דאס קיין טהיילכען פלייש דארט בלייבען זאלל. אויך מוס זיא זיך דיא נאגעל פאן האנדע אונד פיסע אבשניידען, אונד יעדען שמוטץ אונטער דענזעלבען ענטפערנען.

כב. פאר דער טבילה, מוס מונד אונד צאהנע זארגפאלטיג גערייניגט ווערדען, יעדער שמוטץ אדער זאנסט קלעבריגעס וויא בלוט אודג״ל פאן קערפער אונד האארע ענטפערנט אונד גערייניגט ווערדען, זיא מוס זיך דעסהאלב פאר דער טבילה אין איינע וואננע ריינעם ווארמען וואססער באדען, זויבער אבוואשען, אונד אונטער דיא ארמע, אדער זאנסט פערדעקטע פערבארגענע שטעללען, וואָ אימער זיך האארע בעפינדען, וואשען אונד פאן יעדען שמוטץ אויסזייבערן. דאס קאפפהאאר מוס בעזאנדערס גע־רייניגט אונד אויסאיינאנדער געבראכט ווערדען, דאמיט קיין האאר צוזאממענגע־קלעבט אדער פערקניפפט זייא.

כג. זעלבסט פערשטאנדליך מיססען פאר דעם באדען אונד פיעלמעהר פאר דער טבילה אהרינגע אונד פינגעררינגע אבגעלעגט ווערדען. ווענן זיא וואטטא אים אהר האט, ברויך זיא עס אויך הערויסצונעהמען, אונד ווענן זיא פאלשע איינגעזעצטע

---

## שמן-למנחה

מעגען דיעזע ביישפיעלע יעדעם בעשטערקען חלילה ניכט צו זינדיגען, אין דער נדה צייט פאן זיינעם וייב זיך פערן צו האלטען, אונד יעדע פערזוכונג צו ווידער־שטעהען; וואהל קעננען מאנן אונד וייב זינדיגען, אהנע דאס איין מענשליכעס אויגע זיעהט, אדער מערקט, אבער איממער זאלל מאן וויססען, השי״ת זיעהט עס, פאר איהם איסט ניכטס פערבארגען, שויתי ד׳ לנגדי תמיד כי מימיני בל אמוט.

אין מס׳ שבת ווירד פאלגענדעס ערצעהלט: עס וואהר איין געלעהרטער דער זעהר פלייסיג לערנטע, פיעלע תלמידי חכמים בעדיענטע. אונד אין זיינען בעסטען לעבענסיאהרען פאם טאדע וועקגעראפפט ווארדע, זיין וייב האטטע גראסען שמערץ, זי׳ נאהם זיינע תפילין אונד גינג אין דיא בתי כנסיות אונד בתי מדרשות וויינטע אונ׳ שפראך, עס שטעהט דאך אין דער תורה כי הוא חייך ואורך ימיך, דיא תורה פער־לייהט לאנגעס לעבען, נון מיין מאנן האט דאך זעהר פיעל תורה געלערנט ווארום

צאָהנע טראגט ברויך זיא אײנע שאלה צו מאכען; ווענן זיא אײנע וואונדע האט, אונד זיך דאריבער אײנע קרוזטע געצאָגען, מוס דיא קרוזטע (גרינד) ערווייכט ווערדען, אונד גאניץ טראָקענע קרוזטען מיססען אבגעקראצט ווערדען. ווענן זיא זיך איין האָליץ שפּליטטער הערייגעבראכט אונד דיעזעס טיעף דרינגען שטעכט, שאדעט עס ניכט צור טבילה, עס איסט גוט דאריבער אנצופראגען.

כד. דאס באדען מוס בייא טאג געשעהען, אבער ניכט גאניץ פריה, זאָנדערן דערארט דאס זיא זיך ריין אבוואשט, אונד זאָלאנגע באדעט דאס נאך דעם באדען שאָן נאכט איסט, דאמיט זיא גלייך נאך דעם באדען זיך טובל זיין קאנן.

כה. ווענן זיא פרייטאג אבענד צור טבילה געהט מוס דאס באדען, קאָממען אונד רייניגען וועגען שבת נאָך פאָר נאכט וויירד, געשעהען, אבער דיא טבילה מוס זעלבסט פרייטאג אבענד ווענן נאכט איסט, געשעהען.

כו. ביים שבת אונד יום טוב אויסגאנג (מוצאי שבת וויום טוב) איסט ניכט איבליך צו טבילה צו געהען, ווענן אבער דיא טבילה דאָך שטאטטפינדעט, מוס מאן וועגען דעם באדען וועלכעס דאָך שבת אונד יום טוב ניכט פאָרגענאָממען ווערדען דארף, אײנע שאלה מאכען.

## דיא טבילה.

כז. דיא טבילה דארף פאָר נאכט ניכט געשעהען, אונד מוס מאן מיט בע־שטיממטהייט וויססען דאס שאָן נאכט איסט, דענן ווענן דיא טבילה אם זיעבטען טאג ווענן נאָך ניכט נאכט איסט געשיעהט, זאָ איסט דיא טבילה אונגילטיג, אונד מוס זיא זיך נאָכמאלס בייא נאכט טובל זיין. יא זעלבסט אם אכטען טאג דארף זיא זיך ניכט בייא טאג טובל זיין, אויסער אים נאָטהפאלל וועננ עס אנדערס ניכט מעגליך, אָדער זיא פאָן דער פרעמדע איסט, דאנן זאָלל זיא אבער אויך זאָ טראכטען, דאס זיא ערסט אבענד צוהויזע אנלאנגען זאָלל.

כח. דיא טבילה מוס אין אײנע ריטועלל צוגעריכטעטע מקוה געשעהען, ווענן קײנע כשרע מקוה דא איסט, דארף זיא זיך נאך דעם פאָרגעשריעבענען באד אין ווארמען וואססער, אין איין פליעסענדעס וואססער טובל זיין, נור זינד דאבייא פער־שיעדענע דינים, אונד ניכט איממער, אונד אויך ניכט יעדעס וואססער איסט כשר צור טבילה, דאהער מוס זיא דאריבער אײנע אנפראגע מאכען.

כט. דיא טבילה מוס זעלבסטפערשטאָנדליך ענטקליידעט געשעהען, אונד מוס מאן זיך מיט דען גאנצען קערפער דערארט אונטערטויכען, דאס ניכט דער מינדעסטע טהייל דעס קערפערס, ניכט איין האאר, ניכט אײנמאהל דיא שפּיטצע אײנעס האאר־טהיילכענס אבער דעם וואססער בלייבען זאָלל, דענן ווענן נור איין צווייפעל הערישט,

---

## שמן למנחה

איסט ער זאָ פריה אין זיינען בעסטען יאהרען געשטאָרבען. קײנער אין בית המדרש גאב איהר אנטוואָרט, דא בעגעגנעטע זיא אלי׳ הנביא ז״ל אונד אלס ער זיא זאָ זייפצען הערטע, דא פראגטע ער זיא, זאגע מיינע טאָכטער, וויא האט זיך דיין מאנן וואָהרענד דיינער נדה צייט געגען דיר בענאָממען, חלילה שפראך זיא, ניכט מיט דען קלײנסטען פינגער האט ער מיך בעריהרט, ער וואר שטעטס ענטפערנט פאָן מיר,

אב ניכט איין טהייל דעם קערפערס אבער דעם וואססער בליעב, איסט שאן דיא טבילה אונגילטיג.

ל. דיא טבילה מוס דערארט געשעהען, דאס, דאס וואססער צו יעדעם קערפערטהייל צוגענגליך זייא, דיא פיסע דירפען ניכט נאהע צוזאממענגעשטעללט דיא ארמע ניכט פעסט אן דעם קערפער אנגעלעגט ווערדען, זיא דארף זיך ניכט צו זעהר ביקען, דא דאנן אם קערפער פאלטען ענטשטעהען, וואהין דאס וואססער דאנן ניכט דרינגען קאנן, דעסהאלב זאלל אויך דאס וואססער וויא מעגליך בים נאהע דער ברוסט רייכען. עס איסט אויך אונבעדינגט נאטהווענדיג, דאס איינע אנדערע פערזאהן דארט שטעהען אונד גענוי בעאבאכטען זאלל, דאס דיא טבילה געהעריג געשעהע, אונד ניכטס איסער דעם וואססער בלייבע. דיעזע פערזאהן, זאלל זיא אויך פאר דער טבילה גוט בעטראכטען אב זיא ניכטס אויף דעם קערפער האט, וואס איינע הציצה איסט. דיעזע פרוי וועלכע דיא השגחה האבען זאלל, מוס עלטער אלס צוועלף יאהרע אונד זעהר פראם זיין דאס מאן זיך אויף איהר פערלאססען קאנן.

עס געביהרט זיך אויך גלייך ביים הערייננעהען אין דער מקוה דיא בריסטע עטוואס אין דער העהע צו העבען, אונד זא איבעראהל וואו פאלטען אדער דורך דען קערפער צוגעדעקט איסט, דאמיט גלייך וואססער הינדרינגען קעננע. [טו״ז ס״כ ל״ח.]

לא. עס זאללען וויא מעגליך פאר דער טבילה דיא נאטירליכען קערפערפערריכטונגען געשעהען.

לב. זאללטע מאן זעלבסט נור איינען נאגעל פערגעססען האבען אבצושניידען, מוס מאן זיך דען נאגעל אבשניידען אונד נאכמאלס טובל זיין, איסט עס אבער שבת בייא נאכט זא זאלל מאן איינע שאלה מאכען.

לג. נאכדעם זיא זיך געהעריג אונטערטויכט האט, מאכט זיא ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות טבילה, אונד איסט איבליך נאך דער ברכה נאכמאלס טובל צו זיין, אונד זאלל זיא וואהרענד דער ברכה ניכט אין דאס וואססער, אדער אויף איהרען בלאסען קערפער זעהען. וועגן דיא ברכה אוים פערגעססענהייט ניכט געזאגט ווארדע איסט דיא טבילה דאך גילטיג.

לד. עס געביהרט זיך דאס ניכט איינמאהל דיא נאכסטע אומגעבונג וויססע, וואנן זיא צו טבילה געהט, אדער פאן טבילה קאממט, עס מוס מיט שאמהאפטיגקייט בצניעות געשעהען. ביים קאממען פאן דער טבילה זאלל זיא טראכטען איין אנדערעס יידישעס וויב צו בעגעגנען, דען וועגן זיא ביים הערויסגעהען פאן דער מקוה צוערסט איין חזיר אדער אנדערע דבר טמא בעגעגנעט, געביהרט זיך נאכמאלס טובל צו זיין אהנע ברכה.

## שמן למנחה

אונד אלס דוא שאן וויים אנגעלעגט האטטעסט, אין דיא שבעה ימי נקיים, וויא האט ער זיך געפיהרט, דאמאלס שפראך זיא, האט ער מיט מיר געגעססען, מיט מיר געטרונקען, אבער ניע חלילה נאהר אין זינן געהאבט, מיר עהעליך בייצוואהנען, נעלאבט איסט השי״ת שפראך נון אלי׳ ז״ל דאס ער, זעלבסט מיט איינען זאלכען תלמיד חכם קיינע נאכזיכט האט, דעסהאלב ווארדע ער בעשטראפט, אין דיא ימי ליבון מוס מאן זא ענטפערנט פאן איינאנדער זיין, וויא אין דער נדה צייט :

## דיא פעסטזעטצונג דער פעריאָדע (קביעת ווסת.)

לה. *יעדעס וייב דיא ניכט שוואנגער איסט אָדער איין קינד זייגט, האט געוועהנליך איהרע בעשטיממטע פעריאָדע, ווענן זיך איהר נעבליהט צייגט, מאנכע צו דרייסיג טאגע צו צוואנציג או׳ ז׳ ווי דיעזעס ווירד אים יידישען ווסת גענאננט, אונד ווענן זיא דיעזען ווסת דריימאַהל אין איין אונד דערזעלבען צייט בעקאָממען האבען, דאנן דירפען זיא אויסער דיעזע צייט, אָהנע וויטערעס מיט איהרע מאַננער אין בעריהרונג קאָממען, אונד זאָללען זיך אויך ניכט פאָר איהרע מאַננער בודק זיין. דען טאג אָדער דיא נאכט ווענן זיא דען ווסת צו בעקאָממען פפלעגט, דארף זיא מיט איהרעם מאנגע קיינע עהעליכע בעריהרונג קאָממען, אונד נאַך פיעלע מפרשים זאָלל דיעזע אבזאָנדערונג נאָך איינען טאג אָדער איינער נאכט פאָר איינטרעפפען דער פעריאָדע געשעהען, אונד אום צו קיינע זינדע צו קאָממען, זאָלל דיעס יעדער שטרענג בעאכטען, אונד אימּמער נאַהע דעם ווסת זיך פאָם עהעווייב אבזאָנדערן. ווענן אבער דאנן דער ווסת ניכט איינגעטראָפפען איסט, זאָ זאָלל זיא זיך גענוי אונטערזוכען, אונד ווענן זיא ריין איסט דארף זיא מיט איהרעם מאנגע אין בעריהרונג קאָממען, זיא מוס אבער אימּמער ערסט דען גאנצען טאג אָדער נאכט איהרעם ווסת ווארטען. אויך ווענן זיע דעם ווסת נור איינמאהל האטטע, מוס זיא שאָן צו דיעזער צייט זיך אבזאָנדערן, נור דאס ווענן אויך נור איינמאהל דיא פעריאָדע אנדערס איינטריפפט, דיעזער איינמאַליגע ווסת אויפגעהאָבען ווירד, וואָהרענד איין פעסטגעזעצטער ווסת נור מיט דריימאַהליגען אויסבלייבען אויפגעהאָבען ווירד.

לו. דיא פעריאָדע קאָממט זעהר פערשיעדען, איין בעשטיממטער ווסת הייסט נור, ווענן דיעזער ווסת דריימאהל נאכאיינאנדער אין גלייכער צייט איינטריפפט דאנן מוס זיא אימּמער דיעזע צייט בעאכטען, אונד זיך וויא אָבען שטעהט נאַהע דעם ווסת אבזאָנדערן. דער ווסת קאנן נור מיט דריימאַהליגען אויסבלייבען אויפגעהאָבען ווערדען. איין וייב דיא קיינען בעשטיממטען ווסת האט, מוס אימּמער דען דרייסיגסטען טאג בעאכטען אונד זיך אבזאָנדערן, אונד אויך שטעטס פאָר, אונד נאך דער עהעליכען בייוואָהנונג זיך גוט בודק זיין.

לז. ווענן אין איהרעם ווסת איינע פערענדערונג איינטרעטעט, זאָ מוס זיא דאָך דיא אבזאָנדערונג פאָן איהרעם פריהערן ווסת זאָלאנגע בעאָבאכטען ביס ניכט מיט דריימאהליגער פערענדערונג דער פריהערע ווסת אויפגעהאָבען ווירד, זיא מוס אבער אויך דען טאג אן וועלכעם זיך יעטץ איהר נעבליטה נעצייגט. ביים קינפטיגען מאָנאטה בעאָבאכטען ; דיא פעריאָדען זינד פערשיעדען, מאַנכע האט איהרען ווסת אין בע־

## שמן למנחה

*וויא זעהר מאן דיעס בעאכטען זאָלל, ווענן מאן פאָן דער טבילה נעהט, קיין דבר טמא צו בעגעגנען, קעננען וויר פאָן פאָלגענדעם ערזעהען. אֱלִישָׁע כהן גדול האטטע גראָס צער וויל איהם דיא קינדער ניכט ערהאלטען בליעבען, ער בעטעטע צו השי״ת, ווארום אנדערע צדיקים דיא קינדער בלייבען אונד איהם ניכט ! דא ווארדע איהם געאנטוואָרטעט, אנדערע צדיקים פיהרען זיך אין גרעסטער ריינהייט אונד פרעממיגקייט וועהרענד דער עהעליכען בייוואָהנונג, אונד ער גלאָבטע מיט זיינעם וייבע אויך ריין אונד פראָם צו לעבען. איינמאהל קאהם זיין וייב פאָן טבילה אונד

שטיממטע צייטרייזמען צ״ב צו צוואַנציג דרייסיג טאגע מאנכע האט איהר ווסת אן איינעם בעשטיממטען טאג אין מאָנאטה, אונד דא דיא דינים דיעסבעציגליך זעהר פערשיעדען זינד, זאָ זאָלל יעדעס עהרליכע וויב, זאָבאלד זיך איהר ווסת פערענדערט אונד זיא וועגען פעסטזעטצונג דעם ווסת צווייפעלט, איינע אנפראגע מאכען.

לח. אייז וויב דיא נדה וואהר, דארף דער מאנן איהר ניכט נאָהערן, ביס ער ער זיא בעפראגט אונד זיא איהם דייטליך זאגט, דאס זיא האט זיך טובל געוועזען, זאָ אויך באלד נאך דעם ווסת, אָדער בייא איינעם וויבע דיא קיינען בעשטיממטען ווסת האט נאך דעם דרייסיגסטען טאג דארף ער איהר זיך ניכט נאָהערן, ביס ער זיא בעפראגט האט, אָב זיא זיך אונטרזוכט האט.

לט. וועגן דאס עהעווייב דורך דיא עהעליכע בייוואָהנונג דריימאהל בלוטונגען האט, זאָ איסט דאס איינע וויכטיגע שאלה, אונד ברויך אונגעזיימט איינע שאלה צו מאכען.

מ. זאָבאלד איין וויב שוואַנגער ווירד, דאס הייסט זיא שאָן דעססען זיכער איסט, נעמליך נאך דרייא מאָנאטהע, עבענזאָ פיער אונד צוואנציג מאָנאטהע נאך דער געבורט דעם קינדעס (דיא זייגעצייט) ברויך זיא אויף איהרעם פריהערן ווסת ניכט צו אכטען, אום זיך נאהע דען ווסת אבצוואָנדערן, דא דאמאלס דיא פעריאָדע אויסבלייבט. וועגן אבער דיא פעריאָדע אין דער בעשטיממטען צייט קאָממט, ברויך זיא זיך נאָכסטען מאָנאַטה אבצוואָנדערן: וועגן דיא געבורטסוועהען שאָן העפטיג זינד, אונד דאנן אויפהערען, ברויך זיא איינע שאלה צו מאכען, אָב זיא פיר איהרעם מאנגע ריין איסט, אונד זאָלל דער מאנן זאָבאלד דיא געבורטסוועהען אנפאנגען, זיינעם וויבע זיך ניכט נאָהערן.

מא. וועגן דאס וויב געבעהרט, עס זייא איינע רעגעלמאָסיגע אָדער איינע פעהלגעבורט, אונד אין וועלכער געשטאללט אונד וויא קליין אימּמער דאס געבאָהרענע איסט, זאָ ווירד דאס וויב זאָפאָרט איינע נדה, אונד מוס נאָך פאָלגענדעס בעאכטען: בייא איינער מאָנגליכען געבורט דארף זיא ניכט פאָר זיעבען טאגע, בייא איינער וויבליכען געבורט דארף זיא ניכט פאָר פירצעהן טאגע זיך וויסאנגעגען אונד טובל זיין, בייא איינער געבורט וואָ דאס געשלעכט ניכט צו ערקענגען איסט, דארף זיא זיך ניכט פאָר פירצעהן טאגע טובל זיין. נאך דיעזער צייט וועגן זיך שאָן קיין געבלוטה ציינגט, אונד אויך קיינע פעראונרייניגענדע פלעקען זיך פינדען, דארף זיא זיך וויא אָבען שטעהט וויסאנגעגען, אונד נאך דיא פאָרגעשריעבענע שבעה נקיים זיך טובל

## שמן למנחה

בענעגנעטע איינען אויסזאָטציגען, זיא קעהרטע צוריק אונד אונטערטויכטע זיך נאָכמאלס אין דיא מקוה, דא בעגעגנעטע זיא ווידער איין קאמעעל דאס איסט איינע בהמה טמאה, זיא גינג צוריק נאָכמאלס זיך טובל צו זיין, דא בעגעגנעטע זיא ווידער איין פפערד אונד זאָ זעהר פיעלמאהל בעגעגנעטע זיא איין דבר טמא, אונד אימּמער גינג זיא צוריק זיך נאָכמאלס טובל צו זיין, דא ערבאהרמטע זיך השי״ת, אונד שפראך צו זיינעם גרעסטען מלאך דיעזע צדיקית האט שאָן גענוג צער, שטעללע דיך פאָר איהר, וועגן זיא פאָן דער טבילה קאָממט, דאמיט זיא איינען צדיק געבעהרען זאָלל, אלס זיא נון דיעזען מלאך בעגעגנעטע, וואָללטע זיא ווידער צוריקגעהען זיך טובל זיין, דיעזער אבער שפראך, פירכטע ניכט, איך בין פאָן השי״ת געשיקט וואָרדען,

זיין, מאנכע ארטשאפטען איסט אבער איבליך ביי מאנגליכער געבורט 40 טאגע ביי וייבליכער געבורט 80 טאגע מיט דער טבילה צו ווארטען, וואָ אבער דיעס ניכט איינגעפיהרט איסט, דארף זיא זיך אויך פריהער טובל זיין.

## פפליכטען איינער ברויט.

מב. *יעדע ברויט זאָבאלד איהר האָכצייטסטאג נאהט, זאָלל דיעזע דינים לערנען, איבערהויפט איסט פפליכט דער מיטטער, איהרע טעכטער צו בעלעהרען, אונד זיא נעמוי איבער איהרע פפליכטען צו אונטערריכטען. פאָר דער האָכצייט איסט יעדע ברויט פערפפליכטעט זיך נאך געהעריגער בדיקה וויס אנצולעגען זיעבען רייגע טאגע צו צעהלען, אונד וויא אָבען שטעהט זיך צווייםאהל טאגליך בודק זיין. דיעזעס וויסאנלעגען האט אבער ערסט דאנן צו געשעהען, ווענן דער חתונה טאג שאָן בעשטיממט איסט. דאנן וואָהלט זיא איינען זאָלכען טאג צום וויסאנלעגען, דאס דיא שבעה נקיים נאהע דעם האָכצייטסטאג ענדיגען, אונד דארף דיא טבילה פאָן דער חתונה ניכט מעהר אלס העכטענס פיער נאכטע ענטפערנט זיין, ווענן עס מעהר ענטפערנט איסט, ברויך מאן שאָן איינע שאלה צו מאכען.

מג. דיא טבילה האט ביי איינער ברויט שטרענג לויט אָביגע פארשריפט צו געשעהען, נור דער איינע אונטערשיעד איסט, ווענן דיא שבעה נקיים דער ברויט אן דעם האָכצייטסטאגע ענדיגען, דארף זיא זיך אם האָכצייטסטאג פאָר דער חופה טובל זיין, עס געביהרט זיך דאריבער איינע שאלה צו מאכען, דא פיעלע נור ערלויבען ווענן דיא חופה ביי נאכט געשטעללט ווירד, אונד זיא זיך גענען אבענד טובל איסט.

מד. ווענן דיא החתונה פערשאָבען ווארדע, מוס זיא אנדערע זיעבען טאגע צאָהלען, נאהע דעם החתונה טאג.

מה. ווענן דיא טבילה ערסט נאך דעם האָכצייטסטאגע פאָרגענאָממען ווירד, זאָ מוס זיא זיך נאך דער חופה בים נאך דער טבילה אלס נדה בעטראכטען, אונד זיא דארף מיט איהרעם מאנע אין קיינע בעריהרונג קאָממען, אונד אום צו קיינע זינדע צו געלאנגען, זאָללען זיא מידען בייזאממען אין איינעם צידמער צו זיין אונד איסט איבליך ביי זאָלכער געלעגענהייט, דאס דער חתן זיך איינען קליינען קנאבען, אונד דיא כלה איין קליינעס מאדכען, צו שמירה ביי זיך העלט.

---

## שמן למנחה

זיא פרייטע זיך, גיענג נאכהויזע אונד ווארדע שוואנגער מיט דעם גראָסען צדיק רבי ישמאל כהן גדול זי״ע. עס איסט אם בעסטען ווענן דאס מקוה וויב פאָרהער הערויסגעהט, דאס דיא צור טבילה געהענדע פרוי זיא בעגעגנען זאָלל.

*איינע גראָסע וויכטיגע פפליכט ליעגט אויף דיא מיטטער איהרע טעכטער פאָר דער החתונה אללע דינים וואס איינע יידישע הויספרוי וויססען מוס, צו אונטערריכטען, איהר געגוי אללעס צו וויזען, וויא דאס וויסאנלעגען אונד אללעס אנדערעס געשעהען מוס. אללע שולד אללע עבירות דיא איהרע טעכטער אוים אונוויססענהייט בעגעהען, ווערדען איהר אבגערעכנעט דער מוטטער, ווענן זיא איהרע טעכטער ניכט געגוי בעלעהרען, דיא פעראנטווארטונג האט זיא צו טראגען, אונד וועהע איהנען ווענן זיא ביום הדין צור פעראנטווארטונג געצאָגען ווירד.

מו. נאך דער ערסטען עהעליכען בייוואָהנונג מוס דער חָתָן פֿאָן זיינער ברויט זיך זאָפֿאָרט אבזאָנדערן, אונד טרעטען אללע בעשטיממונגען איינער נדה אין קראפֿט, נור דארף איינע ברויט דיעזעס ערסטעמאַהל שאָן אם פֿיערטען טאג אבענדס זיך וויסאנלעגען, אונד דאנן דיא ז׳ נקיים צאָהלען. סליק.

## דיני חלה.

א. פֿאָן יעדעם אוים ווייצען קאָרן גערסטע אָדער אוים האפֿער געקנעטעטען טייג מוס חַלָּה גענאָממען ווערדען, אונד איסט דיעזע פפֿליכט דען פֿרויען געגעבען, זיא קאָנן אבער אויך איינען אנדערן בעפֿאָללמאַכטיגען חַלָּה צו נעהמען, וועננ אבער איין פֿרעמדער אָהנע ערלויבניס דעם איינענטהימערס פֿאָן דעססען טייג חַלָּה נימםט, איסט עס אונגילטיג אונד מוס נאָכמאלס חלה גענאָממען ווערדען.

ב. דער שִׁיעוּר חַלָּה, דאס הייסט דאס קוואַנטום פֿאָן וועלכעם מאן חלה נעהמען מוס, איסט זיעבען $\frac{1}{4}$ זיידעל מעהל נאך אונזערעם יעטציגען מאאַס 2½ Ltr. דאָך זאָלל מאן ערסט איינע בְּרָכָה איבער דעם דאָפּפעלטעם נעמליך 5 Ltr. מאכען לויט דעם חתם סופר ז״ע, איבער וועניגער, חלה אָהנע ברכה.

ג. דיא פֿערייניגונג מעהרערער טייגע (צירוף) האט פֿאָלגענדערארט צו געשעהען. מאן לעגט דיא טייגע אין איין געפֿאָס, בעדעקט זיא אללע מיט איינען טוך אונד נימםט זאָ חַלָּה מיט בְּרָכָה; דיעזעס האט אויך צו געשעהען וועננ מאן אין פֿערגעססענהייט עס שאָן געבאַקען האט אָהנע חַלָּה, זאָ בעדעקט מאן אללעם מיט איינען טוך אונד נימםט זאָ חַלָּה פֿאָם געבאקענעס, זאָ אויך פֶּסַח ווערדען דיא מַצּוֹת מיט איינעם טוך דעראַרט בעדעקט, דאס אללעס אונטער דעם טוך איסט, אונד זאָ ווירד חַלָּה גענאָממען.

ד. טייגע פֿאָן מעהרערע אייגענטהימער קעננען ניכט צום שִׁיעוּר חַלָּה פֿערייניגט ווערדען, זאָנדערן פֿאָן יעדעם בעזאָנדערס מוס חלה גענאָממען ווערדען. אויך קאָנן ניכט טייג פֿאָן ווייצענמעהל מיט טייג פֿאָן קאָרנמעהל פֿעראייניגט ווערדען.

ה. טייג דער צום קאָכען פֿערקנעטעט ווירד, איסט ניכט חלה פפֿליכטיג, דעםגלייכען איסט איין קוכענטייג מיט אייער אָדער שמאַלץ ניכט חַלָּה פפֿליכטיג, מאן נימםט חלה אָהנע ברכה, דאס בעסטע איסט אבער, וועננ מאן איינען גראָדען וואססערטייג כנעטעט, דיעזען טייג אויך הינצולעגען, אונד זאָ אויף אללעם חַלָּה מיט ברכה צו נעהמען.

---

## שמן למנחה

אַן דיא מיטטער ליעגט אויך דיא פפֿליכט צניעות אונד בעשיידענהייט איהרע טעכטער צו געוועהנען, אויך זאָללען זיא אללע מעגליכקייט אנווענדען, דאס איהרע טעכטער נאך דער הייראטה, זיך דיא האַארע אבשניידען, אונד בעדעקטען הויפטעס געהען זאָללען, דענן אָהנע דעם, דאס עס בייא דער טבילה פֿאָן וויכטינקייט איסט, דאס דיא טבילה געהעריג געשעהען זאָלל, איסט עס נאָך פֿאָן גראָסער בעדייטונג עהרליכע פֿראָממע יידישע קינדער צו ערציעהען; דער החתם סופר ז״ל אין זיינער בע־ריהמטען צוָואָה וואהנט זיינע טעכטער אונד נאכקאָממען, מיט פֿרויען דיא בְּחֲצִיפוּת מיט אויפֿגעדעקטען האאר געהען, קיינע געזעללשאפֿט צו מאכען, אונד אין איינער

ו. דען זויערטייג וועלכען מאן פאן טייגע נימטט, זאלל מאן פאר דעם חלה נעהמען, פאן טייג אבזאנדערן, וועגן דיעס אבער פערגעססען וואורדע, זאלל מאן איינען אנדערן קליינען טייג דאצו קנעטען, אונד אן דען גראסען טייג אנקלעבען, אונד דאנן פאן דיעזען קליינען טייג דיא חלה אבזאנדערן. דיא חלה זאלל וויא איין הינער איי גראס זייז, אונד אין פייער פערבראננט ווערדען.

ז. וועגן מאן צעררייבענע ערדאפפעל צום טייג צו נימטט, שרייבט דער חתם סופר ז״ע געביהרט זיך אויך איינען קליינען טייג פאן לויטער מעהל (אהנע ערדאפפעל צו קנעטען,) אן דען גראסען טייג אנצוקלעבען, אונד פאן דיעזען קליינען טייג חלה צו נעהמען.

ח. וועגן מאן יום טוב איינען טייג קנעטעט, ווירד דאפאן אם יום טוב חלה גענאממען, דיא חלה דארף אבער ניכט אם יום טוב פערבראננט ווערדען, זאנדערן זיא מוס ביס נאך יום טוב אויפבעוואהרט, אונד דאנן פערבראננט ווערדען. האט מאן פערגעססען פאם טייגע חלה צו נעהמען, זא קאנן מאן פאן געבאקענען הלה נעהמען דורך פעראייניגונג זאממטליכען געבאקעס וויא אבען געשריעבען, שבת וויום טוב יעדאך דארף מאן פאן געבאקענען קיינע חלה נעהמען, זאנדערן מאן לעסט זאפיעל געבאק שטעהען, אום דאפאן נאך יום טוב חלה אבזאנדערן צו קעננען; וועגן דיא חלה נאך דעם אבזאנדערן אים טייג צוריקפערמישט וואורדע, ברויך מאן איינע שאלה צו מאכען.

## דינים פאן פלייש אויסזאלצען.

ט. יעדעס פלייש מוס פאללשטאנדיג פאם בלוטע גערייניגט ווערדען, דארום איסט אונס געבאטען וואָרדען, דאס פלייש פאר דעם קאכען איינצווייקען אונד דאנן אויסזאלצען.

י. פאר דעם אויסזאלצען מוס דאס פלייש אין וואססער געווייקט ווערדען, אונד זאלל דאס וואססער זאפיעל זיין, דאס עס דאס גאנצע פלייש בעדעקט, אונד ניכטס אויסער דעם וואססער בלייבען זאלל. אין דיעזעם וואססער זאלל עס איינע האלבע שטונדע בלייבען, אונד דאנן מיט דער האנד גוט אבוואשען, דאמיט עס פאן בלוט גערייניגט ווערדע. וועגן דאס פלייש בלוט אונטערלויפען איסט, וויא מאנכמאל פאן איינעם שלאג, זא זאללען דארט מעהרערע איינשניטטע געמאכט ווערדען, וואָ־ דורך דאס זאלץ גוט איינדרינגען קאנן, דעסהאלב זאלל מאן אויך דיא לונגע אויף אללע זייטען דורכשניידען, דאמיט עס גוט בעזאלצען, אונד דאס בלוט לייכט אב־ פליעסען קעננע.

---

## שמן למנחה

עפפענטליכע דרשה שפראך ער פאלגענדעס: איך וויים דאס איין יעדער אין ישראל גוטע עהרליכע קינדער האבען ווילל, איך בין אייך מבטיח (פערזיכערן) דאס פאן איינעם ווייבע דיא מיט אויפגעדעקטעם האאר געהט, קיין גוטעס יידישעס קינד הער־ שטאממט! קימחית איין יידישעס ווייב, ערצעהלט דיא גמרא, האטטע קינדער לויטער כהנים גדולים וייל וויא זיא זאגטע, זעלבסט דיא וואנדע איהרעס הויזעס, איהרע האארע ניכט געזעהען האבען, אונד נון איהר בנות ציון! יידישע פרויען, ווארום ברינגט איהר ניכט דיעזעס קליינע אָפפער אום דאס גראסע גליק צו ערייכען,

יא. פאר דעם איינווייכען מוס אויס דעם געפליגעל, הערץ לעבער אונד איינגעווייד ענטפערנט ווערדען, אויך דיא לונגע זאלל מאן הערויסנעהמען, דיא אדערן מיססען געשפאנט דיא פוסנאגעל אונד דיא הערצשפיטצע אבגעשניטטען, וויא אויך דאס הערץ מוס פאר דעם איינווייכען אויפגעשניטטען ווערדען, זא אויך מוס דאס געהירן פאן קאפפע ענטפערנט ווערדען אונד אויך דאס הייטכען אין וועלכעם עס זיך בעפינדעט ענטפערנט, אדער גוט צערשניטטען ווערדען, דיא טרפהנע ביינע זאללען הערויסגענאממען, אונד איבערהויפט אללעס וואס צום רייניגען איסט, וויא מילץ צוננע אודג״ל מוס פאר דעם איינווייכען גערייניגט ווערדען.

יב. ווענן דאס פלייש אויס פערזעהען אדער זאנסט אורזאכע איין מעת לעת דאס איסט 24 שטונדען אין ווייכוואססער געבליעבען איסט, זא איסט דאס פלייש טריפה, אין דאס געפאס דארף אבער נאכמאלס פלייש געווייכט ווערדען.

יג. נאך דעם איינווייכען ווירד דאס פלייש אויף דאס אויסזאלצברעטט געלעגט, וועלכעם וויא מעגליך שיעף שראג ליעגען, אונד גלאטט געהאבעלט זיין זאלל, אדער מאן לעגט עס אין איינען געלעכערטען זאלץ קארב, מאן לאסט דאס נאך דארויף בעפינדליכע וואססער אבפליעסען, אונד בעשטרייט דאס פלייש אויף אללע זייטען מיט זאלץ: (יעדעס פלייש מוס אויף זעכס זייטען בעזאלצען ווערדען) אונד ווא זיך אם פלייש איינשניטטע אדער העלונגען בעפינדען, מוס איבעראהל זאלץ הינגעשטרייט ווערדען. געפליגעל מוס אויפגעשניטטען אונד אויך אין דער איננערן העלונג גוט בעזאלצען ווערדען. דאס פלייש ווירד זא געלעגט אויף דאס זאלצברעטט, דאס דאס בלוט אונגעהינדערט אבפליעסען קעננע, בייא געפליגעל זאלל דאהער דיא עפנונג דער העלונג נאך אונטען הין געלעגט ווערדען.

יד. דאס פלייש זאלל גוט מיט זאלץ בעשטרייט ווערדען, דערארט וויא דיא ערדע מיט רייף בעדעקט צו זיין פפלעגט, אונד זאלל דאס צום אויסזאלצען פערווענדעטע זאלץ ניכט גראבקערניג, אבער אויך ניכט פיין וויא מעהל זיין.

טו. מאן דארף דיא קעפפע דעם געפליגעלס אדער פיעהעס וויא אויך דעססען פיסע, אויף דיא האארע אדער פעדערן דעסזעלבען אויסזאלצען, נור מוס דער קאפף געשפאלטעט אונד דאס געהירן הערויסגענאממען ווערדען, זא אויך מיססען דיא קלויענשפיטצען אבגעהויען ווערדען אונד ביים אויסזאלצען, זאללען דיא קלויען ווא זיא אבגעהאקט וואורדען נאך אונטען הין געלעגט ווערדען.

---

## שמן למנחה

עהרליכע יידישע קינדער צו האבען, וויר אבער ברויכען זיך ניכט צו וואונדערן ווענן עס אין אונזערעם דור זא פיעלע אויסגעארטעטע שלעכטע קינדער גיבט, דאס חציפות דער עלטערן פערערבט זיך אויף דיא קינדער, דער עכטע יידישע פאמיליענשמוק, צניעות פעהלט אין דיא יידישע הייזער, פיעלע יידישע פרויען זינד קאקעט הערויס־כארדערנ׳ מלא עזות והציפות, וואס וואונדער ווענן דיא קינדער פערדארבען אויסגעארטעט, איהרען עלטערן נאך איבערראגען, נור איינען טראסט האבען וויר, דיא גמרא זאגט. אין משיח׳ס צייטען ווירד דאס עזות, דיא פרעכהייט זעהר צונעהמען, אונד שלעכטער ברויך עס, קאנן עס, ניכט מעהר אויסזעהען; אין ס׳ לב עברי פינדעט זיך פאלגענדעס שענע ביישפיעל: צום בעריהמטען הגאון רבי בנימין שערי תורה ז״ל קאהם איין בן תורה אונד ערצעהלטע זייפצענד וויא דאס עזות צונימט, דא זאה ער

טז. אייער וועלכע זיך אים געפליגעל פאָרפינדען, מיססען אויך בעזאלצען ווערדען, זאָ אויך הנאָכען וועגן אויך קיין פלייש דארויף איסט, מיססען אויסגעזאלצען ווערדען, יעדאָך זייא מאן געוואהרנט אייער אָדער הנאָכען ניכט אונטער דאס אויס־געזאלצענע פלייש לעגען, זאָנדערן איבער דאס פלייש אָדער דאנעבען, דאמיט דאס בלוט דעם אויסגעזאלצענען פליישעס ניכט דארויף פליעסען זאָלל. דיא געדערמע מיססען אויך בעזאלצען ווערדען, מאן ברויך זיא אבער ניכט אויפצושניידען, זאָנדערן גענינט וועגן מאן זיא אויף דיא אויסענזייטע אלליין בעזאלצט, אונד זאָללען אויך דיא געדערמע איבער דאס פלייש אָדער נעבען דעם פלייש געלעגט ווערדען.

יז. דאס פלייש מוס איינע פאָללע שטונדע אים זאלצע ליעגען, נור בייא אויס־נאהמספאָללע לכבוד שבת וועגן שאָן קיינע צייט איסט אָדער זאָנסט וועגן עס זעהר דרינגענד איסט, גענינט וועגן עס נור 24 מינוטען אין זאלין ליענט, יעדאָך זאָלל וועגן מעגליך איסט איינע שאלה געמאכט ווערדען.

יח. וועגן דאס פלייש וואָהרענד עס אים זאלצע ליענט אויף דער ערדע הערונטערפעללט, זאָ ברויך מאן אונפערציגליך איינע שאלה צו מאכען.

יט. נאכדעם עס געהעריגע צייט אים זאלצע געלעגען איסט, מוס דאס פלייש בעגאָססען ווערדען, מאן נימט דאס פלייש בעגיעסט עס דריימאהל אויף אללע זייטען דעראָרט, דאס יעדעס זאלץ אונד בלוט ענטפערנט ווירד, לעגט עס אין איין געפאָס מיט רייגען וואססער, אונד אויך דאס זאלצבריעט מוס דריימאהל אבגעוואשען ווערדען.

כ. דיא לעבער ווירד ערסט מיט וואססער אבגעוואשען דאנן איין וועניג מיט זאלץ בעשטרייט, אונד זאָ דאנן אויף דעם פייער געבראטען, ערסט נאך דעם בראטען דארף זיא גאקאָכט ווערדען, אונד איסט גוט איינען דאצו הערגעריכטעטען געלעכערטען ראָסט צו האבען; מאן דארף אבער ניכט דיא לעבער אויף דעם שפאהרהערדע בראטען, זאָנדערן מוס זיא דירעקט אויף דעם פייער בראטען, אונד אויך זאָ בראטען, דאס זיא געגעססען ווערדען קאנן.

כא. דאס הערץ מוס פאָן דער לעבער געטרעננט ווערדען, אונד וועגן מאן קאלבס־ אָדער רינדסלעבער קאָכט זאָלל מאן נאָך איינשנימטע מאכען. דיא לעבער דארף ניכט 24 שטונדען אונגעבראטען בלייבען אין איינעם געפאָס, דא זיך דארין בלוט אנזאממעלט. נאך דעם בראטען זאָלל דיא לעבער דריימאהל בעגאָססען ווערדען, וועגן וואססער אין געפאָס איסט, דארף אויך דיא לעבער ניכט דארין 24 שטונדען זיין.

---

## שמן למנחה

וויא דער שערי תורה זיך פרייט, דער שערי תורה ערקלערטע איהם זיינע פריידע, איינסט שפראך ער, האטטע זיך איין קעניגליכער פרינץ דעראָרט פערשולדעט, דאס מאן איהם מיט קערקער אויף צעהן יאהרע פעראורטהיילטע: נאך דעם ערסטען יאהרע בעזוכטע איין פירסט דען פרינץ אים קערקער, אונד זאה וויא אבגעמאגערט פערענדערט שוואך דער פרינץ איסט, זאָ דאס ער דעם קעניג מיטטהיילטע, דאס דער פרינץ אים קערקער געוויס באלד שטערבען ווירד. נאך אייניגע יאהרע שפראך דער פירסט, דער פרינץ איסט געוויס שאָן געשטאָרבען, קאָממעט, זיינע געביינע צו בע־גראבען, אבער וויא וואונדערטען זיא זיך אלס זיא דען פרינץ געזונד אונד שטארק דאָרט פאנדען, וויא איסט עס מעגליך פראגטע דער פירסט, אים ערסטען יאהרע זאהעסט דוא יא שאָן וויא געשטאָרבען אויס! יא שפראך דער פרינץ אים ערסטען

כב. יעדעס פלייש מוס אינגערהאלב דרייםאהל 24 שטונדען נאך דעם שלאכטען בעגאססען ווערדען ווענן דיעס ניכט שטאטטגעפונדען האט, זא הייסט עס, דאס פלייש איסט מעת לעת געוואָרדען אונד דארף ניכט מעהר געקאָכט ווערדען. דאס בעגיעסען זאָלל אבער אויפריכטיג געשעהען, עס געביהרט זיך זאָגאהר דאס פלייש איינצוווייכען, איבערהויפט אם ווינטער מוס מאן אכט געבען דאס ניכט געפראָרען זייא, אבער ניכט וויא מאנכע לייכטזינניגע פליישהאַקער דיא עס נור בענעטצטען, דאהער ברויך איבעראהל איבער דיעזעס, שטרענגע השגחה צו זיין.

## דיני הדלקה.

צום ליכט צינדען זאָלל מאן דיע שבת קליידער אויף זיך האבען.

כג. פרייטאג אבענד אונד ביים איינגאנגע איינעס יום טוב איסט איינע מצוה אין יעדעם צימער וואָ מאן הינצוקאָממען פפלעגט לכבוד שבת ויום טוב ליכטער אנצוצינדען, אונד צוואר איסט איבליך וועניגסטענס צווייא ליכטער צו צינדען; דיעזע פפליכט איסט דען פרויען איבערגעבען וואָרדען, ווענן אבער דיעזעלבען ניכט אנוועזענד, אָדער זיך אין וואָכענבעטט בעפינדעט, זאָלל דאס ליכט צינדען דורך דען מאנן בעזאָרגט ווערדען.

כד. דאס ליכטצינדען זאָלל וויא מעגליך פריה פאָר שבת איינגאנג געשעהען, איבערהויפט אם ווינטער ברויך מאן זעהר אכט צו געבען צו קיינען חילול שבת צו קאָממען, אונד זאָבאלד זיא דיא ליכטער אַנגעצינדעט האט, איסט פיר איהר שבת, אויסער זיא צינדעט אין דער אויסדריכליכען אַבזיכט אונד בעדינגניס, דאס דיא שבת פייער נאָך ניכט איינטרעטען זאָלל, בים מאן ניכט אין שוהל מקבל שבת האט געוועזען, וואס דאמאלס געשיעהט ווענן זיא ערב שבת אבענד צור טבילה געהען מוס. ווענן זיא געזיימט האט בים 1/4 שטונדע פאָר נאכט, נאָך איינינגע שאָן עטוואס פריהער דארף זיע שאָן אלליין ניכט אַנצינדען, זאָנדערן דורך איינעם אנדערסגלייביגען אנצינדען לאססען אונד ברכה מאכען.

כה. ווענן מאן אויס נאכלעססיגקייט פערגעססען אונד איין ליכט וועניגער אנגעצינדעט האט, ברויך מאן דאנן אימער איין ליכט מעהר אנצוצינדען, עס געביהרט זיך נור פיינעס גערוכלאָזעס עהל צום ענטצינדען צו נעהמען אָדער וואַקסקערצען אָדער ווענן מאן דיעס ניכט האט, גוטע העללייכטענדע אנדערע קערצען.

כו. שבת מאכט מאן ברכה להדליק נר של שבת, איסט אויך יום טוב זאגט מאן של שבת ושל יום טוב, נור איסט פאָלגענדער אונטערשיעד צווישען שבת אונד

---

## שמן למנחה

יאהרע, דא איך דאהאַן דאכטע, צעהן יאהרע זאָ צוצוברינגען גלויבטעאיך זעלבסט, איך מוס צוגרונדע געהען, אבער יע מעהר דיא צייט שוואנד יע נאָהער דער טאג מיינער ערלעזונג קאָממט, דעסטאָ גרעססערע האָפפנונג אונד פריידע האבע איך, אונד דיעס בעלעבט אונד שטערקט מיך — זאָ אויך איך, שפראך דער שערי תורה, אין פריהערע צייטען וואָ דער כבוד תורה זאָ גראָס וואהר, וואָ איך זאה, דאס ר׳ זלמן מרגליות ז״ל ווענן ער מיט יעמאנד שפרעכען וואָללטע דען ראָק זיך אויסצאָג, אין וועלכעם ער תורה לערנטע, אונד אין אללע קהילות תורה ויראה צו פינדען וואר, דא

יום טוב. אַם עֶרֶב שבת אבענד צינדעט מאן דיא לִיכטער אָהנע פֿאָרהֶער דיא ברכה צו זאגען, עֶרסט נאך דעם צינדען, ווערדֶען דיא האֶנדֶע פֿאַר דיא לִיכטער גֶעהאלטען, (וואס געווֶעהנליך ביים איינטרִיטטע דער נאכט געשיעהט) אונד זאָ דיא בְרָכָה גֶעמאכט, אם יום טוב אבער ווירד דיא בְרָכָה פֿאַר דעם ליכטצינדֶען געזאגט. ווענן מאן אין מֶעהרערֶע צִימֶמער ליכט צינדעט, מאכט מאן נור איינמאל בְרָכָה דאָרט וואָ מאן עֶססט. עס געביהרט זיך דאס יֶעדעס ווייב לִיכט עֶנטצינדען מִיט עֶרנסטֶע אַנדאַכט אויף גוטֶע פֿראָממֶע קִינדעֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים בֶּעטֶען זאָלל. ווענן מֶעהרערע פֿרויֶען בייא איינעם טִישֶׁע. וואָ זיע עססען, ליכט צינדען, זאָ איסט פֿאָלגֶענדעס צו בֶעאַכטען: האט יֶעדע פֿרוי בעזאָנדֶערס פֿיר זִיך געקאָכט אונד עסט פֿאן דעם אִיהרִיגען דארף יֶעדע בְרָכה מאכען, ווענן אבֶער צום ביישפּיעל דיא טאָכטער, אָדער שווִיגֶערטאָכטער אלס גאסט קאָממט, זאָ דארף זיא דאָרט אם טישע וואָ דיא הויספֿרוי לִיכטער צִינדעט ניכט אויך ליכט צינדען מיט ברכה, זאָנדערן זאָלל אין איינעם אנדערן צִיממער ליכט צינדען מיט ברכה: דער עטרת זקנים שרייבט, מאן זאָלל זיך איין קליינעס וואַכסליכטליין האלטען אונד דאמיט דיעזעם דיא שבת ליכטער אנצינדען:

---

## שמן למנחה

דאכטע איך שמֶערצהאַפֿט, דיא צייט אויף ווֶעלכֶע דיא גמרא זאגט אין מְשִׁיחַ'ס צייטען ווירד גראָס חוצפא ועזות זיין, איסט נאָך זעהר ווייט, הייטע אבער וואָ דיא פֿרעכהייט דער בִּזָיוֹן התורה אימּמער צונִיממט, פֿרייֶע אִיך מִיך דֶענן עֶס איסט נאהע דיא גאולה, דענן דא איסט דיא צייט אויף ווֶעלכֶע געזאגט איסט בְּעִקְבֶא דמשִׁיחָא חוצפא יַסגֵי, אונד אויך וויר האָפֿפֿען דאס השי"ת זיך באַלד עֶרבאַרמען, אונד אונס דֵען גואל צדק זענדען ווירד בב"א.

תושלב"ע.

ספר

# פֶּלֶא יוֹעֵץ

## מן אות ה עד אות ח

דָאס סֵפֶר אִיז נֶעֱתַּק גֶעוָוארִין אוֹיס דֶעם סֵפֶר פֶּלֶא יוֹעֵץ אוּנְד אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע סִפְרֵי מוּסָר אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ כְּדֵי לְזַכּוֹת אֶת הָרַבִּים, וְכִשְׁמוֹ כֵּן הוּא, דָאס סֵפֶר טוּהְט ווּינְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת גֶעבֶּען ווִיא דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ פִיהְרֶען גֶעגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען, אוּנְד אוֹיךְ גֶעגֶען דִיא מֶענְשֶׁען. אוּנְד דֶער וָואס וֶועט אוֹיס דֶעם סֵפֶר לֶערְנֶען, דֶער וֶועט זִיךְ בְּוַדַּאי קוֹנֶה שְׁלֵמוּת זַיין, וְיִמְצָא חֵן בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם.

נעתק ע"י הרבני ה"ה יצחק האמבורגער נ"י מק"ק קראקא.

הובא לביה"ד ע"י ה"ה אברהם שטראם מבריגל.

הרוצה להשיג ספר הלז ידרוש בבית מסחר הספרים של האשה דבורה שטראם בטארנא.

## חלק ראשון

---


קראקא

בדפוסו של יוסף פישער (גראָדגאססע נו' 62).

שנת תרנ"ו לפ"ק.

# הסכמת

## הרב הגאון הגדול המפורסם בדורו רשכבה"ג מרן שמעון בהגאון מהר"ם סופר אבד"ק קראקא.

חזיתי איש מהיר במלאכתו מלאכת שמים ה"ה הרבני התורני הנעלה ירא וחרד אל דבר ה' מו"ה יצחק איטשה האמבורגער מתושבי קהלתנו ק"ק קראקא, ולבו לשמים לזכות את הרבים יגע וטרה להעתיק את הספר הנחמד פלא יועץ ללשון אשכנז ההמוני והראה לפני חלק הראשון והוסיף בכמה מקומות שושנים שלו מספרי מוסר יקרים ונחמדים וברכתי ברכת הנהנין כי לבי שמח בספר הזה מאוד שכבר עלה בדעתי מי יתן לי מעתיק ספר זה ללשון אשכנז לזכות בו את הרבים שאינם בקיאים בלה"ק. אשרי כל התומכו ומסייעו להרבני מו"ה יצחק נ"י להוציא מחשבתו הטובה מכח אל הפועל, להפיץ יראת שמים וטהרה בישראל יהי חלקי עמו.

הכ"ד פה ק"ק קראקא יום ו' עש"ק כ' לספירת העומר תרל"ג „קומי אורי כי בא אורך" לפ"ק.

הק' **שמעון** בהגאון **מהר"ם סופר** אבד"ק הנ"ל יע"א.

---

## אזהרה!

זאת לדעת כי הספר פלא יועץ על העתקת ע"ט קניתי מאת בעל המעתיק בכסף מלא וקנין כספי הוא. וחלילה לשום אדם להשיג גבולי הן ע"י עצמו או ע"י גירי דילי' ולא סגי לי' דליקו בארור, גם עפ"י נימוסי הקיר"ה ענוש יענש, ובני ישראל לא נחשדו וכו'.

**דברי המביא לביה"ד.**

## שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד.

(וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) דָאס אִיז אֵיין מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה דִיא וָאלְסְט דֵיין חָבֵר לִיעבּ הָאבֶּין וִויא דִיךְ זֶעלְבְּסְט, דָאס דָאזִיגֶע אִיז אֵיין כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, אוּנְד דִיא גְרֶעסְטֶע אַהֲבָה אִיז אַהֲבַת הַנֶּפֶשׁ מְזַכֶּה רַבִּים צוּ זַיין (לְמַעַן אַחַי וְרֵעָי שִׁמְעוּ אֵלַי וּתְחִי נַפְשְׁכֶם) הֶערְט מִיךְ צוּ ווערד אֵיהר אֵייעֶר נֶפֶשׁ עֶרְקְוִויקֶען, (וְהִנֵּה זֶה דָבָר גָּלוּי וּמְפוּרְסָם) דָאס אִיז אֵיינֶע אוֹיפֶענְבָּארֶע אוּנְד מְפוּרְסָמֶע זַאךְ דַאס דָאס וָואס דֶער מֶענְשׁ בֶּעשַׁאפֶען ווירד אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה אִיז נִישְׁט דִיא כַּוָּנָה דַאפִין דַאס עֶר זָאל קֶענֶען דֶעם עוֹלָם הַזֶּה גֶענִיסֶען, וֶועגֶין מֶעהְרֶערֶע טְעָמִים, אֵיינְס, ווייל מִיר זֶעהֶען דָאךְ דַאס דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה הָאט קֵיין בֶּעשְׁטַאנְד אוּנְד קֵיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ הָאט אֵיין קִיּוּם אוֹיף אֵייבִּיג נָאר אַזוֹ וִויא עֶס בֶּעשַׁאפִין ווירד אַזוֹ ווירד עֶס מְבוּטָל ווערִין, אוּנְד נָאךְ מֶעהְר זֶעהֶן מִיר דַאס אֲפִילוּ דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז דָאס אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְטֶע בַּאשֶׁעפֶנִישׁ פוּן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶנִישֶׁען פוּן דִיא וֶועלְט *) לֶעבְּט אוֹיךְ נִישְׁט אֵייבִּיג נָאר (דוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא) אֵיין דוֹר ווירד גֶעבּוֹרֶען אוּנְד דָאס פְרִיעֶרִיגֶע דוֹר גֶעהְט אַוֶועק פוּן דִיא וֶועלְט, דַאס אֲפִילוּ דֶער מֶענְשׁ נָאךְ אַזוֹ אַלְט ווירד צוּ דָאךְ (סוֹף אָדָם לָמוּת) הַיינְט וִויא אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ צוּ זָאגֶען אוּנְד נָאר אוֹיף דִיא גֶעדַאנְקֶען צוּ נֶעמֶען דַאס אַזוֹ אֵיין פּוֹעֵל חָכָם וִויא דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ וָואס צוּ זַיין אַלְמֶעכְטִיגְקֵייט אִיז גָאר קֵיין עֶרְפָארְשׁוּנְג אוּנְד קֵיין אוֹיסְלָאז, דָאס עֶר זָאל הָאבֶּין בֶּעשַׁאפֶען אַזוֹ אֵיינֶע לֶעדִיגֶע זַאךְ דְהַיְינוּ דֶעם גַאנְצֶען עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה מִיט אַלֶעם וָואס זִיךְ אוֹיף דִיא וֶועלְט בֶּעפִינְדֶעט וָואס קֵיין קִיּוּם אוּנְד בֶּעשְׁטַאנְד הָאט נָאר אַלֶעס אִיז פֶערְגֶענְגְלִיךְ וֶוען אֵיין דוֹר אַוֶועק גֶעהְט פוּן דִיא וֶועלְט אַזוֹ ווירד עֶס פֶערְגֶעסֶען אִיבּ עֶס אִיז אֵיינְמָאהְל פָארְהַאנְדֶען גֶעוֶועזִין נָאר אַזוֹ וִויא אַלֶעס עֶרְשַׁאפֶען ווירד פוּן דִיא עֶרְד אַזוֹ קוּמְט עֶס ווידֶער צוּרִיק אִין דִיא עֶרְד, עֶס אִיז דָאךְ זָאלְכֶעס נִישְׁט פַּאסֶענְד צוּ זָאגֶען אוֹיף אֵיין פּוֹעֵל חָכָם וָואס נָאר אֵיין בָּשָׂר וָדָם אִיז. צְווֵייטֶענְס, וִויא קָאן מֶען דָאס גָאר דֶענְקֶען דַאס פִיר וֶועגֶען דֶעם נַארִישֶׁען עוֹלָם הַזֶּה צוּ גֶענִיסֶען אִיז דֶער מֶענְשׁ בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, זָאג נָאר מִיר וֶוער אִיז דָאס דֶער וָואס גֶענִיסְט בֶּאֱמֶת דִיא וֶועלְט צְווִישֶׁען טוֹיזֶענְט אָרִימֶע לַייט וָואס אוֹיף דִיא וֶועלְט פֶערְפָאלְגְט זֶעגֶען וָואס מִיזֶען מִיט שְׁווֵייס אַרְבֵּייטֶען אוּם זֵייעֶר בְּרוֹיט צוּ פֶערְדִינֶען, טְרֶעפְט זִיךְ

איין

*) ווייל אַלֶעס וָואס אוֹיף דִיא וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אִיז, אִיז נָאר פִיר דֶעם מֶענְשׁ וֶועגֶן בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען. אַטֵייל פִיר זַיין פַּרְנָסָה, אַטֵייל פִיר קְלֵיידֶען, וִויא אוֹיךְ פַאר רְפוּאוֹת וֶועגֶן, וְעַל כּוּלָם וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין פָּסוּק (וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם, וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה, וּבְכָל הָאָרֶץ, וּבְכָל הָרֶמֶשׂ הָרוֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ), דָאס הֵייסְט דֶער בּוֹרֵא ב"ה הָאט אִין זַיין הַאנְד גִיגֶעבֶּען דַאס עֶר זָאל הָאבִּין צוּ גִיוועלְטִיגֶען אִיבֶּער דִיא פִישׁ פוּן יַם, אוּנְד אִיבֶּער אַלֶע גֶעפְלִיגֶעל, אוּנְד אִיבֶּער אַלֶעם וָואס נָאר אוֹיף דִיא וֶועלְט זִיךְ פִינְדֶעט, אַזוֹ זֶעהְן מִיר דַאס דֶער מֶענְשׁ אִיז דָאס אוֹיס גֶעצֵייכֶענְסְטֶע, אוּנְד דָאס חֲשׁוּבְסְטֶע בַּאשֶׁעפֶנִישׁ פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס אַלֶעס אִיז נָאר פִיר זַיינִיט וֶועגֶן בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארִין

אֵיין בֶּערֵייכְטֶערְמַאן, נָאךְ אַלֶעם ווִיא פִיעל פוּן דִיא רֵייכֶע מֶענְשֶׁען לֶעבֶּען אוֹיף דִיא ווֶעלְט מִיט מֶעהְר אוּנְרוּהִיג אוּנְד שְׁרֶעקְנִישׁ אוּנְד מִיט פַארְשִׁידִינֶע אוּנְגְלִיקֶען פוּן אֵיין אַנְדֶערִין מֶענְשׁ, אוּנְד בֶּאֱמֶת ווֶען מֶען ווֶעט ווֶעלִין אִין דִיא זַאךְ גוּט אַרֵיין זֶעהְן ווֶערְד מֶען זֶעהְן דָאס קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דִיא ווֶעלְט גְלֵייכְלִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין אַזוֹ ווִיא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט אָדָם לֶעָמָל יוּלָּד (איוב ה׳), וְיוֹסִיף דַעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב (קהלת א׳) הֵיינְט ווִי קָאן מֶען אַזוֹ ווָאס דֶענְקֶען אוֹיף דֶעם בּוֹרֵא הָרַחוּם וְחַנּוּן דַאס עֶר הֶעט זָאלִין פִיר דֶעסְטְוֶועגִין דֶעם מֶענְשׁ בֶּעשַׁאפֶען בָּעוֹלָם הַזֶה כְּדֵי זִיךְ אָנְצוּוֶועטִיגֶען מִיט דִיא פְּגָעֵי הַזְמַן אוּנְד צוּם סוֹף עֶרְשְׁט צוּ שְׁפִּירֶען דֶעם טַעַם מִיתָה ווָאס קֵיין אֵיינְצִיגֶער פָאן דֶעם עַנְטְרִינֶען ווִירְד:

וְעַתָּה אַחַי אַצוּנְד מַיינֶע פְּרַיינְד ווֶען עֶס אֵיין דָבָר בָּרוּר אִיז דָאס נִישְׁט דֶער עוֹלָם הַזֶה דֶער עִיקָר אִיז פִיר דֶעם מֶענְשׁ אוּנְד דֶעם מֶענְשְׁם אַהֶער קוּמֶען אוֹיף דִיא ווֶעלְט אִיז נִישְׁט אוּם עוֹלָם הַזֶה צוּ גֶענִיסֶען ווַייל אַלֶעם פַארְגֶענְגְלִיךְ אִיז אוּנְד אוֹיפְהֶערְלִיךְ אִיז, אַזוֹ בַּעַל כָּרְחֵינוּ מִיזֶען מִיר מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת זַיין אוּנְד בַּאשְׁטֶעטִיגֶען דַאס נָאר דֶער עוֹלָם הַבָּא דֶער עִיקָר אִיז ווָאס דָאס ווִירְקְלִיךְ אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ אִיז אוּנְד דֶעם מֶענְשְׁם גַאנְץ אַהֶער קוּמֶען אוֹיף דִיא ווֶעלְט אִיז נָאר כְּדֵי דַאס עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַשָּׁפָל עוֹלָם הַבָּא קוֹיפֶען דוּרְךְ תּוֹרָה אוּנְד מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים ווַייל נָאר דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גַאנְצֶער צִיעֶל אוּנְד תַּכְלִית פִיר דִיא נְשָׁמָה כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֶענִיסֶען דֶעם תַּעֲנוּג אוּנְד דָאס זִיסִיקֵייט פוּן עוֹלָם הַבָּא אוּנְד זִיךְ אָנְצוּוֶעטִיגֶען מִיט דֶעם לוֹיטֶערְקֵייט פוּן (זִיו כְּבוֹדוֹ) בָּעוֹלָם הַנְשָׁמוֹת ווָאס אִיבֶּער דֶעם תַּעֲנוּג אִיז שׁוֹין נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען קֵיין גְרֶעסֶערֶער תַּעֲנוּג אוּנְד דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ (אֲשֶׁר עַיִן לֹא רָאָתָה):

אוּנְד צוּ ווָאס דִיא נְשָׁמָה דַוְקָא בֶּעשַׁאפֶען ווֶערִין מוּז אִין אֵיין גוּף פוּן אֵיין מֶענְשׁ אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶה, אִיז נָאר אוּם דֶעם ווַייל דֶער בּוֹרֵא הָרַחוּם וְחַנּוּן ווָאס אִיז (חָפֵץ חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵטִיב) ווִיל הָאבִּין דָאס דִיא נְשָׁמָה זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם תַּעֲנוּג בָּעוֹלָם הַבָּא מִיט שִׂמְחָה אוּנְד אֵיי דִיא נְשָׁמָה בֶּעשַׁאפֶען ווִירְד דָאס אִיז אַזוֹ לַאנְג ווָאס זִיא נָאךְ אוֹיף אִיהְר עֶרְשְׁט אָרְט בָּעוֹלָם הַנְשָׁמוֹת אִיז הָאט נָאר קֵיין תַּעֲנוּג ווַייל אַלֶעם ווָאס זִיא דָארְט גֶענִיסְט ווִירְד אָנְגֶערוּפֶען (נַהֲמָא דְכִסוּפָא) ווַייל אַלֶעם ווָאס זִיא דָארְט גֶענִיסְט אִיז נָאר בְּמַתְּנַת חִנָּם אוּמְזוּנְסְט ווַייל זִיא הָאט זִיךְ נָאךְ גָאר נִישְׁט פַארְדִינְט גֶעמַאכְט, אִיבֶּער דֶעם הָאט זִיא דֶער בּוֹרֵא ב״ה דָא אַהֶער גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַזֶה אִין אֵיין גוּף פוּן אַמֶענְשׁ ווָאס אִיז אוֹיס בָּשָׂר וָדָם ווָאס דֶער גוּף טוּט נָאר גְלוּסְטֶען צוּ עוֹלָם הַזֶה זַאכֶען פוּן עֶסֶען אוּנְד טְרִינְקֶען אוּנְד אוֹיךְ צוּ אַנְדֶערֶע תַּעֲנוּגִים ווָאס דָאס אַלֶעם זֶעהְר גֶעפֶעהְרְלִיךְ אִיז פִיר דִיא נְשָׁמָה הַקְדוֹשָׁה אוֹיךְ הָאט דֶער בּוֹרֵא ב״ה דֶעם מֶענְשׁ שֵׂכֶל גִיגֶעבֶּען אוּנְד דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה ווָאס טוּט דֶעם מֶענְשׁ לֶערְנֶען צוּ ווִיסֶען אוּנְד צוּ פַארְשְׁטֶעהֶען דֶעם אֱמֶת אוּנְד דֶעם עִיקָר אוּנְד ווָאס דֶער תַּכְלִית אִיז צוּ דִיא נְשָׁמָה מִיט ווָאס עֶר דַארְף זִיךְ אִין מֶעהְרְסְטֶענְס בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען בָּעוֹלָם הַזֶה דְהַיְינוּ מִיט תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אוֹיךְ הָאט דֶער בּוֹרֵא ב״ה דֶעם מֶענְשׁ דִיא בְּחִירָה גִיגֶעבֶּען דָאס עֶר זָאל זַיין אִין זַיין אֵיינִיגֶע הַאנְד אַזוֹ צוּ טוּהְן ווִיא עֶר ווֶערְד זִיךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיסְעֶרְווֶעהְלֶען, אָדֶער צוּ פָאלְגִין

דעם גוף דעם יצר הרע, אדער דעם שכל דעם יצר טוב. איבער דעם איז דער מענש אין איינע גרויסע מלחמה ווייל די נשמה טוט נאך גליסטען צו טוהן דעם רצון הבורא ב"ה פון מעשים טובים ווייל זיא קומט דאך אהער פון איין מקום קדוש, אונד דער גוף ווידער ווייל ער איז בעשאפען געווארען פון די וועלט וואס איז מלא תאות איבער דעם טוט ער נאר גליסטען אויף עולם הזה זאכען אויף לעהרע זאכען אזו וועגט זיך אלעם נאר אן דעם מענש צו וועם ער טוט צו העלפען, טוט ער צו העלפען די נשמה אזו מוז דער גוף בעל כרחו אונטערטעניג ווערין צו די נשמה וואס מוז טוהן וואס די נשמה דער שכל וויל טוהן, טוהט אבער דער מענש צו העלפען צו דעם גוף זיינע תאות הגוף צו ערפילען אזו טוהט ער ווידער בעל כרחו די נשמה אונטערטעניג מאכען אונטער דעם גוף צו דעם יצר הרע אונד טוט וועלבעסט זיין נשמה אויסווארצלען פון איהר גרויסע מדרגה וואס זיא איז פריער גיוועזען אונד ברענגט זיא (לבאר שחת) אין די פינצטערע גרוב:

איבער דעם אחים ורעים יידישע קינדער (שמעו אלי) הערט מיך צו (ותחי נפשכם) וועט איהר אייער נשמה מחיה זיין אז מיר האבין שוין אויפמערקזאם געמאכט דאס וואס דער מענש אויף דעם עולם הזה אהער געקומען איז, איז נאר כדי זיין נשמה מתקן צו זיין דורך תורה ומצות ומעשים טובים כדי צו טוהן איין נחת רוח צו הקב"ה אונד אלעם איז אין אונזער האנד איבער דעם לאזין מיר אונז שטארקען בכל עוז געגען דעם יצר הרע אונד לאזין מיר כל התפעלות טוהן כדי דעם תכלית צו ערלאנגען כדי דאס מיר זאלין נישט דארפען צוריק אהיים צו קומען נאקעט אונד לעהר פון מצות אונד מעשים טובים אונד צוריסען אונד פארשעהמט מיט פיעל עבירות (אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה) לאזין מיר נישט ווארטען אויף די צייט דאס מיר זאלין דארפען צו שרייען אך אונד וועה איז צו מיר מיט וואס האב איך מיין לעבין צו געבראכט מיט וואס האב איך די טייערע צייט פארוועגט וואס איך העט מיר גיקענט אין די צייט קונה שלימות זיין וואס נעם איך מיר אצונד מיט פון מיין גאנץ שווערר בעמיהען אונד שווערר ארבייטען אונד מיט פיעל דאגות אונד כעס ומכאובים צו געבראכט האב דאס איך זאל אצונד שטארבין וויא איין בהמה אונד נאך פיעל ארגער פון איינע בהמה ווייל זיא דארף דאך קיין דין וחשבון צו געבען ווייל זיא איז דאך מיט קיין שכל בעשאפען גיווארין אבער איך ארימער מענש וועל דאך בודאי מוזען דין וחשבון געבין איבער אלע מיינע מעשים פון אנפאנג ביז צום סוף (ואין רחמים בדין) מען פערשוינט קיינעם ביים דין נאר (הכל לפי מעשיו) האסט דוא דיר מצות אונד מעשים טובים מיט צו נעמען וואהל דיר אונד וואהל דיין נשמה, ווען דוא בן אדם האסט אבער נאר דיין לעבען צו געבראכט מיט נארהייטען נאר בלוים פיר עולם הזה וועגין אזו איז דאך דיין גאנץ אהער קומען גאנץ אומזונסט גיוועזין דען וועגין דעם עולם הזה צו בעדינען איז דאך געגוג חיות אונד בהמות דא, עס מאנגעלט נאר נישט, דארויף איז ווירקליך צו ווייגען דאריבער וואס וועסט מוזען דעם שווערען עונש ליידען וואס האסט דעם בורא עולם בעמיהט דיך אומזונסט

צו

צו בעשאפען אונד דיר איינע הייליגע נשמה גיגעבען וואס אהער קומט פון איין מקום קדוש (מתחת כסא הכבוד) אונד דוא דורך דיינע פערדארבענע מעשים האסט זיא פארפלעקט אונד פארפינצטערט, לײדער אבער עס וועט שוין דאמאלס צו שפעט זיין וואס דיין בעדויערין אונד קלאגען וועט גאנץ אומזונסט זיין וייל נאר אזו לאנג וואס דער מענש לעבט איז צייט מסגל צו זיין תורה ומעשים טובים אבער אז דער מענש איז שוין אויף דעם עולם האמת איז נישט מעהר אין זיין מאכט עפעס מצות מקיים צו זיין ווייל נאר דיא דאזיגע וועלט ווירד אנגערופען דער עולם העשיה אונד יענע וועלט דער עולם הגמול :

אבער אחים ורעים וואס איך האב אייך ליב אהבת הנפש וגם וואס מיין גאנץ גליסטונג כל ימי חיי איז נאר מזכה רבים צו זיין כדי צו טוהן אנחת רוח להקב"ה לאזין מיר אונז נישט פערצוגען אונד שרעקט נישט מיר געפינען וואס דיא חכמים הקדושים האבין געשריבען (יש קונה עולמו בשעה אחת וכו') דאס הייסט דער מענש קען זיך עולם הבא קויפען אין איין שעה ומכל שכן אין איין גאנצען טאג ומכש"כ אין מעהרערע טעג אזו לאנג וואס דער ווארצעל פון אונזער פאטער אברהם נאך ביא אונז איז דאס איז דיא אמונה אן דעם בורא עולם ב"ה דאס (מלא כל הארץ כבודו) אונד גיבט אכטונג אויף יעדעם טריט פון מענש אונד ער וויים יעדע מחשבה פון יעדען מענש אונד מיר גלייבען דאך דאס עס איז פארהאנדען שכר ועונש איבער דעם מענשם מעשים אונד (כל מעשיו בספר נכתבים) אלע מעשים פון מענש ווערין אין ספר זכרונות איינגעשריבען, אזו איז נאך פיעל אונד פיעל האפנונג דאס מיר וועלין קענען אונזערע שלעכטע מעשים אויסבעסערין ווען מיר וועלין נאר וועלין ווייל ווען דער ווארצעל נאך דא איז אזו קאן נאך אימער פירות טראגען, אונד מיר יודען האבין דאך שוין פון לאנג דעם טיטעל (מאמינים בני מאמינים) נאר וואס דען איז דער מעכב? דער שטארקער יצר הרע וואס מאכט פארקלעבט אונזערע אויגען פון צו זעהן דעם אמת אונד מאכט אונז גאנץ פארגעסען צו וועלכען צוועק מיר זענען בעשאפען געווארען אזו מיינט דער מענש דאס דער גאנצער תכלית איז נאר דעם נארישען עוה"ז צו ערלאנגען וואס איז נאר איין הבל הבלים אונד האט קיין קיום נאר פארשווינד וויא דער ווינד, אבער ליבער פריינד פארגעס נישט וואס דיא הייליגע תורה האט געשריבען (ואתה תמשל בו) דער מענש זאל האבין צו שאפען איבער דעם יצר הרע איהם כובש צו זיין ווען נאר דער מענש וויל ווייל דער יצר הרע קומט נאר צו גיין מיט לויטער ליגענד אונד שקרים אבער איין שטיקעל אמת האט אין מאכט פיעל שקר צו פערטרייבען אזו וויא איין שטיקעל ליכט טוט פינסטערניש פערטרייבען אונד מהאי טעמא האט אונז דער בורא ב"ה דיא תורה הקדושה גיגעבען אונד האט אונז מבטיח גיוועזען דאס ווען מיר וועלין דיא תורה לערנען אזו וועלין מיר בודאי קענען דעם יצר הרע כובש זיין נאר אן ספק, אויך דיא חכמים הקדושים האבען געשריבען (בראתי יצר הרע בראתי תבלין) הקב"ה זאגט צו דיא ישראל איך האב בעשאפין איין יצר הרע האב איך ווידער בעשאפען איין גוט היילמיטעל דאס איז דיא תורה אבער

# פתיחה

דאס מיר זאלין אונז וועלין איינרעדען דאס אן תורה איז אויך פארהאנדען דעם שטארקען יצר כובש צו זיין דאס דאזיגע איז איין שקר מוחלט. ולכן אחים ורעים יידישע קינדער! ווען אלעם ווענט זיך נאר אן אונז ווערבסט אונד עס איז אין דעם מענשם האנד יעדען טאג זיך מעהר מתקן צו זיין אונד קונה שלימות צו זיין אזו לאזין מיר דיא טהייערע אונד קאסטבארע צייט נישט פארשווינדען לאסען מיט נארהייטען מיט הבל הבלים דהיינו זיינע גאנצע יאהרען נאר בלוים וועגען עולם הזה צו ערדייכען נאר, הערט מיך צו וועט איהר אייך גליקליך מאכען אויף ביידע וועלטין, דאס איז דיא בעסטע עצה דאס מיר זאלען אונז קובע זיין בכל יום ויום תורה צו לערנען אונד תורה צו צוהערען לערנען (כי זה חיינו ואורך ימינו) מיר דארפען נישט צו פארגעסען וואס דיא חכמים הקדושים האבין געשריבין (הרחוק מן התורה רחוק מעבודת הבורא) דאס הייסט דער וואס איז ערוייטערט פון דיא תורה דער איז אויך ערוייטערט פון גאטס דינסט. איהר זאלט אבער נישט מיינען דאס נאר מיט בלוים תהלים זאגין קאן שוין דער מענש זיך אויסבעסערין זיינע פארדארבענע מעשים ניין ניין עס שטייט דאך געשריבען (אם אין יראה אין חכמה) דער וואס קיין יראה האט, האט אויך זיין לערנען קיין ווערטה, אויך שטייט (הלומד ואינה מקיים נוח לו שלא נברא) דער וואס לערנט אונד איז נישט מקיים וואס אין דיא תורה שטייט אזו ווער פיר איהם בעסער דאס ער ווער נאר נישט געבוירין געווארין. איבער דעם איז דאס איין חיוב גדול בכל יום מוסר ספרים צו לערנען אויך דינים פון שלחן ערוך צו לערנען דורך דיא ספרי מוסר וועלין מיר ערפאהרען יעדען טאג אויף וויא פיעל עבירות דער מענש יעדען טאג עובר איז אונד דיא שלעכטע מדות וואס מיר בעזיצען דען וואס נוטצט דעם מענש זיין לערנען אדער תהלים זאגען ווען ער איז מלא מיט עבירות אונד טוט פיעל שלעכטע מדות בעזיצען דוד המלך ע"ה האט אין תהלים געשריבין (ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חוקי וגו') צו דעם רשע זאגט גאט ב"ה וויא קומט צו דיר דאס דוא זאלסט מיין תורה לערנען אונד דוא זאלסט נאר מיינע געזעטצע אויף דיינע לעפצען טראגען דער רשע טוט נאך מיט זיין לערנער זיין באשעפער ערצארנען, איבער דעם איז דאס איין חיוב גדול זיך קובע צו זיין יעדען טאג איין שיעור קבוע אוים דיא ספרי מוסר צו לערנען וייל פונקט אזו וויא מיט וואסער קאן מען פייער פארלעשען אזו אויך מיט מוסר לערנען קאן מען דאס פייער פון דעם יצר פארלעשען, איבער דעם אחים ורעים לאזין מיר אונז נישט פאפען נור לאזין מיר אנוועניגסטענס מיט דעם, דעם יצר בצווינגען דאס מיר זאלען אונז פארשידענע מוסר ספרים קויפען אונד בכל יום אוים זייא צו לערנען, וכפרט דאס ספר עת לעשות אונד דאס ספר פלא יועץ זייא האבען ווירקליך דאס דור צוגעטראפען וואהל דעם וואס אוים זייא יעדען טאג לערינט, נור אבער וייל דאס חשובע ספר פלא יועץ איז נור אויף לשון הקודש געדרוקט געווארען אונד עס גיבט ב"ה כמה וכמה אנשים יראים ושלמים וואס פערשטעהן נישט בלשון הקודש דאס דאזיגע האט מיך געבראכט צו דיא עבודה, עבודת הקודש דאס דאזיגע ספר פלא יועץ מעתיק

צו זיין מלשון הקודש אויף לשון אשכנזי יידיש דייטש כדי לזכות את הרבים כדי יעדער זאל קענען פון זיינע היילגע רייד איין נוטצען האבען אונד זיך מציל צו זיין פון דעם ביטערין גיהנם. חאטשע דאס דאס דאזיגע ספר מעתיק צו זיין אויף עברי דייטש מוז פיעל צייט קאסטען אעפ״כ (כדי לעשות רצון אבי שבשמים) מזכה רבים צו זיין האב איך מיר דאס אונטערגענומען. ווייל כולם וואס דיא כוונה פון בעל המחבר פון דעם דאזיגען ספר איז באלד געוועזן דאס ספר צו מאכען אויף אזו איין לשון וואס איין יעדער פערשטייט נאר אבער ווייל דער בעל המחבר ז״ל איז איין בעל ספרד פון דיא טירקייא געוועזן אונד זיין לשון איז נישט בעקאנט אויף דיא וועלט דאס האט איהם געצווינגען דאס ספר צו שרייבען בלשון הקודש וואס בעקאנט איז אויף דיא גאנצע וועלט (בכל תפוצות ישראל) אונד ווייל איך איינגעזעהן האב דאס דאס ספר זעהר נייטיג איז צו לערנען פיר איין יעדען מענש ובפרט פיר דעם המון עם, אונד דיא מענשען וואס פערשטיין יוא בלשון הקודש אכטען גאנץ ווייניג מוסר ספרים צו לערנען חאטשע דאס דאס זעהר נייטיג איז ובפרט בדור הזה וואס דאס יידישקייט ווירד ליידער בכל יום ויום שוועכער אונד דיא מענשען ווידער וואס האבין יוא ליעב מוסר צו לערנען פערשטעהן ווייניג בלשון הקודש לכן האב איך מיר דיא עבודה עבודת הקודש אונטערגענומען דאס חשובע ספר מעתיק צו זיין אויף עברי דייטש כדי ממלא צו זיין דעם רצון המחבר זצ״ל וכדי לעשות רצון אבי שבשמים פיליכט ווירד מיר דער זכות פון רבים בייאשטיין בייא דעם יום הדין איין כפרה צו האבען איבער מיינע חטאת נעורים. וזאת בין איך מודיע דאס איך האב דאס ספר נישט מעתיק געוועזן אות באות ווייל ערשטענס וועהרע דיא הוצאה דאפון פיעל געוועזען וגם איז עס נישט נייטיג געוועזן פיר דעם המון עם אזו האב איך נאר מעתיק געוועזן וואס נייטיג איז, אויך האב איך מוסיף געוועזן כמה וכמה דינים הנצרכים וגם פיעל דברי מוסר משאר ספרים הקדושים וואס איך האב פערשטאנען דאס עס נייטיג איז פיר דעם הייטיגען דור:

אויך איז בזמן הזה געדרוקט געווארין דער חיי אדם אונד דער דרך החיים אויף עברי טייטש וואס דאס איז אויך זעהר נייטיג צו לערנען פיר דעם המון עם, בזמן הזה קאן מען אלעם לייכט וויסען אונד לערנען אפילו דער וואס פערשטייט נישט בלשון הקודש. אבער ווייא געשריגען דער יצר הרע איז איין זקן וכסיל ווייל ער ווייסט וואהל דאס ווען מיר וועלין יעדען טאג ספרי מוסר לערנען אזו וועלען מיר אונז בודאי מתקן זיין אונד וועלען קענען אונזערע שלעכטע מדות אויסבעסערין, איבער דעם טוט ער דעם מענש אבפיהרין פון דעם אמתדיגען וועג וואס טוט איינרעדען דאס מוסר ספרים טויג נאר פיר ווייבער אונד קליינע קינדער וואס קיין פערשטאנד האבען, אבער נישט פיר אזו א מענש וואס שוין פערשטאנד האט, איין יעדער רעט זיך איין וואס טויג מיר מוסר צו לערנין איך פערשטייא אליין וואס יוא צו טוהן אונד וואס נישט צו טוהן, באמת אבער איז דאס אלעם נאר מעצת היצר דען מיר געפינען דאס גדולי ישראל וואס האבין זייער גאנץ לעבין נאר מיט עבודת השם צו געבראכט

האבין גיזאגט ווען איך נאר איינציגע טעג פערפעהל מוסר צו לערנען אזו פיהל איך מיך שוין לייכטער אין יראת השם. אונד וואס זאלען נאך מיר זינדיגע מענשען בדור הזה זאגען וואס דער עולם הזה איז דער עיקר ביא אונז וואס דאס מעהרסטענס ארבייטען איז נאר פיר עולם הזה וועגען דיא תאות הגוף ממלא צו זיין אונד פיר דיא נשמה טוהט מען ליידער גאנץ וועניג טראכטען, וויא פיעל מוסר ברויכען נאך מיר כדי דעם שטארקען יצר צו בעצווינגען אפילו אז איינער קויפט זיך שוין דאס מוסר ספר האלט ער עס נאר שטאץ איין מעשה ביכעל ווען ער דאס ספר נאר איינמאהל דורך געלעזען האט אזו ליינט ער עס שוין אוועק אונד פון איינמאהל דורך לעזען בלייבט איהם גאנץ וועניג אין קאפף. פיליכט נאר נישט דען מיט איינמאהל דורך לעזען קען מען זיך נאך נישט דעם הרגל פון אזו פיעל יאהרען אומווענדען. איבער דעם ווער עס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבין אונד וויל זיך מציל זיין פון דיא ביטערע עונשים פון דעם גיהנם דער זאל זיך פערשידענע מוסר ספרים פערשאפען דהיינו מנורת המאור, שבט מוסר, שמחת הנפש, עת לעשות, קו הישר, פלא יועץ אויך חיי אדם אונד דעם סידור דרך החיים עם תוכחת מוסר אונד נאך דער גלייכען אונד מען זאל זיך מאכען איין חוק ולא יעבור יעדען טאג איין שיעור קבוע אוים זייא צו לערנען קיין איינציגען טאג נישט צו פערפעהלען, ווען מיר וועלען דאס טוהן אזו האבען מיר פיעל אונד פיעל האפנונג אין איין קארצע צייט אונז מתקן צו זיין אבער זיך איינצורעדען דאס אן מוסר לערנען קען מען זיך אויך מתקן זיין דאס איז איין שקר מוחלט ווייל דאס איז איין ידיעה דאס יעדער מענש ווירד ערוואקסען מיט פיעל שלעכטע מדות אויך גיבט פיעל עבירות וואס דיא מענשען זענען מיט זייא שוין איינגעוואהנט פון דיא יוגענט אן היינט וויא איז מעגליך זיך צו קענען דעם הרגל פון אזו פיעל יאהרען אויסבעסערין ווען נישט דורך דעם וואס מען זאל בעשטענדיג יעדען טאג אוים דיא מוסר ספרים לערנען וואס זייא ערמאנען דעם מענש דאס נישט דער עולם הזה איז דער עיקר אונד נישט פיר עולם הזה וועגען האט אונז דער בורא ב"ה ערשאפין מיט איינע היילינע נשמה וואס קומט אהער פון דעם כסא הכבוד, נאר דער עיקר וואס דער מענש איז בעשאפען געווארען בעולם הזה איזט נאר צו טוהן דעם רצון הבורא אונד זיין נשמה מתקן צו זיין כדי זיא גליקליך צו מאכען בעולם שכלו טוב כדי זיא זאל זיך קענען אנזעטיגען מיט דעם זיסיגקייט פון זיין לויטערקייט אויך אין דיא מוסר ספרים וועלין מיר געפינען אן וועלכע מדות טובות דער מענש דארף זיך צו בעגרייפען אונד פון וועלכע מדות זיך צו ערווייטערען איבער דעם איז קיין אנדרע עצה רק דאס מיר זאלען אונז פעסט מאכען בעשטענדיג מוסר צו לערנען אזו קאנען מיר מיט געווים דארויף רעכנען דאס דער זכות פון דיא היילינע תורה אויך דער זכות פון דיא היילינע צדיקים וואס האבען דיא ספרים געשריבען וועלען אונז דיא אויגען עפענען צו פארשטיין דעם אמת און דעם תכלית אונד מיר וועלין קענן בעזר השם אונזער נשמה מתקן זיין אונד זיא מציל זיין פון דען ביטערן גיהנם:

ועתה אצונד ווען מיר האבן שוין אויפמערקזאם געמאכט דאס אן מוסר איז

נָאר קֵיין אוֹפֶן זִיךְ צוּ קֶענֶען פַארֶעכְטֶען אַזוֹי אִיז בֶּאֱמֶת צוּ בֶּעדוֹיעֶרְן דִיא מֶענְשֶׁן וָואס פָּאפֶּען זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַלֵיין וָואס זָאגֶן אִיךְ הֶעט גֶערְן גוּט אוּנְד רֶעכְטְפַארְטִיג גִיוֶועזֶען זוֹכֶה צוּ זַיין לְעוֹלָם הַבָּא אוּנְד וִוילֶען אֲפִילוּ מִיט דֶעם אַלֵיין נִישְׁט דֶעם יֵצֶר כּוֹבֵשׁ זַיין יֶעדֶן טָאג מוּסָר צוּ לֶערְנֶען: אִיבֶּער דֶעם יִידִישֶׁע קִינְדֶער לָאזֶן מִיר אוּנְז שְׁטַארְקֶען אִין וֶועניגְסְטֶנְם מִיט דֶעם דֶעם יֵצֶר הָרָע צוּ בֶּעצְווִינְגֶען דָאס מִיר זָאלֶען אוּנְז מַאכֶען אֵיין חִיוּב אַזוֹי וִויא עֶס אִיז אֵיין חִיוּב יֶעדֶן טָאג צוּ דַאוְונֶען אַזוֹי אוֹיךְ זָאל זַיין אֵיין חִיוּב יֶעדֶן טָאג נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען וִויא אוֹיךְ בַּייא יֶעדֶם עֶסֶן צוּ לֶערְנֶען מוּסָר אוּנְד חַיֵּי אָדָם אָדֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקָּצָר אֵיין יֶעדֶר לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד לָאזֶן מִיר נִישְׁט וַוארְטֶען אוֹיף דִיא צַייט דָאס מִיר זָאלֶען דַארְפֶען צוּ שְׁרַייעֶן אָךְ אוּנְד וֵויי מִיט וָואס גֶעה אִיךְ אַוֶועק פוּן דִיא וֶועלְט אוּנְד מִיט וָואס גֵיי אִיךְ אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת אָן מִצְוֹת אָן מַעֲשִׂים טוֹבִים אָן תּוֹרָה נָאר בְּלוֹיז מִיט פִיעל עֲבֵירוֹת אוּנְד מִיט מַעֲשִׂים מְכוֹעָרִים אָךְ אוּנְד וֵויי אִיז צוּ מִיר וִויא קָאן מֶען אַזוֹי עֶרְשַׁיינֶען פַאר דֶעם בּוֹרֵא בָּ"ה, אוּנְד פַאר אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַן עֵדֶן אוּנְד פַאר אַזוֹי פִיעל הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. אָךְ וִויא וֶוער גֶעבְּט מִיךְ דַאמָאהְל"ס פַארְדֶעקֶען שַׁאנְד אוּנְד שְׁפָּאט אוּנְד צוּ וֶועהְם וֶועל אִיךְ קֶענֶען אֶנְטְלוֹיפֶען וֶועגֶן הִילְף וֶוער וִוירְד דֶען פִיר מֵיינְט וֶועגֶן לַיידֶען קֵיינֶער נִישְׁט נָאר אִיךְ אַלֵיין:

לָאזֶן מִיר נָאר בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא רֵייד פוּן הקב"ה צוּם נָבִיא יְחֶזְקֵאל (חַי אָנִי נְאֻם ד' אֱלֹהִים. אִם אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הָרָשָׁע כִּי אִם בְּשׁוּב רָשָׁע מִדַּרְכּוֹ וְחָיָה) אַזוֹי וָואר וִויא אִיךְ לֶעבּ שְׁוֶוערְט גָאט בּ"ה אוֹיבּ אִיךְ בַּאגֶער אַן דֶעם טוֹיט פוּן רָשָׁע, נָאר דָאס אִיז מַיין רָצוֹן דַאס עֶר זָאל וִוידֶערְקֶעהְרֶן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטֶן וֶועג כְּדֵי דָאס עֶר לֶעבֶּן זָאל. נָאךְ אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט (שׁוּבוּ שׁוּבוּ מִדַּרְכֵיכֶם הָרָעִים וְלָמָּה תָמוּתוּ בֵּית יִשְׂרָאֵל) קֶעהְרְט צוּרִיק קֶעהְרְט צוּרִיק פָּאן אַיירֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגֶן וָוארוּם זָאלְט אִיהְר שְׁטַארְבֶּן קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל (וְנֶאֱמַר הֶחָפֵץ אֶחְפֹּץ מוֹת רָשָׁע נְאֻם ד' אֱלֹהִים. הֲלֹא בְּשׁוּבוֹ מִדְּרָכָיו וְחָיָה) בַּאגֶער אִיךְ דֶען אַן דֶעם טוֹיט פוּן רָשָׁע זָאגְט גָאט בּ"ה, פַארְוָואהְר וֶוען עֶר וִוירְד וִוידֶערְקֶעהְרֶן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגֶן וִוירְד עֶר דָאךְ לֶעבֶּן דָאס אִיז גְמֵיינְט עֶר וִוירְד לֶעבֶּן לעוה"ב:
(וְנֶאֱמַר כִּי לֹא אֶחְפֹּץ בְּמוֹת הַמֵּת וכו' וְהָשִׁיבוּ וִחְיוּ) בַּאגֶער אִיךְ דֶען דַאס דֶער רָשָׁע זָאל שְׁטַארְבֶּן טוֹיט וִוידֶערְקֶעהְרֶן אַזוֹי וִוירְד אִיהְר לֶעבֶּן וִויא זָאל נִישְׁט דָאס הַארְץ פוּן אֵיין יֶעדֶן צוּבְּרָאכֶען וֶוערֶן וִויא מֶען זֶעהְט וִויא דֶער בַּארִימְהַארְצִיגֶער גָאט בֶּעט וִוידֶער אוּנְד וִוידֶער דִיא יִידִישֶׁע קִינְדֶער דַאס זֵייא זָאלֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן כְּדֵי דַאס זֵייא זָאלֶען נִישְׁט דַארְפֶען חָלִילָה אִין דֶעם גֵיהִנֹם קוּמֶען וַוייל אַלֶעס וֶוענְט זִיךְ נָאר אַן דֶעם מֶענְשׁ אַלֵיין דָאס הָאט גָאט בּ"ה אִין דִיא הֶענְד פוּן דִיא מֶענְשֶׁן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּן צוּ זַיין אַזוֹי וִויא עֶר וִוירְד זִיךְ אוֹיסְעֶרְוֶועהְלֶען אָדֶער צוּ זַיין אֵיין צַדִיק אוּנְד צוּ הָאבֶּן דָאס גַן עֵדֶן אָדֶער אֵיין רָשָׁע אוּנְד דָאס גֵיהִנֹם. אִיבֶּער דֶעם בֶּן אָדָם, שְׁטַארְק אוּנְד פֶּעסְטִיג דִיךְ אוּנְד שְׁטְרֵייט קֶעגֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע וַוייל דוּא נָאךְ לֶעבְּסְט אוּנְד דִיא בְּחִירָה אִיז נָאךְ אִין דַיין הַאנְד דֶעם יֵצֶר כּוֹבֵשׁ צוּ זַיין דֶער בּוֹרֵא בּ"ה דֶער אָב הָרַחֲמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפֶען דַאס מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין גֶערֶעכְנֶעט צוּ וֶוערֶן פוּן דִיא בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה אוּנְד צְווִישֶׁן דִיא עוֹבְדֵי ד' בֶּאֱמֶת אָמֵן:

דִבְרֵי הַמְתַרְגֵם.

## אהבת השם

עס איז נישט פארהאנדען איין בעסערע מדה פון דיא מדה, צו האבין אהבה צו הקב"ה ווייל פון דעם טוט ארויס שפראצען דיא גאנצע עבודה צו השם יתברך אויך דאס גאנצע יידישקייט ווייל עס איז נישט צו פערגלייכען דיא עבודה, וואס קומט מחמת יראה קעגין דיא עבודה, וואס איז מחמת אהבה, והנה צו האבין אהבה צו הקב"ה איז איינס פון דיא תרי"ג מצות אונד אויך איז דיא מצוה נוהג יעדע צייט אונד כל רגע ורגע, אויך קען מען דיא מצוה פון אהבת השם מקיים זיין בלוים במחשבה דהיינו יעדעם מאהל וואס מען נימט זיך אין דיא גידאנקען אריין צו טראכטען דאס מען דארף דעם בעשעפער ליעב צו האבין מיט גרויס ליבשאפט איז מען שוין דיא מצוה מקיים ווייל עס איז ועהר לייכט דיא דאזיגע מצוה מקיים צו זיין ווייל איין מענש קען דאך אן איין מחשבה נישט זיין עפעס צו טראכטען היינט אין דיא צייט וואס מען זאל טראכטען נארהייטען פון לעדיגע זאכען איז דאך בעסער צו טראכטען מחשבות טובות וטהורות, היינט דער מענש וואס איז זיך בוחר צו טראכטען במחשבות זרות והרהורים רעים אין דיא צייט וואס ער האט גיקענט טראכטען אן אהבת השם יתברך אונד אן נאטס פארכט אונד במחשבות טובות, דעם קאן מען ראכנען פיר (מאבד עצמו לדעת). ולכן איז ראוי זיך צו שטארקען מיט אלע כוחות קעגען דעם יצר נישט צו צולאזען דיא מחשבות רעות ובטלים נאר יעדעם מאהל וואס קומט אין דיא געדאנקען אריין איינס פון דיא מחשבות רעות ר"ל זאל מען זיך שטארקען דיא מחשבות צו פארוועקסלען אויף מחשבות טובות דהיינו מחשב צו זיין איך גלייב באמונה שלמה אן אחדות השם דאס ער איין איינציגער גאט איז וואס האט הימעל אונד ערד בעשאפען פון גאר נישט. אויך איך גלייב באמונה שלימה דאס דער בורא ב"ה איזט משגיח אויף דיא גאנצע וועלט אונד ער האט אונז פון מצרים ארויס געצויגען דורך זיין קנעכט משה רבינו. אויך איך גלייב אן דיא תורה הקדושה דאס זיא איזט אמת אונד איך בין אויף מיר מקבל צו האלטען וואס דיא תורה געבאטען האט אונד נאך דער גלייכען דאס אלעם איז פון דיא מחשבות טובות וואס מען איז מקבל שכר פיר זאלכע מחשבות גלייך מען וואלט מקיים גיוועזין אנדערע מצות עשה:

והנה עס איז פארהאנדען צווייא ערלייא אהבה איינס איז מחמת עצמו דען דיא טבע פון מענש איז ליעב צו האבין אזו אמענש וואס מען האט פון איהם עפעס איין טובה מקבל גיוועזין ומכל שכן אז מען איז נאך פון דעם יעניגען מקבל זיין גאנצע פרנסה אונד ער טוט מיט איהם פיעל גוטס אונד גראסע חסדים אונד אלעם איז נאר במתנת חנם אזו איז דאך שולדיג דער (מקבל הנאה) צו זאגען מיט וואס זאל איך איהם בעצאהלען פאר זיין פיעל גוטס וואס ער מיט מיר גיטוהען האט אונד טוט נאך ווייטער ווען אפילו ער מעכט מיך געשיקט וועגען איין שליחות אפילו אין מיטין דיא נאכט אזו העט איהם גידארפט אלעם צו הארכען ומכל שכן ווען דער יעניגער האט נאך

דאצו איהם מציל געוועזן פון איינע חולה רע ר״ל אזו וועט נאך די ליבשאפט צו איהם נאך שטארקער, אונד ווען דער יעניגער האט נאך איהם פון טוט גירעטעט אזו דארף די אהבה צו איהם נאך שטארקער צו זיין אונד נאך אזו ווייטער עס גיבט ביא דעם פיעל מדריגות (ועל אחת כמה וכמה) וויא גראס אונד שטארק דארף נאך צו זיין די אהבה פון איין מענש צו הקב״ה וואס אללע טובות פון די וועלט עס זייא וואס קומט מן השמים אדער פון די מענשין דאס אלעס איז דאך נאר בלויס פון איהם אליין אונד וויא פיעל דאנק אונד ליב דארף דער מענש צו געבן צו השם יתברך דאס ער האט איהם מציל געוועזן פון די אללע צרות אונד איבלע טרעפינגען וואס אלעס אויף די וועלט די מענשען טוט בגעגענען. ולכן דער איש יהודי וואס גאט ב״ה האט איהם גילייטוועליג מיט שכל דארף צו זאגין מיט וואס קען איך מיך פעדערן אונד מיך איינבוקן פאר דעם ערהויבענען אונד אלמעכטיגען גאט וואס האט מיר אזו פיעל גוטס געטוהען (עד אין חקר ועד אין מספר) אונד באמת ווענן ערשט די אללע טובות נאר גירעכענט וויא איין טראפפען אין ים קעגען די טובה וואס ער האט אונז יודען מזכה גיוועזין מיט איינע הייליגע נשמה אונד מיט זיין תורה הקדושה אונד האט אונז אויסערוועהלט פון אללע פעלקער פיר זיין פאלק אונד האט אונז גיהייליגט מיט זיינע מצות וואס דורך דעם קענען מיר זוכה זיין צו ערבען עולם הבא וואס איבער די טובה איז שוין נישט פארהאנדען קיין גרעסערע טובה אויף די וועלט אזו וויט וואס די חכמים הקדושים האבין אויף דעם גיזאגט (יפה שעה א׳ וכו׳) עס איז בעסער צו געניסען איין שעה תענוג פון עוה״ב פון דאס גאנצע לעבין פון עוה״ז:

אבל דאס דארף מען צו וויסען דאס מען קאן פריער נישט קומען צו האבין אהבה צו הקב״ה נאר דאס מען זאל פריער דאס הערץ ריין מאכען פון די אהבת עולם הזה ווייל אזוי וויא עס איז נישט מעגליך צו האלטען אין איין כלי פייער מיט וואסער אזו איז אויך נישט מעגליך דאס עס זאל זיך געפינען אין אזו איין הארץ אהבת השם יתברך וואס איז פיעל מיט אהבת עולם הזה. ולכן דארף מען צו זעהן ממעט צו זיין פון די תענוגי עולם הזה בכל מה דאפשר רק זיך בעגניגען צו לאזען מיט אללעם וואס דער ליעבער גאט בעשעהרט עס זייא פיעל אדער ווינציג ווייל באמת איז די גאנצע וועלט נור גירעכענט וויא איין מארק טאג וואס די מענשין וואס דארט אהין קומען איז נישט זייער כוונה דארט צו פארבלייבען נאר זיך איינצוקויפען סחורה אונד תיכף צו הויז צו פאהרין דאס זעלבע ווענן מיר מענשין אויף די וועלט בעשאפען גיווארען נאר זיך איינצוקויפען תורה ומצות כדי דאמיט זיין נשמה גליקליך צו מאכען בעולם שכולו טוב: ע״כ ווען דאס גאנצע לעבין פון מענש איז נאר כדי זיך יענע וועלט צו פארשאפען דארף מען צו זעהן ממעט בתענוגים צו זיין (בכל מה דאפשר) אונד צו זעהן די טהייערע צייט צו פארווענדען נאר מיט עבודת הבורא ב״ה:

נאך

נָאךְ אִיז פַאר־הַאנְדֶען אַיין וֶועג וָואס מֶען קֶען דַארוּרְךְ קוּמֶען צוּ הָאבִּין אַהֲבַת הַשֵּׁם, עֶפְּטֶערְסְט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען אַן דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם בּוֹרֵא בָּ"ה אַזוֹ וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גִיזָאגְט (מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ד') וִויא גְרָאס אוּנְד וואוּנְדֶערְבַּאר זֶענֶען דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּא הָאסְט הִימֶעל אוּנְד עֶרְד עֶרְשַׁאפֶען פוּן גָאר נִישְׁט אוּנְד כְּדֵי דִיךְ עֶפֶּעס אוֹיפְמֶערְקְזָאם צוּ מַאכֶען אִיבֶּער דִיא וְוִינְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא בָּ"ה אַזוֹ וֶועלִין מִיר בֶּעצַייכֶענֶען אַיין מִקְצָת פוּן זַיין אַלְמֶעכְטִיגְקַייט. דִיא בַּעֲלֵי חוֹקְרִים שְׁרַייבֶען דַאס דֶער עִגּוּל פוּן דִיא וֶועלְט אִיזְט גְרָאס פִינֶעף טוֹיזֶענְט מַיילֶען: אוּנְד דִיא גַאנְצֶע אִיזְט הוּנְדֶערְט אוּנְד זִיבְּצִיג מָאהל אַזוֹ גְרָאס וִויא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אוּנְד הוֹיךְ פוּן דִיא עֶרְד אִיזְט זִיא עֶנְטְפֶערְנְט פִיעֶר אוּנ צְוַואנְצִיג מִילְיָאנֶען מַיילֶען אוֹיךְ דִיא שְׁטֶערִין גִיבְּט זָאלְכֶע וָואס אַיינֶער אִיז אַיינִיגֶע מָאהל אַזוֹ גְרָאס וִויא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אַצִינְד שְׁטֶעל דִיר פָאר דִיא גְרַייס פוּן דֶעם הִימֶעל וָואס דִיא אַלֶע זִיבֶּען כּוֹכְבֵי לֶכֶת אוּנְד דִיא צְוֶועלְף מַזָּלוֹת אִין זִיא אִיז דַאן עֶרְשְׁט אִיבֶּער דֶעם אַלֶען אִיזְט עֶרְשְׁט דֶער עוֹלָם הַמַּלְאָכִים וָואס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דֶעם הִימֶעל אִיז נָאר גִירֶעכֶענְט וִויא אַיין קַארְנְדִיל דַאן אִיזְט עֶרְשְׁט אַלֶע עוֹלָמוֹת וִויא גָאר נִישְׁט גִירֶעכֶענְט קֶעגִין דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם בָּ"ה (כִּי אֵין לוֹ רֵאשִׁית וְאֵין לוֹ תַּכְלִית) צוּ אִיהְם אִיז קַיין אַנְפַאנְג אוּנְד קַיין אוֹיסְלָאז (וּמְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ). דִיא מַלְאָכִים פְרֶעגֶען וִויא אִיז דָאס אָרְט פוּן זַיין כָּבוֹד, קוּרְץ דֶער מֶענְשׁ דַארְף אַלֶע מָאהל אַרַיין צוּ קְלֶערִין אִין דִיא מַעֲשִׂים פוּן הַקָּבָּ"ה וֶוער הָאט דָאס בֶּעשַׁאפֶען אוּנְד דָאס בֶּעשַׁאפֶען וֶוער הָאט דֶעם טַעַם אוּנְד גִישְׁמַאק אִין דֶעם עֶסִין גִיגֶעבִּין אוּנְד נָאךְ דֶער גְלַייכֶען וֶוער מֶעהְר אַלְס דֶער בּוֹרֵא עוֹלָם, וָואס מֶעהְר אַיין מֶענְשׁ אִין דֶעם אַרַיין קְלֶעהְרְט וָואס מֶעהְר קֶען עֶר בֶּקוּמֶען אַהֲבָה צוּ הַקָּבָּ"ה אוּנְד פַאר אִיהְם צוּ צִיטֶערֶען אוּנְד צוּ אַנְגְסְטֶען:

## אהבת עצמו

דֶער מֶענְשׁ אִיז מִיט אַזוֹ אַיין נַאטוּר בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט מֶעהְר לִיעבּ וִויא אַיין אַנְדֶערְן מֶענְשׁ עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אָבֶּער זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען וָואס נַארֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט וָוס טוּהֶען צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט זָאלְכֶעם וָואס דֶער גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא קֶען אִיהְם נִישְׁט טוּהְן וַוייל אַיין שׂוֹנֵא קֶען אִיהְם נָאר שֶׁלֶעכְטְץ טוּהֶען (בְּגוּפוֹ וּבְמָמוֹנוֹ) וָואס קֶען דֶעם מֶענְשׁ מְצַעֵר זַיין אַן גוּף אוּנְד אוֹיךְ נוּר אוֹיף דִיא וֶועלְט אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ אַלֵיין קֶען זִיךְ זָאלְכֶעס טוּהְן וָואס פַארְדְרַאכְט אִיהְם מְצַעֵר צוּ זַיין זַיין נְשָׁמָה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּנְד אִיז זִיךְ זֶעלְבְּסְט גוֹרֵם צוּ בְּרֶענְגֶען (לִבְאֵר שַׁחַת) אִין פִינְצְטֶערֶען גְרוּבּ פוּן גֵיהִנָּם. צוּם בַּיישְׁפִּיעֶל בַּייא אַיין שְׁלֶעכְטֶעס וֶועטֶער אָדֶער בַּייא אַיינֶע גְרָאסֶע קֶעהְלְט אוּנְד עֶס קוּמְט דֶער זְמַן אִין שׁוּהל אָדֶער אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּ גֵיין אַזוֹ טוּט אִיהְם גְלַייךְ זַיין נַאטוּר דִיא אַהֲבַת עַצְמוֹ פַארְשְׁטֶעלֶען אוּנְד טוּט אִיהְם אַיינְרֶעדֶען וִויא זָאל אִיךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיף מִיר אַלֵיין אַיין אַכְזָר זַיין אִין אַזוֹ אַשְׁלֶעכְט וֶועטֶער צוּם דַאוֶונֶען גֶעהְן אִין דִיא שׁוּהל אָדֶער צוּם לֶערְנֶען גֶעהְן אוּנְד נָאךְ מֶעהְר דֶער גְלַייכֶן בַּייא אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהְם

מקיים

מקיים צו זיין איינע טהייערע אונד חשובע מצוה נאר עס מוז דאביא עפעס געלד פארלוסט זיין אזו האט ער תיכף דיא אהבת עצמו פאר זייגע אויגען שטעהן וואס קומט דורך זיינע אייגינע ליבשאפט כמה וכמה מצות אוועק צו שטעללין וויא אויך כמה עבירות עובר צו זיין וואס דאדורך גורם איז דעם גראסען שכר פון דיא מצות צו פארליערען אונד זיך צו ברענגען (לבאר שחת) היינט זאג מיר אויב עס פארהאנדען איז איין שונא אויף דיא וועלט וואס זאל איהם קענען אזו פיעל שלעכץ טוהן וואס דער מענש אליין זיך טוהן קען איבר דעם (החכם עיניו בראשו) דארף מען צו זעהן דאס זיינע אייגינע ליבשאפט זאל איהם נישט גורם זיין פארהאסט צו מאכען ביא דעם בורא עולם ב"ה דיא תורה הקדושה האט געשריבען (ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך) דאס הייסט מיר זענן פערפליכטעט דעם בורא עולם צו דינען מיט דעם גאנצען הערץ אונד ווען אויך אזו גאר דאס עס גילט דאריבר זיין גאנץ לעבין צו פארליערען אונד זיין גאנץ פארמעגען:

וגם אויך זענען מיר געבאטין געווארען זיך צו היטען זיין גוף נישט אין איין סכנה אריין צו ברענגען דהיינו זיך מוגע צו זיין פון זאלכע געשעפטען וואס עס איז דאביי צו בעווארגן אין איין אונגליק אריין צו קומען נישט צו האנדלען מיט זאלכע סחורה וואס פארבאטען איז מפי המלכות אונד נאך דער גלייכן דער מענש דארף צו האבין דעם בטחון אן זיין בעשעפער דאס עס איז אין זיין מאכט מפרנס צו זיין בדרך היתר אונד נישט דווקא זיך אין איין סכנה אריין צו לאזן וואס דאס פארבאטען איז אין דיא תורה אזו וויא עס שטייט (השמרו לכם לנפשותיכם) איהר זאלט אייער לעבין היטען אונד דער וואס היעט זיך טוט מען איהם אויך היטען מן השמים:

## אהבת בנים:

דער מענש דארף אויף זיך גראס השגחה צו געבין דאס דיא ליבשאפט צו זיינע קינדער זאל איהם נישט גורם זיין זיא צו לאזין געהן (בשרירות לבם) אין גלוסטינג פון זייער הערץ ווייל אזו אליבשאפט איזט נאך איין אכזריות צו זיינע קינדער רק תיכף פון דיא יוגענט אן זיינע קינדער צו שטראפען אונד צו ציכטיגען מיט מורא אונד שלאגען לויט דעם פערשטאנד פון קינד אונד ווען דאס קינד שוין ערוואכסען איז אונד מען זעהט איין דאס מיט בייזען קען מען נאך ברענגען זיין קינד אן זיינע עלטערן מורד צו זיין אזו דארף מען צו זעהן איהם צו שטראפען מיט גוטע ווארטען אונד איהם אויף צו קלערין מיט שכל דאס ער איז דאך נאר אויסען איהם לטובה אונד דאס מוז מען געווארענט זיין איין גראס קינד נישט מעהר צו שלאגין ווייל מען איז מיט דעם עובר אויף איין לאו (לפני עור לא תתן מכשול) דיא אמתדיגע אהבה צום קינד איזט צו זעהן דאס קינד צו ברענגען דאס ער זאל זיין איין עובד השם אונד איין בן תורה מיט מדות טובות אזו אהבה איז נישט בלויס פיר דעם קינד אליין נאר אויך צו דיא עלטערן ווייל מיר געפינען דאס איין גוט קינד מאכט זיינע עלטערן זוכה זיין לעולם הבא:

# אהבת איש ואשה

דיא מצוה פון אהבת איש ואשה. איזט זעהר גראס מיר וועלין צו ערשט שרייבען פון אהבת איש לאשתו. דאס איז וואהל בעקאנט וואס דיא חכמים הקדושים האבען געשריבען דאס מען איז מחויב זיין ווייב ליעב צו האבין אזוי וויא זיך זעלבסט, אונד זיא מכבד זיין נאך מעהר וויא זיך אליין אעפ"כ דארף מען צו זעהן דאס דיא אהבה צו איהר זאל נישט גורם זיין איהם צו ברענגען חלילה פון איהרנט וועגען עובר צו זיין אויף דיא גיבאט פון זיין בעשעפער. דער תנא אין אבות האט געווארענט (אל תרבה שיחה עם אשה) איבריגע רייד אפילו מיט זיין אייגען ווייב איז גורם (רע לעצמו) ביז צו זיך זעלבסט, אונד ברענגט איהם מבטל צו זיין פון דיא תורה הקדושה (וסופו יורש גיהנם). פארוואהר אבער דיא עיקר אהבה צו זיין ווייב דארף צו זיין (אהבת הנפש) זיא אבצוהיטען פון עבירות אונד פון שלעכטע מדות, איבער דעם איז דאס איין חיוב זיא מוכיח צו זיין מיט אנגענעהמע ווארטען אויך מיט איין פריינדליך פנים כדי זיא מדריך צו זיין בדרכי הצניעות, אונד זיא אבצוגעוויינען פון לשון הרע רעדן ובפרט פון כעס אונד פון קללות אויך פון מזכיר צו זיין איין שם לבטלה וואס דיא ווייבער מעהרסטענס אין דעם איינגיוואהנט זענען. ווען מען ווירד איהר מודיע זיין דעם חומר העון פון דען אללען אזו ווירד זיא בוודאי דיא שטראפרייד אנעהמען, ובפרט זאל מען השגחה האבין אויף איהר זיא צו געוויינען נישט עפעס צו געניסען אן ברכה מאכען פריער אונד הערנאך, אויך געוואהרענט צו זיין בשמירות שבת, איבער אללען איזט דאס נייטיגסטע דאס זיא זאל קלאהר זיין אן דיא דינים פון נדה וואס צו איהר קומט צו וויסען. ולכן איז דאס איין חוב גמור עפטערס צו לערנען אין מעין טהור אונ אין דעם דאזיגען ספר הלכות נדה וואס געשריבען איז אין דעם צווייטען חלק, אויך איזט זעהר נייטיג פיר איין יעדע אשה עפטערס צו לערנען דעם פרק כ"ד אין ספר שבט מוסר:

דאס איז נישט גאנץ נייטיג צו שרייבען פון אזו איין מענש וואס האט דיא זכיה געהאבט צו בעקומען איינע אשה כשירה וצנועה דאס עס זאל בייא זייא שלום בית זיין (כי מצא אשה מצא טוב) אזו איינע אשה איזט בוודאי געליבט אויף איהרן מאן, דאס אבער איזט נייטיג צו שרייבען אונד צו וואהרנען אזו אמענש וואס עס איז אין זיין גורל געפאלען איינע אשה רע אונד טוט איהם נישט מכבד זיין נאר זיא איז איהם נאך מבזה מיט שימפף ווארטען, דאס דער זעלבער איז אין איין גראסען נסיון ווייל טראכטען דעם וואס זיא איז איהם מבזה מוז ער דאך זעהן כל התפעלות צו טוהן דאס עס זאל בייא איהם דאך שלום בית זיין אונד זאל נישט חלילה אויף איהר איין שנאה האבן פון וועגען כבוד השכינה, ער דארף נישט צו פארגעסען אן דעם וואס דיא חכמים הקדושים האבן געשריבען (מד' אשה לאיש) איין זיווג קומט פון גאט ב"ה, באלד וויא דער מענש נאר געבוירען ווירד ווערד שוין אויסגערופען (פלוני ישא פלונית) דער דאזיגער זאל נעהמען דיא דאזיגע פיר זיין בת זוג, ולכן מוז ער דאס מקבל זיין בשמחה פון

רעדן ליבען גאט אזו ווירד ער בודאי האבן איין כפרות עונות. מיר געפינען דאס איינע אשה רע איז מציל איהר מאן פון גיהנם, אבער נאר בתנאי זה ווען ער איז עם מקבל בפנים יפות אונד איז נישט חלילה מהרהר איבער זיין משפט צדק:

עם טרעפט זיך מאנכע מענשן וואס לעהר זענען פון פארשטאנד וואס זאגן איין שלעכט ווייב מעג מען שלאגען אונד שעלטען, (רחמנא לצלן מהאי דעתא) ולכן איז דאס איין חיוב מודיע צו זיין דאס דער זעלבער איז איין רעכטער רשע אזו וויא דיא תורה הקדושה האט געשריבען (לרשע למה תכה רעך) אפילו אז מען הייבט נאר אויף דיא האנד יענעם צו וועלין שלאגן ווירד ער שוין דאפיר אנגערופען רשע, ומכל שכן וויא גראס איז נאך דער איסור אז מען שלאגט זיין איינען ווייב וואס זיא איז גירעכנט איין טהייל פון זיין גוף. דיא גמרא שרייבט (איש ואשה שכינה ביניהם) ווען צווישן מאן אונד ווייב שלום איז רוהט דיא שכינה צווישן זייא, ווען אבר צווישן מאן אונד ווייב חלילה מחלוקת איזט אזו ענטלויפט אוועק דער שם פון זייא דהיינו דיא י׳ פון איש אונד דיא ה׳ פון דיא אשה אזו מאכט עם אש אש אונד דאס איז גורם וואס זייא ברענגען אויף זיך זעלבסט עניות ר״ל אונד נאך אנדערע גזיקין (השם יצילנו). דאס אלעם דארף זיך דער מענש משים ללב צו זיין אונד מוז זעהן אלעם איינצואווענדען דאס עם זאל אלע מאל בייא איהם שלום בית זיין, אונד מוז זעהן דאס ער זאל חלילה קיין שנאה האבן אויף זיין ווייב כדי דאס זיינע קינדער זאלין נישט זיין פון דיא (בני שנואה) וואס וועלין בודאי נישט גוט זיין. ווען עם ווירד אבער צווישן זייא יוא שלום זיין וועלין זייא זוכה זיין צו האבן בנים טובים ומהוגנים:

## אהבת אשה לאיש

מיר געפינען דאס (ואהבת לרעך כמוך) איז איין מצוה פון תרי״ג מצות ליעב צו האבן זיין חבר וויא זיך זעלבסט, קאן מען זיך פון דען אן לעהרנען ווען דיא תורה האט גיבאטען דאס איין מענש איז מחויב דעם אנדערן מענש ליעב צו האבן, וויא שטארק דארף נאך צו זיין דיא אהבה בין (איש לאשתו) צווישן מאן אונד ווייב. דיא אשה וואס האט דיא זכיה דאס זיא איזט געקומען צו אזו אמאן וואס איז איין בן תורה ויריא שמים איז דאס איינע געוויסע זאך דאס עם ווירד צווישן זייא זיין שלום ואהבה, ווייל דער בן תורה ווייס וואהל וואס דיא חכמים ז״ל האבן גיוואהרנט זיירע תלמידים, זייט גיוואהרנט מכבד צו זיין אייערע ווייבער, נאך מעהר פון אייך זעלבסט, אויך ווייס וואהל דער תלמוד חכם דאס דיא גאנצע וועלט שטעהט נאר אויף שלום אונד שלום איזט דער רצון הבורא ב״ה, נאר דאס איזט נייטיג צו שרייבען אונד מזהיר צו זיין דיא יעניגע אשה וואס איז גיפאלען אין דעם גורל פון איין עם הארץ אונד אויך קיין ירא שמים איז, דאס זיא זאל נישט מיינען דאס אזו איין מאן איז שוין מותר גרינג צו שעטצען אונד איהם מבזה צו זיין אונד זיא איזט שוין פטור פון דיא מצוה וואס דיא אשה איז מחויב (בכבוד בעלה), חלילה וחלילה עם איז קיין חילוק נישט נאר יעדע אשה איז מחויב איהר מאן בכבוד צו האלטן גלאך וויא ער וועד גיוועזן דער חשובסטר פון דיא שטאט. מיר געפינען אין דיא גמרא וועלבע אשה איז איינע

אשה כשרה דיא וואס טוט רצון בעלה אויס גענומען ווען איהר מאן פאדערט פון איר אזו אזאך וואס איז אעבירה דאמאהלס דארף זיא איהם נישט צו הארכען ווייל מיר אלע מענשען זענען מחויב צו גיהארכען דיא גיבאט פון אונזר פאטער אין הימל: עס איז מוטל אויף דיא אשה דאס זיא זאל אלע מאהל איהר מאן טרייסטען

אין דיא צייט וואס ער בעזארגט איזט אונד אז עס טרעפט זיך וואס איהר מאן טוט זיך אויף איהר בייזערן דאמאהלס איזט דאס איינע גראסע מצוה דאס זיא זאל איהם אין דיא צייט קיין ווארט ענפערן נאר זיא זאל איהם נאך דן זיין לכף זכות דהיינו געוויס איז איהם עפעס איין פארדרוס פארגעפאלען ביים גישעפט אונד דערגלייכן וואס איהם פאראורזאכט פארדריסיג צו זיין דיא אשה וואס איז זיך אזו נוהג איז איהר שכר זעהר גראס ווייל מיט דעם איזט זיא גורם דאס עס זאל זיין בייא איהר שלום אונד קיין מחלוקת אונד ווען עס איז קיין מחלוקת אזו איז בוודאי שלום אונד פריעד צווישען זייא וואס דאס איז דער רצון הבורא ב"ה דאס צווישען יודען זאל נאר אלע מאהל זיין שלום ובפרט בין איש לאשתו איז בוודאי דער חיוב נאך מעהר דאס עס זאל זיין צווישען זייא שלום ואהבה דאס איז איין כלל אזו דארפען זיך מאן אונד ווייב צו פיהרען ווען איינער פון זייא אין כעס איז זאל דער צווייטער שווייגען אונד נאר קיין איינציג ווארט ענפערן ביז דער כעס ווירד אוועק גיין דאמאהלס קאן שוין איינער דעם אנדערן פירהאלטען ווארום האסט דוא דיך אויף מיר גבייזערט איזט דאס אזו רעכט גיוועזן דארף עס אזו צו זיין ? דאמאהלס אז מען איזט נישט אין כעס ווירד בוודאי איין יעדער זיינע פעהלער בעקענען אונד דאס ווירד גורם זיין דאס עס זאל אלע מאהל בייא זייא זיין שלום אין אזו אהויז וואס שלום איזט איז אויך ברכה והצלחה אונד עס קאן אן זייא קיין שום שלעכץ גיוועלטיגן אין אזו אהויז וואס איז אבער קריג איז דאס גורם כמה רעות ר"ל. ערשטענס פאריאגט עס פרנסה אונד ברענגט חולאים רעים אין הויז אריין ר"ל דאס אלעס דארף זיך דיא אשה כשרה משים על לב צו זיין אונד זיא דארף פיל מיהע איינצואווענדען כדי עס זאל בייא איהר אין הויז שלום זיין ווייל אן מעהרסטענס ווענגט עס זיך אן דיא אשה, ובזכות זה ווירד זיא זוכה זיין לבנים טובים ומדוייקים אמן:

## אהבת לומדי תורה

דיא אהבה צו דיא תלמידי חכמים קומט פון אהבת השי"ת ווייל דער וואס האט ליעב הקב"ה דער האט געוויס אויך ליעב דיא תלמידי חכמים וואס טוהן זיך נאר בעשעפטיגען אין גאטס תורה אונד דער חיוב ליעב צו האבן דיא תלמידי חכמים איז געדרונגען פון דען פסוק (ואהבת את ד' אלהיך) דען אזו גוט וויא עס איז איין מצוה ליעב צו האבן השי"ת אזו אויך איז איין מצוה ליעב צו האבן דיא תלמידי חכמים וואס בעשעפטיגען זיך אין גאטס עבודה דיא הויפט אהבה צו זייא דארף צו זיין זייערע רייד אויף צו הערן מיט חשק אונד זיך אן זייא צו בהעפטען אונד זייא נאך צו לויפען כדי זיך אפ צו לערנען דיא מדות טובות פון זייא אונד דאס איז איינס פון דיא חשובע זאכן אונד אייגע מצוה גדולה מחזיק צו זיין דיא תלמידי חכמים מיט אלעם וואס זייא בדארפען

כדי דאס זייא זאלין קענין אונגעהינדערט תורה לערנען אונד דער שכר פון די מענשן וואס טוהן די לומדי תורה מחזיק זיין איזט זעהר גראס אונד עס ווירד זייא גירעכנט גלייך זייא העטן זעלבסט תורה גילערנט אונד קענין רעכנן אויף דעם זעלבן שכר וויא די תלמידי חכמים אליין ולכן דארף מען אן דיא מצוה זעהר גיוואהרנט צו זיין אונד עס איז נישט פיר איין דבר קטן צו האלטן. רק אזו ווייט וויא זיין כח גרייכט מחזיק צו זיין אן דיא יעניגע וואס תורה לערנין אויך מחזיק צו זיין אונד בייא צו שטייערן צו דיא בתי מדרשים אונד חברות קדושות וואס מען איז דארט קובע יעדן טאג תורה צו לערנען כדי צו קענין פלייסיג תורה לערנען אויך ספרים צו קויפן אונד צאהלן שכר המלמדים אזו ווירד זייער שכר גראס זיין בעולם שכלו טוב:

## אהבת רעים

דיא מצוה פון אהבת רעים ליעב צו האבן אלע מענשן איזט אזו חשוב אונד גראס וואס וועגט קעגן פיל אנדערע מצות אזו וויא מיר האבן גילערנט (ואהבת לרעך כמוך) איזט איין כלל גדול בתורה אונד דער וואס דיא מצוה מקיים איז דער איז ממילא אפגעהיטן פון כמה וכמה עבירות דהיינו פון שנאה קנאה אונד פון לשון הרע אונד פון גזל והשגת גבול פארוואהר אבער טראכטן דעם וואס דיא מצוה אזו גראס אונד חשוב איזט טוט זיך דער יצר שטארקן אוף דיא מענשן כמעט יעדן טאג אויף דיא עבירה עובר צו זיין פון שנאת חנם וואס דורך דיא עבירה פון שנאת חנם איז דאס בית המקדש חרוב געווארן אונד אזו לאנג וואס מיר וועלין נישט מתקן זיין דיא עבירה פון שנאת חנם קאן דער גואל צדק נישט קומען:

דיא מצוה פון אהבת רעים דארף מען מקיים צו זיין (בדיבור ובמעשה) בדיבור איזט געמיינט דאס מען זאל נישט צו זיין חבר רעדן זאלכעס וואס דיר נישט גיפעלט דאס מען זאל עס צו דיר רעדן אין דעם איז נכלל אויף גימאנען קיין לשון הרע צו רעדן קיין שטעכווערטער קיין רכילות אויך זיך נישט צו פרייען איבער יענעמס שטורץ אונד נאך דער גלייכן (במעשה) זיך צו היטען זיין חבר קיין שאדען גורם צו זיין הן בגופו והן בממונו דער בר דעת דארף אויף זיך גראס השגחה צו געבן נישט געפאנגן צו ווערן אין דיא נעטץ פון יצר הרע וואס ער פארבלענט דיא מענשן זייא פארצושטעלען דיא גרעסטע עבירה פיר איינע מצוה אזו וויא מאנכע טיפשים זאגען דעם דאזיגען מענש איז נאך פיר איין מצוה גירעכנט איהם אויסצורייסען אדער גאר חלילה איהם אומגליקליך צו מאכן, אונד באמת איזט דאס אלעס נאר דיא רייד פון דען יצר הרע וואס זיין גאנצער דרך איז נאר דיא מענשן איינצורעדן צו זאגן אויף שלעכט גוט, אונד אויף גוט שלעכט דאס דארף מען צו דענקן וואס דיא חכמים הקדושים האבען גישריבען דער וואס איז מצער איין מענש איז עס אזו גוט גלייך ער העט מצער גיוועזן דיא שכינה אויך דארף מען דיא מצוה פון (ואהבת לרעך כמוך) מקיים צו זיין (בדיבור ובמעשה) דהיינו צו יעדעם מענש צו רעדען מיט איין פריילך פנים. אין מיט אנגענעמע ווערטער אויך איהם צו

ערפרייען מיט בשורות טובות, אויך מיט עצות טובות אויך אזוי ווייט וויא מעגליך איז יענעם אפ צו היטען פון איין שאדען (במעשה) ווידער גומל חסד צו זיין לכל אדם הן בגופו והן בממונו. בגופו הייסט פיר זיין חברים וועגין צו גיין בשליחות ווען עס געטיג איז, אונד מבקר חולה צו זיין אונד פיר דיא עניים געלד צו זאמען צו געהמען (בממונו) אנדרע מענשן געלד אויסצולייען אויך כלים אונד הויזווירטשאפט צו בארגן דיא שכנים. דעם כלל זאל מען וויסען דאס וואס מעהר מען האט ליעב אנדרע מענשן אונד וואס מעהר מען האט מיטלייד מיט מענשן וואס מעהר טוט מען איין נחת רוח צו הקב"ה מיר יודן צו זאמען זענען אלע גירעכנט וויא איין גוף אונד אזוי גוט וויא עס וויל קיין מענש זיך זעלבסט עפעס שלעכץ טוהן אזוי אויך דארף מען דען אנדערן מענש נישט צו וועלין עפעס שלעכץ טוהן עס שטייט געשריבען דאס אפילו ווען רשעים זענען אין צער איזט דיא שכינה כביכול אויך בצער (כי רחמיו על כל מעשיו) גאטס ערבארימקייט איזט אויף אלע זיינע בשעפנישן, ווידער ווען מענשן זענען בנחת איזט דיא שכינה אויך בנחת, איבער דעם איז דאס איין חיוב גדול זיך (משתתף) צו זיין בצער חבירו אונד זיך משמח צו זיין בשמחת חבירו אונד אז מען זעהט דאס יעמאנד ווירד נכשל מיט איינע עבירה דארף מען מיט יענעם מיטלייד צו האבן אונד איהם צו בעדויערן אבער נישט אזוי וויא מאנכע טפשים טוהען, וואס טוהן איבער זאלכעם לאכען אונד שפעטן וויא זיי זענען זאלכע מענשן ערווייטערט פון אמת אונד פון פארשטאנד נאר דער וואס איין ביסעל שכל האט דארף נאך צער צו האבן אז עס ווירד נישט געטוהן צו רצון הבורא. וואהל דעם וואס לאזט זיך נישט פיהרען פון דעם יצר נאר אין דיא עצה פון דיא היילינגע תורה אזוי ווירד ער זוכה זיין לרב טוב הצפון:

## אבילות

צו טרויערן אויף חורבן בית המקדש איזט איין דבר שבחובה (ובפרט בין המצרים) דאס איזט פון י"ז בתמוז ביז תשעה באב דהיינו אן דיא טעג דארף מען יעדע נאכט מתאבל צו זיין אויף חורבן ביהמ"ק אונד אויף גלות השכינה מיט איין צו בראכען הארץ אונד מיט טרערן דאס איז וואהר דאס נישט יעדר פארשטייט וואס דאס איז גלות השכינה אונד וואס מיר האבען נעבעך דורך אונזערע זינד פארלוירן דאך אבער דאס דארף זיך יעדער פארצושטעלען גלייך אלס ער זעהט זיינע מוטר איזט געקליידעט אין זאק אונד קלאגט אונד שרייט יעמערליך וויי, וויי איז צו מיר קינדר האב איך ערצוגען אונד זיי האבען אן מיר ווידערגישפעניגט מיינע קינדר זענען פאן מיר פארטריבען געווארן אונד זענען נישט מעהר דא אזוי טוהט דיא שכינה יעדע מיטערנאכט קלאגען אויך אלע צדיקים פון גן עדן טוהן מיט איהר קלאגען וועגן דען גלות השכינה דאס דארף זיך איין יעדער אין דאכט צו געמען כדי זיך צו ערווייטערן פון דיא איבריגע תענוגים פון עולם הזה אונד פון צו הערן כלי זמר שפילען אונד פון אונטערהאלטונגען אזוי לאנג וואס מיר אין דען גלות פארטריבען זענען אויסגענומען ביא איינע שמחה של מצוה, דיא חכמים האבן

נעשריבן

גֶעשְׁרִיבֶּן דָאס אוֹיעֶר וָואס הֶערְט דָאס קוֹל פוּן כְּלֵי זֶמֶר דָאס ווִירְד אוֹיסְגֶערִיסֶּן ר"ל פוּן דֶעם קָאן מֶען זֶעהְן ווִיא גְרָאס דֶער חֵטְא אִיז פוּן דִיא מֶענְשֶׁן וָואס טוּהְן זִיךְ פַארְזַאמְלֶען אִין דִיא שֶׁענְק הַייזֶער אָדֶער אַן שַׁבָּת בַּייא נַאכְט אוּנְד מַאנִיבֶּעם מָאהְל טוּהְן זֵייא נָאךְ מוֹסִיף זַיין חֵטְא עַל פֶּשַׁע וָואס עֶט פַארְזַאמְלֶען זִיךְ מֶענֶער מִיט ווַייבֶּער אוּנְד זֶענֶען עוֹסֵק אִין פַארְשִׁידִינֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְג מִיט זִינְגֶען אָדֶער טַאנְצֶן אָדֶער מִיט מַעֲשִׂיּוֹת עֶרְצֶעהְלֶען אָדֶער נָאר מִיט קָארְטֶן שְׁפִּילֶען וָואס זֵייא קוּמֶען דַאדוּרְךְ צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּנְד לֵיצָנוּת אוּנְד צוּ קַלּוּת רֹאשׁ (אוֹי לָעֵינַיִם שֶׁכַּךְ רוֹאוֹת) ווִייא דִיא אוֹיגֶן וָואס דָאס צוּ זֶעהְן אָךְ אוּנְד ווֵיי אִיז צוּ זֵייעֶר נְשָׁמָה, ווַייל זֵייעֶר שִׂמְחָה ווִירְד זֵייא בְּוַדַּאי פַארְקֶעהְרְט ווֶערְן צוּ טְרוֹירִיגְקֵייט דֶען אוֹיסֶערְדֶעם וָואס זֵייא זֶענֶען עוֹבֵר אוֹיף בַּמֶּה וְכַמָּה לָאוִין. אוֹיף מוֹשַׁב לֵצִים אוּנְד נִיבּוּל פֶּה אוּנְד קַלּוּת רֹאשׁ אִיז נָאךְ דַאצוּ וָואס זֵייא טוּהְן זֶעהְר עֶרְצֶערְנֶען דֶעם בַּשֶּׁעפֶער אִין הִימֶעל. עֶר זָאגְט ווִיי גֶעשְׁרִיגֶען אוֹיף דִיא מֶענְשֶׁן אַכְזָרִים (קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע וגו') דָאס אִיז טַייטְשׁ אוּנְזֶער מוּטֶער רָחֵל ווֵיינְט אִיבֶּער אִיהְרֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אִין גָּלוּת פַארְטְרִיבֶּען אוּנְד הקב"ה שְׁרַייט ווֵיי וָואס אִיךְ הָאבּ דָאס בֵּיהמ"ק חָרוּב גֶעמַאכְט אוּנְד הָאבּ מַיינֶע קִינְדֶער פַארְטְרִיבֶּען דוּרְךְ זֵייעֶרֶע פִיל עֲוֹנוֹת אוֹיךְ דִיא מַלְאָכִים אִין הִימֶעל טוּהְן בִּיטֶערְלִיךְ קְלָאגֶען ווִיא אוֹיךְ אַלֶע צַדִּיקִים אוּנְד מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ ווַיינֶען אוּנְד זִיפְצֶען ווֶעגֶן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס חָרוּב אִיז אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע זִינְד אוּנְד דִיא אֲנָשִׁים אַכְזָרִים זִיצֶען צוּזַאמֶען אוּנְד בַּשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט זָאלְכֶע דְבָרִים מְכוֹעָרִים אוּנְד מִיט פַארְשִׁידִינֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְג. אִיבֶּער דֶעם דֶער וָואס ווִיל אוֹיף זִיךְ אוּנְד אוֹיף זַיין נְשָׁמָה רַחֲמָנוּת הָאבֶּען דֶער זָאל זִיךְ פוּן זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים מַרְחִיק זַיין בְּתַכְלִית הָרִיחוּק נָאר יֶעדֶע נַאכְט אָדֶער פַארְטָאג מִתְאַבֵּל צוּ זַיין ווֶעגֶן חוּרְבַּן בֵּיהמ"ק אוּנְד אוֹיף גָּלוּת הַשְּׁכִינָה צוּ זָאגֶן סֵדֶר חֲצוֹת מִיט אֵיין לֵב נִשְׁבָּר וּבִזְכוּת זֶה ווֶעלֶין מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן בְּבִיאוֹת הַגּוֹאֵל בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן: אוֹיךְ דַארְף אֵיין יֶעדֶער פָאטֶער אוּנְד מוּטֶער גְרָאס הַשְׁגָּחָה צוּ גֶעבֶּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵייא צוּ פַארְמַיידֶען פוּן זָאלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶען דִיא עֶלְטֶערְן וָואס לָאזֶן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער גֵיין (בִּשְׁרִירוּת לִבָּם) אִין גְלִיקְסְטוּנְג פוּן זֵייעֶר הַארְץ זֶענֶען זֵייא פַארֶענְטְפֶערְטְלִיךְ וָואס זֵייא ווֶעלֶין מוּזֶן דֶעם עוֹנֶשׁ לֵיידֶען פִיר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער הַשֵּׁם יַצִּילֵנוּ מִכָּל רָע:

## אמונה

דִיא אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבֶּען אַן אַחְדוּת הַשֵּׁם אִיזְט אֵיינְס פוּן דִיא תַּרְיַ"ג מִצְוֹת דִיא מִצְוָה קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין בְּכָל רֶגַע וָרֶגַע עֶס זֶענֶען מֶעהְרֶערֶע זַאכֶען וָואס מִיר יוּדֶען זֶענֶען פֶערְפְלִיכְטֶעט אַן זֵייא צוּ גְלֵייבֶּען בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה א) אַן מְצִיאוּת הַשֵּׁם דָאס עֶס אִיז פַארְהַאנְדֶען אֵיין גָאט בָּ"ה וָואס הָאט אַלֶעס בֶּעשַׁאפֶען. ב) צוּ גְלֵייבֶּען בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַן הַשְׁגָּחַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ דָאס דֶער בּוֹרֵא בָּ"ה טוּט הַשְׁגָּחָה גֶעבִּין אוֹיף דִיא גַאנְצֶע ווֶעלְט (בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת) אוֹיךְ עֶס אִיז פוּן אִיהְם קֵיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ פַארְהוֹילֶען אַפִילוּ יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה אִיז פוּן אִיהְם נִישְׁט פַארְהוֹילֶען. ג) מוּז מֶען גְלֵייבֶּען דָאס אַלֶעס

ווּאס

וָואס גֶעשִׁיהְט אוֹיף דִיא וֶועלְט עֶס זַייא פוּן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְט דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִיהְם אַלַיין. ד) אִיזְט אַיין יֶעדֶער מְחוּיָב אַן דֶעם צוּ גְלוֹיבֶּען אוֹיךְ אַן דֶעם קַיין מָאהְל פַארְגֶעסִין דָאס (כָּל מַעֲשָׂיו שֶׁל אָדָם בַּסֵּפֶר נִכְתָּבִים) אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן מֶענְשׁ עֶס זַייא גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְט ווִירְד אִין סֵפֶר זִכְרוֹנוֹת אַיינְגֶעשְׁרִיבֶּען אוּנְד עֶס אִיז פַאר אִיהְם גָאר קַיין פַארְגֶעסִינג אוּנְד דֶער מֶענְשׁ אִיזְט אָנְגֶעבְּרַייט אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים דִין וְחֶשְׁבּוֹן צוּ גֶעבִּין דֶער מֶענְשׁ וָואס אַן דֶען קַיין מָאהְל פַארְגֶעסְט דֶער אִיזְט פַארְזִיכֶערְט דָאס דָאס דָאזִיגֶע ווִירְד אִיהְם פוּן פִיעל עֲבֵירוֹת צוּרִיק הַאלְטֶען אוּנְד ווִירְד אוֹיף זִיךְ אַכְט גֶעבִּין דָאס עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְטְרֶעטֶען פוּן דִיא גֶעבָּאט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶען קַיין מֶענְשׁ ווִירְד דָאךְ בְּוַודַּאי קַיין פַארְבְּרֶעךְ טוּהְן וֶוען עֶר ווַייס דָאס מֶען ווִירְד אִיהְם תֵּיכֶף עֶרווִישֶׁען אוּנְד עֶר ווִירְד דַארִיבֶּער בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין אִיבֶּער דֶעם אִיזְט קַיין בֶּעסֶערֶעס הֵיילְמִיטֶעל פַארְהַאנְדֶען ווִיא דָאס אִיז יֶעדֶעס מָאהְל וָואס דֶער יֵצֶר טוּט דֶעם מֶענְשׁ אָנְרֶעדֶען צוּ אַיינֶע עֲבֵירָה אָדֶער עֶר ווִיל אִיהְם מוֹנֵעַ זַיין פוּן אַיינֶע מִצְוָה דָאס מֶען זָאל זִיךְ תֵּיכֶף אָן דֶעם עֶרְרִינֶערֶן דָאס (כָּל מַעֲשָׂיו בַּסֵּפֶר נִכְתָּבִים) עֶר ווִירְד מוּזֶען אִיבֶּער אַלֶעס דִין וְחֶשְׁבּוֹן גֶעבִּין דָאס ווִירְד אִיהְם בְּעֶזְר הַשֵּׁם צוּרִיק הַאלְטֶען פוּן פִיעל שְׁלֶעכְטְס דֶער בּוֹרֵא בָּ"ה זָאל אוּנְז צוּ דֶעם מְסַיֵּיעַ זַיין דָאס מִיר זָאלֶן קֶענֶען אַלֶע מָאהְל דֶעם שְׁטַארְקֶען יֵצֶר בֶּעצְווִינְגֶען אָמֵן:

## אכילה

דָאס עֶסִין פוּן אַיין יוּד אִיזְט אַיינְס פוּן דִיא עֶרְהוֹיבֶּענֶע זַאכֶען ווַייל מֶען קֶען מִיט דֶעם עֶסִין דֶעם בּוֹרֵא בָּ"ה אַזוֹ דִינֶען ווִיא מִיט אַלֶע מִצְוֹת אוּנְד מַעֲשִׂים טוֹבִים דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁרַייבְּט דַאס דָאס עֶסִין פוּן דֶעם צַדִּיק אִיז גִירֶעכֶענְט אַזוֹ ווִיא אַיין קָרְבָּן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ וְלָכֵן דֶער מֶענְשׁ וָואס ווִיל זוֹכֶה זַיין דָאס זַיין אֲכִילָה זָאל אִיהְם גֶערֶעכֶענְט זַיין פַאר אַיין קָרְבָּן דֶער זָאל גוּט בֶּעאָבְּאַכְטֶען אוֹיף דִיא פְּרָטִים וָואס מִיר וֶועלִין דָא בֶּעצַייכֶענֶען וָואס דָאס אִיז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים א) דָאס עֶרְשְׁטֶע וָואס מֶען דַארְף דַארוֹיף גוּט צוּ בֶּעאָבְּאַכְטֶען אִיזְט דָאס דָאס עֶסִין פוּן מֶענְשׁ זָאל זַיין רֵיין פוּן גָזֵל אוּנְד פוּן הַשָּׂגַת גְּבוּל ווַייל אוֹיף אַזוֹי אַיין עֶסִין וָואס אִיז נִישְׁט מִיט עֶרְלִיכֶע ווַייזֶע פַארְשַׁאפְט גִיוָוארִין אוּנְד מֶען מַאכְט אִיבֶּער דֶעם עֶסִין בְּרָכָה טוּט מֶען נָאךְ דֶעם בֶּעשֶׁפֶער עֶרְצַארְנֶען אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (וּבֹצֵעַ בֵּרֵךְ נִאֵץ ד') ב) זָאל מֶען זִיךְ הִיטֶען פוּן צוּ עֶסִין זָאלְכֶע מַאֲכָלִים וָואס נִישְׁט גֶעזוּנְד זֶענֶען צוּם מֶענְשׁ אוֹיךְ פְרִיעֶר נִישְׁט צוּ עֶסִין נָאר בִּיז מֶען אִיזְט רֶעכְט הוּנְגֶעריג וַעַל כּוּלָם זִיךְ צוּ הִיטֶען פוּן אֲכִילָה גַסָּה נִישְׁט צוּ פִיעל צוּ עֶסִין רַק אִימֶער זִיךְ נִישְׁט גַאנְץ זַאט אָנְצוּעֶסִין דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט דָאס מֶעהְרְסְטֶענְס קְרַאנְקְהֵייטֶען קוּמְט נָאר פוּן אֲכִילָה גַסָּה אוּנְד דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ קְרַאנְק דוּרְךְ צוּ פִיעל עֶסִין דֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף (הִשָּׁמְרוּ לָכֶם לְנַפְשׁוֹתֵיכֶם) אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ פְרִיעֶר רֵיינִיגֶען דֶעם גוּף פוּן צוֹאָה בֶּעפָאהְר מֶען גֵייט עֶסִין. ג) זָאל מֶען זֶעהְר גֶעוָוארֶענְט זַיין אַלֶע בְּרָכוֹת אַזוֹ גוּט ווִיא בִּרְכַּת עַל נְטִילַת יָדַיִם ווִיא אוֹיךְ בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא

ובפרט ברכת המזון אויך ברכת הנהנין זעהר שארף אונד ד.ויך אונד דייטליך צו זאגען אין נישט צו פארפעהלען זיך דיא הענד צו וואשען פאר דעם עסין ווייל אז מען עסט מיט אנגעוואשענע הענד ווירד דאס עסין טמא פון זיינע הענד אויך אז מען עסט אהן ברכה איז עס אזו גוט וויא מען העט גיגאזלט צו הקב"ה אונד דיא כנסת ישראל עס טרעפט זיך אבער בעו"ה כמה מענשין אפילו וואס מאכען יוא ברכה דאס זייא עסין ווייטער אהן ברכה מהאי טעמא ווייל זייא זאגען נישט דיא ברכה וויא עס גיהער צו זיין אהן פעהלער אונד זאגען נישט שארף ארויס יעדעס ווארט נאר זייא זעגען מבליע גאנצע ווארטער אונד אזו אברכה הייסט נאר קיין ברכה אונד עס איז אזוי גוט וויא זייא העטין ווייטער גיגעסין אהן ברכה איבער דעם דארף מען צו זעהן זיך נישט אזו צו צו פיהרען לויט דעם הרגל פון דיא יוגענד נאר זיך צו געוויינען איי מען וויל איינע ברכה זאגען זאל מען זיך מכוון זיין דעם בעשעפער אמתדי"ג צו לויבען אונד צו דאנקען פאר דעם עסין וואס ער בעשאפען האט פיר דיא מענשין אונד יעדע ברכה זעהר דייטליך צו זאגען איבער הויפט זיך מכוון צו זיין דעם שם צו זאגען מיט כוונה אונד מורא אונד פאר דעם בענטשען זאל מען זאגען איך וויל מקיים זיין דיא מצוה של ברכת המזון (כמו שכתוב בתורה ואכלת ושבעת וברכת וכו') אין צו זאגן גאנץ ברכת המזון מיט גראס כוונה אויך גאנץ לאנגזאם קיין איינציג ווארט צו פארפעהלען. עס שטייט געשריבען דער וואס איז גיוואהרנט צו זאגן ברכת המזון וויא עס גיהער צו זיין דער איז מבטיח דאס עס ווירד איהם קיין פרנסה פעהלן אונד ווירד האבען שפע וברכה חוץ דעם שכר לעולם הבא. ד) מען מוז גיוואהרנט זיין צו זיטצען ביים עסן מיט דרך ארץ. דהיינו נישט אהן אויבער מלבוש מיט דיא בלויסע ארבעל פון העמד רק בבגד חשוב כיושב לפני המלך אונ נישט צו עסן געשווינד אויך נישט גראסע ביסען אויך זאל מען נישט האלטן אין דיא האנד איין שטיק ברויט אונד דאפון צו עסן רק אפ צו שניידען מיט איין מעסער אויך פון יעדן עסן עטוואס צוריק צו לאזען אונד דער וואס וויל האבען דאס זיין עסן זאל איהם גירעכנט ווערן פאר איין תענית זאל אזו טוהן וויא דער הקדוש הראב"ד שרייבט דאס יעדעס מאהל וואס מען האלט מיטן דען עסן אונד מען האט נאך חשק ווייטער צו עסן זאל מען זיך דיא תאוה ברעכן אונד פון דעם עסן צוריק לאזען אזו ווערט עס איהם גירעכנט ווערן נאך מעהר פון איין תענית אונד דאס איז מכפר עונות דאס איז זעהר איינע חשובע זאך פיר אזו אמענש וואס איז נישט אום שטאנד תעניתים צו האלטען איבער זיינע עונות דער קאן דאס דאזיגע זעהר לייכט מקיים זיין אפילו אויך יעדן טאג. ה) פאר דעם עסן זאל מען גיוואהרנט זיין נישט עובר צו זיין אויף צער בעלי חיים וואס דאס איז אסור מן התורה איבער דעם איז מען מחויב גוט צו דענקן בעפאהר מען וויל עסן זאל מען צו ערשט צו עסן געבין דיא בעלי חיים וואס מען האט אין שטוב דהיינו עופות אדער איינע הויז קאטץ אדער הויז הינד וכדומה דער אבער וואס איז אן דעם נישט גיוואהרנט דער איז עובר אויף איין לאו מן התורה (צער בעלי החיים). ו) אין פרק אבות שטייט בייא אזו עסן וואס ווערט נישט דארט תורה גילערנט

איז אזו גירעכנט וויא מען האט גיגעסען (מזבחי מתים) ולכן זאל מען אן דעם גיוואהרנט זיין ביא יעדן עסין אן ווענינסטנס עפעס תורה צו לערנען איין יעדער לויט זיין פארשטאנד איבער דעם איז דאס איין דבר טוב ביא יעדעם עסן צו זאגען דאס קאפיטל (מזמור לדוד ד׳ רועי לא אחסר). ז) דאס זאל מען וויסען דאס מים אחרונים פאר דעם בענשען איז נאך מעהר חיוב פון מים ראשונים פאר דעם עסן:

דאס איז זייער נייטיג צו וואהרנען דאס עס גיבט פיעל זאכען פון עסן וואס עס מוז האבען בדיקה פון (תולעים) ווירם, אונד פיעל מענשען ווערן אן דען נכשל מחמת חסרון ידיעה איבער דעם וועלין מיר דארויף אויפמערקזאם מאכען (כי ישראל קדושים הם) כדי ניצול צו ווערען פון דעם הארבען חטא וואס מען איז עובר אויף פיער פינף לאוין מן התורה אז מען עסט איין ווארעם. ראשית זאל מען וויסען דאס אין טאבליך פון בירען טרעפט זיך פיעל מאהל ווערעם איך קאן עדות זאגען דאס האב זעלבסט כמה וכמה פעמים פאן יעדן טאבל ארוים געדריקט איין לעבענדיגן ווארעם אונד מאלינעם אדער פאזימקעס אונד בערליך ווער עס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבען זאל זיך מונע זיין פון זייא צו עסן ווייל עס איז זעהר שווער זייא בודק צו זיין כדת וכדין ווייל עס געפינט זיך אויף זייא זאלכע קליינע ווערים וואס מען קאן זייא קוים מיט דעם אויג ערזעהן דער גלייכן זאל מען זיך מונע זיין פון צו עסן פרישע באבעם ווייל עס געפינט זיך אויף זייא זאלכע קליינע ווערים וויא איין שפיטץ פאן איין נאדל:

א) דיא חכמים הקדושים האבן פאר באטן דאס איין אורח טאר נישט געבען פון זיין עסען צו דעם קינד פון בעל בית דורך דיא מעשה וואס האט זיך גיטראפן (בשנת בצורת) באיש אחד וואס האט נישט מעהר גיהאבט אין הויז וויא דריא אייער, זענען צו איהם אריין געקומען דרייא געסט האט ער דיא דרייא אייער פאר זייא גידער געלייגט איז דאס קינד פון בעל הבית דארט גישטאנען האט איינר פון זייא איהם גיגעבען זיין חלק אונ אויך דער צווייטער אין דער דריטער וויא דער פאטער איז אריין געקומען האט ער גיזעהן וויא זיין קינד האט איין איי אין מויל אונ צווייא אייער אין ביידע הענד אזו האט ער דאס קינד געווארפן אונ איז גישטארבן וויא דיא מוטער פון קינד האט דאס גיזעהן האט זיא זיך פון דאך אראפ געווארפן אונ איז גישטארבן אונ אויך דער פאטער וויא ער האט גיזעהן זיין קינד אונ זיין ווייב טויט האט ער זיך אויך פון דאך אראפ געווארפען אונ איז גישטארבען דורך דיא מעשה האבן דיא חכמים געזאגט עס איז אסור צום אורח צו געבן פון זיין חלק צו דעם קינד פון בעה״ב:

אך אונד ווייא איזט צו שרייאן אויף דיא מענשען וואס זעגען אויף זיך זעלבסט אכזרים מיט דעם וואס טוהן זיך מטמא זיין זייער גאנצען גוף אונד זייער נשמה, ווען אקליינע הנאה וועגן וואס עסן דיא פרישע באבעם איינע נאך דיא אנדרע זייא געבן גאר איין קוק דארויף אונד געגוג אזו קומט אוים דאס אין איין רגע האבען זייא עובר גיוועזן אויף כמה לאוין: אויך דעם קאפער וואס מען לייגט אריין אין אוגערקעס ביים איין זייערען איזט פיל מיט ווערים איבר

דעם מוז מען דאס וואסער פון דיא אינגערקעס דורך זייען בעפאר מען וויל עס ניצען, טויבען פון וועלטשע גיסן מוז האבן בדיקה, ווידער ביא פיש איז זעהר בנמצא ווערים אין דיא פליספעדרין איבערהויפט קארפפען איז זעהר בנמצא ווערים אין דיא פליספעדערן, אונ אין העכט איז בנמצא ווערים אין מויעל אונד אין מוח, יעדער עסיג איזט פיל מיט ווערים איבער דעם איז קיין אנדרע תקנה נאר מען זאל דעם עסיג פריער לאזען היים ווערען, דאן דורך זייען דורך גרוי פאפיער אדער מען זאל דעם עסיג ניטצען גאנץ אומגזידען איז ער כשר וייל אזו לאנג וואס דער ווארים איז נאך נישט גיוועזען (פרוש) פון עסיג איז ער נאך נישט טריפה נאר אז מען זייעט דורך דעם עסיג דורך ליינוואנד אזוי העלפט דאס נאר נישט ווייל דיא ווערים גייען אלע דורך אונד דאן איז ער ערשט רעכט טריפה ווייל דיא ווערים זענין שוין פרוש גיוועזען אויף דיא ליינוואנד, ירקות דהיינו דאס גרינע פון פעטרישקע קרויט שלאטען דאס מוז אלעם האבען בדיקה מילעך אונד רויגען פון הערינג איז דארויף זעהר שכיח ווערים איבער דעם דארף מען עס נישט צו עסען אהן בדיקה:

וגם זאת איז ראוי מזהיר צו זיין אז מען גייט אויף איין סעודה של מצוה זיך זעהר צו היטען פון קלות ראש אונד פון ליצנות ומדברים בטלים. אויך ביא יעדע פארזאמלונג פון מעהרערע מענשען דארף מען אויף זיך השגחה צו געבן זיך צוריק האלטען פון שחוק אונד קלות ראש:

ומה טוב וויא גוט אונד רעכטפארטיג איזט זיך צו געוויינען פאר יעדן עסן זאל מען זאגן דיא פאר ווערטער! איך וויל אצינד עסן כדי איך זאל כח האבן דעם בורא עולם צו דינען אונד נישט פיר מיין הנאה וועגן ומה טוב איזט ווערנט דעם גאנצען עסען מחשב צו זיין אן גדלות הבורא ב"ה דוא שטארקער אונד אלמעכטיגער גאט וויא גראס זענען דיינע ווערקע אונד וויא וואנדערבאר איזט דיין השגחה וויא דוא האסט דאס עסן בעשאפען אונד פארגעברייט פיר דיא מענשן (מאין המוחלט) פון גאר נישט נאר מיט דיא בעפעהל פון דיין מויעל אונד האסט אין יעדע זאך איין אנדערען טעם אונד געשמאק גיגעבן ווער האט דאס גיווערקט אונד ערשאפען וועד מעהר אלס דוא אלמעכטיגר גאט געלויבט איזט דיין נאמען אויף אימער אונ עוויג. אונד דער מענש וואס קאן דאס מקיים זיין וואס מיר האבן אויבן געשריבן, דער טוט דעם בשעפער דינען מיט דעם עסען אזו וויא מיט תורה לערנען:

ועתה אצינד ליבע פריינד האבען מיר איין וועג געוויזען וויא מען קאן דעם בשעפער דינען אפילו אויך מיט דעם עסן. קורץ עס איז נישט פארהאנדן איין איינציגע שעה אין טאג וואס מען זאל זיך נישט קענען קונה שלימות זיין וואהל דעם וואס גיבט אויף זיך אכטונג אייביג צו גיין אין דיא עצה פון דיא הייליגע תורה אבער נישט אין דיא עצה פון יצר הרע אזו ווירד איהם וואהל זיין אויף ביידע וועלטן:

## אמת

דער מענש וואס איז גיוואהרנט נאר צו רעדן אמת דער האט איין קיום אויף

אייבּיג אוּנד עס איז איהם מַצִיל פוּן מִיתָה אַזוֹ וויא מִיר גֶעפִינֶען אִין דִיא גְמָרָא עָס איז גִיוֶועזֶען אַיין שְׁטָאט וָואס הָאט גֶעהַייסֶען (קוּשְׁטָא) וָואס עֶס הָאט קַיין אֵיינְצִיגֶער פוּן דִיא שְׁטָאט גִירֶעט אֵיינְמָאהל שֶׁקֶר אוּנ אִין דֶען זְכוּת אִיז קַיין אֵיינְצִיגֶער פוּן זַייא גִישְׁטָארְבֶּן פַאר זִיבְּצִיג יָאהר. דֶער מֶענְשׁ וָואס איז מְשַׁנֶה בְּדִיבּוּרוֹ אִיז עֶס גְלַייך (כְּעוֹבֵד ע"ז) דֶער נָאמֶען פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ אִיזְט אֱמֶת זַיין חוֹתָם אִיזְט אֱמֶת אוּנְד זַיין תּוֹרָה אִיזְט אֱמֶת, בעו"ה אָבֶּער גִיבְּט עֶס פִיעל מֶענְשֶׁן וָואס הָאבֶּען שׁוֹין גֶעוֶוינְט זַייעֶר צוּנְג צוּ רֶעדֶן שֶׁקֶר אוּנְד דָאס איז בַּייא זַייא אַיין הֶיתֶּר גָמוּר אֲפִילוּ בַּייא אַזוֹ אַזַאךְ וָואס הָאבֶּען גָאר קַיין רֵיוַח דַאפוּן רֶעדִין זַייא אוֹיךְ שֶׁקֶר אוּנְד אַז זַייא קֶענֶען דוּרְךְ שֶׁקֶר רֶעדִין עֶפִּיס מַרְוִויחַ זַיין אַזוֹ הַאלְטֶען זַייא עֶס נָאךְ פַאר אַיין בְּרִיָהִשֶׁקַייט: עֶס טְרֶעפְט זִיךְ כַּמָה מֶענְשֶׁן וָואס טוּהְן זִיךְ אַיינְרֶעדֶן דָאס בִּזְמַן הַזֶה איז גָאר קַיין אוֹפֶן גֶעלְד צוּ פַארְדִינֶען אָהְן לִיגֶענְט רֶעדֶן אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִיא מֶענְשֶׁן גַאנְץ בְּלִינְד אִין דֶעם אַבְוָואהל דָאס דֶער יֵצֶר מַאכְט עֶס דָאס זַייא זָאלִין ווירְקְלִיךְ דוּרְךְ דֶעם שֶׁקֶר מַרְוִויחַ זַיין אָבֶּער גָאר אָהְן אַסְפֵק דָאס, דָאס וָואס זַייא הָאבֶּען דוּרְךְ דֶעם שֶׁקֶר מַרְוִויחַ גִיוֶועזִין וֶועלִין זַייא בְּוַודַאי בַּייא אֵיינֶע אַנְדֶרֶע זַאךְ פֶערְלִירֶען אוּנְד דִיא מֶענְשֶׁן וָואס טוּהְן מְשַׁקֵר זַיין צוּ דִיא גוֹיִם אוּנְד טוּהְן זַייא אוֹיסְנַארֶען איז דֶער חֵטְא פוּן זַייא נָאךְ גְרֶעסֶער וַוייל דָאס איז גוֹרֵם צוּ גְרָאס חִילוּל הַשֵׁם וָואס זַייא זָאגֶן אוֹיף אוּנְז יוּדֶן מִיר זֶענִין לוֹיטֶער בֶּעטְרִיגֶערְס גַנָבִים לִיגְנֶערְס אוּנְד דֶערְגְלַייכֶען איז דֶען שׁוֹין פַארְהַאנְדֶען אַיין גְרֶעסֶער חִילוּל הַשֵׁם וויא דָאס איז וָואס דֶער עוֹנֶשׁ דֶער פוּן זֶעהְר גְרָאס איז דֶער אָבֶּער וָואס איז גִיוָואהְרְנְט נָאר צוּ רֶעדֶן אֱמֶת איז דָאס אִיהְם אַיין יְסוֹד גָדוֹל צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא וְלָכֵן דַארְף מֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶען צוּ גֶעוֵוינֶען צוּרֶעדְן צוּ אַיין יֶעדֶן מֶענְשׁ נָאר אֱמֶת אַזוֹ וויא מֶען מֵיינְט מִיט דֶעם הַאֶרֶץ אוֹיךְ זָאל מֶען גְרָאס הַשְׁגָחָה גֶעבֶּען אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער זַייא אָפּ צוּגֶעוֵוינֶען פוּן לִיגֶענְט רֶעדֶן וּבִשְׂכַר זֶה וֶועלִין מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעפִינֶען חֵן בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם:

## אמן

יָדוּעַ דָאס איז ווִיסֶענְדְלִיךְ פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פ' וילך דֶעם גְרָאסֶען שְׂכַר פוּן דִיא מֶענְשֶׁן וָואס זֶענֶען גִיוָואהְרְנְט אָמֵן צוּ עֶנְפֶערְן אִיבֶּער יֶעדֶע בְּרָכָה אוּנְד ווִידֶער דֶעם גְרָאסֶען עוֹנֶשׁ אַז מֶען איז נִישְׁט גִיוָואהְרְנְט אָמֵן נָאךְ צוּ זָאגִין וָואס דִיא הָאר פוּן מֶענְשׁ שְׁטֶעלִין זִיךְ אוֹיף פַאר פַּחַד וּמוֹרָא פוּן צוּ הֶערִין וָואס אַלֶעם אוֹיף דֶעם גִיבְּרֶענְגְט ווִירְד אוּנְד צוּ דָאךְ טוּהְן גֶעבִּיךְ פִיעל מֶענְשֶׁן נִישְׁט דַארוֹיף אַכְטֶען אוּנְד טוּהְן זִיךְ זֶועלְבְּסְט בְּיָדַיִם הֶיזֵק מַאכֶען דֶעם גְרָאסֶען שְׂכַר פוּן דִיא מִצְוָה פוּן אָמֵן עֶנְפֶערְן אוּנְד בְּרֶענְגֶען אוֹיף זִיךְ אַזוֹ פִיעל עוֹנְשִׁים ר"ל. וָואס דָאס דַארְף גָאר קַיין מִיהֶע צוּ קָאסְטֶען דָאס קוּמְט נָאר מַחֲמַת לַייכְטְזִינִיגְקַייט אוֹיךְ מֵעֲצַת הַיֵצֶר:

עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען (אַל תִּמְנַע טוֹב מִבְּעָלָיו וכו') וְלָכֵן וֶועלִין מִיר מַעְתִּיק זַיין בעוה"י בְּקִיצוּר אֵיינֶע מַעֲשֶׂה רַב וְנוֹרָא וָואס הָאט זִיךְ גִיטְרָאפֶען (בִּזְמַן הַגָאוֹן ר' מרדכי יפה ז"ל) דֶער הַגָאוֹן ר' מָרְדְכַי יָפֶה, איז גִיוֶועזִין בַּייא

דעם

**דפס** (החכם אבוהב הספרדי) הָאט אַיין קִינְד פוּן הָרַב אֲבוּהַב הוֹיךְ בְּרָכָה גִימַאכְט אִיבֶּער אַיין פְּרִי (בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ) אַזוֹי הָאבְּן דָאס גַאנְצֶע בְּנֵי הַבַּיִת גִיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן, נָאר הַגָּאוֹן ר׳ מָרְדְּכַי יָפֶה הָאט נִישְׁט גִיעֶנְטְפֶערְט אָמֵן שֶׁלֹּא בְּמִתְכַּוֵּין, אַזוֹי וִויא נָאךְ בִּיז הַיינְט בעוה״ר דֶער מִנְהָג רָע אִיז בַּייא כַּמָּה מֶענְשְׁן וִויא דֶער הֶחָכָם אֲבוּהַב הָאט דָאס גִיזֶעהְן, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף ר׳ מָרְדְּכַי יָפֶה זֶעהְר שְׁטַארְק גִיבַּייזֶערְט, אוּנְד הָאט אִיהְם תֵּיכֶף מְנַדֶּה גִיוֶועזְן, דָאס הָאט אַיין חֵרֶם גִילֵייגְט, אַזוֹי הָאט דֶער הָרַב ר׳ מָרְדְּכַי גִיוַוארְט דְרַייסִיג טָאג, אוּנְד הָאט גִיוָואלְט הָרַב אֲבוּהַב מְפַיֵּים זַיין דָאס עֶר זָאל אִיהְם מוֹחֵל זַיין, אוּנְד הָאט אִיהְם גִיפְרֶעגְט וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען אַזוֹי פִיעל חוֹטֵא גִיוֶועזְן, הָאט עֶר אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט גְלוֹיבּ נִישְׁט דָאס אִיךְ הָאבּ דִיךְ מְנַדֶּה גִיוֶועזְן מֵחֲמַת וָואס הָאבּ דִיךְ חָלִילָה פַיינְט, רַק בֶּאֱמֶת וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיעבּ אַהֲבַת הַנֶּפֶשׁ הָאבּ אִיךְ דִיךְ מְנַדֶּה גִיוֶועזְן כְּדֵי זָאלְסְט קֶענֶען הָאבְּן אַיין כַּפָּרָה וֶועגְן דֶעם גְרָאסֶן עוֹנֶשׁ, וָואס תֵּיכֶף אִין דִיא רֶגַע וָואס הָאסְט נִישְׁט אָמֵן נָאךְ גִיזָאגְט, אִיז אוֹיף דִיר נִגְזַר גִיוָוארְן מִיתָה ר״ל, אַצִינְד בִּין אִיךְ דִיר עֶס מוֹחֵל, נָאר בִּתְנַאי זֶה, דָאס אוֹיף יֶעדְן אָרְט וָואס דוּא וֶוירְסְט קוּמֶען, זָאלְסְט דַרְשֶׁנְן אוּנְד דֶעם עוֹלָם צוּ וִויסֶען טוּהְן דֶעם גְרָאסֶן חֵטְא, אוֹיף דֶעם אַז מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אָמֵן, אוּנְד זָאלְסְט גִיבִּיטֶן דַיין בְּנֵי הַבַּיִת, דָאס זַייא זָאלִין אוֹיף אַלֶע מְקוֹמוֹת פַארְצֵיילֶען דִיא פַארְכְטְבַּארֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ וֶועל דִיר אַצִינְד עֶרְצֵיילֶען:

בִּמְדִינוֹת שְׁפַּאנְיֶע אִיז גִיוֶועזְן אִין אַיין גְרָאסֶע שְׁטָאט אַיין מֶלֶךְ וָואס הָאט גִיוָואלְט אַלֶע יוּדֶן פוּן דָארְט פַארְטְרַייבֶּען, דֶער רַב פוּן דִיא שְׁטָאט אִיז גִיוֶועזְן אַיין אִישׁ חָסִיד, אוֹיךְ אַיין גְרָאסֶער חָכָם, וִויא אוֹיךְ אַיין עוֹשֶׁר גָּדוֹל וָואס הָאט גְרָאס חֵן גִיהַאבְּט בַּיים מֶלֶךְ, אוּנְד יֶעדֶעס מָאהְל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט דִיא גְזֵירָה אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן, דִיא יוּדֶן צוּ פַארְטְרַייבֶּען, אִיז דֶער חָסִיד צוּם מַלְכוּת גֶעגַאנְגֶען אוּנְד הָאט אִיהְם גִיבֶּעטֶן, אַזוֹי הָאט עֶר דִיא גְזֵירָה מְבַטֵּל גִיוֶועזְן, עֶס הָאט זִיךְ אַיין מָאהְל גִיטְרָאפֶען, וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט וִוידֶער דִיא גְזֵירָה אַרוֹיס גִיגֶעבְּן, אַזוֹי זֶענֶען דִיא פָארְשְׁטֶעהֶר פוּן דִיא שְׁטָאט גֶעגַאנְגֶען צוּם הָרַב הֶחָסִיד, דָאס עֶר זָאל וִוידֶער צוּם מֶלֶךְ גֵיין, אִיהְם צוּ בֶּעטֶן דִיא גְזֵירָה מְבַטֵּל צוּ זַיין, אוּנְד עֶס וַואר גְרָאד דַאמָאהְלְס מִנְחָה צֵייט, אַזוֹי הָאט בעוה״ר בֶּעגְלִיקְט דִיא מַעֲשֵׂה פוּן שָׂטָן, וָואס דֶער חָסִיד הָאט נָאךְ נִישְׁט גִיהַאט מִנְחָה גִידַאוֶונְט אוּנְד דִיא פָארְשְׁטֶעהֶר הָאבְּן אִיהְם נִישְׁט גֶעלָאזְט פְרִיעֶר מִנְחָה דַאוֶוענֶען נָאר עֶר זָאל פְרִיהֶר צוּם מֶלֶךְ גֵיין, וַוייל דָאס אִיז אַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה יוּדֶן מַצִּיל צוּ זַיין, הָאט עֶר זַייא גִיהָארְכְט אוּנְד אִיז צוּם מֶלֶךְ גִיגַאנְגֶען, וִויא דֶער מֶלֶךְ הָאט אִיהְם דֶערְזֶעהְן, הָאט עֶר אִיהְם עֶמְפְּפַאנְגֶען בְּפָנִים שׂוֹחֲקוֹת, אוּנְד הָאט אִיהְם צוּ זִיךְ צוּ גֶערוּפֶען, אוּנְד הָאט אִיהְם גִיהַאלְטְן פַאר גְרָאס לִיבְּשַׁאפְט. מַעֲשֵׂה הַשָּׂטָן, אִיז גְרָאד אַרַיין גֶעקוּמֶען אַיין (כּוֹמֶר) גַייסְטְלִיכֶער, אוּנְד הָאט גִיבֶּענְשְׁט דֶעם מֶלֶךְ מִיט אַיינֶע לַאנְגֶע בְּרָכָה, דָאס הָאט אָבֶּער לַאנְג גֶעדוֹיֶערְט, הָאט זִיךְ דֶער וַוייל דֶער הָרַב הֶחָסִיד גִישְׁטֶעלְט אִין אַיין ווִינְקֶעל מִנְחָה דַאוֶונֶען, אוּנְד גְרָאד הָאט דֶער כּוֹמֶר דִיא בְּרָכָה פוּן מֶלֶךְ גִיעֶנְדִיגְט, אוּנְד הָאט בֶּעפוֹיהְלֶט, דָאס אַיין יֶעדֶער זָאל תֵּיכֶף הוֹיךְ עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, אוּנְד אַלֶע מֶענְשְׁן וָואס זֶענֶען

דארט געוועזן האבן אזוי געטוהן, דער כומר האט געפרעגט, אויב דער יוד וואס דארט שטייט האט אויך אמן געזאגט, האט מען איהם געזאגט ניין, דען ער דאווינט אצינד, האט ער נישט געוואלט מפסיק זיין, אזוי האט דער כומר אנגעפאנגען יעמערליך צו שרייען אונד האט זיך די האר אויסגעריסען, ווייל ער האט געזאגט דורך דעם דאזיגען יוד וועט די ברכה נישט מקוים ווערין, וואס האב געבענשט דעם מלך, דאריבער איז דער מלך אין גרויסען כעס ארייין געקומען אויף דעם רב החסיד, אזוי האט ער איין בעפעהל געגעבען, דאס מען זאל תיכף דעם יוד צו שניידען אויף שטיקער, דאס איז ווירקליך אזוי געשעהן אונד מען האט די אלע שטיקער פון זיין קערפער צוזאמען געלייגט אין איין ליילעך אריין אונד מען האט עס צו זיין בני הבית געשיקט אונד די גזירה איז ארויס געגעבן געווארן אונד מען האט אלע יידן פון דארט פארטריבען, אין די שטאט איז געוועזן איין איש חסיד, איין חבר פון דעם רב החסיד, ווייל ער האט גוט געקענט דעם רב דאס ער איז געוועזן איין גרויסער צדיק וחסיד, האט איםער אין די גידאנקען מתרעם געוועזן קעגין דעם משפט פון השם יתברך, דאך האט ער געזאגט, ווער ווייס אויב מיין חבר האט נישט עובר געוועזן אויף עבירות בצינעא, דער באשעפער שטראפט דאך נישט אומזינסט, איין מאהל האט זיך געטראפען וואס דער חבר פון רב איז געוועזן אליין אין איין חדר אונד האט מתפלל געוועזן צו השם יתברך, דאס מען זאל מיר צו וויסען טוהן פארוואס עס איז אזוי געשעהן זיין חבר, אזוי איז דער רב החסיד צו איהם געקומען ביים העלין טאג אונד האט צו איהם געזאגט זאלסט וויסען דאס איך האב קיין מאהל אויף איין עבירה עובר געוועזן, נאר הקב"ה איז מדקדק מיט זיינע צדיקים כחוט השערה, איינמאהל האט מיין קליין קינד ברכה געמאכט איבער ברויט אונד איך האב נישט געענטפערט אמן, אזוי האט מען מיר געווארט ביז די צייט וואס האב נישט געענטפערט אמן אויף די ברכה וואס מען האט געבענשט איין מלך בשר ודם אונד ער איז דאריבער אין כעס געקומען האט מען מיך כבב"ד של מעלה דן געוועזן אויף דעם חטא וואס איך האב נישט אמן געזאגט אויף די ברכה פון הקב"ה, ולכן ווייל דער חטא איז אזוי גרויס אז מען ענטפערט נישט אמן, זאלסט דוא מיין חבר זעהר געווארנט זיין אמן צו ענטפערין אונד אויך די מעשה ערצעהלען צו דיינע קינדער אונד קינדס קינדער כדי זיא זאלין געווארנט זיין מהיום והלאה אמן צו ענטפערין אויף איעדע ברכה, וויא דער רב האט דאס דאזיגע אויס גירעדט, איז ער פארשוויינדען געווארין: די גאנצע אויביגע מעשה האט הרב אבוהב ערצעהלט צו ר' מרדכי יפה אונד האט צו איהם געזאגט מיין כוונה וואס איך האב דיך מגדה געוועזן איז נאר געוועזן כדי זאלסט איין כפרה האבין, נאר אבער בזה התנאי בין איך עם דיר מוחל, דאס אויף אלע ארטן וואס דוא וועסט אהין קומען, זאלסט דוא די מעשה וואס איז געשעהן דעם הרב החסיד ערצעלין פאר אלע מענשן אונד דעם עולם מזהיר צו זיין אונד געווארנט צו זיין נאך צו זאגען אמן, איבערהויפט זאלסט וואהרנען דעם עולם געווארנט צו זיין ביי די צוויי מאל אמן, וואס רוב עולם זענין נישט געווארנט דאביי אונד גראד ביי

זָאלְכֶע בְּרָכוֹת וָואס מֶען אִיז מִתְפַּלֵל אוֹיף בִּנְיַן בֵּיהמ״ק, דְהַיְינוּ וֶוען דֶער חַזָן
לָאזְט אוֹיס דִיא בְּרָכָה (הַמַחֲזִיר שְׁכִינָתוֹ לְצִיוֹן) זָאגְט רוֹב עוֹלָם נִישְׁט אָמֵן
נָאר תֵּיכֶף מוֹדִים. אוֹיךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, בַּייא דִיא בְּרָכָה (וּפְרוֹס עָלֵינוּ וכו׳)
אַז דֶער חַזָן לָאזְט אוֹיס (וְעַל יְרוּשָׁלָיִם) זָאגְט אוֹיךְ דֶער עוֹלָם קֵיין אָמֵן, נָאר
תֵּיכֶף (וְשָׁמְרוּ כו׳ אָדֶער וַיְדַבֵּר משֶׁה) אוּנְד בַּייא דִיא צְוֵוייא בְּרָכוֹת וֶוערְט
גִיבֶּעטֶען אוֹיף בִּנְיַן בֵּיהמ״ק, אֵיין חָסִיד הָאט אֵיינְמָאל פִיעל תַּעֲנִיתִים גֶעפַאסְט
דָאס מֶען זָאל אִיהְם מוֹדִיעַ זַיין מִן הַשָּׁמַיִם, פַארְוָואס דָאס גָלוּת דוֹיעֶרְט אַזוֹי
לַאנְג, הָאט מֶען אִיהְם מוֹדִיעַ גִיוֶועזְן, וַויא זָאל מָשִׁיחַ קוּמֶען וֶוען מֶען אִיז אֲפִילוּ
נִישְׁט גִיוָואהֶרְנְט אָמֵן נָאךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דִיא אוֹיבִּיגֶע צְוֵוייא בְּרָכוֹת, וָואס מֶען
טוּהְט דַאמַאהְלְס בֶּעטִין אוֹיף מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ:
עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּן (אַל תִּמְנַע טוֹב מִבְּעָלָיו בִּהְיוֹת לְאֵל יָדְךָ לַעֲשׂוֹת) אוּנְד
אוֹיךְ וַוייל דֶער שְׂכַר פוּן אָמֵן עֶנְפֶערִין אִיז זֶעהְר גְרוֹיס, אִיבֶּער דֶעם אִיז
דָאס אֵיין יוֹשֶׁר אַלֶע בְּרָכוֹת הוֹיךְ צוּ זָאגְן, כְּדֵי אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁן זָאלִין קֶענֶען
אָמֵן עֶנְפֶערִין, כְּדֵי זַייא זָאלִין נִישְׁט הֶיזֵק הָאבֶּען דֶעם גְרוֹיסֶען שְׂכַר פוּן דִיא
מִצְוָה, אוֹיסֶער וֶוען מֶען וַוייסְט, דָאס דִיא מֶענְשֶׁן וָואס דָארְט זֶענֶען וֶועלִין קֵיין
אָמֵן עֶנְפֶערִין, אַזוֹ אִיז שֶׁאהְן בֶּעסֶער דִיא בְּרָכוֹת צוּ זָאגֶען אִין דִיא שְׁטִיל, כְּדֵי
זַייא זָאלֶען נִישְׁט דַארְפֶען דוּרְךְ אִיהְם גִישְׁטְרָאפְט צוּ וֶוערֶען:
אוּנְד דֶער וָואס דִיא בְּרָכָה זָאגְט, זָאל גִיוָואהֶרְנְט זַיין דִיא בְּרָכָה גִיהֶערִיג צוּ
זָאגֶען, נִישְׁט מַבְלִיעַ צוּ זַיין קֵיין אֵיינְצִיגֶעס וָוארְט אוּנְד קֵיין אוֹת, לְמָשָׁל
אַז מֶען זָאגְט שְׁטָאט (בָּרוּךְ אַתָּה, בָּרוּכַתָּה) אוּנְד שְׁטָאט (מֶלֶךְ הָעוֹלָם מֶלֶכְעוֹלָם)
אוּנְד נָאךְ דֶערְגְלַייכֶן בַּיים קַדִּישׁ זָאגְן, שְׁטָאט (יִתְגַדַל, וְיִתְקַדֵשׁ, יִתַּקַדֵל, וְיִתְגַדֵשׁ)
וַויא קָאן מֶען אִיבֶּער אַזוֹ אַבְּרָכָה, אָדֶער אַזוֹ אַקַדִּישׁ, אָמֵן עֶנְפֶערִין, חוּץ דֶעם עוֹנֶשׁ
וָואס דֶער זֶעלְבֶּער הָאט נָאר קֵיין בְּרָכָה, אוּנְד קֵיין קַדִּישׁ גִיזָאגְט, אִיז עֶר נָאךְ
מְבַטֵל דִיא מִצְוָה פוּן אָמֵן עֶנְפֶערִין: ע״כ וֶוער עֶס וִויל אוֹיף זִיךְ אוּנְד אוֹיף זַיין
נְשָׁמָה רַחֲמָנוּת הָאבֶּען, אוּנְד וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם גְרוֹיסֶן שְׂכַר לְעוֹלָם הַבָּא,
וָואס (עַיִן לֹא רָאֲתָה) זָאל זִיךְ אוּנְד זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֵוינֶען אַלֶע בְּרָכוֹת צוּ זָאגִין
גִיהֶערִיג, בְּנַחַת אוּנְד שַׁארְף אוֹיךְ דָאס בְּנֵי הַבַּיִת צוּ וָואהֶרְנֶען אוֹיף אַלֶע בְּרָכוֹת
הוֹיךְ אָמֵן צוּ עֶנְפֶערִין, אוֹיךְ זַייא צוּ גֶעוֵוינֶען אַלֶע בְּרָכוֹת דֵייטְלִיךְ צוּ זָאגִין:
אוֹיךְ דָאס אִיז נֵייטִיג מוֹדִיעַ צוּ זַיין, וָואס פִיעל מֶענְשֶׁן קוֹיפֶן זִיךְ גֶעהְרִין מַפְטִיר
צוּ זָאגִין אוּנְד זַייא גְלוֹיבֶּען פַאר דֶעם שְׂכַר צוּ הָאבֶּען, אָדֶער דָאס זַייא
זָאגִין פִיר זֵייעֶרֶע גִישְׁטָארְבִּינֶע עֶלְטֶערִין פִיעל קַדִישִׁים וָואס זֵייעֶר כַּוָונָה אִיז
דַאדוּרְךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערִין אֵיין נַחַת רוּחַ צוּ מַאכֶען אוּנְד עֶס אִיז גְרָאד לְהֵיפֶךְ,
מֵחֲמַת וָואס זַייא זָאגִין נִישְׁט דִיא בְּרָכוֹת הַפְטוֹרָה, אָדֶער דֶעם קַדִּישׁ וַויא עֶס
גִיהֶער צוּ זַיין, דָאס מֶען זָאל קֶענֶען אִיבֶּער זֵייעֶרֶע בְּרָכוֹת אָמֵן עֶנְטְפֶערִין, דָאס
זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּייא דִיא מֶענְשֶׁען וָואס חַאפֶּען זִיךְ גֶערִין עֶפְּטֶערְס פַאר דֶעם עָמוּד
צוּ דַאוִוינֶען אַלְס שְׁלִיחַ צִיבּוּר אוּנְד זָאגִין נִישְׁט דִיא בְּרָכוֹת אוּנְד קַדִישִׁים וַויא
עֶס גִיהֶער צוּ זַיין אָהְן פֶעהְלֶער, דִיא דָאזִיגֶע מֶענְשֶׁען טוּהְן זִיךְ נָאךְ שְׁטָאט מִצְוֹת
עֲבֵירוֹת אַיינְקוֹיפֶען אוּנְד טוּהְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערִין מִיט זֵייעֶר קַדִּישׁ זָאגֶען
מְצַעֵר זַיין, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס שְׁפִּיהְרְט זִיךְ נִישְׁט דָאס עֶר וֶועט קֶענֶען דִיא

ברכות פון דאווינען אונד ברכות הפטורה גיהעריג זאגען אהן פעהלער, דער זאל זיך צו אזו וואס נישט חאפין אונד ווען ער איז איין כבד פה, וואס ער קאן נישט קדיש זאגען כדת וכדין, דער זאל בעסער גאר קיין קדיש זאגען אונד ער וועט נאך מיט דעם זיינע עלטערין איין נחת רוח אן טוהן, מיר געפינען אין דיא גמרא עס איז אסור צו זאגען אמן יתומה אונד אמן חטופה וקטופה דער וואס זאגט אמן יתומה, וועלין זיינע קינדער יתומים ווערין חלילה אונד אמן קטופה וחטופה וועלין איהם חלילה זיינע יאהר אנגעהאקט ווערין, ע״כ וועלין מיר מודיע זיין וואס דאס איז אמן יתומה, וקטופה וחטופה אמן יתומה הייסט אז מען זאגט אמן אונד מען האט נישט גיהערט דיא ברכה זאגען, עס הייסט דאריבער אמן יתומה, ווייל דער אמן האט קיין ברכה, אזו וויא איין יתום האט קיין פאטער. אמן חטופה וקטופה איז ווידער אז מען זאגט נישט דעם אמן אין גאנצען ארויס נאר מען איז מבליע דיא א׳ אדער דיא נון, וואס מען זאגט אמ אדער מן, אדער אז מען חאפט פריער אמן צו זאגען איידער מען האט דיא ברכה אויסגעלאזט, איבערדעם זאל מען גיוואהרנט זיין ביא דעם אויף צו הערין דיא ברכה אונד אויך נישט פריער אדער שפעטער אמן צו ענפערין, נאר תיכף וויא מען לאזט אוים דיא ברכה, אויך דייטליך ארויס צו זאגען דאס ווארט אמן, אז מען הערט קדיש זאגען דארף מען צו ענפערין ועקם מאהל אמן, דהיינו אז מען זאגט יתגדל ויתקדש שמיה רבה זאגט מען דארויף אמן, אויך יעדעם מאהל וואס מען הערט זאגען ואמרו אמן, מוז מען תיכף אמן ענפערין, ולכן דארף מען אן דעם זעהר גיוואהרנט צו זיין בשעת דער חזן זאגט דיא הויכע שמונה עשרה וויא אויך ביים לייגען אז מען מאכט ברכה איבערדעם ספר תורה, וויא אויך בשעת מען זאגט דיא ברכות הפטורה צו שווייגען גאר קיין שום ווארט צורעדין נאר דאס אויער צו נייגען אויפצוהערין אלע ברכות כדי צו קענען תיכף איבער יעדע ברכה אמן ענפערין אונד דיא מענשין וואס טוהן בשעת דיא הויכע ש״ע, אונד בשעת קה״ת תהלים זאגען, איז איין יושר זייא אנצושרייען, ומכל שכן דיא מענשן וואס טוהן נאך רעדין בדברים בטלים, איז בוודאי איין יושר זייא פון דעם אפצוגעוויינען, ווייל אז עס ענפערין נישט צעהן מענשן אמן, אזו איז דיא אלע ברכות וואס דער חזן זאגט ביא דיא הויכע ש״ע גירעכנט ברכה לבטלה, נעתה ליבע מענשן זעהט וויא גאר לייכט איין יעדער מענש קאן זיך יעדען טאג מצות פארשאפען אונד זיך עולם הבא צו קויפען, אונד אויך דעם היפך דאס גיהנם, יעדער יוד וואס גייט יעדען טאג צום דאווענען וויא פיעל אמן׳ם קאן ער ענפערין, וואס פיר איעדען אמן בעזונדער קאן מען אויף שכר רעכנען לעולם הבא, ובזכות זה וואס מיר וועלין גיוואהרנט זיין אמן צו ענפערין בעולם הזה, וועלין מיר זוכה זיין אמן צו ענפערין בעולם הבא:

## אחים

(מה טוב, ומה נעים שבת אחים גם יחד) וויא גוט אונד אנגענעם איז דאס ווען ברידער זיטצען צוזאמען מיט ליבשאפט, דאס איז דאך אזו איין זאך וואס

דער

דערשכל איז עס מחייב, דען ווען דאס איז איין מצוה, דאס עס זאל זיין אהבה צווישען פרעמדע מענשען אונד עס איז איין חיוב איינער דעם אנדערען צו אונטערשטיצען אין איין נאטה, עאכו"כ וויא ברודער נאך צו זיין אהבה ואחוה צווישען ברידער עס שטייט (אח לצרה יולד, ומבשרך אל תתעלם) דאס הייסט פון דיין פלייש זאלסט דיך נישט פארהוילען אונד ברידער זענען דאך וויא איין פלייש, היינט איז דען שאהן פארהאנדען איינע מיאוסערע אונד שענדליכע זאך וויא דאס איז, אז צווישען ברידער קריג איז, אדער דאס איינער איז נישט דעם אנדערען בייהילפיג אין איין נאטה, זייא דארפען זיך ווירקליך צו שעהמען, ומכל שכן ווען איינער איז איין עושר אונד דער אנדערער ארום, איז בוודאי איין חיוב גדול זיין ארומען ברודער נישט פאלען צו לאזען נאר איהם צו אונטערשטיצען מיט וואס מעגליכעס אונד איהם מפרנס צו זיין בכבוד, וכדי דאס עס זאל צווישען ברידער שלום זיין איז גוט דאס זייא זאלין נישט צוזאמען וואהנען אין איין חדר, דיא גרעסטע אהבה ברודער צו זיין, אהבת הנפש, אז מען זעהט זיין ברודער גיין בדרך לא טוב, איהם מוכיח צו זיין כדי איהם מחזיר למוטב צו זיין:

## אחדות

אחדות צווישען מענשען איז איין גרונד אויף תיקון עולם. אונד הקב"ה האט פון דעם איין נחת רוח, דיא שכינה רוהט נישט אנדעריש בייא יידען נאר ווען עס איז צווישען זייא אחדות אונד שלום, אפילו ווען זייא זענען עובדי ע"ז, נאר עס איז בייא זייא אחדות, קאן שוין דער מדת הדין אן זייא נישט געוועלטיגען, ווען איין חברה וויל האבען דאס זייא זאלען איין קיום האבין, אזוי מוז נאר זיין בייא זייא אחדות אונד איינגקייט, ווען אבער זייא קענען זיך נישט פאראייניגען, נאר איין יעדער וויל זיין מיינונג אויספיהרען אונד קומען דאדורך צו מחלוקת, קומט דאדורך איין חורבה אונד דאס קאן קיין קיום האבען, דאס איז איין משל צו איין בינד וויינדליך אזוי לאנג וואס זייא זענען צוזאמען געקניפט קאן זייא אפילו איין גבור אויך נישט דורך ברעכען, אבער ווען זייא זענען איין יעדעס בעזונדער איז עס שוין גאנץ לייכט צו צוברעכען אונד דאס איז איין גדר גדול, גורם צו זיין אחדות מקיים צו זיין וואס דיא תורה הקדושה האט געשריבען (אחרי רבים להטות) דאס מען זאל איינשטימען דא וויא מעהרערע שטימען זענען, ווען אפילו דאס דוא מיינסט בייא דיר פארזיכער דאס דיין מיינונג איזט רעכט אונד דיא מעהרערע מענשען זענען זיך טועה, צו דאך זאלסט דוא מבטל זיין דיין רצון (מפני רצון אחרים) צופארט זאלסט דיך נישט טועה זיין, דאס ווען עס איז דא מעהרערע שטימען וואס ווילען מתקן זיין אזוי אזאך וועם דאס איז קעגין דיא תורה הקדושה, דאס ביזט אויך מחויב צו זיין (אחרי רבים להטות) חלילה וחלילה רק גראד להיפך, דאמאהלס איז נאך איינע גראסע מצוה זיך אנצושארטען מיט קראפט קעגין דיא פושעים צו שטרייטען אונד קיין אונרעכט צו צו לאזען, ווען עס איז נאר אפילו איין ספק, פילייכט ווירסט קענען זייערע שלעכטע עצות מבטל זיין, אויסגענומען ווען דוא

הייסט זיבער דאס ווירסט נאר נישט רעכטען מיט דיין קריגען קעגין זייא, איזט בעסער אין גאנצען זיך פון זייא צו ערווייטערען בתכלית הריחוק אונד אויך אנדערע מענשען פון זייערע דיעות נפסדות אבצופיהרען אונד נישט מחלוקת צו מאכען גאנץ אומזונסט וד"ל:

## אפיקורס

צווישען די מענשען וואס האבען קיין חלק לעולם הבא, איז אויך צווישען זייא גירעכענט איין אפיקורס, דער וואס שפעט, אדער לאכט אויף די רייד פון די תלמידי חכמים, אדער דער וואס איז מבזה איין תלמיד חכם, אויך דער הייסט אפיקורס, וואס גלייבט נישט אדער ער איז מסופק אויף איין זאך פון די תורה שבכתב אונד תורה שבעל פה, דער דאזיגער איזט גירעכענט פאר איין כופר בעיקר, ולכן דארף מען אן דען זעהר נזהר צו זיין, צו האבען די אמתדיגע אמונה אן די תורה הקדושה, וויא אויך אן די רייד פון די הייליגע חכמים דאס איז די הייליגע גמרא:

## אומנות

די חכמים הקדושים האבין געשריבען (חייב אדם ללמד את בנו אומנות), דער פאטער איז מחויב זיין זוהן צו לערנען איין מלאכה, דאך איז בעסער די עצה פון ר' נהוראי וואס האט גיזאגט, איך וויל אוועק לייגען אללע מלאכות פון די וועלט, אונד וויל נאר לערנען מיט מיינע קינדער תורה, דאך אז דער פאטער זעהט איין דאס זיין קינד איזט נאר נישט פעהיג צום לערנען, איזט שוין בעסער איהם צו לערנען איינע מלאכה (נקיה וקלה). דער פשט פון נקיה איז געמיינט ריין פון גזל אונד גניבה, ולכן זאל יעדער פאטער גיווארענט זיין, ווען ער האט נישט די זכיה געהאבט צו קענען זיין קינד ערציהען מיט תורה, דאס ער זאל איהם איינגעווענעמטענס געבין צו אזו איין בעל מלאכה וואס איין אמתדיגער יוד איז, דאס זיין קינד זאל נישט חלילה פארגעסען אן יודישקייט אונד דאס ער זאל זיך נישט דארפען צו געוויינען ניבול פה אונד ליצנות צו רעדין, אונד אויך דאס זיין קינד זאל קענען יעדען טאג צום דאווענען געהן, וויא אויך שבת ויו"ט גיהעריג צו האלטען, ועל כולם מוז דער פאטער כל התפעלות טוהן אונד פיעל מיהע איינווענדען דאס זיין קינד זאל קיין עם הארץ בלייבען, ווען אויך דאס ער בייא איין בעל מלאכה איז נאר אזו ווייט וויא מעגליך איזט מיט איהם צו לערנען חומש ופסוק, אויך דינים הנצרכין פון שלחן ערוך הקצר, אויך מיט איהם עפטערס מוסר ספרים צו לערנען, ווייל ווייא אונד אך איזט צו די עלטערן וואס האבין קינדער עמי הארצים:

וזה, אונד דאס איזט ראוי מזהיר צו זיין, עס גיבט כמה בעלי המלאכות, שניידער וויא אויך אנדערע בעלי המלאכות אונד סוחרים וואס דער עון פון גניבה וגזל, איזט בייא זייא נאר פאר איין היתר גמור, ווייא צו זייא אונד ווייא צו זייער נשמה אונד ווייא אויף זייער נארישען שכל וואס פארקויפען זייער גאנץ לעבין פיר דעם נארישען עוה"ז, אונד באמת אבער דער דאזיגער

וואס וויל מרוויח זיין מיט פאלשקייט אונד מיט עוולות דער טוט קיין מאהל בעגליקען, דער אבער וואס פערדינט מיט יושר דער געפינט חיים וכבוד ועושר ׃

## אורחים

דיא מצוה פון הכנסות אורחים איזט איינס פון דיא מצות וואס מען עסט דיא פירות בעוה"ז, אונד דער עיקר שכר פון דיא מצוה בלייבט איהם לעוה"ב, ע"כ דער וואס איז אין שטאנד דיא חשובע מצוה מקיים צו זיין דהיינו ער האט איין חדר בעזאנדער דאס ער זאל קענען דיא אורחים דארט איינקוואטירען, דער דארף זיך אן דיא מצוה צו בעגרייפען אונד זיא מקיים צו זיין על צד היותר טוב דעם אורח מקבל צו זיין בפנים יפות אונד איהם צו בעזארגען איין גוט נאכטלעגער ווייל דאס איז איהם מעהר חשוב וויא עסן אונד טרינקען אויך דארף מען געווארענט צו זיין פאר דעם אורח נישט צו בעווייזען קיין שום צער אדער כעס אונד ביים זיין אבררייזען איהם מיט צו געבין אויף צדה לדרך אונד געווארענט צו זיין איין יעדען אורח עפעס צו בעגלייטען ווייל דאס איז איין מצוה מן התורה׃

אויך דער אורח זאל וועהר געווארענט זיין זיך נישט לעסטיג צו מאכען אויף זיין בעל הבית אונד אזו ווייט ווען ער נאר אומשטאנד איזט צו צאהלען פיר נאכטלעגער זאל ער זיך נישט איינקוואטירען אלס אורח אומזאנסט, אויך דארף דער אורח צו זיין מזכיר טובה דעם בעל הבית צו בענשין מיט פיעל ברכות אפילו איינע קליינע טובה דארף ביי איהם צו זיין גירעכענט וויא איינע גראסע טובה (וכל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים)׃

## אונאה

דיא תורה הקדושה האט געשריבען (אל תונו איש את אחיו), אונד דאט עס פערבאטען מיט איין לאו אז מען פערקויפט עפעס זיין חבר זאל מען איהם נישט נארען ווייל יענעם צו נארען ביים מקח וממכר איז דער עונש נאך גרעסר פון גזל ווייל דער איז נאך דאצו עובר אויף (לא תונו) על כן זאל מען זיך נישט לאזען רייצען פון יצר חלילה עפעס צו פעלשען ביים משא ומתן, וואס דאס איז גורם צו ברענגען אויף זיך חלילה עניות, אזו וויא דער נביא האט גיזאגט (עושה עושר לא במשפט בחצי ימיו יעזבנו) דאס הייסט דער וואס פארשאפט זיך עשירות נישט מיט משפט נאר דורך פאלשקייט אין זיינע מיטלער יאהרין ווירד ער עס מוזען פערלאזען אונד אז מען וועהט דאס, דאס אנגערעכטע געלד האט ביי איהם יוא איין קיום אזו זאל מען וויסען דאס (עושר שמור לבעליו לרעתו) דאס, דאס עשירות איז נאך פיר זיין שלעכטען אזו וויא דער פסוק זאגט (ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו) דאס הייסט הקב"ה בעצאהלט זיינע שונאים זייער שכר פיר זייערע מצות דא אויף דיא וועלט כדי דאס ער זאל שוין גאר נישט האבין צו פאדערן אויף יענער וועלט לעולם הבא דעם כלל זאל מען וויסען דאס מען זאל קיין שום שקר רעדין ביים האנדעל, אונד נישט צו לויבען זיין סחורה מיט ליגענט אויך נישט צו פארקויפען אלטע

סחורה פיר זייע סחורה אונד נישט אריין צו מישען געמיינע סחורה מיט בעסערע סחורה כדי דעם קונה צו נארען וואס אויף דעם אלען איז מען עובר אויף דעם לאו פון (לא תונו איש את עמיתו) אויך אויף דעם הארבען חטא פון גזל, אונד דער וואס פארקויפט אדער קויפט מיט איינע פאלטשע מאס, אדער פאלטשע געוויכט וויר דער דאזיגער אנגערופן (שנאוי משוקץ, חרם, תועבה) עס שטייט געשריבען דאס דער עונש פון פאלטשע מאס איז נאך הארבער פון דעם עונש עריות דיא מענשין וואס דאס טהון דיא פארברענגען געבעך זייערע פאר יאהר מיט שווער ארבייטען אונד קויפען זיך איין פיר זייער ארבייט דאס גיהינם, אין דיא גמרא שטייט דאס, דאס ערשטע וואס מען פרעגט דעם מענש אויף יענער וועלט, גלייך בייא זיין אהין קומען האסט דוא געהאנדעלט באמונה, אונד וויא ווייא אונד אך איז צו דעם מענש וואס קען באלד אויף דיא ערשטע שאלה קיין תשובה געבין, נאר ער ווירד פארשטומט וויא איין שטיין, דער אבער וואס האנדעלט יוא באמונה דעם דאזיגען טוט ארומרינגלען חסד אויף דיא וועלט אונד אויף יענער וועלט, דער מענש וואס נימט זיך פאר צו האנדלען מיט גערעכטיגקייט דער איז פארזיכערט דאס עם ווירד איהם בוודאי קיין ברויד פעהלין, איבערדעם וואהל דעם מענש וואס ווארפט זיין האפנונג אויף הקב"ה אונד האנדעלט באמונה וביושר אזוי ווירד איהם וואהל זיין אויףביידע וועלטין:

ביז אהער האבין מיר געשריבען מעגין אונאות ממון, אצינד וועלין מיר שרייבען מעגין אונאת דברים, וועלכם דער עונש דאפון נאך הארבער איזט מעונש אונאת ממון, אזוי וויא עס שטייט געשריבען אלע טויערן זענען פארשלאסען חוץ דאס טויער פון אונאת דברים איז אלע מאהל אפען פאר הקב"ה דאס איז געמיינט דאס געשרייא פון דעם מענש וואס שרייט צו השם יתברך וועגען אונרעכט וואס מען האט איהם געטוהן דורך שימפפווערטער, דאס געשרייא קומט באלד פאר הקב"ה אונד גאט ב"ה טוט דעם דאזיגען מענש וואס האט זיין חבר מצער געוועזין מיט שטעכווערטער אליין שטראפען מיט איין שווערן עונש ר"ל ובעוה"ר ווערין פיעל מענשין נכשל מיט דיא עבירה, מחמת וואס זייא ווייסען נישט וואס דאס איז אונאת דברים, איבערדעם איז איין יושר מודיע לרבים צו זיין וועלכעס דאס הייסט אונאת דברים כדי זיך פון נון אן פון דעם צו היטען, דעם כלל זאל מען וויסען דאס דיא אלע רייד וואס מען טוט דאדורך מיט דעם זיין חבר מצער זיין דאס הייסט אללעם אונאת דברים אונד אז מען וויל וויסען מיט וועלכע רייד איז מען יענעם מצער זאלסט דיר דעם כלל פארנעמען וואס אונזערע חכמים הקדושים האבין אונז איין סימן גיגעבין (מה דעלך סני, לחברך לא תעביד) דאס איז גימיינט, דאס אלעם וואס דוא האסט פיינט דאס מען זאל עס צו דיר טוהן דאס אללעם זאלסט אויך צו דיין חבר נישט טוהן, עס גיבט כמה אנשים וואס האבין איין הנאה אנדערע מענשין מצער צו זיין בדרך שחוק אונד קלות ראש אום זיך דאמיט איין אונטערהאלט צו מאכען אבער זייער פערגעניגען ווירד זייא בוודאי פארקעהרט ווערין צו טרויעריגקייט חלילה, ווען זייא וועלין נישט זעהן דיא עבירה מתקן

צו זיין אונד אזו גוט וויא דער יצר טוט דיא מענשין דיא אויגען פארבלענדען אויף דיא הארבסטע עבירות זייא פאר איין היתר גמור פארצושטעלין, אזו טוט ער אויך דיא עבירה פון אונאת דברים דיא מענשין פארבלענדן, וואס ער רעט איהם איין וואס פאר איין שלעכטס האב איך דען איהם געטוהן איך האב דאך מיר נאר איין שפאס געמאכט, ווייא אונד אך איזט צו זיין שכל אונד צו זיין געוויסען וואס וויל זיך איין פערגעניגען מאכען מיט יענעמס בלוט, מאנכעס מאהל טוט ווידער דער יצר דעם מענש איינרעדן דאס דעם דאזיגען מענש, איזט נאך איין מצוה מצער צו זיין מיט פערשידענע שטעכווערטער ווארום? וייל ער האט דאך קעגין מיר נישט מיט יושר געהאנדעלט אדער וייל יענער אין זיינע אויגען קיין ערליכער יוד איזט אונד נאך דער גלייכען אונד דאדורך קומט נישט אוים אפילו איינמאהל אויף דיא עבירה תשובה צו טוהן וייל ער האלט עס נאר פאר קיין עבירה ובאמת אבער איזט דאס אלעם נאר דיא רייד פון דעם יצר דער זקן וכסיל וואס טוט דיא מענשין דיא אויגן פארבלענדן זייא אויף דיא הארבסטע עבירות פיעל התירים צו ווייזען, ובפרט אויף דיא עבירה וואס דער מענש אויף דעם עובר איז, דער קען אויף דיא עבירה עובר זיין כמה וכמה פעמים, אונד בייא השם יתברך קומט נאר נישט אוועק נאר אויף יעדע עבירה בעזונדער מוז מען דאפיר דעם עונש ליידען, דיא תורה הקדושה אבער וואס טוט דעם מענש לערנען צו גיין אין דעם רעכטפארטיגן וועג האט פארבאטען קיין שום מענש מצער צו זיין בין בדיבור ובין במעשה אפילו איין קינד איז אויך איין איסור מצער צו זיין בחנם, נאך מעהר אפילו דער דאזיגען מענש וואס האט דיך מצער געוועזן דארפסט דוא איהם דאך נישט מצער צו זיין, נאר מען זאל דעם יעניגען מוכיח זיין, ווידער דער מענש וואס טוט יענעם מצער זיין זיך דאמיט איין אונטערהאלט צו מאכען דער טוט עובר זיין אויף כמה עבירות איינס וואס ער טוט ליצנות ברויכען וואס דער עונש פון ליצנות זעהר גרוים איז, אונד אויך אויף דעם חטא פון שחוק וקלות ראש, ע"כ ווער עס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבין דער זאל זיך פון דיא עבירה זעהר ערווייטערן זיך זעהר צו היטן קיין שום מענש מצער צו זיין עס זייא דורך געלדזאכען אדער דורך שטעכווערטער, ועל כולם דארף מען זיך זעהר צו היטען פון אונאות אשתו, זיין ווייב נישט מצער צו זיין בחנם וייל דיא נקבה איז זעהר לייכט צו וויינען, אונד דאס איז איין ידוע דאס (שערי דמעות לא ננעלו), דיא טויערן פון טרערן ווערען נישט פארשלאסען, אונד ווען זיא טוט דורך איהם טרערן פארגיסען קען דאס איהם פיעל שאדען טוהן, אויך דארף דער מענש זיך זעהר צו היטען נישט מצער צו זיין זיינע משרתים, וייל זייער נידריג געמיהט ברענגט דאס מיט פיר דעם גרינגסטען צער טרערין צו פארגיסען, אונד דאס איז פאר דעם בעל הבית זעהר געפעהרליך דאס עס זאל נישט אויף איהם איין עונש קומען חלילה, מיר יודען בני אברהם יצחק ויעקב דארפען צו בעזיטצען דיא מדה פון אברהם אבינו רחמנות צו האבין איינער אויף דעם אנדערן, ובפרט אויף זאלכע מענשין וואס מוזען זיך פארדינגען בייא אנדערע אום זייער ברויד צו פערדינען, איבערדעם זאל מען געווארענט זיין מיט

אין יודיש משרת נישט שווער צו ארבייטען וואס דיא תורה האט עס מיט איין לאו פערבאטען (לא תרדה בו בפרך), דער מענש דארף אימער צו וועהן חן צו געפינען אין גאטס אויגען אונ אויך אללע מענשין ואלען פון איהם אייז נחת האבין, כדי דאס הקב"ה זאל אויך פון איהם איין נחת האבען אמן:

## אות ב

ברכות, דיא חכמים הקדושים האבען גישריבען (כל הנהנה מן העולם הזה בלי ברכה) דער וואס טוהט עפעס געניסען פון דיא וועלט אן ברכה, דער גזלת הקב"ה, אונד דיא כנסת ישראל אונד זיין עונש איז זעהר גרויס. ובעו"ה בזמן הזה ווערען פיעל מענשען פון דעם המון עס נכשל מיט דיא עבירה, וואס עסען אונד טרינקען אן ברכה ראשונה, וברכה אחרונה אונד דער גורם איז פון דעם, איינס מחמת חסרון ידיעה, מחמת וואס וויסען נישט פון דעם גרויסען חטא, וגודל האיסור אז מען געניסט עפעס אן ברכה, צווייטענס מחמת וואס זייא וויסען נישט וואס פאר איין ברכה מען ברויך צו מאכען איבער יעדעזאך. אויך איז דער גורם דאצו ביא מאנכע מענשען מחמת דעם הרגל פון דיא יוגענט, נישט ברכה צו מאכען, אזו דענקען זייא גאר נישט דאראן, מאנכע מענשען האלטען גאר דאס דאזיגע פאר חסידות, וואס רעדען זיך איין, דאס קומט נאר צו איין מדקדק במצות, על כן איז דאס איין חיוב, דיא זעלבע מענשען מודיע צו זיין אונד מזהיר צו זיין, דאס עפעס צו געניסען אן ברכה, איז איין עבירה גדולה אונד ער איז דער חבר פון (ירבעם בן נבט) וואס האט חוטא ומחטיא רבים גיוועזין אונד וועט דאפיר אנגערופען גזלן, וואס גזלת צו הקב"ה אונד צו דיא כנסת ישראל, ולכן זאל זיך דאס קיינר פיר איין דבר קטן האלטען, נאר זעהר אונד זעהר גיוואהרנט צו זיין, קיין שום זאך צו געניסען אן ברכה אונד דער וואס וויים נישט וועלכע ברכה מען דארף צו מאכען, דער זאל זיך לאזען לערנען צו וויסען מהיום ולהלאה וכדי לזכות את הרבים וועלין מיר בעצייכענען בדרך כלל, איבער איין פרי וואס וואקסט אויף איין בוים, איז דיא ברכה ראשונה דארויף (ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם בורא פרי העץ) ווען דאס איז אזו אפרי וואס וואקסט אין דיא ערד, איז דיא ברכה דארויף (בורא פרי האדמה) איבער אנדערע זאכען וואס וואקסט נישט פון דיא ערד, דהיינו פלייש אייער איבער וואסער אויך איבער אללע משקים חוץ פון ווייז, איז דיא ברכה דארויף (שהכל נהיה בדברו) איבער ברויד (המוציא לחם מן הארץ) אז מען האט דאס מעהל געקאכט, אדער מען האט דאס טייג גיקנעטען מיט עהל, אדער מיט שמאלץ אדער מיט אייער, אדער מילעך איז דיא ברכה דאפון (בורא מיני מזונות) אויך איז אסור צו שמעקען צו אזו אזאך וואס האט איין גוטען גישמאק אן ברכה, דהיינו אויף אזו אזאך וואס וואקסט אויף איין בוים (בורא עצי בשמים) אונד וואס וואקסט אויף דיא ערד (בורא עשבי בשמים) אונד איבער אנדערע זאכען (בורא מיני בשמים), אצינד וועלין מיר בעצייכענען כללים פון ברכה אחרונה, נאך ברויד איז דיא ברכה אחרונה (ברכת המזון), אונד איבער אזו אזאך וואס מען האט

גימאכט

גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת אִיז דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה (עַל הַמִחְיָה וְעַל הַכַּלְכָּלָה), נָאךְ וַויין (עַל הַגֶּפֶן, וְעַל פְּרִי הַגֶּפֶן) אִיבֶּער זָאלְכֶע פֵּירוֹת וָואס זֶענֶען (מִשִּׁבְעַת הַמִינִין) דְהַיְינוּ וַוייְנְטְרוֹיבֶּען, פַייגֶען, מִילְגְרָאמֶען, טֵייטְלֶען, אִיז דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה (עַל הָעֵץ, וְעַל פְּרִי הָעֵץ) אוּנְד אִיבֶּער אַנְדֶערֶע פֵּירוֹת, עֶס זַייא פוּן אִבּוֹים, אָדֶער פוּן דִיא עֶרְד, אִיז דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה (בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת וְחֶסְרוֹנָן). אוֹיךְ דֶעם כְּלַל זָאל מֶען וַויסֶען, דָאס דִיא בְּרָכָה רִאשׁוֹנָה פַאר דֶעם עֶסֶען הָאט קֵיין שִׁיעוּר וַויא פִיעל מֶען וִויל עֶסֶען, נָאר אֲפִילוּ אִיבֶּער אֵיין קְלֵיין שְׁטִיקֶעל עֶסֶען, אָדֶער אַקְלֵיין בִּיסֶעל מַשְׁקִים, מוּז מֶען אַלֶעם בְּרָכָה מַאכֶען, דִיא בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה, אָבֶּער וָואס מֶען מַאכְט נָאךְ דֶעם עֶסֶען, אִיז מֶען פְרִיעֶר נִישְׁט מְחוּיָב, נָאר אַז מֶען הָאט גִיגֶעסֶען אֵיין שִׁיעוּר אַזוֹ גְרוֹיס וַויא אֵיין כְּזַיִת, דָאס אִיז אַזוֹ גְרוֹיס וַויא אֵיין הַאלְבּ אֵיי, אוּנְד וַוידֶער אִיבֶּער מַשְׁקִים קָאן מֶען נִישְׁט פְרִיעֶר בְּרָכָה אַחֲרוֹנָה מַאכֶען, נָאר אַז מֶען הָאט גֶעטְרוּנְקֶען דֶעם שִׁיעוּר פוּן אֵיין רְבִיעִית, דָאס אִיז אֵיין הַאלְבּ קְוַואטִירֶעל מִיט אֵיינְמָאהְל. מַאנְכֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה וָואס מַאכֶען שְׁטָאטְס עַל הַגֶּפֶן, אָדֶער עַל הַמִחְיָה, בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, וּבֶאֱמֶת אִיז מֶען נָאר נִישְׁט מִיט דֶעם יוֹצֵא, נָאר מֶען טוּהְט נָאךְ דַאמִיט מַאכֶען אַבְּרָכָה לְבַטָלָה, מִיר הָאבֶּען נָאר דָא בֶּעצֵייכֶנֶעט בְּדֶרֶךְ כְּלָל, אָבֶּער צוּ וַויסֶען בִּפְרָטוּת דִיא דִינִים פוּן בְּרָכוֹת מוּז מֶען לֶערְנֶען בַּייא אֵיין רַבָּן, אָדֶער מֶען זָאל לֶערְנֶען הִלְכוֹת בְּרָכוֹת אִין חַיֵי אָדָם, אָדֶער אִין קִיצוּר ש"ע, אֲפִילוּ דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בְּלָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ קֶען זִיךְ פַארְשַׁאפֶען אֵיין חַיֵי אָדָם אָדֶער קִיצוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף עִבְרִי טַייטְשׁ אוּנְד וָועט עֶס וִויל אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף זַיין נְשָׁמָה רַחֲמָנוֹת הָאבֶּען זָאל זִיךְ דָאס פִיר קֵיין דָבָר קָטָן הַאלְטֶען, רַק אַן דֶעם זֶעהְר גִיוָואהְרְנְט צוּ זַיין, דִיא חֲכָמִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבֶּען דָאס, דָאס מַאֲכָל וָואס מֶען עֶסְט, אִיז אֵיין שְׁפַּייז צוּם גוּף אוּנְד דִיא בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט אִיבֶּער דֶעם עֶסֶען אִיז אֵיין שְׁפַּייז צוּ דִיא נְשָׁמָה, וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אִיבֶּער דֶעם עֶסֶען, מַאכְט מֶען רוּאֶען אֵיין קְדוּשָׁה אוֹיף דֶעם מַאֲכָל אוּנְד פוּן דֶעם הָאט דִיא נְשָׁמָה אֵיין חַיוּת. דִיא מֶענְשֶׁען אָבֶּער וָואס עֶסֶען אָן בְּרָכָה, דִיא וָוערֶען אָנְגֶערוּפֶען נָאךְ בַּייא זֵייעֶר לֶעבֶּען מֵתִים (כִּי רְשָׁעִים בְּחַיֵיהֶם נִקְרָאִים מֵתִים) אוֹיךְ זָאל מֶען מַזְהִיר זַיין דָאס בְּנֵי הַבַּיִת, גִיוָואהְרְנְט צוּ זַיין אִיבֶּער אַלֶע עֶסֶען בְּרָכָה צוּ מַאכֶען, וַויא עֶס גִיהֶער צוּ זַיין, אַזוֹ וִוירְד זֵייעֶר זְכוּת אוּן דֶער שְׂכַר זֶעהְר גְרוֹיס זַיין. יֶעדֶער פָאטֶער אִיז מְחוּיָב בַּאלְד אִין דִיא יוּגֶענְט זַיינֶע קִינְדֶער צוּ גֶעוֵוינֶען בְּרָכָה צוּ מַאכֶען (כִּי הַהֶרְגֵל נַעֲשֶׂה טֶבַע) וַוייל דֶער עוֹנֶשׁ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אוֹיף אִיהְם חַל, אַז עֶר וֶועהְט נִישְׁט זַיינֶע קִינְדֶער מַדְרִיךְ צוּ זַיין בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה אוּנְד וַוייל דֶער עִיקָר פוּן עֲבוֹדַת הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ אִיזְט (עֲבוֹדַת שֶׁבַּלֵב) אִיבֶּער דֶעם אִיז אֵיין חִיוּב צוּ פַארְשְׁטֵיין (פֵּירוּשׁ הַמִלוֹת) דֶעם טַייטְשׁ פוּן דִיא בְּרָכָה, חוּץ דֶעם וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם דִיא בְּרָכָה צוּ זָאגֶען מִיט כַּוָונָה, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹ פִיהְרֶען וַויא מַאנְכֶע מֶענְשֶׁען פִיהְרֶען זִיךְ, וָואס בְּשַׁעַת דִיא בְּרָכָה זָאגֶען אָדֶער בְּשַׁעַת דֶעם בֶּענְשֶׁען טוּהְן זַייא זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכֶען, אָדֶער שְׁפִּילֶען זִיךְ מִיט דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מַאנְכֶע וָואס ווילֶען נִישְׁט מַפְסִיק

זיין

זיין, זאגען זייא, ניא, ניא, ניא, שטעל דיר פאהר דאס ווען בשעת מען רעט מיט איין מלך בשר ודם אונד מען ברויכט דאמאהלס זאלבעס קלות ראש (הלא כדי בזיון וקצף) ומכש"כ פאר דעם מלך מהמהקב"ה:

ווידער איז דאוי מזהיר צו זיין, עס גיבט מאנכע מענשען חאטשע דאס זייא זענען יוא גיוואהרענט ברכה צו מאכען, צופארט ווערין זייערע ברכות אן גערופען ברכות פסולות, מחמת וואס זייא טוהן פארפעהלען פיעל ווערטער פון דיא ברכה, אונד אויך מחמת וואס זייא זאגען דיא ברכה חאפעדיק, דיא זעלבע טוהן צוויא עבירות, איינס וואס עס איז אזו גוט וויא זייא העטען ווייטער גיגעסען אן ברכה אונד דאס צווייטע וואס זייא טוהן מעלדען דעם שם לבטלה, דאס איז אימער דער ריוח פון חאפען אונד געשווינד זאגען, וואס שטאטס שכר צו בעקומען, פארשאפט מען זיך נאך עונשים, ולכן דארף מען זיך צו שטארקען בכל עוז זיך צו געוויינען צו זאגען אלע ברכות, וויא אויך אלע שבחים צו הקב"ה, זעהר לאנגזאם אונד שארף יעדעס ווארט אונד זיך מכוין צו זיין (פירוש המלות) אונד בשעת מען זאגט אין דיא ברכה (אשר קדשנו במצותיו) דעם באשעפער אמתדיג צו דאנקען פיר דעם וואס ער האט אונז יודען געהייליגט מיט מצות, אונד ביי דיא ברכת הנהנין אמתדיג דעם באשעפער צו דאנקען פיר דעם וואס ער האט פיר דיא מענשען'ס וועגען בעשאפען דאס עסען, ועל כולם איבערהויפט בשעת מען זאגט דיא פאהר ווערטער (ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם) צו פארשטיין דעם טייטש פון דיא ווערטער, דהיינו געלויבט ביזט דוא אונזער גאט, דער מלך פון דיא גאנצע וועלט, אונ דעם שם צו זאגען מיט פארכט אונ אנגסט, ווייל מיט יעדע ברכה וואס מען זאגט וויא עס גיהער צו זיין איז מען אויך זיך מקבל (עול מלכות שמים) אזו וויא מיט קריאת שמע זאגען:

אונד זאלבע ברכות וואס מען וויל יוצא זיין דורך איין אנדערען, דהיינו אז מען הערט אויף פון איינעם קידוש, הבדלה, אדער ברכת המגילה, וברכת שופר, דארף דער אויפהערער גיוואהרענט צו זיין נישט צו פארפעהלען קיין איינציגעס ווארט אויפצוהערען אונד אויך נישט מפסיק צו זיין, ווייל (שומע כעונה) אונד דיא מענשען וואס בשעת דער חזן זאגט דיא הויכע שמונה עשרה, טוהן זייא דאמאהלס רעדען בדברים בטלים, דיא זענען זיך גורם כמה רעות, איינס וואס זייא טוהן רעדען בדברי חול אין שוהל בשעת התפלה, וואס דאס אליין פיר זיך איז איינע הארבע עבירה, צווייטענס וואס זייא מאכען זיך היזק דיא אלע ברכות פון חזן, ווייל יעדע ברכה וואס מען הערט אויף אונד מען ענטפערט אויף דיא ברכה אמן, איז עס אזו גוט וויא מען העט דיא ברכה אליין גיזאגט. עס שטייט געשריבען דאס יעדע ברכה וואס מען זאגט האט אין ווערט צעהן דוקאטען אונד וויא פיעל מיהע דארף מען צו פארווענדען צו פארדינען צעהן דוקאטען אונד דיא מענשען וואס רעדען בשעת דיא הויכע שמונה עשרה, דיא טוהן בידים פארלירען דעם שכר פון אזוי פיעל ברכות, נאך דאצו וואס דאס דארף גאר קיין שום מיהע צוקאמען, דער יוד אבער וואס וויל זיין איין עובד ד' דער דארף צו רעכנען (שכר מצוה

ושכר

וּשְׂכַר עֲבֵירָה) דיא אַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה הָאבֶּען זיך נוֹהֵג גִיוֶועזֶען, בְּשַׁעַת דֶער חַזָן זָאגְט דיא הוֹיכֶע ש"ע, אַיין צוּ קוּקֶען אִין אֵיין סִידֶרְל, כְּדֵי צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע בְּרָכָה מֶען זָאגְט, צוּ קֶענֶען עֶנְפֶערֶען אוֹיף יֶעדֶע בְּרָכָה אָמֵן:

(כְּתִיב, טוֹב עַיִן הוּא יְבוֹרָךְ) דֶער וָואס הָאט אֵיין גוּט אוֹיג, דֶער טוּהְט יֶעדֶעם מֶענְשׁ בֶּענְשֶׁען מִיט בְּרָכוֹת, אוּנְד דֶער וָואס בֶּענְשְׁט דיא יוּדֶען, דֶער וֶוערְד אַלֵיין אוֹיךְ גִיבֶּענְשְׁט, ווידֶער דֶער וָואס שֶׁעלְט יוּדֶען, דֶער וֶוערְד אַלֵיין גֶעשָׁאלְטֶען, אוּנְד רוּיבְּט זִיךְ אַלֵיין זַיין נְשָׁמָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַיעֶדֶער זִיךְ צוּ גֶעוֶוינֶען נָאר צוּ בֶּענְשֶׁען יוּדֶען מִיט פִיעל בְּרָכוֹת, אוּנְד זִיךְ זֶעהְר צוּ הִיטֶען גִימַאנְדֶען אֵיין קְלָלָה צוּ גֶעבֶּען, מִכָּל שֶׁכֵּן חָלִילָה קֵיין שׁוּם בֵּייז צוּ רֶעדֶען אוֹיף כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל, ווייל דָאס אִיז אֵיין עָוֹן פְּלִילָה, אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ הִיטֶען פוּן אוֹיס צוּ זוּכֶען דיא פֶעהְלֶערְס פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען. עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען דַאס. דָאס מוֹיעֶל וָואס טוּהְט גוּטְס רֶעדֶען, דָאס אִיז פוּן דיא סִטְרָא דִקְדוּשָׁה, אוּנְד דָאס מוֹיעֶל וָואס טוּהְט בֵּייז רֶעדֶען, דָאס אִיז פוּן דיא סִטְרָא אַחְרָא ר"ל. ע"כ דַארְף מֶען אוֹיף זִיךְ אַכְט צוּ גֶעבֶּען, זַיין מוֹיעֶל נִישְׁט צוּ גֶעוֶוינֶען שְׁלֶעכְטְס צוּ רֶעדֶען, נָאר לוֹיטֶער גוּטְס, אוּנְד וֶוען דוּא הָאסְט נִישְׁט גוּטְס צוּ רֶעדֶען, אַזוֹי זָאלְסְט בֶּעסֶער שְׁווַייגֶען, אַזוֹי ווירְסְט דוּא נִיצוֹל וֶוערֶען פוּן פִיעל עֲבֵירוֹת. וּמֵהַאי טַעֲמָא דַארְף מֶען זִיךְ זֶעהְר צוּ הִיטֶען מִיט קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ זִיךְ צוּ קְרִיגֶען כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפֶען אִיהְם צוּ שֶׁעלְטֶען, אָדֶער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס ווינְשֶׁען. נָאךְ מֶעהְר דַארְף מֶען זִיךְ צוּ הִיטֶען, נִישְׁט גוֹרֵם צוּ זַיין, דָאס אֵיין תַּלְמִיד חָכָם זָאל אִיהְם דַארְפֶען חָלִילָה צוּ שֶׁעלְטֶען, ווִיא אוֹיךְ זִיךְ צוּ הִיטֶען דָאס עֲנִיִים זָאלֶען אִיהְם נִישְׁט דַארְפֶען צוּ שֶׁעלְטֶען, כְּדֵי דָאס עֶס זָאל קֵיינֶער דוּרְךְ אִיהְם גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט וֶוערֶען, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דַאס מֶען דַארְף צוּ זֶעהֶן דָאס זַיינֶע עֶלְטֶערֶען זָאלֶען חָלִילָה נִישְׁט דַארְפֶען אִיהְם עֶפֶּעס בֵּייז צוּ ווינְשֶׁען, נָאר פַארְקֶעהְרְט דָאס קִינְד דַארְף צוּ זֶעהֶן אוֹיף זִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען בְּרָכוֹת פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערֶען, ווייל דיא בְּרָכָה פוּן זֵייא אִיז בְּוַודַאי מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְץ, אוּנְד זֵייעֶר קְלָלָה אִיז ווידֶער גִיפֶעהְרְלִיךְ, דָאס עֶס זָאל נִישְׁט מְקוּיָם וֶוערֶען חָלִילָה אִיבֶּער דֶעם דַארְפֶען זִיךְ ווידֶער דיא עֶלְטֶערֶען זֶעהְר צוּ הִיטֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער קֵיין שׁוּם קְלָלָה צוּ גֶעבֶּען, דָאס זֵייא זָאלֶען נִישְׁט דַארְפֶען שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה צוּ הָאבֶּען, קוּרְץ וואהְל דֶעם וָואס גִיוֵוינְט זִיךְ נָאר אֵייבִּיג בְּרָכוֹת אוֹיס זַיין מוֹיעֶל אַרוֹיס צוּ לָאזֶען (וְאָז אַשְׁרֵי לוֹ):

## בית הכנסת

דיא מִצְוָה פוּן פְרִיה אִין שׁוּהְל גֶעהְן, אִיז אֵיינְס פוּן דיא מִצְוֹת (מַה שֶׁאוֹכֵל מִפֵּירוֹתֵיהֶם בעוה"ז, וְהַקֶּרֶן קַיֶימֶת לוֹ לעוה"ב) אוּנְד דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז גִיוָואהְנְט עֶרֶב וָבוֹקֶר אִין שׁוּהְל צוּ גֵיין צוּם דַאוֶוענֶען, דֶער טוּהְט לַאנְג לֶעבֶּען, אוּנ דיא מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען נִזְהָר צוּ זַיין אִין שׁוּהְל, פוּן דיא עֶרְשְׁטֶע צֶעהְן מֶענְשֶׁן, אִיז זֵייעֶר שְׂכַר גְרֶעסֶער קֶענֶען דיא אַלֶע מֶענְשֶׁען וָואס קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער צוּם דַאוֶוענֶען, וּבִפְרַט דֶער וָואס פֶעדֶערְט זִיךְ אוּנְד אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אִין שׁוּהְל, אִיז זַיין שְׂכַר גָאר גְרוֹיס, אוּנְד דָאס אִיז אוֹיךְ אֵיין תִּיקוּן אוֹיף (פְּגַם בְּרִית)

אונד

אונד דער ווערד אנגערופען דער חבר אונד געליבטער צו הקב"ה, ולכן דארף מען אן דעם דאזיגען געווארנט צו זיין, ווייא פארנארט זענען אבער דיא מענשען וואס האטשע דאס זייא שטייאן יוא פריה אויף, פארברענגען זייא מיט נארישקייטען אין דער היים, אדער אויף דיא גאס, אדער אפילו דאס זייא טוהן זיך באשעפטיגען פאר דעם דאווענען מיט דעם משא ומתן, אונד פאר לאזען דעם גרויסען שכר פון דיא חשובע מצוה. ווידער גיבט עס מאנכע מענשען ווען זייא קומען שוין וואהל אין שוהל, גייאן זייא נישט תיכף אריין, נאר עס פארזאמלען זיך מעהרערע מענשען אין פולעש, ובפרט אן שבת ויו"ט, וואס באשעפטיגען זיך מיט דברים בטלים פאר דעם דאווענען, ערשט אז זייא הערען דאס מען האט שוין אנגעפאנגען צו דאווענען, גייאן זייא אריין אונד דאווענען מיט חאפעדיג, אדער גאר ביחידות, אך וויא שטארק פארבלענדט זענען זאלכע מענשען, אונד וויא ווייט זענען זייא ערווייטערט פון דעם אמת, אונד ווער עס איז נאר אומשטאנד, דארף דאס צו ווערען, אונד זייא פארשטיין צו געבען דעם גרויסען עונש פון דעם:

אז מען קומט צו דיא טיהר פון שוהל, זאל מען תיכף זאגען (ואני ברוב חסדך אבוא ביתך וכו') אונד אין דיא געדאנקען צו האבען, איך בין נישט ווערט צו קומען אין גאטס הויז אריין, וועגען מיינע פיעל עבירות, נאר מיט זיין חסד, אויך געווארנט צו זיין צו שטיין אין שוהל מיט (אימה) פארכט, אונד אנגסט פאר דיא שכינה וואס רוהט אין שוהל, אונד זעהר געווארנט צו זיין, וועהרענד דיא צייט וואס מען איז אין שוהל, קיין שום ווארט צו רעדען פון שיחת חולין, פון וועגען דעם פארכט פאר דיא שכינה וואס רוהט אין שוהל, ווען מען העט געוויסט דעם פארכטבארען עונש וואס ווערד גיברענגט אין זוהר הקדוש אויף דיא מענשען וואס רעדען אין שוהל דברים בטלים, העט זייא זיך דיא האר אויף גישטעלט פאר מורא אונד אנגסט, ווייל דיא דאזיגע מענשען זענען נוהג פיעל בזיון אונד שאנד צו דיא שכינה כביכול, אונד זייער עונש ווירד זיין וואס וועלען נישט האבען איין חלק בייא דעם אלהי ישראל, על כן ווער עס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבען זאל זיך פון דעם חטא זעהר היטען, אונד זאל נישט אכטען אויף דעם וואס פיעל מענשען בזמן הזה אן דען נישט געווארנט זענען, אונד רעדען פיעל דברים בטלים אין שוהל (אוי להם ולנפשותיהם) ווייא איז צו זייא, אונד צו זייער נשמה, נאר מען זאל שטיין אין שוהל מיט גרוים דרך ארץ, גלייך מען וואלט געשטאנען אין הויז פון אמלך בשר ודם, ומכל שכן פאר דעם מלך מהמהקב"ה, אונד זיך גאר נישט צו שעהמען צוזאגען צו דעם יעניגען וואס ווערד אנפאנגען צו איהם צו רעדען, דאס עס איז איין איסור אין שוהל צו רעדען בדברי חול, דיא שוהל ווערד דאריבער אנגערופען איין מקום קדוש, ווייל דאס ווארט קדוש איז טייטש אפ געשיידען, ווייל דיא שוהל איז אפ געשיידען פון איין מקום חול, איין מקום חול איז געמאכט געווארען, דארט צו עסען אונד שלאפען, אונד צו ארבייטען אויך צו רעדען פון גישעפטס זאכען, אונד דיא שוהל אבער איז פון דען אלען אפ געשיידען, וואס דאס אלעס איז דארט פארבאטען צו טוהן, עס איז נישט

סעהר

מֶעהְר מוּתָּר אִין שׁוּהְל צוּ טוּהְן, נָאר מִתְפַּלֵל צוּ זַיין צוּ הקב"ה, אוּנְד וֶועם בַּאשֶׁעפֶּער צוּ לוֹיבֶּען מִיט שְׁבָחִים, אוֹיךְ תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען, דֶעם כְּלָל זָאל מֶען ווִיסֶען, דַאס דִיא אַלֶע זַאכֶען וָואס נִישְׁט נִיהֶער צוּ עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא אִיז אַלֶעם פַארְבָּאטֶען דָארְט צוּ טוּהְן. אִין דִיא צֵייטֶען וָואס מִיר הָאבֶּען גִיהַאבְּט דָאס בִּיהמ"ק, הָאט דִיא שְׁכִינָה גֶערוּהְט אִין בִּיהמ"ק, אוּנְד הַיינְט אַז דָאס בִּיהמ"ק אִיז דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע עֲוֹנוֹת חָרוּב גִיוָוארֶען, רוּהְט דִיא שְׁכִינָה אִין דִיא בָּתֵּי הַכְּנֵסִיּוֹת, וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, וְוִיא עֶס וֶוערְט דָארְט גִידַאוֶוענְט אוּנְד גִילֶערְנְט צוּ הקב"ה, אוּנְד אַזוֹ גוּט וִויא השי"ת הָאט גִיבָּאטֶען, פַאר מֵיין בִּיהמ"ק זָאלְט אִיהְר אַייךְ פַארְכְטֶען, דָאס זֶעלְבֶּע מוּז מֶען זִיךְ פַארְכְטֶען פַאר אַיין מָקוֹם קָדוֹשׁ, אַז מֶען טוּהְט אָבֶּער אִין דֶעם מָקוֹם קָדוֹשׁ רֶעדֶען בְּדִבְרֵי חוֹל, וּבִדְבָרִים בְּטֵלִים, אַזוֹ פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (אַיֵּה כְבוֹדִי, וְאַיֵּה מוֹרָאִי) וְוִיא אִיז מֵיין כָּבוֹד, אוּנְד וְוִיא אִיז מֵיין פָארְכְט, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען נוֹהֵג בְּזָיוֹן אִין דִיא שׁוּהְלֶען, דִיא זֶענֶען גוֹרֵם דִיא שְׁכִינָה פוּן דָארְט צוּ פַארְיָאגֶען כִּבְיָכוֹל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁרַייט אוֹיף דִיא מֶענְשֶׁען, וֶוער בַּאגֶעהְרְט דֶען דָאס פוּן אֵייךְ, דָאס אִיהְר זָאלְט נָאר קוּמֶען אִין מֵיין הויז, אוּנְד דָאס אִיהְר זָאלְט אַרוּם טְרֶעטֶען אִין מֵיין הוֹיף, וְלָכֵן (מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים) זָאל דָאס דָאזִיגֶע זִיךְ פַאר קֵיין דָבָר קָטָן הַאלְטֶען, נָאר זֶעהְר גִיוָואהְרְנְט צוּ זַיין מְכַבֵּד צוּ זַיין דִיא מְקוֹמוֹת הַמּוּקְדָשִׁים, דָארְט צוּ שְׁטֶעהְן מִיט מוֹרָא אוּנְד קֵיין דְבַר חוֹל דָארְט צוּ רֶעדֶען, רַק שְׁבָחִים צוּ השי"ת, גְלֵייךְ מֶען הֶעט גִישְׁטַאנֶען אִין בִּיהמ"ק, נָאךְ מֶעהְר דַארְף דֶער מֶענְשׁ גִיוָואהְרְנְט צוּ זַיין אַז עֶס קוּמֶען דִיא יְמֵי שִׂמְחָה, וָוען מִיר יוֹדֶען טוּהְן אוּנְז מְשַׂמֵּחַ זַיין, דְהַיְינוּ אַן שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּנְד פּוּרִים, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזֶען רֵייצֶען פוּן דֶעם יֵצֶר, דָארְט אִין שׁוּהְל צוּ בְּרוֹיכֶען שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ, חָלִילָה נָאר גְרָאדְפַארְקֶעהְרְט מֶען דַארְף נָאךְ אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען פוּן דֶעם מוֹנֵעַ צוּ זַיין, מֶען זָאל דַאמַאהְלְס נִישְׁט פַארְגֶעסֶען דָאס (מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ) זַיין כָּבוֹד אִיז פִיעל אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אִין שׁוּהְל, אָדֶער בִּיהמ"ד, עֶס אִיז וָואהְר דָאס עֶס אִיז אַיין מִצְוָה זִיךְ אָן דִיא טֶעג מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין, אָבֶּער נִישְׁט מִיט שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ חָלִילָה, וואהְל דֶעם מֶענְשׁ (שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו לְשֵׁם שָׁמַיִם):

נָאךְ הָאבִּין דִיא חֲכָמִים הַקְדוֹשִׁים גֶעזָאגְט דָאס דִיא תְּפִלָּה פוּן מֶענְשׁ וֶוערְד נָאר עֶרְהֶערְט אִין שׁוּהְל דָא וִויא אַצִיבּוּר דַאוֶוענְט, דֶער מֶענְשׁ אָבֶּער וָואס עֶר הָאט אַיין שׁוּהְל אִין זַיין שְׁטָאט אוּנְד גֶעהְט נִישְׁט דָארְט אַרַיין צוּם דַאוֶונֶען מִיט צִיבּוּר נָאר עֶר דַאוֶונְט אִין דֶער הֵיים, דֶער זֶעלְבֶּער ווִירְד אָנְגֶערוּפֶען שָׁכֵן רָע אוּנְד עֶר אִיז זִיךְ זֶעלְבְּסְט גוֹרֵם גָלוּת, ע"כ דַארְף מֶען אַן דֶעם גֶעוָוארֶענְט צוּ זַיין קֵיין אֵיינְצִיגֶעס מָאהְל צוּ דַאוֶוענֶען אִין דֶער הֵיים רַק דַוְקָא אִין שׁוּהְל, אָדֶער בְּבִיהמ"ד דָארְט וִויא צִבּוּר דַאוֶוענְט, אֲפִילוּ אַז מֶען הָאט שׁוֹין פַארְזוֹימְט תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר אִיז דָאךְ בֶּעסֶער אִין שׁוּהְל צוּ דַאוֶונֶען בִּיחִידוּת אֵיי אִין דֶערְהֵיים אוֹיסְגֶענוּמֶען בַּייא אַיין אוֹנֶס:

דיא

## בית המדרש

דיא חכמים הקדושים האבין געשריבען, (אם פגע בך מנוול זה, משכהו לביהמ"ד). דאס איז טייטש ווען דער יצר הרע וויר֗ד צו דיר קומען דיך אנרייטצען אונד אנרעדען צו איין עבירה, אזו זאלסט איהם אריין ציהען אין ביהמ"ד, ווען ער איז אפילו אזו שטארק וויא איין שטיין ווירד ער דאך מוזען צוגיין, אונד אפילו דאס ער אזו שטארק איז וויא איין אייזען ווירד ער דארט מוזען צו שמעטערט ווערין, וויל דיא קדושה פון ביהמ"ד האט אין קראפט מבטל צו זיין דעם כח פון יצר הרע, אויך דיא תורה וואס מען לערנט אין ביהמ"ד פארגעסט מען נישט באלד, איבערדעם דארף זיך איין יעדער צו מאכען איין קביעות יעדען טאג עפעס צו לערנען אין ביהמ"ד איין יעדער לויט זיין פארשטאנד וויל דאס לערנען וואס מען לערנט אין ביהמ"ד האט פיעל מעהר אין ווערט דארט וויא מעהרערע מענשין לערנען קענען אין דערהיים, אויך אז מען איז אומשטאנד צו לערנען מיט נאך איינעם, זאל מען נישט לערנען גאנץ אליין, דאס מוז מען אבער זעהן דאס, דאס לערנען זאל ווערין גילערנט כדת וכהלכה, דהיינו דאס ערשטע דארף מען צו זעהן נאר צו לערנען לשם שמים, מקיים צו זיין דיא געבאט פון השי"ת אזו וויא ער האט געבאטען, (והגית בו יומם ולילה), אויך צו קענין פארשטיין אונד צו וויסען דיא מצות פון השי"ת אונד צו וויסען וואס דער מענש איז געבאטען יוא צו טוהן אונד וועלכעס נישט צו טוהן, דאס הייסט דער עיקר תורה לשמה, אויך דאס איין יעדער זאל צו זיין חבר רעדען בפנים יפות אונד יעדער דארף זיין מיינונג צו זאגען, אבער נישט צו זאגען נאר איך האב רעכט, נישט דוא, אונד נישט צו וועלין דורכאויס זיין חבר מנצח צו זיין, ומכש"כ זיך צו היטען נישט זיך צו בייזערען אויף זיין חבר אדער צו איהם צו שרייען בקולי קולות, וויל אזו לערנען ווירד נישט אנגערופען לש"ש, נאר מען דארף מודה על האמת צו זיין אנצונעמען דעם אמת פון איין יעדען אפילו פון איין קינד, אונד בשעת דער חכם זאגט פאר דעם עולם דברי אגדה דארף יעדער מענש צו שווייגען קיין ווארט צו רעדן, גלייך מען הערט עס גיהערט פון משה רבינו, אונד געווארענט צו זיין בשעת מען זאגט נאך דיא דרשה קדיש דרבנן וויא אויך נאך דעם משניות לערנען צו ענפערן מיט כח (אמן יהא שמיה רבא מברך וכו'), וויל עס ווירד גיברענגט אין דיא הייליגע ספרים דאס דער שכר פון דעם איז גאר גרויס אונד מען מאכט מיט דעם איין גרויס נחת רוח צו הקב"ה כביכול, עס איז אבער וויא צו שרייען איבער דיא מענשין וואס האלטען דאס ביהמ"ד נאר פאר איין מקום פון יושבי קרנות זיך דארט צו אונטערהאלטען בדברים בטלים אונד שחוק, מאנכע טוהן דארט איבערנאכטיגען אונד פארברענגען דיא גאנצע נאכט מעהרסטענס מיט נארהייטען מיט פייפען רויכערן אונד נייעס שמועסען, עס איז אויף דעם זעהר צו בעדויערן אונד צו זיפצען דאס מיר זענען געבעך אויף אזוי אמדרינה תחתינה געקומען זאלכעס צו ברויכען אין איין מקום קדוש וואס ווערד בזמן הזה אנגערופען (מקדש מעט) דאס שטאשם וואס מען דארף אין דיא הייליגע

ארמע־

אַרְטֶער צוּ שְׁטֶעהְן מִיט מוֹרָא וָפַחַד פַאר דִיא שְׁכִינָה וָואס דָארְט רוּהְט, זָאל מֶען נָאךְ נוֹהֵג זַיין בִּזָיוֹן וְקַלּוּת רֹאשׁ, דָאס אִיז נָאךְ מֶעהְר פֶּלֶא גָדוֹל וָואס עֶס אִיז קֵיין פּוֹצֶה פֶּה, דָאס יֶעמַאנְד זָאל אִינְזְוֶוענִיגְסְטֶענְס דִיא מֶענְשִׁין אָנְשְׁרַייֶען, ווייל רוּבָּם כְּכוּלָם הַאלְטֶען עֶס שׁוֹין גָאר פַאר אֵיין הֶיתֵּר גָמוּר, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז דָא אַזוֹ אֵיינֶער וָואס הֶעט גֶערִין דֶעם מִנְהָג רַע מְבַטֵּל גִיוֶועזִין מוּז עֶר בְּעַל כָּרְחוֹ שְׁווַייגֶען, ווייל עֶר ווייסְט דָאס עֶר ווִירְד נָאךְ זַיין (כִּמְצַחוֹק בְּעֵינֵיהֶם. וְהַשֵּׁם הַטּוֹב יְכַפֵּר כִּי לְכָל הָעָם בִּשְׁגָגָה), אוֹיף דִיא מֶענְשִׁין וָואס זֶענֶען נוֹהֵג בִּזָיוֹן אִין בֵּיהַמ״ד שְׁרַייט הקב״ה (מִי בִּיקֵּשׁ זֹאת מִיָּדְךָ רְמוֹס חֲצֵירָי), וֶוער בִּיגֶעהְרְט דֶען דָאס פוּן עֶנְק דָאס אִיהְר זָאלְט אִין מֵיין הוֹיף קוּמֶען, אוּנְד זָאלְט נָאךְ חוֹטֵא וּמַחֲטִיא רַבִּים זַיין; וֶועהְרֶע נִישְׁט בֶּעסֶער פִיר אֵייךְ דָאס אִיהְר זָאלְט בֶּעסֶער אִין דֶער הֵיים בְּלַייבֶּען אוֹיף אֵייעֶר גִילֶעגֶער, וְלָכֵן כָּל אֲשֶׁר יִרְאַת ד׳ נוֹגֵעַ בְּלְבָבוֹ), זָאל זִיךְ פוּן דֶעם מוֹנֵעַ זַיין אוּנְד אַז עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹ שְׁטַארְק דָאס עֶר זָאל קֶענֶען דֶעם יֵצֶר כּוֹבֵשׁ זַיין, זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטֶען פוּן דְבָרִים בְּטֵלִים צוּ רֶעדִין אִין בֵּיהַמ״ד, אִיז בְּוַדַּאי פִיר אִיהְם פִיעל חָשׁוּבֶער אִין דֶערְהֵיים צוּ לֶערְנֶען בִּקְבִיעוּת, דֶער אָבֶּער וָואס ווייסְט זִיכֶער דָאס עֶר ווִירְד זִיךְ נִישְׁט לָאזֶען רֵייצֶען פוּן יֵצֶר נָאר עֶר ווִירְד קֶענֶען אִין בֵּיהַמ״ד לֶערְנֶען כְּדַת וּכְדִין, דֶער זָאל נִישְׁט פַארְפֶעהְלֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶעס מָאהְל אִין בֵּיהַמ״ד צוּ גֵיין לֶערְנֶען, (וְלָכֵן מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים) דֶער זָאל זַיין פוּן דִיא יוֹשְׁבֵי בֵּיהַמ״ד אִין זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין כְּדַת וּכְהֲלָכָה לוֹיט וִויא אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען אִיז, ווֹאהְל דֶעם וָואס אִיז זִיךְ מְיַגֵּעַ אִין דִיא תּוֹרָה אוּנְד לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, אוּנְד מַאכְט אֵיין נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרוֹ:

## בזיון

דִיא חֲכָמִים ז״ל הָאבִּין גֶעזָאגְט (אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם וכו׳) מֶען זָאל קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ גְרִינְגְשֶׁעטְצִין אֲפִילוּ דֶעם שָׁפְלְסְטֶן מֶענְשׁ זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְבַזֶּה זַיין, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דָאס עֶס אִיז אֵיין אִיסוּר גָמוּר מְבַזֶּה צוּ זַיין אֵיין יוּד, (כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים עָשָׂה אֶת הָאָדָם). דֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה אֵיין יִשְׂרָאֵל, אִיז עֶס אַזוֹ גוּט ווִיא עֶר הֶעט מְבַזֶּה גִיוֶועזִין דִיא שְׁכִינָה, עֶס אִיז גִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ מְבַזֶּה צוּ זַיין, נָאךְ זִיךְ זֶעלְבְּסְט, ווייל יֶעדֶער מֶענְשׁ פַאר זִיךְ ווייסְט אוּנְד קֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע פֶעהְלֶער אוּנְד זַיינֶע עֲבֵירוֹת אַזוֹ ווִיא מִיר גֶעפִינֶען אִין תְּהִלִּים (נִבְזֶה בְּעֵינָיו נִמְאָס) דֶער מִנְהָג פוּן דִיא וֶועלְט אָבֶּער אִיז פוּנְקְט פַארְקֶעהְרְט, אַלֶע נְגָעִים אוּנְד פֶעהְלֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין זֶעהְט מֶען יוֹא נָאר זַיינֶע פֶעהְלֶער זֶעהְט מֶען נִישְׁט, ווייל דִיא נַאטוּר פוּן מֶענְשׁ אִיז אַלֶע מָאהְל אַרוֹיס צוּ זוּכֶען דִיא פֶעהְלֶער פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין אוֹיךְ יֶענֶעם תֵּיכֶף דַן צוּ זַיין לְכַף חוֹב, אוּנְד זַיינֶע אֵייגֶענֶע פֶעהְלֶער זֶעהְט מֶען בְּמ״ט פָּנִים לְטַהֵר אֶת הַשֶּׁרֶץ צוּ זַיין אוּנְד אִימֶער צוּ זָאגֶען אוֹיף דֶעם גְרֶעסְטֶען פֶעהְלֶער דָאס אִיז רֶעכְט, אָבֶּער גִישְׁט דָאס אִיז דֶער דֶרֶךְ הַיָּשָׁר פוּן דֶעם עֶרְלִיכֶען יוּד, נָאר גְרָאד לְהֵיפֶךְ יֶעדֶן מֶענְשׁ אִיז מֶען מְחוּיָּב דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, ווִיא ווייט נָאר מֶעגְלִיךְ אִיז, אוּנְד אַן זַיינֶע אֵייגֶענֶע פֶעהְלֶערְס קֵיין מָאהְל צוּ פַארְגֶעסִין כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען יֶעדֶען טָאג

מעהר מתקן זיין (כי אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא) עס גיבט נישט איין מענש אויף דיא וועלט דאס ער זאל קיין פעהלער מאכען אפילו דיא קלענסטע עבירה דארף גירעכענט צו זיין פיר איינע גראסע עבירה, אזוי וויא דיא בעלי המוסר שרייבען מען דארף נישט צו קוקען אויף דיא קליינע עבירה נאר אויף דער גראסהייט פון הקב"ה וואס האט פארבאטען דאס זעלבע נישט צו טוהן ווייל אויף דעם קלענסטען פעהלער וואס מען איבערגעהט, ווירד מען דאפיר אנגערופען (מורד במלך הכבוד), איבערדעם דארף איין יעדער מענש ביי זיך זעהר שפל צו זיין, ווען אויך דאס ער האט פיעל תורה גילערנט אונד פיעל מצות מקיים גיוועזין, דארף ער דאך אימער צו בעזארגען פיליכט האב איך נישט יוצא גיוועזין לויט מיין פארשטאנד אונד ווער ווייס
אויב מיינע מעשים האבען עפעס אין ווערט ביי הקב"ה:

אונד דער מענש וואס וויל האבין איין כפרה איבער זיינע עונות דער זאל זיך
געוויינען אויף קיין שום מענש זיך צו בייזערען, נאר יעדעם מענש מוחל צו זיין אפילו ווען יעמאנד רעט דיר בזיונות אונד דוא ווייסט דאס יענער האט אנגערעכט קעגין דיר, צו פארט זאלסט איהם נישט צוריק מבזה זיין ווייל מיר געפינען אין דיא גמרא דיא מענשין וואס לאזען זיך פארשעהמען, אונד זייא טוהן אנדערע מענשין נישט פארשעהמען, איז זייער שכר גאר אונד גאר גראס, אונד האבען דאצו איין כפרה אויף זייערע עבירות, ע"כ דארף דאס זיך דער מענש צו געוויינען ווען ער ווירד הערין פון יעמאנדען בזיונות צו זאגען געוויס האבין דאס מיר מיינע עונות גורם געוועזין, וואס דער גירעכטער גאט האט דאס מיר צו געשיקט, דען געוויס איז ער איין שליח פון הקב"ה מיך מבזה צו זיין, אזוי וויא דוד המלך האט געזאגט, אין דיא צייט וואס שמעי בן גרא האט איהם געשאלטען מיט קללות נמרצות (ד' אמר לו קלל), געוויס איז ער איין שליח פון הקב"ה, ווידער מהאי טעמא דארף מען עס נאך מקבל צו זיין בשמחה ווייל מיט דעם וואס מען הערט זיך לעסטערן אונד מען ענפערט נישט האט מען איין כפרה, אזוי וויא אויבען געשריבען איז, היינט איז דען פארהאנדען איין בעסערר משא ומתן וויא דאס איז דורך דיא בזיונות וואס מען הערט אונד מען ענפערט נישט טוט מען פארשפארען פיעל עונשים פון גיהנם: ומכש"כ דאס מען מוז זיך היטען חלילה נישט מבזה צו זיין אזוי אמענש וואס מען האט פון איהם עפעס איינמאהל מקבל געוועזין איין טובה, עס שטייט געשריבען דער מענש וואס לייקענט אן דיא טובה פון זיין חבר דער לייקענט אויך אן דיא טובה פון הקב"ה, דער כלל איז דער מענש דארף זיך אזוי צו געוויינען אללעם מקבל צו זיין פון זיין ליבען נאמען אונד נישט צו זאגען איך וועל מיך אן דעם מענש נוקם זיין, היינט וויא שטארק דארף מען זיך נאך צו היטען נישט חלילה מבזה צו זיין, אדער גרינג צו שעטצין אזוי איין מענש וואס מען איז מחויב איהם בכבוד צו האלטען, דהיינו פאטער אונד מוטטער, שווער אונד שוויגער, זיין פאטערס אונד מוטערס ברודער אונד שוועסטער, זיין רבין אונד נאך דער גלייכען, ווייל דיא אללע איז מען מחויב בכבוד צו האלטען מן התורה, איבערדעם אז מען איז זייא מבזה, אדער גרינגשעצין אונד מען איז

זייא מצער מיט דעם קלענסטען, איז דער חטא פיעל גרעסער פון איין אנדערן דיא תורה האט געשריבען (ארור מקלה אביו ואמו) פארפלוכט זאל זיין דער וואס טוט גרינגשעטצין פאטער אונד מוטער, ווייא צו זאלכע קינדער וואס זענען גורם צער צו זייערע עלטערן וואס זייער עונש ווירד זיין אויף דיא וועלט אונד אויף יענער וועלט, דער וואס איז מבזה זיין רבין אדער איין תלמיד חכם, דער איז חייב נידוי, איבערדעם וואהל דעם וואס איז יעדן מענש מכבד, ובפרט זייגע עלטערן אונד תלמידי חכמים אזו ווירד איהם וואהל זיין בעהו"ז ובעוה"ב:

## בן

(כתיב בן יכבד אב וכו') דיא מצוה איז מוטל אויף דעם קינד, מכבד צו זיין זייגע עלטערן, אונד נישט זייא אין דיא רייד אריין צופאלען, אונד נישט צו זיטצען אויף זייער אורט, אונד צו זייא צו רעדען מיט גרוים כבוד, (כמדבר לפני המלך) אונד זייא איין נחת רוח אנצוטוהן, אויך פיר זייערט וועגען צו זארגען, נאך מעהר וויא פיר זיך זעלבסט, אפילו דאס דיא עלטערן טוהן זייערע קינדער שעלטען אדער שלאגען, אום זייא צו ציכטיגען, מוז דאך דאס קינד זיך היטען קענען זייגע עלטערן נישט מורד צו זיין, נאר דאס קינד מוז דאמאהלס בעווייזען גרוים סבלנות, אונד עס מקבל צו זיין פון וועגען כבוד הקב"ה, וואס גיבאטען האט, מורא צו האבען פיר פאטער אונד מוטער, אונד האט געגליכען זייער כבוד צו זיין כבוד, אונד דאס קינד וואס טוהט זיך ווידער זעטצען קעגען זייגע עלטערן, איז עס אזו גוט וויא ער העט זיך ווידער גיזעטצט קעגען הקב"ה. נאר דאס קינד מוז בעווייזען גרוים אונטערטעניגקייט, אונד זיין קאפף צו בייגען וויא איין גראז נידריג, כדי חלילה נישט אן זייא מורד צו זיין, דיא נארישע קינדער רעדען זיך איין דאס זייערע עלטערן האנדלען נישט מיט רעכט קעגען זייא, וואס זאגען דיא עלטערן טוהן קעגען אונז, זעהר שלעכט, פארפאהרען, אבער דער אמת איז נישט אזו, נאר דער בן חכם דארף אימער זייגע עלטערן דן צו זיין לכף זכות, געוויס האבען זייא רעכט קעגען מיר, אונד איך אונרעכט נאר מיין יונגער שכל ברענגט דאס מיט, דאס איך זאל נישט דעם אמת איינזעהן, וואס בין נישט מסכים צו דעם וואס עלטערע מענשען זאגען, ומכל שכן צו מייגע עלטערן, וואס זייא זענען בוודאי אויסען מיר לטובה, אזו וויא עס שטייט (כרחם אב על בנים) אויך איז מחויב דער זוהן זייגע עלטערן מכבד צו זיין (לאחר מיתה) נאך זייער טוהט, פיר זייערט וועגען צו לערנען, אונד יאהרצייט צו האלטען, כדי זייער נשמה צו ברענגען למעלה מעלה: ווידער איז מוטל אויף דיא עלטערן, זיך נוהג צו זיין קעגען זייערע קינדער מיט פארשטאנד, אונד פארנונפט, דאס קינד נישט צו ברענגען אן זייא מורד צו זיין, צו דעם מוז מען אבער האבען (יישוב הדעת) ווען דאס קינד צו ציכטיגען, אונד ווען נישט, מאנכעס מאהל דארפען דיא עלטערן דיא אויגען אוועק צו טוהן, גלייך זייא העטען נישט גיזעהן, אבער אלעס מוז גישעהן אין זיין צייט, אויך איז דער הויב גיווארפען אויף דיא עלטערן מיהע אנצוואווענדען זייערע קינדער חתונה צו מאכען תיכף ווען

זייא קומען צו דיא צייט (של י"ח שנים) כדי נישט דער גורם צו זיין זייגע קינדער זאלען דארפען פארשייט צו ווערען, אונד זאלען נישט דארפען צו קומען לידי הרהורים רעים, ואז טוב יהיה לו:

## בת

דער חיוב איז גיוואָרפען אויף דעם פאטער זייגע טעכטער חתונה צו מאכען תיכף ווייא זייא קומען צו דיא צייט, וואס זייא זענען ראוי דאצו. עס איז אויך איינע מצוה פיעל גרן צו פארשפענדען כדי זייגע טעכטער צו בעשטאטען צו איין תלמיד חכם, ויראי שמים. אונד אז מען איז נישט אומשטאנד מפזר צו זיין, כדי צו קענען בעקומען איין תלמיד חכם, אונוועניגסטען דארף מען צו זעהן כל התפעלות צו טוהן, איהר אזו אמאן צו געבען וואס איז איין ירא שמים אונד איודע ספר, דען אז מען גיבט זיין טאכטער צו איין עם הארץ, איז אזו גוט וויא מען העט זיא געבונדען, אונד פאר דיא הונד געוואָרפען, אונד זיין קינד ווירד כל ימיה האבען צו קלאגען, אויף איהרע עלטערען, וואס זייא האבען זייא בעטריבט, דיא עלטערען דארפען אויף דעם מתפלל צו זיין, דאס דער באשעפער זאל זייגע קינדער צו שיקען זווגים טובים, ולומדי תורה. אויך דיא יודישע טאכטער דארף אויף דעם מתפלל צו זיין, אזו וויא מיר געפינען ביי אונזער מוטער לאה ע"ה, וואס איז ראוי גיוועזען צו קומען צו עשו הרשע, נאר דורך איהר פיעל בעטען צו השם יתברך, איז זיא געקומען אין גורל פון יעקב אבינו ע"ה, אונד האט מעמיד גיוועזען זעקס שבטים בישראל:

דיא טאכטער וואס וויל רידהמנים ווערט זיין, דיא זאל נישט געבען איהרע אויגען אויף פיעל געלד, נאר דער עיקר זאל זיין ביי איהר צו בעקומען אזו איין מאן וואס איז איין בן תורה, ויראי שמים, דען עס איז פיעל בעסער אפילו צו זיין בערום ובחוסר כל, אונד צו האבען איין מאן איין תלמיד חכם ויירא שמים, איידער צו האבען עשירות אונד צו פאלען אין דען גורל פון איין עם הארץ, ווייל דאס געלד, אונד אלע תענוגים פון דיא וועלט איז נאר הבל, וואס קיין קיום האט, נאר פארשווינד מיט דען ווינט. דארט אויף דעם עולם האמת טוהט מען נישט פארציהען דעם עושר קענען דעם ארומאז, ווייל דארט איז נאר חשוב תורה אונד יראת שמים, איבער דעם דארף דיא קלוגע טאכטער נישט צו פארקויפען עולם הבא. פיר עולם הזה וועגען, ולכן דארף אויך יעדער פאטער זייגע טעכטער צו געוויינען מיט זאלבע מדות, דאס זיא זאל ראוי זיין פאר איין אשת תלמיד חכם, דהיינו זיא נישט צו געוויינען מיט פייגע מאכלים, אונד מיט טייערע צירהונג, נאר אלעס אין מיטעל פונקט, אויך זיא צו געוויינען מיט וועניג שלאפען, אונד וועניג רעדען, ובפרט זיא נישט צו געוויינען צו רעדען מיט פרעמדע מענער, וויא אויך מיט אנדערע מדות טובות: והן אמת, וואס אונזערע חכמים הקדושים האבען גיזאגט, דאס מען איז מחויב זיין טאכטער צו ציהרען במלבושים נאים, כדי ער זאל קענען מיט איהר איין שידוך טוהן, צופארט דיא טאכטער וואס איז איין יראת שמים דיא זאל זיך נישט ווייזען פאר בחורים, ובפרט ווען זיא איז שיין אנגעציהרט, כדי דאס

עס

עֶס זָאל דוּרְךְ אִיהְר קֵיינֶער נִישְׁט דַארְפֶען גִישְׁטְרוֹיכֶעלְט צוּ וֶוערֶען מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, וּבִפְרַט אִין דִיא הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת, וָואס דִיא קִינְדֶער וֶוערֶען נִישְׁט עֶרְצוֹיגֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס מֶען זֶעהְט בעוה״ר פִּיעל קַלוּת רֹאשׁ, אוּנְד פְּרִיצוּת וִויא וַוייט דַארְפֶען דִיא עֶלְטֶערֶען אוֹיפְזִיכְט צוּ הָאבֶּען אוֹיף זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער :

עֶס אִיז אָבֶּער וֶועהְר צוּ קְלָאגֶען אִין דֶעם יֶעצְטִיגֶען דוֹר, דָאס מִיר יוֹדֶען וָואס וֶוערֶען אָנְגֶערוּפֶען עַם קָדוֹשׁ, זֶענֶען גֶעבֶּעךְ אוֹיף אַזוֹ מַדְרֵיגָה תַּחְתּוֹנָה גֶעקוּמֶען, וָואס מִיר הָאבֶּען אוּנְז אֲפִילוּ צוּ שֶׁעהְמֶען קֶענִין דִיא אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, מַחֲמַת וָואס אוֹיף כַּמָּה מְקוֹמוֹת הָאט מֶען פּוּרֵץ גֶדֵר גִיוֶועזֶען וָואס נִישְׁט דָאס אַלֵיין וָואס מֶען עֶרְצִיהְט נִישְׁט דִיא קִינְדֶער בְּדַרְכֵי הַצְּנִיעוּת, וָואס דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דֶעם יְסוֹד הַיִשְׂרְאֵלִי, נָאר מֶען טוּהְט נָאךְ זַייא עֶרְצִיהֶען בְּדַרְכֵי הַפְּרִיצוּת, מִיט פַארְשַׁייטִיקַייט, נִישְׁט בַּייא דֶעם הֲמוֹן עָם אַלֵיין, נָאר אוֹיךְ אֲפִילוּ זָאלְכֶע עֶלְטֶערֶען וָואס בְּנֵי תּוֹרָה זֶענֶען, טוּהְן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם נִישְׁט אַכְטֶען, אוּנְד קֵיין הַשְׁגָּחָה גֶעבֶּען, נָאר לָאזֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער גֵיין בִּשְׁרִירוּת לִבָּם הָרָע, וָואס שִׁיקֶען זַייא אַרוֹיס אוֹיף דִיא גַאס אָנְגֶעצָאגֶען בְּבִגְדֵי מַלְכוּת, וּבְמַלְבּוּשֵׁי נָכְרִים, וּבְתַמְרוּקֵי נָשִׁים, מִיט פַארְשִׁידֶענֶע שְׁמֶעקֶענְדֶע זַאכֶען, וָואס וַוארְפֶען אַרַיין אֵיין גִיפְט אִין דִיא בַּחוּרִים, אַזוֹ וִויא דֶער גִיפְט פוּן דִיא שְׁלַאנְגֶען, אוּנְד דָאס אַלֶעס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶענוּג, נָאר זַייא לָאזֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער גֵיין שְׁפַּאצִירֶען בִּיז טִיף אִין דִיא נַאכְט (וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה, וְאֵין מַגִּיד) טְרַאכְטְן דֶעם, וָואס מֶען זֶעהְט כַּמָּה וְכַמָּה מִכְשׁוֹלִים, וָואס דוּרְךְ דֶעם אַרוֹיס קוּמְט, וָואס מַאנְכֶע עֶלְטֶערֶען מוּזֶען זִיךְ דִיא הָאר אוֹיסְרַייסֶען מֵחֲמַת בּוּשָׁה, וָואס אוֹיף זַייא דַאדוּרְךְ קוּמְט, (וְאֵין אִישׁ שָׂם עַל לֵב) וְאֵיזֶה חָכָם הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד) אוּנְד וָואס אִיז דֶער גוֹרֵם צוּ דֶעם אַלֶעם נָאר דָאס, וָואס מֶען טוּהְט נִישְׁט דִיא קִינְדֶער עֶרְצִיהֶען תֵּיכֶף אִין דִיא הַתְחָלָה, בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה, נָאר נָאךְ לְהֵיפֶךְ, בְּדַרְכֵי הַפְּרִיצוּת, אוּנְד שְׁטָאטְס וָואס מֶען זָאל דָאס קִינְד גִיוֵוינֶען מִיט מוּסָר אוּנְד מִדּוֹת טוֹבוֹת, וּבְמִדּוֹת הַבּוּשָׁה, גֶעוֵוינְט מֶען זַייא נָאךְ בִּפְרִיצוּת וּבְעַזּוּת. מִיט אַלֶע מֶעגֶער צוּ רֶעדֶען, וֶוען דוּא ווִילְסְט דִיר אֵיין נַחַת אָנְטוּהְן, זֶעהֶע נָאר אִין דֶען סֵפֶר (עֵת לַעֲשׂוֹת, כלל ב׳ שאלה א׳) וָואס זָאלְכֶעס אִיז גוֹרֵם אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶען, אַז דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין עֶרְוַואקְסֶען, אִיזְט ווִירְקְלִיךְ צוּ בֶּעדוֹיעֶרְן, דָאס מִיר זֶענֶען אִין אַזוֹ אֵיין קָארְצֶע צַייט מִיט אַזוֹ פִּיעל שְׁטַאפְּלֶען אַרָאפּ גֶעפַאלֶען פַאר אֵיינִיגֶע יָאהְרֶען צוּרִיק, אַז מֶען הָאט זָאלְכֶעס גִיזֶעהְן פוּן אֵיינֶעם, הָאט מֶען אִיהְם גִיהַאלְטֶען פַאר אֵיין פּוֹרֵץ גֶדֶר, אוּנְד אַלֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ פוּן אִיהְם פּוֹרֵשׁ גִיוֶועזֶען, אוּנְד הַיינְט אִין אַזוֹ אַקָארְצֶע צַייט זֶענִין מִיר גֶעבֶּעךְ אַזוֹ טִיעף גֶעזוּנְקֶען, וָואס אֲפִילוּ בְּנֵי תּוֹרָה, אוּנְד נְגִידֵי הָעִיר טוּהְן עֶס אַלֵיין אוֹיךְ :

טְרַאכְטְן דֶעם, וָואס דֶער עֶרְבַּארְמִיגֶער גָאט טוּהְט אוּנְז עֶפְּטֶערְס עֶרְמַאנֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת וּפְגָעִים וָואס עֶס גֶעהְן לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דִיא וֶועלְט כַּמָּה יְלָדִים, וּבְמִיתוֹת אַכְזָרִיּוֹת ר״ל (וְאֵין אִישׁ שָׂם עַל לֵב, כִּי בַּעֲוֹן אָבוֹת בָּנִים מֵתִים) דָאס פוּן וֶועגֶען דִיא זִינְד פוּן דִיא עֶלְטֶערֶען, שְׁטַארְבֶּען דִיא

קְלֵיינֶע קִינְדֶער ר״ל, אוּנְד נָאךְ מִיט אַנְדֶערֶע פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, אֲשֶׁר רַבּוּ מִלְּסַפֵּר, אוּנְד שְׁטָאטְט דֶעם וָואס מֶען זָאל מְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו זַיין בְּעֵת צָרָה, צוּ זֶעהְן דִיא שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוֹיסְצוּבֶּעסֶערֶען (לְמַעַן יָשׁוּב ד׳ מֵחֲרוֹן אַפּוֹ) אִיז מֶען נָאךְ מַכְחִישׁ אַן דִיא הַשְׁגָּחָה פוּן בּוֹרֵא ב״ה, וָואס מֶען הֶענְגְט אַלֶעס אָן בְּמִקְרֶה, פִיר אִיבֶּעל טְרֶעפְנוּנְג, עֶס וֶוער גֶעטִיג פוּן דֶעם פִיעל צוּ שְׁרַייבֶּען, נָאר מֶען מוּז שְׁווַייגֶען וד״ל. דֶער בּוֹרֵא הָרַחֲמִים וְחַנּוּן זָאל אוּנְז בִּמְהֵרָה שִׁיקֶען דֶעם גּוֹאֵל צֶדֶק, אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען צוּ עֶפְנֶען צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת (וְטַהֵר לִבֵּנוּ לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, וּבִתְמִים אָמֵן):

## בטלה

דָאס לֶעהְר גֵּיין, אִיז זֶעהְר אֵיינֶע מִדָּה רָעָה, אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט לִיעבּ לֶעהְר אַרוּם צוּ גֶעהְן, דֶער פַארְדִינְט זִיךְ דֶעם נָאמֶען פוּן לֵיצָנוּת טְרֵייבֶּען, מַחֲמַת וָואס עֶר שְׁפֶּעט אוֹיס דֶעם גְרוֹיסֶען שְׂכַר פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען, דָאס אִיז צוּ פַאר גְלַייכֶען, צוּ אַזוֹ אֵיינֶעם וָואס מֶען הָאט צוּ אִיהְם גֶיזָאגְט, גֶעה, אוּנְד גֶעם דִיר גָאלְדֶענֶע דוּקַאטֶען פוּן מֶלֶךְ׳ס אוֹצָר, אוּנְד עֶר וִויל לִיבֶּער לֶעדִיג זִיטְצֶען, אַזוֹ אִיז דָאס, אֵיין בֶּעוַוייז, דַאס דָאס גָאלְד אִיז בַּייא אִיהְם נָאר נִישְׁט חָשׁוּב, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּייא דִיא מֶענְשֶׁען וָואס אִין דִיא צַייט, וָואס זַייא הֶעטֶען גִיקֶענְט תּוֹרָה לֶערְנֶען, וָואס אַיְעדֶער וֵוייסְט דָאס דֶער שְׂכַר פוּן אִיהְר אִיזְט זֶעהְר גְרוֹיס אוּנְד צוּפָארְט ווִילֶען זַייא לִיעבֶּער לֶעהְר זִיטְצֶען, אָדֶער זִיךְ נָאר צוּ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען מִיט נַארְהֵייטֶען, אִיז דָאס אֵיין בֶּעוַוייז דָאס דִיא דָאזִיגֶע מֶענְשִׁין שְׁפֶּעטִין אוֹיס דֶעם שְׂכַר פוּן דִיא תּוֹרָה, מֶען דַארְף צוּ וִויסֶען דָאס עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען אֵיין גְרֶעסֶער נַחַת רוּחַ צוּ הקב״ה כַּבְיָכוֹל וִויא מֶען טוּט אֵיין נַחַת רוּחַ מַאכֶען מִיט תּוֹרָה לֶערְנֶען, אוּנְד דֶער וָואס וִויל נִישְׁט מַאכֶען אֵיין נ״ר צוּ הקב״ה דֶער אִיז אִין כְּלַל פוּן (מִי שֶׁלֹּא חָס עַל כְּבוֹד קוֹנוֹ) וָואס דִיא חֲכָמֵינוּ ז״ל הָאבֶען אוֹיף אִיהְם גֶעזָאגְט (שֶׁרָאוּי שֶׁלֹּא בָא לָעוֹלָם), דָאס הֵייסְט דֶער וָואס אִיז נִישְׁט חַס אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן הקב״ה, וֶוער פִיר אִיהְם בֶּעסֶער דָאס עֶר וֶוער נָאר נִישְׁט אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֶעקוּמֶען, אִין פֶּרֶק אָבוֹת שְׁטֵייט (אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָה שֶׁל תּוֹרָה) וֵוייא צוּ דִיא מֶענְשִׁין וָואס פַארְשֶׁעהְמֶען דִיא תּוֹרָה מַחֲמַת וָואס וִוילֶען נִישְׁט עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה, דָאס הַארְץ ווִירְד זֶעהְר צוּ בְּרָאכֶען (מֵרְאוֹת בְּרַע) פוּן צוּ זֶעהְן דֶעם עָוֹן פוּן דֶעם בִּיטוּל תּוֹרָה וָואס הֶערְשְׁט צְווִישֶׁען אוּנְז, אִיז דֶען דָאס נָאךְ וֶועניג וָואס דָאס בִּיטֶערֶע גָלוּת הָאט אוּנְז גוֹרֵם גִיוֶועזֶן דִיא שְׁוֶוערֶע פַּרְנָסָה, וָואס מִיר מוּזֶען רוֹב פוּן דִיא טֶעג שְׁוֶוער אַרְבֵּייטֶען וֶועגֶען דִיא פַּרְנָסָה, אִינְוֶוענִיגְסְטֶענְס וֶוערֶע דָאךְ רָאוּי גֶעוֶועזִין אִין דִיא לֶעדִיגֶע צַייט וָואס מֶען אִיז שׁוֹין פְרֵייא פוּן דֶעם הֶעמָל שֶׁל העוה״ז, דִיא פָּאהְר שָׁעָה צוּ חַאפֶּען מִיט בֵּיידֶע הֶענְד אוּם זַייא נִישְׁט פַארְשְׁווִינְדֶען צוּ לָאזֶען מִיט הֶבֶל וָרִיק, נָאר אַן דִיא צַייט תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען, וָואס נָאר דָאס אַלֵיין אִיז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית פִיר דֶעם מֶענְשׁ בעוה״ז (כִּי זֶה חֶלְקֵינוּ מִכָּל עֲמָלֵינוּ) דָאס נָאר פַאר דֶעסְטְוֶועגִין זֶענֶען מִיר בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארֶען כְּדֵי צוּ טוּהְן אֵיין נַחַת רוּחַ צוּ הקב״ה, צוּפָארְט זֶענֶען מִיר אַזוֹ שְׁטַארְק זִינְדִיג וָואס אֲפִילוּ אַן דִיא צַייט, וָואס מֶען הָאט שׁוֹין

נאר:

נאר נישט צו טוהן, דהיינו אן שבת ויו"ט, וואס דאמאהלס איז מען שוין אין גאנצען פרייא פון דעם העמל של העולם הזה, אויך אן דיא ווינטער נאכט, טוהט מען זיך ליבער בוחר זיין צו זיטצען (בסוד משחקים) זיך צו אונטערהאלטען מיט נארהייטען מיט שפאצירען געהן, אדער בדברים בטלים אדער גאר אין דיא ווייזער הייזער צו זיטצען, וואס עס ווערד דארטען גישט מעהר גיהערט, נאר לאכען, אונד שטיפען בדברי ליצנות, ובדברי לשון הרע, ורכילות, אונ נאך דער גלייכען וואס דער חטא פון איין יעדען בעזונדער גאר גרוים איז, אונד אן דיא תורה הקדושה טוט מען אין גאנצען פארגעסען, עס פאלט גאר נישט איין דאס (הרחוק מן התורה רחוק מעבודת הבורא) דער מענש וואס איז ערווייטערט פון דיא תורה דער איז ערווייטערט פון עבודת הבורא:

(אוי לנו מיום הדין ואוי לנו מיום התוכחה), יודישע קינדער, אחים ורעים, שטארקט אונד פעסטיגט אייך, לאזען מיר חס זיין אויף כבוד מלכינו, אונד רחמנות האבען אויף אונזערע נשמה, לאזען מיר אונז נישט אליין מאבד עצמו לדעת זיין חלילה, (לכו ונשובה אל ד') לאזען מיר דיא טייערע אונד קאסטבארע צייט נישט פארלירען לאז מען נישט פארגעסין (כי על הכל יביא אלהים במשפט) דאס מיר וועלין מוזען אויף יעדען טאג אונד שעה אפילו אויף יעדע רגע דין וחשבון געבין פארוואס מען האט אין דיא שעה קיין תורה געלערנט, אונד מיט וואס מיר האבין דיא צייט צוגעבראכט, אונד או מיר האבען שוין דיא פארפלאסענע צייט פארשווינדען געלאזט מיט לעדערע זאכען, אן תורה, אזוי איזוועניגסטענס לאזען מיר אונז שטארקען מכאן ולהבא, פון נון אן דעם יצר צו בעצווינגען, אונד איין יעדער לויט זיין פארשטאנד זאל זיך קובע עתים זיין לתורה, יעדען טאג תורה צו לערנען ובפרט אן דיא שבתות וימים טובים דארף מען בוודאי אין מעהרסטענס זיך צו בעשעפטיגען מיט גאטס תורה, (והבא לטהר מסיעין אותו):

## בורח

ריא חכמים הקדושים האבען געשריבען (הוי רץ למצוה, ובורח מן העבירה) נאך צו לויפען מצות מקיים צו זיין, אונד צו ענטלויפען פון עבירות, דיא כוונה פון דעם איז מען דארף צו ענטלויפען פון הונדערט שערים של היתר, כדי נישט צו קומען איין חשש איסור, איבער דעם דיא עבדי השם ווענין זיך נוהג, דאס אויף יעדען ארט וויא מען וויל געהן אונד יעדע מעשה וואס מען וויל טוהן, אויך פאר יעדען דיבור וואס מען וויל רעדען זיך צו איבער קלערען אויב מען וועט נישט דאדורך קומען צו איינע עבירה, דיא חכמי המוסר שרייבען דאס אין דיא צייט וואס דער מענש געהט אויף דיא גאס, צווישען מעהרערע מענשען, איז עס אזוי גוט גלייך ער וואלט דאמאהלס געשווימען אין טיפען ים הגדול, מחמת וואס דער מענש איז דאמאהלס אין איין סכנה, דאס איז סכנת הנפש, וייל אין דיא צייט איז זעהר לייכט גישטרויכעלט צו ווערען מיט כמה עבירות, דהיינו הסתכלות בנשים צו גליסטען וואס נישט איהב

גיהערט, דבורים של איסור, דהיינו לשון הרע רכילות, ליצנות, שקרים, ניבול פה, דברים בטלים, שבועות שקר, שבועות שוא, איין שם צו מעלדען לבטלה, יענעם צו נארען אין מו"מ, און נאך אנדערע עבירות וואס אלעם דער מענש קען קומען ווערענד אין דיא צייט וואס ער צוזאמען איז מיט מעהרערע מענשין וואס דיא אלע עבירות ברענגען דעם מענש (לבאר שחת) אין דיא פינצטערע גרוב פון גיהנם. ע"כ דארף דער מענש אן זיך נישט צו פארגעסין אן יעדע צייט, אונד דער גרעסטער גדר איז צו דעם אלעם, ממעט בדבורו צו זיין, זיך צוריק צוהאלטען פון פיעל רעדין וויא וויט נאר מעגליך איזט, אויך זיך אימער צו איבערדענקין וואס וויל איך טוהן, וועל איך נאר נישט דאדורך קומען לידי עבירה אזו ווירד דאס איהם בוודאי צוריק האלטען פון כמה עבירות, וטוב יהיה לו:

## בוחר

דוד המלך ע"ה האט געזאגט אין תהלים (חשבתי דרכי וכו') דאס קומט צו לערנען דאס מען דארף זיך בוחר צו זיין דען אמתדיגען אונד דען גוטען וועג הן ביראת השמים והן אין תורה לערנען והן אין צדקה געבין וויא אויך במו"מ, דארף מען אלעם צו טוהן מיט איבערלעגונג פריער צו טראכטען וואס אונד וויא דיא זאך דארף געטוהן צו ווערין כדי זיך צו קענען בוחר זיין דעם אמתדיגען וועג, כדי אללעס זאל קענען געטוהן ווערין על צד היותר טוב למשל אין לערנען דארף מען זיך בוחר צו זיין צו לערנען דאס וואס גאנץ נייטיג איז, דהיינו דאס ערשטע דארף צו זיין זיך צו מאכען איין שיעור קבוע יעדען טאג צו לערנען מוסר ספרים אפילו אויף עברי טייטש, דהיינו מנורת המאור, קו הישר, כל בו, שבט מוסר, שמחת הנפש, עת לעשות, אדער אויס דעם דאזיגען ספר פלא יועץ, דאס איז זעהר איין נייטיגע זאך צו לערנען ווייל דורך דיא מוסר ספרים קען מען לייכט קומען צו אלען יודישקייט, ווידער איז זעהר נייטיג צו לערנען דינים הנצרכים דהיינו אויס דעם חיי אדם, אדער שלחן ערוך הקצר, אויך מען טהור וואס שמוסט פון דיני נדה, אויך אויס דעם קליינעם ספרל זכרו תורת משה, וקיצור חרדים, האט מען מעהר צייט זאל מען אויך זיך מאכען איין שיעור אין תורה שבכתב, ותורה שבעל פה, משניות לערנען איז זעהר חשוב אויך מסוגל צו דיא נשמה, עס זענין אבער פיעל מענשין וואס זענען זיך אן דעם נאר טועה וואס זייא קוקען נישט איינמאהל אויף דיא מוסר ספרים מחמת וואס זייא האלטען זיך פאר חכמים אונד יראי השם, אונד באמת אבער איז דאס נאר איינס פון עצת היצר, וואס טוט דעם מענש פון דעם אנפיהרען, מען זאל וויסען עס איז נישט פארהאנדען איינע נייטיגע זאך וויא צו לערנען מוסר ספרים ווייל וואס פאר איין נוטצען האט אזו אמענש פון זיין לערנען ווען ער איז נישט מקיים דיא מצות אונד גיבאט פון זיין בעשעפער אונד מען בעניצט פיעל מדות רעות פון גאוה, אונד כעס, פון לשון הרע רעדין, אונד אנדערע מדות רעות, אונד דאס אללעס קומט נאר מחמת חסרון ידיעה, אז מען העט אבער יעדען טאג געלערנט אויס איין מוסר

ספר

ספר, אזו העט מען שוין געזעהן וואס דאס איז איין שלעכטע מדה, אונד וועלכעס איינע מדה טובה, ולכן איז דאס זעהר נייטיג אויך איין חיוב גדול מוסר ספרים צו לערנען וואס דאדורך קען דער מענש בעקומען אהבה צו הקב״ה, אויך זיך צו פארכטען פאר השם יתברך (כי מה ד׳ שואל ממך כי אם ליראה וכו׳) אויך ביא צדקה געבין דארף מען צו זעהן צו געבין וועם נייטיג איזט, קודם פאר אלם איז צו געבין דעם תלמיד חכם אונד דער וואס מעהר נוטבידארפיג איז, דער איז קודם פון איין אנדערן, אויך זיינע אייגינע קרובים וועגען קודם פון איין פרעמדען, אויך ביא מו״מ זיך בוחר צו זיין אזו איין האנדל אדער אזו אמלאכה וואס ריין אויך גרינג איזט, אונד דאס מען זאל נישט דארפען פיר פרנסה וועגען חלילה מחלל שבת צו זיין, אויך זיך צו ערוועהלין אזו אפרנסה דאס מען זאל נישט דארפען פיר פרנסה וועגין זיין גאנץ לעבין אהין געבין יומם ולילה פארקויפט צו זיין וויא איין שקלאף רק מען זאל זיך אויך קענען צייט געהמען עפעם עוסק צו זיין אין נאטם דינסט לצורך הנשמה, אויבוואהל דאס דער מענש דארף זיך נישט פארלאזען אויף נסים בענין הפרנסה, אויך זיך נישט צו פארלאזען אויף מענשענס גאב, נאר איין יעדער איז מחויב צו זעהן זיך צו קענען מפרנס זיין מיגיעו כפו, צו פארט דארף מען ווידער נישט פארגעסין אן דיא געבאט פון אונזערע חכמים הקדושים וואס האבען געבאטען (עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי) דאס הייסט דאס לערנען דארף געהאלטען צו ווערין פיר דעם עיקר אינוועניגסטענס חלילה נישט אין גאנצען אן דיא תורה צו פארגעסין נאר דיא אמונה צו האבען דאס נישט דאס פריה אויפשטיין, אונד צו פיעל ארבייטען איז גורם פרנסה צו האבען, נאר אלעם ווענט זיך נאר בהשגחת הבורא ב״ה אז עס איז דער רצון הבורא דאס דער מענש זאל געשפייזט ווערין בריווח אזו איז איהם גאר נישט נעטיג דאצו צו פיעל צו ארבייטען, ער דארף נאר זיך מיט עטוואס צו בעשעפטיגען, אזו קען שוין דער בעשעפער איהם משפיע זיין ברכה והצלחה, ווען אויך אן פיעל מיהע אונד אן צו פיעל ארבייט, קארץ דער מענש וואס וויל זיין איין עובד ד׳ דער דארף השגחה צו געבין אויף אלעם וואס ער טוהן וויל דאס שלעכטע צוריק צו לאזין אונד דאס גוטע אויפצוהייבען, והבא לטהר מסייעין אותו:

## בחור

(כתיב וזכור את בוראיך בימי בחורותיך) דוא זאלסט דענקען אן דיין בעשעפער אין דיינע יונגע יאהרען, וייל דאמאלס איז דיא בעסטע אונד שענסטע צייט עוסק צו זיין בעבודת הבורא (כי כאיש גבורתו) אין דיא יונגע יאהרין קען מען זיך מעהר מיגע זיין אין דיא תורה צו לערנין בעיון, אויך אין דיא יונגע יאהרין קען מען זיך קובע זיין אויך ביא נאכט צו לערנען מחמת וואס דאמאלס איז מען נאך פרייא פון דיא טרדות הזמן ומטרדות הפרנסה אזו וועגען איהם זיינע גידאנקען פרייא פון דעם העמל של העוה״ז, אויך דאס לערנען וואס מען לערנט אין דיא יוגענט האט איין קיום, אזו וויא דיא חכמים הקדושים שרייבען (הלומד ילד, למה הוא דומה לדיו כתובה על נייר חדש)

וְלָכֵן בַּחוּרֵי יִשְׂרָאֵל הָאט חַס אויף דִיא טְהַייעֶרֶע אוּנְד קָאסְטְבַּארֶע צַייט, אוּנְד לָאסְט נִישְׁט פַּארְלִיוירֶען גָעהְן אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע כְּמֵימְרֵיה, נָאר נָארְט אֵייךְ אָן מִיט קְרַאפְט זִיךְ צוּ בֶּעמִיהֶען אִין דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִיט אֵייעֶר גַאנְצֶען קְרַאפְט, דֶען אוֹיף דִיא צַייט, אִיז גֶעזָאגְט גֶיוָוארֶען (יָגַעְתִּי וְלֹא מָצָאתִי אַל תַּאֲמִין) אוֹיבְּוואהְל דָאס כָּל יְמֵי חַיֵּי אָדָם אִיז דִיא צַייט זֶעהְר טְהַייעֶר, אוּנְד יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען פַּארְלִירְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער פַּארְלוּסְט, וָואס מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר דִיא פַּארְגַאנְגֶענֶע צַייט צוּרִיק שַׁאפֶען פָאר אַלְלֶען גֶעלְד, צוּפָארְט דִיא יְמֵי הַבַּחְרוּת אִיזְט נָאךְ טְהַייעֶרֶער, כְּמַאֲמַר חכז"ל (יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַורְדָא) דִיא יוּנְגֶע יָאהְרִין פוּן מֶענְשׁ אִיז אַזוֹ וִויא אֵיין קְרוֹין פוּן דִיא רוֹיז, וְלָכֵן (בַּחוּרֵי חֶמֶד) הָאבְּט חַס אויף כְּבוֹד מַלְכֵּינוּ וִויא אוֹיךְ אויף אֵייעֶרֶע טְהַייעֶרֶע נְשָׁמָה (לִהְיוֹת רָץ כַּצְּבִי וְגִבּוֹר כָּאֲרִי וְקַל כַּנֶּשֶׁר לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם) אוּנְד בַּאלְד אִין דִיא יוּגֶענְד תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן (עַל חַטֹּאת נְעוּרִים) וַוייל יֶעדֶער מַעֲשֶׂה טוֹב אָדֶער פְּרִישׁוּת אוּנְד תְּשׁוּבָה וָואס וֶוערְד גִיטוּהְן אִין דִיא יוּגֶענְד בִּימֵי הַבַּחְרוּת אִיזְט זֶעהְר חָשׁוּב וּמְרוּצָה פַאר הקב"ה וַוייל דַאמַאלְס אִיז נָאךְ דָאס רְתִיחַת הַדָּם אוּנְד דֶער יֵצֶר בַּייא אִיהְם שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען טוּט אַן דִיא צַייט דֶעם יֵצֶר כּוֹבֵשׁ זַיין מִיט גִיוַואלְט, פַארְדִינְט מֶען זִיךְ דֶעם נָאמֶען גִבּוֹר, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חכז"ל (אֵיזֶהוּ גִבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ) וֶוער אִיז רָאוּי אָנְגֶערוּפֶען צוּ וֶוערִין גִבּוֹר דֶער וָואס בֶּעצְווינְגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע אוֹיךְ אִיז דִיא כַּוָּונָה פוּן דֶעם פָּסוּק אַשְׁרֵי אִישׁ יְרֵא אֶת ד') דָאס אִיז גֶעמֵיינְט ווָאהְל דֶעם מֶענְשׁ וָואס פַארְכְט זִיךְ פַאר גָאט אוּנְד טוּט תְּשׁוּבָה בַּאלְד אִין דִיא יוּגֶענְד דַאמָאלְס וֶוען עֶר ווִירְד נָאךְ אָנְגֶערוּפֶען אִישׁ, אוּנְד דַאצוּ אִיז דָאס גוֹרֵם דָאס עֶר וֶוערְד זִיךְ גֶעווֹיים וַוייטֶער אַזוֹ פִיהְרֶען אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרִין אִין גָאטְס פָארְכְט אוּנְד בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה:

דֶער הֶיפֶךְ פוּן דֶעם אִיז אוֹיךְ אַזוֹ, דֶער מֶענְשׁ וָואס גֶעווֵיינְט זִיךְ בַּאלְד אִין דִיא יוּגֶענְט צוּ גֶעהְן בְּתַאֲוַת לִבּוֹ (גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסִיר מִמֶּנָּה) אַזוֹי אוֹיךְ בִּיז אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶען וֶוערְד עֶר פוּן זַיין גִיוָואנְהַייט נִישְׁט אָבְקֶעהְרִין, (ואעפ"כ) צוּפָארְט הָאט דֶער מֶענְשׁ מַאכְט אִין זַיין הַאנְד, חָאטְשֶׁע דָאס עֶר הָאט זִיךְ אִין זַיין יוּגֶענְט נִישְׁט גֶעפִירְט בְּדֶרֶךְ הַטּוֹב, זִיךְ זַיין נַאטוּר אוּמְצוּוֶוענְדֶען וַוייל אַז מֶען קוּמְט אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶען אַזוֹ פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין מֶעהְר דֶעם אֶמֶת דָאס דֶער גַאנְצֶער עוה"ז אִיזְט נָאר אֵיין הֶבֶל (וּכְצֵל יָמֵינוּ עֲלֵי אָרֶץ) אוּנְד דֶער שְׁטַארְבּ טָאג טוּהְט טָאג טֶעגְלִיךְ נֶעהֶער קוּמֶען, וְלָכֵן אַז מֶען הָאט אִין דִיא יוּגֶענְט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִיהְרְט בְּדַרְכֵי הַתּוֹרָה, אִין וֶוענִיגְסְטֶענְס דַארְף מֶען אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶען מְתַקֵּן צוּ זַיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר מְקַלְקֵל גִיוֶועזֶען, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶען בְּכָל עוֹז מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה וְעַל הַתְּשׁוּבָה, מְתַקֵּן צוּ זַיין דִיא חַטֹּאת נְעוּרִים אוּנְד יֶעדֶען טָאג צוּ זָאגֶען (אָשׁוּב הַיּוֹם שֶׁמָּא אָמוּת לְמָחָר) הֵיינְט וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן, וַוייל פִילֵייכְט שְׁטַארְבּ אִיךְ מָארְגֶען, וַוייל דֶער שְׁטַארְבּ טָאג פוּן מֶענְשׁ אִיז נִישְׁט בֶּעשְׁטִימְט וֶוען עֶר קוּמֶען ווִירְד, דֶען עֶר פַארְמֵייד נִישְׁט צוּ קוּמֶען אִין דִיא יוּגֶענְט בִּימֵי הַיַּלְדוּת וּבִימֵי הַבַּחְרוּת וִויא אוֹיךְ אִין דִיא מִיטֶעלְיָאהְרֶען אוּנְד מִיט גֶעווִיס

אהגע צווייפעל. אין דיא ימי הזקנה, איבער דעם דארף דער מענש האיש הנלבב יעדען טאג צו זאגען (אם לא עכשיו אימתי) ווען נישט אצינד ווייל איך לעהב, ווען דען? עם איז אבער דאריבער ווי אונד אך צו שרייען בדור הזה, וואס מאן צו זעהט פון כמה וכמה יונגע לייט וואס גייען נאך (עצת יצרם הרע) דעם גליסטונג פון זייער הארץ, וואס מען זעהט נישט ביי זייא עפעם בושה אונד קיין יראה, קיין ד"א, קיין יראת שמים, נאר איינער צום אנדערען זאגען (לכה נרנה דודים) קום אונד לאזען מיר אונז אנזעטיגען מיט ליבשאפט צו געניסען דעם עוה"ז אונד לאזען מיר דיא נאכט אויך מאכען וויא ביי טאג דיא תענוגי עוה"ז צו געניסען (ועת לשתות ועת לשורר ועת לרקד) לאזען מיר אונז צייטען בעשטימען, איין צייט צום טאנצען איין צייט צום זינגען איין צייט צום טרינקען אונד נאך אנדערע תענוגי עוה"ז צו געניסען אזו לאנג וויל מיר דאצו געלעגענהייט האבען, וואס באמת אבער איזט דאס אלעם איין הבל ורעות רוח, וואס (מנפש ועד בשר יכלה) טוהט דאס נפש אונד דעם גוף פארלערען וואס דאדורך ברענגען זייא אויף זיך (חטאות ואשמות) פיעל זינד אונד פיעל מיסטייט (ואת פני ד' לא יביטו) אונד אויף גאטס דינסט טוהן זייא נאר נישט אכטען וואס פארלירען דורך דיא תענוגי העוה"ז כמה תפלות וברכות אונד ק"ש ותפלה, ולכן (מי האיש החפץ חיים) אונד גלייבט אן דיא תורה הקדושה ובדברי רבותינו ז"ל הקדושים (אם יפתוך חטאים אל תאבה לו) אז דיא זינדיגע מענשען דיא פושעים וועלען איהם אנרעדען זאל ער נישט הארכען, נאר ער זאל אן דען גוט דענקען (כי אלהים יבא במשפט על כל נעלם) דאס ער ווערד מוזען דין וחשבון אפגעבען אויף אלעם וואס ער האט געטוהן בסתר, נאר צו זיין איין ירא את ד' מנעוריו, אזו ווירד מען איהם מן השמים צו העלפען (כי הבא לטהר מסייעין אותו):

## בשורה

ווען איינער ווייסט זיין חבר איין גוטע בשורה צו זאגען, איז דאס איין מצוה גדולה יענעם באלד אונד געשווינד דיא בשורה טובה צו זאגען, וויל מיר געפינען דאס דער וואס איז זיין חבר משמח מיט א בשורה טובה דער טוהט לאנג לעבען, אזו וויא מיר געפינען ביי (סרח בת אשר) ווייל זיא האט מבשר געוועזען צו יעקב אבינו דאס זיין זוהן יוסף לעהבט נאך, האט זיא זוכה געוועזען זעהר לאנג צו לעבען אונד איז בחיים אין גן עדן געקומען, דאס דאזיגע איזט אין כלל גמילת חסדים, ולכן דארף מען נזהר צו זיין, זיין בני הבית נישט לאנג אויפצוהאלטען מיט בריעף שרייבען, ווייל מען איז עתיד ליתן את הדין וואס האבען זייער בני הבית בחנם מצער געוועזען אונד האבען זיך מתעצל געוועזען, מיט דיא בשורה זייער בני הבית משמח צו זיין מיט איינען בריעף, אויך אז מען בעקומט א בריף מיט איין איינשלוס פיר יעמאנדען איז עס אויך איינע מצוה זיך מטריח צו זיין דעם בריף תיכף צו איבערגעבען ווייל עס טרעפט זיך מאנכע מאל וואס מען טוהט יענעם זיין נפש ערקוויקען מיט דעם בריעף (כל קביל דנא) דאגעגען ווידער זאל מען זיך היטען קיין שום בשורה רעה אוים

זיין מונד ארויס צו לאזען ווייל דיא חכמים הקדושים האבען גיזאגט (המבשר בשורה רעה עליו הכתוב אומר מוצא דיבה הוא כסיל) דער וואס טוהט ארויס ציהען אויס זיין מויל שלעכטע בשורות דער איז איין כסיל אונד אז איינער פרעגט יעמאנדען אויף איין זאך וואס דיא תשובה דארויף איז איינע בשורה רעה זאל מען איהם דארויף גאר נישט ענטפערען:

## בעלי חיים

מיר געפינען דאס (צער בעלי חיים דאורייתא) מצער צו זיין איין בעל חי איז אסור מן התורה איבערדעם דארף מען זעהר נזהר צו זיין אן דען אז מען האט אין הויז איין בעל חי, עופות, אדער איין קאטץ, אדער אפילו איין הונד, זייא נישט מצער צו זיין מיט עסען, ולכן דארף מען גוט צו דענקען אן דען, דאס עס איז איין איסור צו עסען אזו לאנג וואס מען האט נאך נישט זייא גיגעבען צו עסען, אין דיא צייטען פון דעם הקדוש רבינו האר"י ז"ל, האט זיך איין מעשה גיטראפען וואס איינעם זעניר" ל דיא קליינע קינדער גישטארבען, איז ער גיגאנגען צו דעם הקדוש האר"י ז"ל, האט ער איהם גיזאגט דאס איז דיר גישעהן וועגען דעם חטא פון צער בעלי החיים, אזו האט ער נאך גיפארשט צו וויסען וואס גישעהן איזט, האט ער זיך ערפאהרען דאס ער האט גיהאט אין הויז קליינע הינדלעך ארום געהן, אונד זייא האבען גיהאט שטיין איין לייטער וואס זייא האבען דארט איין וועג גיהאט אויף דען באדען צו קומען צו זייערע מוטער אונד דיא (בעלת הבית) ווירטען פון הויז האט דיא לייטער אוועק גענומען נישט במתכוין אונד דורך דעם חטא וואס זיא האט מצער גיוועזען דיא קליינע הינדלעך האט זיא מעהרערע קליינע קינדער פארלוירען ר"ל. פון דיא מעשה קאן מען איינזעהן וויא גרויס דיא עבירה פון צער בעלי חיים איז, ולכן איז ראוי צו האלטען דיא צוואה פון רבינו יהודא חסיד ז"ל נישט צו ערציהן עופות אין הויז, ווייל עס איז זעהר שווער זיך אפצוהיטען זייא נישט מצער צו זיין, אויך נישט צו קויפען עופות אין פאראט דאס זייא זאלען דארפען איינינע טעג אין הויז ארום געהן נאר אזו פיעל צו קויפען וואס מען דארף תיכף צו פארניטצען כדי נישט נכשל צו ווערען מיט דיא עבירה פון צער בעל חיים אונד אז מען בעקומט נישט צו אלע צייט צו קויפען נאר מען מוז זיך איינקויפען אין פאראט אזו זאל מען זעהר וואהרנען דאס בני הבית באזהרה גדולה דאס זייא זאלען נישט פארגעסען. זייא דאס עסען צו געבען אלע צייט, ובפרט אז מען פארשפארט זייא אין איין שטייג מוז מען נאך מעהר גיוואהרנט זיין אויף זייא רחמנות צו האבען דאס עס זאל נישט פעהלען זייער עסען אונד טרינקען פון דעם איז אפצולערנען אז דיא תורה האט פארבאטען קיין מן חי מצער צו זיין דאס דער חטא נאך גרעסער איז אז מען איז מצער זיינע משרתים אונד זיינע אונטער טאנע, דהיינו דיא אלע מענשען וואס האבען צו איהם דאס ער זאל זייא מפרנס זיין, וויא אויך דיא משרתים פון קהל, אויך פון ביהכ"נ, ווייל זאלכע מענשען זענען גלייך צו דיא עופות וואס פארשפארט זענען אין דיא שטייג, מחמת וואס זייער גאנצע

פרנסה

פרנסה איז אויף איהם געווארפען, איבער דעם מוז מען וועהר אונד וועהר געווארענט זיין, וויא גישט אויפצוהאלטען זייער עסען אונד שכירות וואס זייא קומט (ובמדה שאדם מודד בה מודדים אותו) מיט אזו מאעס וואס דער מענש מעסט, מיט אזו מאעס טוהט מען איהם אויך מעסטען דאס דער באשעפער ווירד איהם אויך געבען זיין געברויך אין דיא צייט וואס ער ווערד עס ברויכען, אייף דעם פסוק (כי אלהים יבא במשפט על כל נעלם) האבען דיא חכמים געזאגט דאס ווען איינער איז מצער איין מענש אפילו דאס יענער ווייסט נישט ווער איהם האט מצער געוועזען צופארט ווערד איהם גאט ב"ה דאפיר משפט טוהן, למשל אז איינער הרגת אבינה אדער ער שפייעט אויס לייבעם פאר זיין חברים אויגען אונד האט דאמיט יענעם מצער געוועזען, איז ער עתיד ליתן את הדין ווייל ער האט יענעם מצער געוועזען עס ווערד גיברענגט אין ספר חסידים פון איין איש חסיד וואס האט זיך נוהג געוועזען ווען ער האט גיזעהן אויף איין ארט ליגען לייחעם, האט ער עס צו גידעקט כדי עס זאל קיין מענש נמאס ווערען, אויך כדי דאס דער יעניגער וואס האט דאס לייחעם נידער געווארפען זאל נישט דארפען גישטראפט צו ווערען פון דעם דארף מען זיך איין מוסר ארוים צו נעמען קיין שום מענש מצער צו זיין נאר צו זעהן דאס אלע מענשען זאלען פון איהם איין נחת האבען: (וימצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואנשים):

## בר לבב

אין תהלים שטייט (מי יעלה בהר ד' ומי יקום במקום קדשו נקי כפים ובר לבב) ווער איז ראוי צו גיין אויף גאטס בארג אונד ווער איז ראוי דאס ער זאל שטיין אויף זיין היילינ ארט אין בית המקדש ? דער וואס האט ריינע הענד אונד איין ריין הארץ איז דאס גימיינט איין ריין הארץ דאס ער זינדיגט נישט מיט דעם הארץ צו טראכטען מחשבות רעות ואסורות ובפרט בשעת דעם דאווענען אונד לערנען, ווייל דאס הארץ פון מענש איז דאס היכל פון דעם מלך הכבוד, איבערדעם דער מענש וואס ברענגט אריין אין הארץ צו טראכטען מחשבות רעות ואסורות איז עס גלייך אלס ער העט מכנים געוועזען איין צלם אין ביהמ"ק ח"ו, מען דארף זיך אפילו צו היטען פון צו טראכטען מחשבות בטילות פון נארישקייטען פון דעם איז אפצולערנען דאס עס איז איין איסור גדול צו ברויכען איין שום שחוק וקלות ראש ווייל איז דען פארהאנדען גרעסערע דברים בטלים וויא דאס איז אונד דער וואס וויל זיין איין עובד ד' דער דארף צו זעהן דיא מחשבות בטילות צו פארוועקסלען אויף מחשבות טובות, דהיינו צו בעטראכטען דיא גבורות אונד גראסהייט פון הקב"ה, צו בעטראכטען אן דעם באשעפניש פון דיא וועלט, וואס פון איין יעדעם בעזונדער איז צו ערקענען דאס גרויסהייט אונד אלמעכטיגקייט פון דעם באשעפער, געלויבט איזט ער לעד ולעולמי עולמים, אויך מחשב צו זיין אן דיא זאכען וואס מען איז מיט דעם מקיים איין מצוה מן התורה, ווייל עס גיבט זאלכע מצות וואס מען קאן זייא מקיים זיין בלויס מיט דיא מחשבה דהיינו. א) איך גלייב באמונה שלימה אן מציאות ד', אונד אן אחדות ד' דאס עס איז

פארהאנדען

פארהאנדען איין באשעפער וואס האט אלעם ערשאפען, אונד ער איז איין איינציגער גאט, בכל מיני אחדות, ב) איך גלייב באמונה שלימה, דאס נאר דער איינציגער גאט איז דער משגיח אויף דיא גאנצע וועלט, ג) איך בין אויף מיר מקבל צו האלטען, אונד מקיים צו זיין וואס דיא תורה הקדושה גיבאטען האט, אויך וואס אין דיא גמרא שטייט, וואס דאס איז דיא תורה שבעל פה. ד) איך בין אויף מיר מקבל נישט עובר צו זיין וואס דיא תורה פארבאטען האט נישט צו טוהן, מען זאל דאס דאזיגע נישט האלטען פיר גרינגע זאכען, רק יעדעם מאהל וואס מען טוהט טראכטען אין איינם פון דיא מחשבות טובות וואס מיר האבען דא געשריבען, איז מען מקיים איינע מצוה מן התורה, לפי זה דער מענש וואס שטארקט זיך קעגען דעם יצר, אונד פארטרייבט מיט בײדע הענד דיא שלעכטע מחשבות אונד טוהט עפטערס מחשב זיין במחשבות טובות וטהורות דער קאן זיך בריהמען דאס ער איז מקיים בכל שעה ושעה מעהרערע מצות, וואס דער שכר פון יעדע מצוה יעדער ירוים אונד חשוב איזט, אונד נישט דאס אליין וואס מען דארף אייביג האבען גוטע גידאנקען, נאר מיר יודען זענען מחויב מקיים צו זיין דעם פסוק (ולדבקה בו) זיך צו באהעפטען אן הקב"ה מיט גרוים ליבשאפט (ורשפי אש שלהבת יה) דאס איז וואהר, דאס מיר מענשען זענען נאר אוים בלוט אונד פלייש, אונד דאצו זענען מיר היינט פארטריבען אין איין ארץ הטמאה, אונד דאצו דיא טרדות הזמן וועגען פרנסה צו בעוארגען דאס טוהט אלעם דעם מענש פארמאידען פון צו האבען דיא אהבה גדולה צו הקב"ה, אונד אן איהם קיין מאהל צו פארגעסען, צופארט איז דער חיוב אויף אונז געווארפען זיך מחזק צו זיין בכל עוז, אייביג מלחמה צו האלטען מיט דעם יצר הרע מיט גיוואלט פון זיך צו פארטרייבען דיא מחשבות זרות אונד הרהורים רעים, אונד זייא צו פארוועקסלען אויף מחשבות טובות, ווייל דאס האט דער ערבארימיגער גאט אונז אין מאכט גיגעבען צו קעגען כובש זיין דעם יצר ווען נאר דער מענש וויל אונד מיינט עם ערנסט אונד מען זאל דאצו אויך שרייען אונד בעטין צו הקב"ה (הצילנו מטיט היון ואל אטבעה וכו') בשערים מיך פון טיפען ליים דאס איך זאל נישט דארט פארזינקען (לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי) מיין גאט ערשאף אין מיר איין ריין הארץ, אונד איין רעכטפארטיג געמיטה טוהע ערנייען אין מיר. אונד ווען דער יצר איז זעהר שטארק וואס לאזט נישט צו דיא מחשבות טובות, אזו זאל מען דאס מועיל צו הילף נעהמען צו שרייען בפה מלא אונד מיט איין שטורימיג קול (סעפים שנאתי ותורתך אהבתי) (אל תט לבי לדבר רע וכו') מיט תחנונים דעם ליבען באשעפער צו בעטען דאס ער זאל אונז רעטטען פון דעם שטארקען יצר הרע, כדי מיר זאלען אונז קעגען באהעפטען אן איהם אמן: (וד' יהיה בעזרתינו):

## ברור

ברוע דאס איזט וויסענדליך פון דיא ספרים הקדושים דאס דער עיקר צו

וואס דער מענש באשאפען ווערד אויף די וועלט, אויך די אלע גליות וואס מיר טוהן ליידען, איזט נאר כדי מברר צו זיין די הייליגע נצוצות וואס איז צו שפרייט גיווארען בין הקליפות וועגען אונזערע גרויסע חטאים, אויך מיט די תפלות אונד מצות אונד מיט אונזער תורה לערנען, טוהן מיר מציל זיין די פארצייגטע נשמות בין הקליפות וואס מיט דעם איז מען גורם צו מאבען איין גרויס נחת רוח צו הקב"ה ולכן איז ראוי (לכל איש אשר יראת ד' נוגע בלבו) אויף דעם דאזיגען די מחשבה צו האבען ביים דאווענען אונד ביי די קיום המצות ובפרט ביי דעם עסין, די כוונה צו האבען מברר צו זיין די (נצוצות הקדושים מבין הקליפות) פון דעם קען מען זעהן וויא גרויס דער פגם איז פון דעם בעל העבירה ומכש"כ דער פגם פון מוציא זרע לבטלה ר"ל, וואס מיט די עבירות איז מען גורם וואס די קליפות טוהן אויפסנייא פארציקען די הייליגע יודישע נשמות וואס דאס איז גורם פיעל צער צו אונזער פאטער אין הימעל כביכול, ווייל די פארציקטע נשמות זענען גלייך וויא דער געפאנגענער אין די תפיסה, אונד די שכינה שרייט (מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי) ווער וואלט געבין מיין קאפ זאל זיין פיעל וואסער אונד מיינע אויגען איין פלוס פון טרערן אזו העט איך געוויינט ביי טאג אונד ביי נאכט אויף די ערשלאגינע פון מיין פאלק, אויך דוד המלך ע"ה האט אויף דעם מתפלל גיוועזין (תבוא לפניך אנקת אסיר כגודל זרועך הותר בני תמותה) לאז פאר דיר קומען דאס געשרייא פון די געפאנגינע אונד מיט דיין גראסען ארום מאך פרייא די קינדער וואס זענען פארארטהיילט צום טויט דאס איז אלעם גימיינט אויף די הייליגע יודישע נשמות וואס זענען געבעך פארציקט געווארען דורך די פיעל עבירות ולכן דארף זיך דאס דאזיגע יעדער מענש משים ללב צו זיין (ויהא רץ למצוה ובורח מן העבירה) זיך צו שטארקען מקיים צו זיין מצות אונד צו ענטלויפען פון עבירות ועל כלם זאל מען זעהר גיווארענט זיין ביי די ברכות הנהנין יעדע ברכה זאל מען זאגען מיט כוונה אונד שארף אויך הויך יעדעם ווארט, ווייל יעדע ברכה וואס דער האיש הישראלי מאכט וויא עם גיהערט צו זיין טוט ער מברר זיין די הייליגע נצוצות פון דעם מאכל, ולכן צריכין לזהר בזה, (ואז יצמיח קרן ישועה במהרה בימינו אמן כן יהי רצון):

## בדיקה

(חובא רמיא עלן) אויף איין יעדען א"ש ישראלי, איז דער חוב געווארפען יעדע זאך וואס מען קען דאביא קומען צו איין איסור כריער די זאך בודק צו זיין, כדי פון דען איסור ניצול צו ווערין ובפרט (באיסור התולעים רבו המכשילה) ביא דען הארבען איסור פון וירם ווערין פיעל מענשין נכשל ווייל עם גיבט פיעל פירות, אונד ירקות וואס עם געפינט זיך אין זייא ווערים אונד דער וואס עסט די וועלבע אן בדיקה קומט צו פיעל עבירות אונד איז זיך נאך מטמא זיין נשמה, ולכן כדי לזכות את הרבים וועלין מיר דא בעצייכנען בקיצור וואס אלעם דארף בדיקה: אין די מאבליך פון בירען איז זעהר

בנמצא

בנמצא ווערים, אלע גאטונג מאלינעס, בערליך, פאזימקעס, איזט אינאויסנאם פיעל מיט קליינע ווערים וואס מען דערזעהט זייא קוים מיט דעם אויג, ולכן איז ראוי לכל אדם דער וואס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבען זיך מונע צו זיין דאס זעלבע נישט צו עסין, דאס זעלבע איזט אויך ביי דיא פרישע באבעס איזט אויך זעהר שווער זייא צו קענען רעכט בודק זיין וויא עס געהער צו זיין, מחמת וואס עס טרעפט זיך אויף זייא זאלבע קליינע ווערים, וואס מען קען זייא קוים מיט דעם אויג דערזעהן, אויף דיא מענשין וואס עסין דיא באבעס איינע נאך דיא אנדערע אונד נעמען זיך נישט מיהע דיא זעלבע פריער רעכט בודק צו זיין, איזט אויף זייא אך אונד וויא צו שרייען וואס וועגען אזו אקליינע הנאה וועגען, טוהן זייא עובר זיין אויף אזו פיעל עבירות אונד וועגין זיך מטמא זייער גאנצען גוף (השם הטוב יכפר), אללע גאטונג קירשען מוז האבען בדיקה ובפרט דיא וויינער קירשען, איז כמעט אלע ווערמיג, קרויט, שלאטען, דאס גרינע פון פעטערזיל, דארף מען נישט צו עסין אן בדיקה קאפע וואס ווירד אריין גילעגט אין זוירע אוגערקעס דאס איז פיעל מיט ווערים, ולכן זאל מען נישט ניטצען דיא יאגך דאפון, אומגעוונדען, מילך אונד רויגען פון הערינג דארף מען רעכט אונד גוט בודק זיין פון ווערים, אין פיש קארפען איז זעהר בנמצא ווערים וואס ווערין אנגערופען פישלייז אין דיא פליספעדערן, אין האבט איז בנמצא אין מויל אויך אין מוח ווערים, אם זימער דארף מען אכט צו געבין אויב דאס וואסער איז נישט ווערמיג, עסיג איזט פיעל מיט ווערים דיא ווערים פון עסיג זענען אבער ערשט דאמאלס אסור אז דער ווארעם איז פון דארט פורש געווארען אונד איז צוריק געפאללען, איבערדעם איז קיין אנדערער תיקון נאר, אדער מען זאל דעם עסיג גאר נישט זייען נאר אזו ניטצען, אדער איהם צו לאזען היים ווערין אונד דאנן דורך זייען דורך גרויעס פאפיער אז מען זייעט אבער דעם עסיג דורך ליינוואנד אזו געהן אלע ווערים דורך, אונד ער איזט ערשט דאמאלס רעכט טריפה עס איז ראוי צו דען ירא שמים ווערנט דעם עסין אכט צו געבין אין טעללער דאדורך קען מען פיעל מאהל ניצול ווערין פון ווערים עסין, אויך זאל מען זעהר גיווארנט זיין נישט צו לעגין אויף דעם טיש וויא מען עסט קיין שום ספר וויל עס איז דארט זעהר בנמצא קליינע מילבין (ומי האיש החפץ חיים) דער מענש וואס בעגערט אן לעבין אונד וויל זיך היטען (מרדת שחת), פון צו נידערן אין דיא פינצטערע גריב פון גיהנם דער זאל אויף זיך גרויס השגחה געבין אונד זאל נישט וועגין דיא הנאות הגוף זיין נשמה מטמא זיין לעולמי עד (כי ישראל קדושים הם), קיין איינציגער יוד וואס גלויבט נאר אן הקב"ה וויל נישט במזיד עובר זיין אויף איין איסור מן התורה, דאס וויים יעדער קיין איינציגער יוד ווירד וועלין עסין בשר חזיר, אדער טריפה פלייש, האטשע דאס מען קין פון דעם איינע הנאה האבען, אונד נאך מעהר דארף מען אויך געווארענט צו זיין פון ווערים עסין, וויל אז מען עסט בשר חזיר איז מען נאר עובר אויף איין לאו, אונד איבער איין ווארעם איז מען עובר אויף פיער אדער פינף לאוין, נמצא דער מענש וואס לעבט אויף דיא וועלט אן שמירה, אונד עסט אלעס אן

בדיקה

בדיקה דער קען אין איין שעה עובר זיין אויף הונדערט עבירות, וואס מען האט פון די עבירה גאר קיין הנאה דאס אלעס קומט נאר מחמת דאס לייכטזיניגקייט וואס דער יצר מאכט דעם מענש גאנץ פארגעסן פון דעם דאס דער מענש מוז אויף זיך כל רגע ורגע השגחה געבין כדי ניצול צו ווערין פון כמה איסורין, ועתה ישראל קדושים אז מיר האבען שוין אויף פיעל זאכען אויפמערקזאם געמאכט דאס מען קען לייכט נכשל ווערין מיט פיעל לאוין אזו וועלין זייא זיך בוודאי שוין פון אצינד אן היטען נאך מעהר וויא פון בשר חזיר (והמזהיר נזהיר כזוהר הרקיע ולשומעים יונעם ואליהם תבוא ברכת טוב אמן:

## בחינה

דער חובות הלבבות שרייבט אין (שער חשבון הנפש) דאס איינס פון די תנאים פון דעם בעל תשובה איזט, דאס דער מענש דארף עפטערס זיך צו איבערלעגען מיט זיין נפש דאס רוממות וגדלות הבורא ב"ה, און די טובות וואס הקב"ה מיט איהם געטוהן האט און וואס ער ווידער דאפיר שולדיג איז זיין בעל טובה צו פאר געלטען כדי איהם צו קענען דינען (בכל לב ונפש). ולכן וועלען מיר מעתיק זיין זיינע הייליגע רייד וואס ער געשריבען האט אין שער הבחינה, וגם משאר ספרים הקדושים (כדי להלהיב לב האדם) אויף צופלאמען דאס הארץ פון דעם בעל תשובה צו עבודת הבורא יתברך שמו:

דער חובות הלבבות שרייבט אין (שער הבחינה) דאס פון אלע ראיות אויף אחדות אלהים צו ערקענען דאס דער בורא ב"ה איז איין יחיד און האט די וועלט ערשאפען (מאין המוחלט) פון גאר נישט איז די גרעסטע ראיה און בעוויז מבחין צו זיין אין די בריאה פון דעם בורא כל העולמים, אזו ווערד מען זעהן חכמות ונפלאות הבורא עד אין תכלית און וואס מעהר דער מענש ערקענט מעשי הקב"ה און ערקענט זיין השגחה פרטיות אויף די גאנצע וועלט בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, אז דער בשעפער העט זיין השגחה אב געטוהן חלילה אויף איין רגע, אזו וואלט די גאנצע בריאה פערקערט געווארען צו תוהו ובוהו. און וואס מעהר דער מענש ערקענט דאס חסד און רחמים פון הקב"ה אויף זיינע באשעפנישען, וואס מעהר בעקומט דער מענש איין יראה פאר הקב"ה און דורך די יראה קומט ער צו אהבת השם עד אין תכלית וואס (מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה) אזו וויא דער פסוק זאגט (והאלהים עשה שיראו מלפניו) דאס הייסט גאט האט די וועלט ערשאפען כדי דאס מען זאל זיך פאר איהם פארכטען. און טראכטען דעם וואס די טובות פון הקב"ה אין כולל אלע באשעפנישען אזו וויא דער פסוק זאגט (טוב ד' לכל) צודאך זענען רוב מענשען בלינד אין דעם וואס ערקענען נישט די מעשים און טובות הקב"ה נאר לעבען אויף די וועלט נישט אנדערש נאר וויא בהמות און חיות. די אורזאך פון דעם איזט דרייא זאכען: דאס ערשטע איז, ווייל זייער באשעפטיגונג אויף די וועלט איז נאר בלויז ויסען עולם הזה וואס גליסטען נאר אימער צו ערדרייבען און צו

ערלאנגען צו דעם וואס ער האט נאך נישט, דאס איז דער גורם נישט צו ערקענען דיא טובות פון הקב"ה ווייל צו וואס מעהר מעלה זייא טוהן ערדייכען פון דעם עוה"ז נאך מעהר שטרעבען זייא ווייטער צו קומען, אונ שעטצען זיך אימער פיר ארעם אונ אונגליקליך, ווייל זייא זעהן בייא אנדערע מעהר וויא בייא זיך, אונ דאס ברענגט זייא כופר צו זיין אן דיא טובות פון הקב"ה וואס ער מיט זייא געטוהן האט פון דיא יוגענט אן, ווייל דיא שטארקע זארג וואס ער אימער טראגט פיר דעם עולם הזה, מאכט איהם גאנץ פארגעסן איינמאהל צו קלערען צו וועלכען צוועק אונ תכלית בין איך באשאפען גיווארען אונ ווער האט דיא גאנצע בריאה באשאפען אונ ווער רעגירט מיט דיא וועלט אונ וואס איז דער תכלית וואס דער מענש זיך באשעפטיגען דארף אין דיא פאהר יאהרען וואס ער דא איז (כצל עלי הארץ) אונ דענקט נישט איינמאהל אן דעם דאס ער ווערד מוזען בעל כרחו זיין גאנצעם פארמעגען וואס ער דאריבער זייגע גאנצע פאהר יאהרען פארווענט האט שטיין לאסען אונ דין וחשבון געבען אויף יעדע מינוט וואס ער פערלעבט האט, אויב ער האט זיך דאמאהלם עפעס קונה שלימות גיוועזין:

דאס צווייטע איז ווייל דער מענש ווירד געבארען אן שכל אונ וואקסט אויף אזו וויא דאס איזעל אין דיא מדבר וואס האט נישט קיין פערשטאנד אין דיא יונגע יאהרען צו ערקענען דיא טובות פון הקב"ה דאס ער האט איהם באשאפען אין דיא מוטערס לייב, אונ האט איהם אהייליגע נשמה גיגעבען כדי דאס ער אין דיא שפעטערע יאהרען ערקענען זאל דיא מעשים פון הקב"ה. אונ ווייל דאס ער מיט דעם אלעם אזו געוואנט איז פון דיא יוגענט אן, אונ ווערד מיט דעם הרגל אזו ערצויגען, דאס איז דער גורם וואס ער געהמט אלע טובות אונ חכמות הקב"ה פיר נאטירליכע זאכען אן, חאטשע דאס ער קומט שוין אין דיא שפעטערע יאהרען פאלט עם איהם נישט איין, צו ערקענען דאס גוטס פון דעם בורא הרחום וחנון, וואס ער מיט איהם געטוהן האט פון דיא יוגענד אן. דאס איז אמשל צו איינעם וואס האט געפינען אין דיא מדבר אקליין קינד הונגעריג אונ נאקעט, אונ האט דאס קינד צו זיך גענומען, אונ האט עם ערצויגען אזו וויא זיין אייגען קינד, אונ האט איהם געלאזט לערנען אלע חכמות, ווידער האט זיך געטראפען וואס דער זעלבער האט אויסגעלייזט אמענש פון געפענגנים, אונ האט איהם מציל גיוועזען פון זיין שונא'ס האנד, אונ האט אויך איהם עפעס אונטערשטיצט מיט קליינע טובות, אזו איז דער זעלבער זיין בעל טובה אייביג דאנקבאר געוועזען, אונ האט איהם פיעל מעהר מכיר טובה געוועזען אלס דאס קליינע קינד, וואס ער האט דאמיט טויזנד מאהל אזו פיעל טובות געטוהן אלס מיט דעם צווייטען. דיא אורזאך איז פון דעם ווייל דער געפענגניסער איז שוין דאמאהלם ביים רייפען פערשטאנד געוועזען וואס האט גלייך ערקענט דיא טובה אונ זיין בארימהערציגקייט וואס ער האט מיט איהם געטוהן, דאס קינד אבער ווייל ער האט דאמאהלם נאך קיין פערשטאנד געהאט צו ערקענען דיא טובה פון זיין בעל טובה אונ איז אזו מיט

דיא טובות ערצוינגען געווארען דאס האט איהם גיברענגט אויך אין דיא שפעטערע יאהרען אונדאנקבאר צו זיין:

דאס זעלבע איז אויך ביי פיעל מענשען האטשע דאס זייא קומען אין דיא שפעטערע יאהרען אונד האבען שוין דעם רייפען פערשטאנד, צו דאך גייען זייא ווייטער אין דיא פינסטער וואס ערקענען נישט דיא גבורות אונ טובות פון הקב"ה, אונ דאנקען נישט דעם באשעפער פיר דיא אלע טובות וואס ער מיט זייא געטוהן האט:

דאס דריטע איז פון וועגען דיא סיבות אונ טרעפונג וואס באגעגנט זייא פון דעם ליבען באשעפער וואס דער ערבארמיגער גאט זייא מיט פלייס צו שיקט, אטייל איז עס אום זייא צו ערוואכען פון זייער שלאף דאס זייא זאלען נישט דעם נארישען עולם הזה פיר דעם עיקר האלטען אטייל איז עס אום זייא אויף דעם נסיון צו שטעלען כדי דאס זייא זאלען גרויסען שכר האבען דאפיר ווען זייא וועלען עס מקבל זיין בפנים יפות. אטייל שיקט דער בורא ב"ה אויף דעם מענש יסורין כדי דאס ער זאל אכפרה האבען אויף זיינע עונות, אום זייא פרייא צו מאכען פון דיא שווערע אונ ביטערע עונשים פון גיהנם ר"ל, וואס דיא אלע יסורי עולם הזה איז וויא גאר נישט גירעכענט קעגען דיא קלענסטע יסורין פון גיהנם. אזוי וויא דער פסוק זאגט (אשרי הגבר אשר תיסרנו יה) אונ אויך פיעל מאהל זענען דיא סיבות אונ טרעפונג וואס עס פיר גראסע אונגליקען געהאלטען ווירד לויט דעם מענשענס פארשטאנד, אבער דיא כונה פון דעם באשעפער איז דאס עס זאל דאדורך נאך אגרויסע טובה ארויס קומען, אזוי וויא מיר געפינען ביי יוסף הצדיק וואס ער איז פארקויפט געווארען פאר אקנעכט נאך מצרים, כדי דאס ער זאל דארט איין מלך ווערען אונ זאל קענען דארט שפייזען זיין פאטערס הויזגעזינד אין דעם גרויסען הונגער:

אבער דיא מענשען וואס זייערע אויגען זענען פארקלעבט וואס טוהן נישט איין זעהן דעם אמת, האלטען זייא דיא אלע סיבות פיר לויטער שלעכטיץ פון דעם באשעפער, דאס ברענגט זייא אויך כופר צו זיין אן דיא השגחה פון הקב"ה אויך איהם קיינמאהל דאנקבאר צו זיין, אונ טוהן נאך מתרעם זיין קעגען זיין משפט צדק, וואס ער איז אלעם נאר אויסען אום זייער טובה וועגען דאס איז דער כלל פון איהם קומט קיין שלעכטיץ נאר לויטער גוטס:

איבער דעם איז אגרויסער חיוב דיא מענשען אויף צו וואכען פון זייער נארישען שלאף, זייא אויפמערקזאם צו מאכען אויף דיא גרויסע השגחה, אונד וואונדער פון דעם בורא כל העולמים, זייא צו ערקלערען אונד צו ווייזען דיא טובות וואס דער ערבארמהערציגער גאט טוהט מיט זייא בכל רגע ורגע: עס זענען (שבעה דרכים) וואס מיר מענשען קענען פון זייא אפלערנען חכמות ונפלאות הבורא. (הראשון) דאס ערשטע איז (הארבעה יסודות) פיי דיא פיער יסודות, דאס איז (אש, רוח, מים, עפר) פייער, לופט, וואסער, ערד, וואס דיא גאנצע וועלט איז פון דיא פיער יסודות געבויעט גיווארען, וויא אזעלעם שטייט אויף זיין ארט, אזוי וויא דער בורא ב"ה האט

עס מגביל געוועזען, אונד וויא קיין איינציגעס קאן נישט פארענדערין דיא געבאט פון הקב"ה, דער (יסוד עפר) דאס איז דיא ערד קאגעל, האט ער מגביל געוועזען פינקט אין דיא מיטע פון דעם (כדור השמימי) הימעל קרייז דער (יסוד המים) דאס וואסער אויף דיא ערד, דער (יסוד רוח) דיא לופט איבער דאס וואסער, דער (יסוד אש) דאס פייער איבער דיא לופט, בעטראכט נאר וויא איעדעס שטייט אויף זיין ארט אונד וויא יעדעס ציהט צו זיין שורש, צום בעוויז ווען מען ווארפט אזאך וואס קומט פון דעם יסוד עפר אין דיא לופט קאן עס זיך נאר אזו לאנג אין דיא הייך ערהאלטען, וואס דער כח פון דעם ווארפען טרייבט עס, אונד תיכף וויא דער כח זיך אויסלאזט, ציהט עס שוין צוריק צו זיין יסוד עפר. פייער ווידער, ווייל דער בורא ב"ה האט עס מגביל געוועזען איבער דאס (יסוד מים) וואסער, דאריבער ווען מען לאזט אריין לופט אין איין בלאז איזט קיין מעגליכקייט דאס זעלבע אונטער דאס וואסער צו האלטען, אויבער מיט גרויס געוואלט. דורך דעם האבען דיא חוקרים ערפונדען איין מיטעל זיך אין דעם טיפען ים ארונטער צו לאסען וואס מען לאזט אריין אין דעם וואסער איין גאנץ גרויסען גלאק אונד אמענש שטייט אינוועדיג אויף לייסטען, אונד דער גלאק איז פון אונטען גאנץ אופען, אונד דאס וואסער קאן נישט אין דעם גלאק קומען, ווייל עס איזט דארט לופט, דאריבער וואס טיפער דער גלאק מיט דיא לופט ארונטער קומט, וואס מעהר ענטלויפט דאס וואסער. אויך ווייל דאס פייער ציהט צו זיין יסוד אין דיא הייך מיט דעם האט מען ערפונדען דיא אלע דאמפפמאשינען וואס מען פערזאמעלט דעם הייסען דאמפף אין דיא מאשינען אונד מיט דעם קראפט וואס דאס פייער וויל ארויס לויפען אין דיא הייך צו קומען מיט דעם טרייבט עס דיא מאשינען מיט זאלכען שטארקען קראפט. אונד קיין איינציגעס קאן נישט זיין גרעניץ איבערטרעטען, טראכט דעם וואס דער גאנצער ערד באל הענגט אין דיא לופט אויף גאר נישט, צו פארט קאן זיא זיך נישט אוועק ריקען פון איהר ארט אפילו כחוט השערה. דאס זעלבע דאס וואסער אין דעם ים הגדול, האט דער בורא ב"ה מיט זיין גרויס ערבארימקייט דארט פארשפארט וואס עס קאן נישט איהר גרעניטץ איבערטרעטען אויף דיא יבשה צו קומען. דער יסוד אש ווידער, קאן נישט הערונטער פאלען אויף דיא ערד, לאזען מיר נאר זעהן למשל ווען דער ערדבאל העט זיך יוא פון זיין ארט פארריקט אויף איין האר אדער אז דאס וואסער פון ים הגדול העט איהר גרעניץ איבערטרעטען אונד העט אויף דיא יבשה געקומען אזו העט דיא וועלט קיין קיום געהאט אויף איין אויגענבליק נאר עס וועהר אלעס פארוויסט געווארען וואס עס העט זיך קיין איינציגעס וועזען אויף דיא וועלט געפונען, און ווער האט דאס געבאטען אונד געמאכט ? ווער מעהר וויא דער בורא הרחום והנון (אשר לגדלתו אין חקר):

דאס צווייטע איזט דאפון צו לערנען חכמות ונפלאות הבורא, פון דעם מענש וואס ווערד אנגערופען (עולם הקטן) וואס דער מענש איז דאס שענסטע צירונג פון דיא גאנצע בריאה, אזו וויא מיר הערען דא ווייטער אין דעם מאריך זיין:

דאס דריטע וואס איז צו ערקענען חכמות ונפלאות הבורא, וויא דער בורא

ב"ה

ב"ה הָאט דֶעם מֶענְש צוּזַאמֶען גֶעקְנִיפְּט, פוּן דִיא אַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, פוּן אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר, וָואס גִיוֶועגְלִיךְ קָאן זִיךְ נִישְׁט אֵיינְס פַארְאֵיינִיגֶען מִיט דֶעם אַנְדֶערְן' פֵייעֶר מִיט וַואסֶער קָאן נִישְׁט צוּזַאמֶען זַיין, נָאר אֵיינְס פַארְלֶעשְׁט דָאס אַנְדֶערֶע, נָאר בִּגְזֵירוֹת הַבּוֹרֵא ב"ה הָאט דֶער גוּף אֵיין קִיוּם וָואס אִיזְט זֶעהְר בֶּערוּהִיגְט וָואס אֵיין יְסוֹד שֶׁעדִיגְט נִישְׁט דָאס אַנְדֶערֶע, נָאךְ מֶעהְר אוּנְד וָואוּנְדֶערְבַּאר אִיז צוּ זֶעהְן דִיא וֶוערְק פוּן הקב"ה, וִויא עֶר הָאט צוּזַאמֶען גֶעקְנִיפְּט דֶעם גוּף מִיט דִיא כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ מִיט דֶעם (אוֹר הַשֵּׂכֶל) וָואס מִיט דֶעם אִיז עֶר אוֹיס גֶעצֵייכֶענְט פוּן אַלֶע בַּאשֶׁעפֶנִישֶׁען פוּן דִיא וֶועלְט:

דָאס פִירְטֶע אִיזְט פוּן דֶעם צוּ עֶרְקֶענֶען חָכְמוֹת וּגְבוּרוֹת הַבּוֹרֵא, פוּן דִיא אַלֶע בַּעֲלֵי הַחַיִּים, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, שְׁרָצִים, גֶעפְלִיגֶעל, אוּנְד בְּהֵמוֹת, וְחַיּוֹת, אַזוֹ גוּט אוֹיף דִיא יַבָּשָׁה, וִויא אוֹיךְ אִין דֶעם וַואסֶער, אַזוֹ וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גֶעזָאגְט, (שָׁם רֶמֶשׂ וְאֵין מִסְפָּר) אַזוֹ אִיזְט פוּן יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער צוּ זֶעהְן, חָכְמוֹת וְנִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא (עַד אֵין תַּכְלִית) דִיא בַּעֲלֵי הַחוֹקְרִים הָאבֶּען שׁוֹין בִּיז יֶעצְט גֶעפִינֶען, אוּנְד בֶּעצֵייכֶענְט צְוַואנְצִיג טוֹיזֶנְד עֶרְלֵייא גֶעפְלִיגֶעל וָואס פְלִיהְט אִין דִיא לוּפְט וָואס יֶעדֶעס נַאטוּרְג אִיזְט, בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אִין אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעשְׁטַאלְט, אוּנ מִיט אֵיין אַנְדֶערֶע נַאטוּהר, אוּנ פוּן יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער אִיז אֵיין אַנְדֶערֶען נוּטְצֶען צוּ הָאבֶּען, דֶעסְגְלֵייכֶען דִיא פִיעל עֶרְלֵייא חַיּוֹת, אוּנְד בְּהֵמוֹת, אוּנְד חַיּוֹת פוּן דֶעם מֶער, אִין וִויא דֶער בּוֹרֵא ב"ה הָאט פִיר יֶעדֶעס זַיין נַארוּנְג עֶרְשַׁאפֶען, אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ) אוּנְד דִיא פִיעל נוּטְצֶען וָואס דֶער מֶענְשׁ הָאט פוּן זֵייא, וֶוען דֶער מֶענְשׁ אִין דֶעם בֶּעטְרַאכְטֶען טוּהְט אַזוֹ אִיז גֶענוּג צוּ עֶרְקֶענֶען חָכְמוֹת וּגְבוּרוֹת הַבּוֹרֵא יִתְעַלֶּה, אוּנְד אוֹיס צוּ שְׁרַייֶען (מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' כּוּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ):

דָאס פִינְפְטֶע אִיזְט דַארְפוּן צוּ עֶרְקֶענֶען חָכְמוֹת וְנִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא ב"ה פוּן דִיא אַלֶע נַאטוּרְג גֶעפְלַאנְצֶע, וָואס שְׁפְּרָאצְט פוּן דִיא עֶרְד, וָואס עֶס אִיז גָאר קֵיין צָאהְל צוּ דִיא פִיעל עֶרְלֵייא נַאטוּרְגֶען, אוּנ דִיא פִיעל גֶעשְׁמַאקֶען, אוּנ דִיא פִיעל טַעֲמִים וָואס זִיךְ גֶעפִינְט אִין זֵייא, עֶס אִיזְט דַארִיבֶּער צוּ עֶרְשְׁטוֹינֶען אוּנְד דַארִיבֶּער צוּ אַנְגְסְטֶען פִיר דִיא גְרוֹיסְהֵייט אוּנ שְׁטַארְקֵייט פוּן דֶעם שְׁטַארְקֶען אוּנְד אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט, גֶעלוֹיבְּט אִיז זַיין נָאמֶען אוֹיף אֵייבִּיג. אוּנ אוֹיךְ דִיא אַלֶע (מִינֵי מַתָּכוֹת) וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִיא עֶרְד, פוּן גָאלְד, זִילְבֶּער קוּפֶּער בְּלֵייא, צִיהְן, אֵייזֶען, אוּנְד פַארְשִׁידֶענֶע אֲבָנִים טוֹבוֹת, אוּנְד אַנְדֶערֶע נִיטְצְלִיכֶע זַאכֶען פוּן שְׁטֵיין קוֹילֶען, זַאלְץ, אוּנְד דֶער גְלֵייכֶען, וָואס דֶער בּוֹרֵא הָרַחוּם וְהַחַנּוּן הָאט דָאס אַלֶעס פָּארְגֶעבְּרֵייט, פִיר דִיא מֶענְשֶׁענְס וֶועגֶען, וַוייל דֶער מֶענְשׁ אִיזְט ווירְקְלִיךְ דָאס אוֹיסְגֶעצֵייכְנִיסְטֶע פוּן דִיא גַאנְצֶע בְּרִיאָה. אַטֵייל גִיהֶער פִיר דֶעם מֶענְשׁ צוּם עֶסֶען, אַטֵייל פִיר קְלֵיידֶען, אַטֵייל פִיר רְפוּאוֹת, וִויא אוֹיךְ אַנְדֶערֶע נִיטְצֶען, אַזוֹ אִיזְט אוֹיף יֶעדֶען בֶּעזוּנְדֶער צוּ זָאגֶען (מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' כּוּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ) וִויא גְרוֹיס זֶענֶען דַיינֶע מַעֲשִׂים גָאט, וָואס אַלֶעס הָאסְט דוּא מִיט דַיין חָכְמָה עֶרְשַׁאפֶען:

דָאס זֶעקְסְטֶע אִיז וִויא דֶער בּוֹרֵא הָרַחוּם וְהַחַנּוּן הָאט דֶעם מֶענְשׁ שֵׂכֶל

גִינֶגעֶבֶּן צוּ פַארְשִׁידֶענֶע מְלָאכוֹת, אוּנְד אוֹיךְ צוּם הַאנְדְלֶען פוּן וָואס עֶר דַאפוּן זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין זָאל:

דָאס זִיבֶּענְטֶע אִיזְט דַאפוּן צוּ זֶעהְן, חָכְמַת וטוֹבוֹת הַבּוֹרֵא יִתְעַלֶּה, וִויא עֶר הָאט זַיין פָאלְק דִיא יִשְׂרָאֵל גִינֶגעבֶּן זַיין תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּנְד הָאט זִיא קוֹבֵעַ גִיוֶועזֶען אוֹיף אֵייבִּיג, וִויא מִיר זָאגֶען (לֹא יַחֲלִיף הָאֵל וְלֹא יָמִיר דָּתוֹ) אוּנ דָאס הָאט עֶר דַארִיבֶּער גֶעטוּהְן, כְּדֵי דוּרְךְ דִיא תּוֹרָה, זָאלֶען מִיר אוּנְז קֶענֶען מְתַקֵּן זַיין אוּנ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם גְרָאסְאַרְטִיגֶען שְׂכַר לְעוֹלָם שֶׁכּוּלוֹ טוֹב, אוּנ אוּנְזֶער נְשָׁמָה צוּ בְּרֶענְגֶען לְמַעְלָה מַעְלָה בְּעוֹלָם הַנְּשָׁמוֹת, אוּנ צוּ קֶענֶען גֶענִיסֶען פוּן דֶעם תַּעֲנוּג פוּן דֶעם זִיסִיגְקֵייט פוּן דִיא שְׁכִינָה לְעוֹלְמֵי עַד:

אוּנ וֶועלְכֶעס פוּן דִיא זִיבֶּן חָכְמוֹת אִיז דָאס נֵייטִיגְסְטֶע דָאס מִיר עֶס עֶרְפָארְשֶׁן זָאלֶען, אַזוֹ אִיז דָאס נֵייטִיגְסְטֶע אוּנְד דָאס לֵייכְטְסְטֶע צוּ עֶרְפָארְשֶׁען אוּנ אַרַיין צוּ קְלֶערִין אִין דִיא חָכְמַת הַבּוֹרֵא וָואס שְׁטֶעקְט אִין דֶעם מֶענְשׁ, וָואס עֶר גֶערוּפֶען וֶוערְד (עוֹלָם הַקָּטָן), רֵאשִׁית צוּ עֶרְשְׁט לָאזֶען מִיר נָאר בֶּעטְרַאכְטֶען נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא דֶעם אַנְפַאנְג פוּן עֶרְשַׁאפוּנְג דֶעם מֶענְשׁ, אוֹיס וָואס אוּנְד וִויא עֶר גֶעבּוֹיט גֶעוָוארִין אִיז, אַזוֹ עֶפֶען דַיין הַארְץ אוּנ הֶער צוּ כְּדֵי צוּ עֶרְקֶענֶען דִיא חָכְמָה אוּנְד אַלְמֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא ב"ה, דָאס אִיז אֵיין יֶעדֶען וואהְל בֶּעקַאנְט, דָאס דֶער שְׁטָאף אוֹיס וָואס דֶער מֶענְשׁ עֶרְבּוֹיט וִוירְד, אִיז אוֹיס זֶרַע אוּנְד בְּלוּט, אַצוּנְד לָאזֶען מִיר בֶּעטְרַאכְטֶען אוֹיס וָואס דָאס בְּלוּט אוּנְד דִיא זֶרַע אַהֶער קוּמֶען, אוֹיף דֶעם וֶועלִין מִיר דִיר אֵיין קְלֵיין עֶרְקְלֶערוּנְג מַאכֶען אַזוֹ וִוירְסְט זֶעהְן דַאס, דָאס בְּלוּט הָאט דֶעם קְרַאפְט פוּן אַלֶע פִיעֶר יְסוֹדוֹת, דֶען אוֹיס דִיא עֶרְד וַואקְסְט דָאס גְרָאז אַזוֹ אִיז פַארְוַואנְדֶעלְט גֶעוָוארֶען אוֹיס דֶעם יְסוֹד עָפָר אֵיין צוֹמֵחַ, דַאן וֶוען דִיא בְּהֵמָה עֶסְט דָאס גְרָאז, אִיזְט שׁוֹין ווִידֶער פַארְוַואנְדֶעלְט גֶעוָוארִין אוֹיס דֶעם (צוֹמֵחַ אֵיין בַּעַל הַחַי) דָאס אִיז אוֹיס דֶעם גְרָאז אֵיין לֶעבֶּענְדִיגֶע זַאךְ וָואס אֵיין חַיוּת הָאט, דַאן אַז דֶער מֶענְשׁ עֶסְט פוּן דִיא בְּהֵמָה, אִיזְט שׁוֹין ווִידֶער פַארְוַואנְדֶעלְט גֶעוָוארֶען אוֹיס דֶעם (בַּעַל הַחַי אֵיין מְדַבֵּר) דָאס אִיז גֶעמֵיינְט אֵיין מֶענְשׁ וָואס רֶעדֶען קֶען, נִמְצָא דָאס אִין דֶעם פְלֵייש פוּן דִיא בְּהֵמָה שְׁטֶעקְט דִיא דְרֵייא כּוֹחוֹת, דְהַיְינוּ (עָפָר, צוֹמֵחַ, חַי), דַאן עֶרְשְׁט אַז דֶער מֶענְשׁ עֶסְט דָאס פְלֵייש אַזוֹ וֶוערְט דְרוֹיס בְּלוּט, דַאן אוֹיס דֶעם פֵיינְסְטֶען פוּן בְּלוּט וִוירְד אִין מֶענְשׁ עֶרְשַׁאפֶען דִיא זֶרַע, וָואס שְׁטֶעקְט אָן מוֹחַ פוּן קָאפּ, אוּנְד פוּן דִיא בֵּיידֶע, אוֹיס דִיא זֶרַע פוּן דֶעם אִישׁ אוּנְד אוֹיס דָאס בְּלוּט פוּן דִיא אִשָּׁה וִוירְד דֶער מֶענְשׁ עֶרְשַׁאפֶען אוּנְד עֶרְבּוֹיעֶט, נִמְצָא דָאס דֶער מֶענְשׁ עֶרְשַׁאפֶען וִוירְד פוּן אַלֶע פִיעֶר מַדְרֵיגוֹת, דָאס אִיזְט (מִן עָפָר, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר), דֶערְנָאךְ אִיז צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא חָכְמָה אוּנְד רַחֲמִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא ב"ה וִויא עֶר הָאט פִיר דֶעם קִינְד פָארְגֶעבְּרֵייט, אֵיין זִיכֶער אוּנְד גֶעשִׁיצְט אָרְט, דָאס אִיזְט אִין דִיא מוּטֶערְס לֵייבּ, אוֹיף אֵיין אָרְט וָואס זִיכֶער אוּנְד גֶעשִׁיצְט אִיז פוּן אַלֶע פְּגָעִים, פוּן קֶעלְט אוּנְד הִיטְץ, אוּנְד דָאס קֵיינֶער זָאל עֶס קֶענֶען דָארְט אָנְשְׁלָאגֶען, אוּנ בֶּעטְרַאכְט נָאר וֵוייטֶער, וִויא עֶס שׁוֹין פַארְפְלָאסֶען אִיז אֵיינִיגֶע חֳדָשִׁים, וִויא דֶער בּוֹרֵא ב"ה גִיבְּט אִין דֶעם וָולָד אֵיין חַיוּת, וָואס פַאנְגְט זִיךְ אָן צוּ אִיבֶּערְוֶועגֶען אִין מוּטֶערְס לֵייבּ, אַצוּנְד

בעטראכט

בעטראכט ווייטער דיא אויפענבארע השגחה אונד אויפזיכט פון בורא הרחום וחנון, וויא דאס קינד אין מוטערס לייב בעקומט זיין נארונג אן מיהע אונד נאר אזו פיעל לויט דעם כח פון קינד אונד מיט אזו פיעל וואס דאס קינד גרעסער ווערד מיט אזו פיעל מעהר בעקומט עס דאס עסין נישט צו וועניג אויך נישט צו פיעל נאר פונקט וויא דער כח פה דעם קינד איזט, הערנאך איז דאריבער צו שטוינען צוזעהן דיא וואנדער פון דעם בורא הרחום והחנון, וויא ער טוט דאס קינד ארויס ציהען פון מוטערס לייב דורך אזו איין (מקום צר), לאזען זיך פארזאמלען אלע רופאים, אונד חוקרים אונד קינסטלער פון דיא וועלט, עפעס צו טוהן איין תחבולה, כדי דאס קינד פריער ארויס צו נעמען לעבענדיג פון מוטרס לייב מיט איין רגע פריהער, אדער מיט איין רגע שפעטער, נאר דיא זעלבע מינוט וואס דער בורא ב"ה בעשטימט האט, דאמאלס קומט עס אליין פון זיך זעלבסט ארויס אזו וויא הקב"ה האט געזאגט צו איוב (הידעת עת לדת יעלי סלע, חולל אילות תשמור) דיעס איזט דיא חיה יעלי איזט זעהר אונבארימיג אויף איהרע קינדער, אונ ווען עס קומט דיא צייט וואס זיא זאל געווינען גייט זיא מיט פלייס ארויף אויף איין הויכע בארג, כדי דאס קינד זאל תיכף אראפ פאללען אונד געהרגת ווערין, אזו שיקט דער בורא ב"ה וואס זיין השגחה איזט אויף דיא גאנצע וועלט, אין דיא זעלבע רגע איין אדלער וואס חאפט תיכף דאס קינד אויף זיינע פליגעל, ווידער דיא חיה אילה האט איין ענגען טראכט וואס דאס קינד קען נישט פון זיך זעלבסט ארויס גיין, אזו שיקט איהר צו דער בורא המשגיח אין דיא זעלבע רגע וואס זיא דארף דאס קינד צו געבערין, איין שלאנג וואס בייסט איהר אויף דעם טראכט, אזו קען זיא שוין דאס קינד האבען, דאן איזט ווייטער צו בעטראכטען דיא וואנדער אונד בארימהארציגקייט פון דעם בורא ב"ה וויא ער ערשאפט פאר דעם קינדע וועגין זיין פרנסה, וואס אוים דעם בלוט ווערד מילך אונד קומט ארויף אין דיא מוטערס ברוסט אויף איין ריין ארט נישט אזו וויא אנדערע מין החי, וואס מוזען זייגען ביא איין מקום הטינופת, ווייל (כי בצלם אלהים עשה את האדם) אונד דיא מילך פליסט נישט צו פיעל, כדי דאס עס זאל נישט אראפשווערין דיא ברוסט, אונד אויך כדי דאס, דאס קינד זאל נישט ערשטיקן ביים זייגען אונד אויך נישט צו וועניג כדי דאס קינד זאל ווידער נישט דארפן צו שטארק צו ציהען, נאר פונקט לויט דעם כח פון קינד, ווידער האט דער בורא ב"ה געגעבין דעם קינד חן אין זיין עלטערנס אויגען וואס זייא זארגען פיר דעם קינד נאך מעהר וויא פיר זיך זעלבסט, כדי דאס עס זאל נישט דיא עלטערן לעסטיג ווערין, דיא שווערע מיהע אונד ארבייט, וואס דאס קינד ברויך ביז עס ערצויגען ווירד, אונד דאס וויגען פון קינד איז איינס פון דיא חסדים פון הקב"ה אזו וויא דיא רופאים זאגען, דאס קינד האט אין מוח איין שליים, וועלכעס ניפעהרליך איזט פיר דעם קינד, אונד דורך דאס וויגען פארשווינט עס. נאך דעם איזט ווייטער צו בעטראכטען דיא טובות אונד ניטצען וואס דער מענש האט פון אלע אברים, אונד וויא השם יתברך האט אלעס געמאכט אונד ערשאפען (על צד היותר טוב), דיא הענד צו טוהן אלע מלאכות, דיא

פים

פיס צום געהן, דיא אויגען צום זעהן, דיא אויערען צום הערין, דיא נאז צום שמעקען, דיא צונג צו רעדען, דאס מויעל צו עסען, דיא צעהן צו קייען דאס עסען, דעם בויך וויא דאס עסען ווערד דארט געקאכט, דאס הארץ וויא דאס חיות דארט שטעקט, דעם מוח וואס דארט איזט דיא כוחות הרוחניים (ועתה הקורא נעים) עפען דיינע אויגען אונד גיב דיין הארץ צו בעטראכטען אן דיא ווערק פון הקב"ה וויא ער האט אין יעדען אבר פון דיא פינף אברים, איין אנדערען כח אריין גיגעבען, בעטראכט נאר גוט אן דיא גרויסע וואונדער, אונד אלמעכטיגקייט פון באשעפער אלער וועלטען, דאס אויג וואס איז נאר פון בלוט אונד פלייש האט ער דעם (כח הראות) גיגעבען אלעס צו זעהן אונ צו ערקענען, אונד צו ערשידען איין זאך קעגען דיא אנדערע, ווידער וויא ער האט אין דעם אויער דעם (כח השמע) פון הערען גיגעבען, אונד אין דיא צונג דעם (כח הטעם) צו שפירען יעדען געשמאק צו אונטערשידען צווישען זיס אונד ביטער, צווישען דעם גוטען געשמאק אונד דעם שלעכטען אונ אין דיא נאז האט ער דעם (חוש הריח) גיגעבען, אלע געשמאקען צו פיהלען, אונד דיא הענד דעם שטארקען (כח הרגשה) יעדע זאך צו ערקענען מיט דעם בעריהרען אונ יעדעם אבר האט נאר אין מאכט צו ווערקען צו וואס השם יתברך האט עס בעשטימט, מיט דיא אויגען קען מען נישט הערען, אונד נישט שמעקען, דס זעלבע מיט דיא אוהרען קאן מען נישט זעהן ווען דער מענש וויל נאר אין דיא פינף כוחות אריין קלערען, אזו איזט גענוג אונד גענוג צו ערקענען דיא גראסהייט פון דעם מלך גדול ונורא וואס צו זיין גראסהייט איז גאר קיין ערפארשונג:

ועתה איזט ווידער ווייטער צו בעטראכטען וויא דאס עסען ווירד פערטיילט אין אלע אברים, דאס פסולת פון עסען גייט אויף אגאנץ באזונדר ארט אונד אוים דעם פיינעם פון עסען ווירד בלוט דארויס, אונד דאס בלוט ווערד פארטיילט אין אלע אברים, דורך דיא אדערען וואס דאס בלוט לויפט אי זייא, אונ יעדעם נעמט נאר אזו פיעל צו, וויא פיעל עס ברויך. צו דעם עסען האט דער בורא הרחום והחנון פארגעבערייט. ווידער גאנץ אנדערע כוחות, דהיינו (כח המושך, וכח המעמיד, וכח העיכול, וכח הזן, וכח הדוחה) דאס איזט דער כח המושך, דאס עסען אראפ צו ציהן, אונ ווידער דער כח המעמיד וואס האלט צוריק דאס עסען דאס עס זאל נישט תיכף ארונטער פאלען בעפאהר עס האט געווירקט דעם גוף צו שטארקען, אונד דער כח העיכול, וואס דאס עסען פארצעהרט ווירד, דער כח הזן וואס דער גוף ווערד געשפייזט אונד געשטארקט פון דעם עסען, אונד דער כח הדוחה וואס טוהט דאס פסולת ארויס שטאסען פון גוף. אונ דיא אלע כוחות ווירקען, זייערע כוחות, פון זיך זעלבסט, וואס דער מענש דארף דאצו גאר נישט צו העלפען:

אצונד בעטראכט נאר דאס חסד אונד אלמעכטיגקייט פון דעם בורא הרחום פון דיא כוחות הנפש, אונד דעם נוטצען אונד טובה וואס דער מענש האט פון זייא, דהיינו (כח המחשבה, והזכרון, והשכחה, הבושת, והשכל, והדיבור) דער כח פון דענקען, זעהע נאר ווען עס זאל נאר פעהלען איין מענש

דער

דֶער כֹּחַ הַזִּכָּרוֹן, וָואס עֶר הָעט נִישְׁט גִידֶענְקְט, אָדֶער דֶער כֹּחַ הַשִּׁכְחָה, דָאס עֶר הָעט קַיין מָאהְל פַארְגֶעסֶען, דָאס עֶר הָעט נָאר נִישְׁט גִיקֶענְט עֶקְזִיסְטִירֶען אוּנְד וִויא נֵייטִיג אוּנְד נִיטְצְלִיךְ אִיז דִיא מִדָּה הַבּוּשֶׁת, וָואס עֶר שֶׁעהְמְט זִיךְ צוּ טוּהְן זָאלְכֶעס וָואס מִיאוּס אִיז פַאר מֶענְשֶׁען, דָאס הַאלְט דֶעם מֶענְשׁ צוּרִיק פוּן פִיעל אוּנְרֶעכְט:

בֶּעטְרַאכְט נָאר ווידֶער דִיא טוֹבָה פוּן הקב"ה וָואס עֶר הָאט דֶעם מֶענְשׁ גִיגֶעבֶּען שֵׂכֶל, זֶעהֶע נָאר דֶעם קְרַאפְט פוּן דֶעם שֵׂכֶל, וִויא דֶער מֶענְשׁ טוּהְט מִיט דֶעם שֵׂכֶל עֶרְפָארְשְׁטֶען אַלֶע וִויסֶענְשַׁאפְטֶען אוּנְד צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, זֶעהֶע נָאר וִויא דֶער מֶענְשׁ טוּהְט מִיט דֶעם כֹּחַ הַשֵּׂכֶל אִין אֵיין רֶגַע לוֹיפֶען אִין דִיא הֵייךְ פוּן הִימֶעל צוּ טְרַאכְטֶען אוּנְד צוּ קְלִיגֶען (בְּחָכְמוֹת הַתְּכוּנָה) אוּנְד דִיא שְׁטֶערֶען קוּנְסְט, אוּנְד מִיט דֶעם שֵׂכֶל טוּהְט עֶר מֶעסְטֶען דִיא זָאנְגֶע אוּנְד דִיא הֶעכְסְטֶע שְׁטֶערֶען פוּן הִימֶעל צוּ וִויסֶען דִיא גְרֵייס פוּן אֵיין יֶעדֶען, אוּנְד דִיא הֵייךְ פוּן זַייא מִיט וִויא פִיעל טוֹיזֶענְטֶער מַיילֶען זֶענֶען זַייא עֶנְטְפֶערְנְט פוּן אוּנְז, אוּנְד תֵּיכֶף אִין דִיא צְווייטֶע רֶגַע לוֹיפְט עֶר ווידֶער מִיט דֶעם שֵׂכֶל צוּ קְלִיגֶען אוּנְד צוּ טְרַאכְטֶען אִין דִיא טִיפֶענִישׁ פוּן דִיא עֶרְד, אוּנְד דִיא טִיפֶענִישׁ פוּן יָם, אוּנְד תֵּיכֶף אִין דִיא אַנְדֶערֶע רֶגַע ווידֶער טוּהְט עֶר טְרַאכְטֶען אוּנְד פָארְשְׁטֶען אוֹיף אַלֶע פִיער עֶקֶען פוּן דִיא וֶועלְט' דָאס אִיז דֶער בֶּעוֵויז, דָאס דֶער שֵׂכֶל קוּמְט פוּן אֵיין הֵיילִיג אוּנְד עֶרְהוֹיבֶּען אָרְט, זֶעהֶע נָאר וִויא דֶער מֶענְשׁ אוֹיסְזֶעהְט, וָואס דֶער שֵׂכֶל פֶעהְלְט אִיהְם וִויא אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען פַארְדָארְבֶּען:

וְעַתָּה אַצוּנְד לָאזֶען מִיר ווידֶער בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא גְבוּרָה אוּנְד טוֹבָה פוּן הקב"ה וָואס עֶר הָאט דֶעם מֶענְשׁ דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר גִיגֶעבֶּען, דוּרְךְ דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר אִיזְט צוּ אוּנְטֶערְשֵׁידֶען צְווִישֶׁען אַמֶענְשׁ אוּנְד אַבְּהֵמָה, מִיט דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר, קָאן דֶער מֶענְשׁ מִתְפַּלֵּל זַיין אוּנְד לוֹיבֶּען צוּ הקב"ה, אוּנְד מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף זַיינֶע עֲוֹנוֹת וַחֲטָאִים, פוּן דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר אַלֵיין, אִיזְט גֶענוּג צוּ עֶרְקֶענֶען דִיא גְרוֹיסְהֵייט אוּנְד וִוינְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא ב"ה וִויא עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר גֶעגְרִינְדֶעט פוּן דִיא (כ"ב אוֹתִיּוֹת שֶׁל א"ב) וָואס דִיא צְוַויא אוּנְד צְוַואנְצִיג אוֹתִיּוֹת זֶענֶען גֶעטְהֵיילְט אִין פִינְף גַאטוּנְג, דְהַיְינוּ דִיא אוֹתִיּוֹת (א' ח' ע' ה') קוּמֶען פוּן דִיא קֶעהְל, דִיא אוֹתִיּוֹת (ג' י' כ' ק') פוּן דֶעם גִימֶען, דִיא אוֹתִיּוֹת (ד' ט' ל' נ' ת') פוּן דִיא צוּנְג, אוּנְד דִיא אוֹתִיּוֹת (ז' ס' ש' ר' ץ') פוּן דִיא צֵיינְהְן אוּנְד דִיא אוֹתִיּוֹת (ב' ו' מ' פ') פוּן דִיא לֶעפְצֶען, בֶּעטְרַאכְט נָאר דִיא וִוינְדֶער פוּן הקב"ה וִויא עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ גִיגֶעבֶּען דֶעם מֶענְשׁ אַלֶעם צוּ רֶעדֶען וָואס עֶר מוּז וֶוערֶענְד דֶעם רֶעדֶען דִיא אַלֶע פִינְף כּוֹחוֹת בֶּענִיטְצֶען אוּנְד זַייא יֶעדֶען אוֹיגֶענְבְּלִיק אָבְּעֶנְדֶערֶען, לְמָשָׁל צוּ דֶעם וָוארְט (יִשְׁתַּבַּח) מוּזֶען דִיא אַלֶע כּוֹחוֹת גֶעבְּרוֹיכְט וֶוערֶען, דָאס אִיזְט צוּ דִיא (י') דֶעם גִימֶען אוּנְד צוּ דִיא (ש') דִיא צֵיינְהְן, צוּ דִיא (ת') דִיא צוּנְג, צוּ דִיא (ב') דִיא לִיפֶּען, צוּ דִיא (ח') דִיא קֶעהְל, אוּנְד אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק טוּהְט מֶען דָאס וָוארְט אַרוֹיס רֶעדֶען וָואס מֶען דַארְף דַאצוּ נִישְׁט צוּ טְרַאכְטֶען, כְּדֵי צוּ בֶּענִיטְצֶען דִיא אַלֶע פִינְף כּוֹחוֹת אוּנְד נָאךְ מֶעהְר וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּהְט מַאנְכֶעס מָאהְל רֶעדֶען אִין שְׁלָאף,

אוּן בֶּענִיטְצְט דִיא כּוֹחוֹת הַדִיבּוּר, דָאס אִיז וַוייל דֶער בּוֹרֵא ב"ה דֶער שְׁטַארְקֶער אוּנְד אַלְמֶעכְטִיגֶער הָאט אַזוֹ דֶעם כֹּחַ גִינֶעבֶּען אִין דִיא פִינְף כֵּלִים, גֶעלוֹיבְּט אוּנְד גֶעהֵיילִיגְט אִיז זַיין נָאמֶען (לָעַד וּלְעוֹלְמֵי עוֹלָמִים) קוּרְץ אִין יֶעדֶען אֵבֶר בְּעזוּנְדֶר אִיז צוּ זֶעהְן אוּנְד צוּ עֶרְקֶענֶען חָכְמוֹת וְנִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא עַד אֵין תַּכְלִית, מִיר הָאבֶּען דִיר נָאר גֶעשְׁרִיבֶּען (רָאשֵׁי פְּרָקִים) קֵיין מֶענְשׁ אִיז אִין שְׁטַאנְד צוּ עֶרְפָארְשֶׁען אוּנְד צוּ עֶרְגְרִינְדֶען דִיא חָכְמָה אוּנְד וְוינְדֶער וָואס עֶס אִיז נָאר בְּלוֹיז בַּייא דֶעם מֶענְשׁ אַלֵיין, וָואס עֶר אִיז נָאר אֵיין הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְדְס טוֹיזֶנְדְם טְהֵייל קֶענֶען דִיא אַנְדֶערֶע בְּרוּאִים פוּן דִיא וֶועלְט:

וִויא פַאלְט נָאךְ אוֹיף דֶעם מֶענְשׁ אֵיין מוֹרָא אוּנְד פַּחַד אַז מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִיא אוֹיגֶען קֶענֶען דֶעם הִימֶעל צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דִיא וֶוערְק פוּן הקב"ה צוּ זֶעהְן דִיא גְרֵייס פוּן דִיא גַלְגַלִים אוּנְד פוּן דִיא זָאנֶע אוּנְד אַלֶע שְׁטֶערֶען, אַזוֹ אִיזְט אוֹיף דֶעם צוּ זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גִיזָאגְט (מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ד' כּוּלָם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ) דִיא הַיינְטִיגֶע חוֹקְרִים הָאבֶּען גֶעמָאסְטֶען דִיא גְרֵייס אוּנְד דִיא הֵייךְ פוּן דִיא (שִׁבְעָה כּוֹכְבֵי לֶכֶת) אוּנְד אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶערֶען, אַזוֹ וֶועלֶען מִיר אֵיין מִקְצָת בֶּעצֵייכֶנֶען כְּדֵי אֵיין בִּיסֶעל אוֹיפְמֶערְקְזָאם צוּ מַאכֶען אוֹיף דִיא שְׁטַארְקֵייט אוּנְד מַאכְט פוּן הקב"ה, דִיא זָאנֶע וָואס זֶעהְט אוֹיס אִין אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען נָאר אַזוֹ גְרוֹיס וִויא דִיא פוֹיסְט פוּן דִיא הַאנְד פוּן אַמֶענְשׁ, אִיזְט גְרוֹיס אִין דִיא בְּרֵייט פוּן אִיהְר עִיגֶל, אֵיינְמָאהְל הוּנְדֶערְט, אַכְט אוּנְד אַכְצִיג טוֹיזֶנְט מֵיילֶען, אוּנְד הוֹיךְ פוּן דִיא עֶרְד אִיזְט זִיא עֶנְטְפֶערְנְט צְוַואנְצִיג מִילִיאָנֶען מֵיילֶען. אִיבֶּער דִיא זָאנֶע אִיזְט דֶר שְׁטֶערֶען (מַאְדִים) עֶנְטְפֶערְנְט פוּן דִיא זָאנֶע, דִיא הֵייךְ פוּן פִיער אוּנְד דְרֵייסִיג מִילִיאָנֶען מֵיילֶען. אוּנְד דֶער שְׁטֶערֶען (צדק) אִיזְט עֶנְטְפֶערְנְט הוּנְדֶערְט אוּנְד צֶעהְן מִילִיאָנֶען. דֶער שְׁטֶערֶען (שבתי) צְווייא הוּנְדֶערְט מִילִיאָנֶען, דֶער שְׁטֶערֶען (אוראנוס) פִיער הוּנְדֶערְט מִילִיאָנֶען, דֶער שְׁטֶערֶען (נעפטון) זֶעקְס הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנְד צְוַואנְצִיג מִילִיאָנֶען מֵיילֶען נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִיא זָאנֶע, אוּנְד אִיבֶּער זַייא לוֹיפֶען דִיא קָאמֶעטֶען וֶועהְר עֶנְטְפֶערְנְט, דֶער פוּרְכְטַבָּארֶער קָאמֶעט, וָואס מֶען הָאט גִיזֶעהְן אִין יָאהְר 1680 אִיזְט גִיוֶועזֶען עֶנְטְפֶערְנְט פוּן דִיא זָאנֶע הוֹיךְ זִיבְּצֶען טוֹיזֶענְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט מִילִיאָנֶען מֵיילֶען, נָאךְ דֶעם אַלֶען אִיזְט עֶרְשְׁט דִיא זָאנֶע מִיט דִיא אַלֶע שְׁטֶערֶען וָואס אוֹיבֶּען גֶענַאנְט אִיזְט, וִויא נָאר נִישְׁט גֶערֶעכֶענְט קֶעגֶען דִיא הֵייךְ וָואס אִיזְט פוּן זַייא צוּ דִיא שְׁטֶערֶען וָואס זֶענֶען טִיעף אִין הִימֶעל:

אִין מסכת בְּרָכוֹת וֶוערְד גִיבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (וַתֹּאמֶר צִיּוֹן עֲזָבַנִי ד' וַד' שְׁכֵחָנִי) דִיא שְׁטָאט צִיּוֹן הָאט גֶעזָאגְט, גָאט הָאט מִיךְ פַארְלָאזְט, אוּנְד הָאט אָן מִיר פַארְגֶעסֶען, הָאט הקב"ה צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, מֵיין טָאכְטֶער (בָּרָאתִי שְׁנֵים עָשָׂר מַזָלוֹת בָּרָקִיעַ) אִיךְ הָאבּ בֶּעשַׁאפֶען אִין הִימֶעל צְוֶועלְף מַזָלוֹת אוּנְד אוֹיף יֶעדֶען מַזָל הָאבּ אִיךְ בֶּעשַׁאפֶען דְרֵייסִיג (חַיָלוֹת) אוּנְד אוֹיף יֶעדֶען (חַיִל) הָאבּ אִיךְ בֶּעשַׁאפֶען דְרֵייסִיג (לגיון), אוּנְד אוֹיף יֶעדֶען (לגיון) דְרֵייסִיג (רהטון) אוֹיף יֶעדֶען (רהטון) דְרֵייסִיג (קרטון) אוּנְד אוֹיף יֶעדֶען קרטון דְרֵייסִיג (גיסטרא) אוּנְד אוֹיף יֶעדֶען גיסטרא הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען דְרֵייא הוּנְדֶערְט פִינְף אוּנְד זֶעכְצִיג מָאהְל צֶעהְן טוֹיזֶנְט שְׁטֶערֶען קֶענֶען דִיא צָאהְל פוּן דִיא טֶעג

פוּן יָאהְר אוּנְד דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ נָאר בֶּעשַׁאפֶען פִיר דַיינִיט וֶועגְן אוּנְד דוּא זָאגְסְט אִיךְ הָאבּ אָן דִיר פַארְגֶעסֶען ? אַצוּנְד וָואס אִיז נָאךְ צוּ זָאגֶען אוֹיף דִיא גְרֵייס פוּן דִיא הִימֶעל וָואס דִיא צְוֶועלְף מַזָלוֹת אוּנְד דִיא (כּוֹכְבֵי לֶכֶת) אוּנְד אַלֶע שְׁטֶערֶען אִין אִיהְם אִיזְט. אַצוּנְד וָואס אִיזְט נָאךְ צוּ זָאגֶען אוֹיף דִיא גְרֵייס פוּן דֶעם עוֹלָם הַמַלְאָכִים, וָואס דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הַגַלְגַלִים אִיזְט נָאר גִירֶעכֶענְט וִויא אֵיין קֶערְנֶדֶעל קֶעגֶען דֶעם עוֹלָם הַמַלְאָכִים אוּנְד אִיבֶּער דֶעם עוֹלָם הַמַלְאָכִים אִיזְט עֶרְשְׁט נָאךְ מֶעהְרֶערֶע עוֹלָמוֹת, אַזוֹ וִויא דִיא בַּעֲלֵי הַמְקוּבָּלִים הָאבֶּען עֶס מַשִׂיג גִיוֶועזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּנְד אֵיין עוֹלָם קֶעגֶען דֶעם הֶעכֶערֶען עוֹלָם אִיזְט אוֹיךְ נָאר גֶערֶעכֶענְט וִויא אֵיין קֶערְנֶדֶעל, אוּנְד דִיא אַלֶע עוֹלָמוֹת אִיזְט עֶרְשְׁט וִויא גָאר נִישְׁט גֶערֶעכֶענְט קֶעגֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים (כִּי אֵין לוֹ רֵאשִׁית וְאֵין לוֹ תַּכְלִית) צוּ אִיהְם אִיז קֵיין אַנְפַאנג אוּנְד קֵיין אוֹיסְלָאז. אַזוֹ וִויא מִיר הָאבֶּען גִילֶערֶענְט אִין דִיא גְמָרָא חֲגִיגָה (מִן הָאָרֶץ עַד הָרָקִיעַ וכו') פוּן דִיא עֶרְד בִּיז צוּם הִימֶעל אִיזְט פִינְף הוּנְדֶערְט יָאהְר רֵייז דֶער דִיק פוּן הִימֶעל אִיזְט אוֹיךְ פִינְף הוּנְדֶערְט יָאהְר רֵייז, דָאס זֶעלְבֶּע אִיזְט צְווִישֶׁען אֵיין הִימֶעל דֶעם אַנְדֶערֶען אִיבֶּער דִיא זִיבֶּען הִימְלֶען אִיזְט דֶער עוֹלָם וָואס וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען (חַיוֹת הַקוֹדֶשׁ) דִיא פִיס פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט גְרוֹיס קֶעגִין דִיא אַלֶע הִימְלֶען, דִיא קְנִיע פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט קֶעגִין אַלֶעם, דִיא שֶׁענְקֶעל פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט אוֹיךְ כְּנֶגֶד כּוּלָם, דִיא יַרְכֵי הַחַיוֹת אִיזְט אוֹיךְ כְּנֶגֶד כּוּלָם, דֶער גוּף פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט כְּנֶגֶד כּוּלָם דֶער הַאלְז פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט כְּנֶגֶד כּוּלָם דִיא הֶערְנֶער פוּן דִיא חַיוֹת אִיזְט כְּנֶגֶד כּוּלָם, אִיבֶּער זֵייא אִיזְט דֶער כִּסֵא הַכָּבוֹד כְּנֶגֶד כּוּלָם, אוּנְד דֶער (מֶלֶךְ חַי וְקַיָם לָעַד רָם וְנִשָׂא) רוּהְט אוֹיף זֵייא עכ"ל:

אוּנְד זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען דָם נָאךְ דֶעם בַּאשַׁאפוּנְג דִיא וֶועלְט בְּרוֹיךְ זִיא שׁוֹין

נִישְׁט מֶעהְר דִיא אוֹיפְזִיכְט פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער חָלִילָה, נָאר מִיט דֶעם זֶעלְבֶּען כֹּחַ וָואס הקב"ה הָאט דִיא גַאנְצֶע בְּרִיאָה בַּאשַׁאפֶען (בְּשֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית) מִיט דֶעם זֶעלְבֶּען כֹּחַ טוּהְט עֶר זִיא יֶעדֶע רֶגַע אוֹיפְ'ס נַייא בַּשַׁאפֶען, אַזוֹ וַוייט דָאס וֶוען עֶר וָואלְט אָפְּגֶעטוּהְן זַיין הַשְׁגָחָה פוּן דִיא וֶועלְט אוֹיף אֵיין רֶגַע, אַזוֹ הֶעט אַלֶעס צוּרִיק פֶערְקֶעהְרְט גִיוָוארֶען צוּ (תוֹהוּ וָבוֹהוּ) וִויסְט אוּנְד לֶעהְר אַזוֹ ווִי עֶס אִיזְט גִיוֶועזֶען קוֹדֶם הַבְּרִיאָה, דָאס זֶעלְבֶּע זָאגֶען מִיר יֶעדֶען טָאג אִין דִיא (בְּרָכָה יוֹצֵר אוֹר) (הַמְחַדֵשׁ בְּטוּבוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית) אוּנְד דָאס אִיז נָאר בַּשַׁאפֶען גִיוָוארֶען פִיר דִיא מֶענְשִׁינְס וֶועגְן דָאס אִיזְט גִימֵיינְט פִיר דִיא יִשְׂרָאֵל וֶועגֶען דָאס זֵייא זָאלֶען עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אוּנְד מְקַיֵים צוּ זַיין דִיא מִצְוֹת פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ, אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ) דָאס אִיז גֶעמֵיינְט, דָאס פוּן וֶועגֶען דִיא תּוֹרָה וָואס וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען רֵאשִׁית אוּנְד פוּן וֶועגֶען דִיא יִשְׂרָאֵל וָואס וֶוערֶען אָנְגֶערוּפֶען (רֵאשִׁית תְּבוּאָתוֹ) הָאט עֶר הִימֶעל אוּנ עֶרְד בַּשַׁאפֶען:

אַצוּנְד זֶעהֶע נָאר דוּא בֶּן אָדָם, וִויא חָשׁוּב דֶער מֶענְשׁ אִיז, דָאס פִיר זַיינֶעט

וֶועגֶען הָאט הש"י הִימֶעל אוּנ עֶרְד אוּנ אַלֶע מַלְאָכִים עֶרְשַׁאפֶען אוּנ הָאט אִים אַהֵיילִיגֶע נְשָׁמָה אוּנ אוֹיךְ דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה גִיגֶעבֶען, דָאס עֶר זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּ אַזוֹ מַעֲלָה וָואס מַלְאָכִים קֶענֶען נִישְׁט דַאצוּ קוּמֶען, דֶען דֶער

צדיק איז פיעל גרעסער פון איין מלאך, ווייל איין מלאך האט קיין בחירה ער קאן נישט בעסער ווערען און אויך נישט ערגער ווערען לויט וויא ער איז באשאפען געווארען, אבער דער מענש איז מיט איין יצר הרע באשאפען געווארען און האט דיא בחירה דעם יצר צו באצווינגען, דאריבער אז דער צדיק דעם יצר כובש איז, און וועהט איין דעם תכלית צו וואס ער איז באשאפען געווארען אויף דעם עולם השפל הזה און האלט נאר דעם גאנצען עוה"ז פאר איין פארהויז און טוהט זיינע גאנצע פאהר יאהרען פערוועגדען נאר צו טוהן דעם רצון הבורא ב"ה, דאריבער איז ער גרעסער פון איין מלאך, אבער דער מענש וואס קלערט נישט צו וועלכען תכלית ער באשאפען געווארען איזט, וואס האלט דעם עולם הזה, פאר דעם גאנצען עיקר און זיין גאנץ באשעפטיגונג אויף דיא וועלט איז נאר בלויס פאר עולם הזה וועגען, דער זעלבער האט נאך ווייניגער אין ווערט אלס אבהמה וואס איז אן שכל באשאפען געווארען:

על כן בן אדם, בן אדם, עפען דיינע אויגען אונד זעהע דעם סוף פון דעם מענש דאס ער לעבט נישט אייביג און ער איז נישט זיבער אויף דיא וועלט אויף איין רגע, ולכן פערשיעב נישט דיין נשמה מתקן צו זיין אויף שפעטער (כי לא תדע מה יולד יום) און אז דוא האסט ביז אהער דיין לעבען פארברענגט מיט הבל הבלים, אין ווענינגסטענס זעהע דיא איבריגע פאהר יאהרען נישט אויך פערשווינדען צו לאזען מיט נארישקייטען, נאר יעדען טאג זאלסט דוא עפנען דיינע אויגען אכטונג געבען אויף דיא בריאה פון הקב"ה און אויף יעדע זאך וואס דוא ווערסט אנזעהן זאלסט דוא אריין קלערען דיא וואונדער און חכמות הקב"ה און זאלסט עפטערס קוקען צום הימעל און בעטראכטען דיא מעשה פון הקב"ה און זאלסט יעדען טאג זאגען דיא ברכה (יוצר המאורות) און דיא ברכה (המעריב ערבים) מיט גרויס שמחה גלייך אלס דוא העסט נאך נישט דאס אין דיינעם לעבען געזעהן וויא דיא זאננע קומט אויף דיא וועלט און בעלייכטעט דיא גאנצע וועלט און ווידער צו אבענד וויא דיא זאננע געהט אונטער און עס קומען ווידער ארויס דיא לבנה און שטערען, נאר יעדען טאג זאל עס זיין ביא דיר אלס דוא האסט דאס ערשטע, דאס ערשטע מאהל געזעהן, אבער לאז דער הרגל פון דעם אלעם ווייל דוא זעהסט דאס אייביג יעדען טאג דיך נישט מאכען פארגעסען צו ערקענען דיא גבורות פון הקב"ה, דאס דוא זאלסט עס חלילה פאר נאטירליכע זאכען האלטען, דען ווער האט דען דיא נאטור פון אלעם באשאפען. ווער מעהר אלס דער בורא כל העולמים, דען ווען דער בורא ב"ה וויל טוהט ער דיא נאטור פון אלעם אומווענדען, דען אין יהושע'ס צייטען איז דיא זאננע און דיא לבנה שטעהן געבליבען אויף זייער ארט פיער און צוואנציג שעה, ווידער אין מלך יחזקיהו'ס צייטען איז ווידער דיא זאננע צוריק גענאנגען פון מערב צו מזרח, דאס שטאטס דאס עס האט געזאלט נאכט ווערען, איז אויפ'ס נייא טאג געווארען. אין משה רבינו'ס צייטען וויא אויך ביא יהושע אונד אליהו. און אלישע'ס צייטען איז אויס דעם ים יבשה געווארען, און (חנניה מישאל ועזריה) האט דאס

פייער

זייער וויא נאר נישט גיקענט טוהן ווער האט דאס אלעס געטוהן מעהר וויא דער בורא ב"ה וואס האט די גאנצע וועלט באשאפען כרצונו, און וואס ער וויל דאס טוהט ער (ומי יאמר לו מה תעשה). אצונד זעהע דאס מיר האבען דיר געוויזען דעם אונטערשיעד וואס איז צו מאכען קענען אזו א מענש וואס געהט אויף די וועלט אין די פינצטער, קענען אזו א מענש וואס האט זייגע אויגען אופען דער קען זעהן גבורות ונפלאות הבורא מיר זאלען זוכה זיין צו זיין פון די מענשען וואס דינען דעם בורא ב"ה באמת מחמת אהבה און מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן במהרה בביאת הגואל אמן:

# אות ג גאולה

(כל איש יהודי) איז מחויב צו גלויבען (באמונה שלימה) דאס מיר וועלין איינם ערלייזט ווערין פון דעם גלות, אזו וויא דער בורא ב"ה האט אונז מבטיח געווען דורך אלע נביאים הקדושים און דאס איז איינם פון די דרייצען (עקרים) וואס יעדער יוד איז מחויב אן דעם צו גלייבען, און נישט אן דעם אליין צו גלויבען, נאר מיר זענען געבאטען יושב ומצפה צו זיין מידי יום ויום אויף דעם (ביאות הגואל שיב"ב), און ווייל וואס דער מענש בעמיהט זיך אויף די וועלט צו קענען געניסען די תענוגי העולם הזה, איזט נאר איין הבל, ווייל אלעס פארגענגליך איז, וואס קיין בעשטאנד האט (ואין טוב לאדם) עס איז קיין בעסערעס פארהאנדען פיר דעם מענש נאר זיך צו בעמיהען אויף די וועלט צו קענען טוהן (רצון בוראו), ולכן דארף מען נישט צו האפען אויף די גאולה פיר הנאות הגוף וועגען, נאר פיר כבוד השכינה וועגען וואס בזמן הגאולה וויררד מקוים ווערין דער פסוק וואס מיר בעטין (בתפילת ימי נוראים) ותמלוך אתה ד' לבדך על כל מעשיך וכו') וואס אלע פעלקער פון די וועלט וועלין דאמאלס גלייבען דאס גאט ב"ה אליין דער מלך פון די וועלט איזט, נאר פיר דעסטוועגען דארפען מיר יודען צו בעטין אין אלע תפילות אונד צו האפען אויף די גאולה שתהיה במהירה בימינו אמן:

# גא"ה

עס איז נישט פארהאנדען נאך אזו איינע מדה רעה, וויא די שלעכטע מדה פון גאוה אין די גמרא און אויך אין אלע ספרי מוסר ווערד פיעל געברענגט פון דעם חומר העון פון די גאוה, דער פסוק זאגט עדות אויף דעם בעל גאוה דאס ער איז גאטס אונווירדיגקייט, אזו וויא עס שטייט (תועבת ד' כל גבה לב) און די חכמים האבין אויף איהם געזאגט (בשמתא יהא, מאן דאית ביה גאוה), דאס הייסט דער בעל גאוה איזט אין חרם, אויך שטייט דאס דאס איז גיגלאבט (כעובד עבודה זרה), און אזו וויא ער העט עובר געוועזן אויף אלע עבירות, אויך שטייט דאס דער בעל גאוה ווירד נישט אויפשטיין לתחיית המתים פון דעם אלעם קען מען זעהן וויא נאר הארב די עבירה איז, און צו פארט ווערין פיעל מענשין נכשל מיט די הארבע עבירה, מחמת וואס זייא ווייסען נישט וואס דאס איז גאוה, מאניכע מענשין מיינען דאס גאוה הייסט נאר דער

וָאס נייט אויף דיא גָאס (בְּקוֹמָה זְקוּפָה) הָאפֶערדִיג וּכְדוֹמָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת איז נִישְׁט דָאס אַלֵיין דיא סִמָּנִים פוּן גַּאֲוָה, נָאר אויך (הַקְפָּדָה וְכַעַס) דֶער וָואס בּייזֶערְט זִיךְ עֶפְּטֶערְס אִיזְט אויךְ אֵיין סִימָן דָאס עֶר בֶּעזִיצְט דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן גַּאֲוָה, דֶעם כְּלָל זָאל מֶען. ווייסֶען. דָאס גַּאֲוָה אִיזְט דֶער הֵיפּוּךְ פוּן (עֲנָוָה) דֶעהְמִיטְהִיגְקֵייט, דֶער עָנָיו הַאלְט זִיךְ זֶעהְר פַאר שְׁפֶּלְט, אוּנ הַאלְט יֶעדֶען מֶענְשׁ פַאר חָשׁוּבֶר פוּן אִיהְם, אוּנ דֶער בַּעַל גַּאֲוָה אִיזְט פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִין זַיינֶע אויגֶען הַאלְט עֶר זִיךְ אַזוֹי גְרוֹיס אוּנ חָשׁוּב וִויא הָמָן, אוּנ קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְשׁ הָאט בּייא אִיהְם אֵיין וֶוערְט, בּייא מַאנִיכֶע מֶענְשִׁין אִיזְט נָאר אֵיינְגֶעבִּילְדֶעט דָאס הַקְפָּדָה אוּנ כַּעַס זֶענֶען נָאךְ פוּן דִיא מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּנ דֶער מֶענְשׁ וָואס בֶּעזִיצְט דִיא מִדָּה פוּן הָעֲנָוָה וָואס בּייזֶערְט זִיךְ נִישְׁט, אוּנ אִיזְט נִישְׁט אויף אַלֶעם מַקְפִּיד, דֶער אִיז נָאר פַאר קֵיין מֶענְשׁ גֶירֶעכֶנְט, וַוייל עֶר קֵיין הַרְגָּשָׁה הָאט, אוּנ דָאס קוּמְט אַלֶעם נָאר מֵחֲמַת הַסָּתַת הַיֵּצֶר, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיזְט עֶס נָאךְ גְרָאד לְהֵיפּוּךְ פוּן דֶען בַּעַל גַּאֲוָה הָאט קֵיין מֶענְשׁ אֵיין הֲנָאָה, אֲפִילוּ בּייא זַיין אֵייגֶען בְּנֵי הַבַּיִת אִיז עֶר אויךְ נִישְׁט גֶעלִיבְּט, וְלָכֵן (מִי הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב) דֶער דַארְף זִיךְ זֶעהְר אִין זֶעהְר צוּ הִיטֶען נִישְׁט גֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערִין אִין דִיא גֶעטְץ פוּן יֵצֶר, קֵיין שׁוּם גַּאֲוָה צוּ בֶּעזִיצֶען נָאר זִיךְ צוּ גֶעווֵיינֶען מִיט דִיא מִדָּה פוּן עֲנָוָה, דֶעמִיטְהִיג צוּ זַיין קֶענֶען אַלֶע מֶענְשִׁין אֲפִילוּ אויךְ קֶענֶען זַיין אֵייגֶען בְּנֵי הַבַּיִת קֵיין הַקְפָּדָה צוּ בֶּעווייזֶען נָאר עֶר זָאל זִיךְ לָאזֶען מְבוּזֶּה זַיין, אוּנ עֶר זָאל קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ מְבַזֶּה זַיין, אִין זִיךְ אויף קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ צוּ פַּעכְן, אוּנ אויךְ נִישְׁט מִתְרַעֵם צוּ זַיין אויף מֶענְשֶׁן, אוּנ דִיא תַּחְבּוּלָה צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּ דִיא גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן עֲנִיוּת, דַארְף מֶען פְרִיעֶר מְקַיֵּים צוּ זַיין דֶעם פָּסוּק (וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד) אֵייבִּיג צוּ גֶידֶענְקֶען אַן זַיינֶע פִיעל מִיסְטֵייט אוּנ עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט עוֹבֵר גֶיוֶועזִין, אַזוֹי ווִירְד דָאס אִיהְם מְמֵילָא בְּרֶענְגֶען צוּ אוּנְטֶערְטֶענִיגְקֵייט, אֲפִילוּ דָאס עֶר הָאט פִיעל תּוֹרָה גֶעלֶערְנְט דַארְף מֶען פָארְט צוּ בֶּעזִיצֶען דִיא מִדָּה פוּן עֲנָוָה, אויךְ דַארְף מֶען זִיךְ צוּ גֶעווֵיינֶען יֶעדֶען מֶענְשׁ דָן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, אוּנ אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ מֶען הָאט ווִירְקְלִיךְ קֶענֶען דִיר גֶעפֶעהְלְט, אֲפִילוּ נָאר זַיין אֵייגֶען בְּנֵי הַבַּיִת צוּ פָארְט זָאל מֶען זִיךְ צוּרִיק הַאלְטֶען פוּן כַּעַס אוּנ יֶענֶעם נִישְׁט צוּ בֶּעלֵיידִיגֶען מִיט גְרָאבֶּע וָוארְטֶען, וַוייל (ד' אָמַר לוֹ קַלֵּל), אַלֶעם צַעַר וָואס דֶעם מֶענְשׁ בֶּעגֶעגֶענְט אִיזְט אַלֶעם מִן הַשָּׁמַיִם אַזוֹי דַארְף מֶען אויף זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶען דִין שָׁמַיִם בְּאַהֲבָה (כִּי לְפִי הָאֱמֶת) וִויא גְרוֹיס דֶער שָׂכָר אִיז פוּן דֶעם מֶענְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ מְבַיֵּישׁ זַיין אוּנ עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, דַארְף מֶען זִיךְ נָאךְ מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין אַז מֶען הֶערְט וִויא מֶען אִיז אִיהְם מְבַיֵּישׁ, נָאךְ מֶעהְר וִויא מֶען הֶעט אִיהְם כָּבוֹד אָן גֶעטוּהְן וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט הָאט עֶר אֵיין כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת אוּנ אויךְ שָׂכָר בְּעוֹלָם הַבָּא, אויךְ בִּשְׂכַר זֶה ווִערְד זַיין תְּפִלָּה עֶרְהֶערְט אוּנ וֶוען עֶר מַאכְט אֵיין מָאהְל אֵיין פֶעהְלֶער טוּט אִיהְם דֶער בּוֹרֵא ב"ה אויךְ פַארְצֵייעֶן, (מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה), וְלָכֵן מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים דֶער זָאל זִיךְ עֶרְווייטֶערְן פוּן דִיא מִדָּה רָעָה שֶׁל גַּאֲוָה, אוּנ זָאל זִיךְ בֶּיהֶעפְטֶען אַן דִיא מִדָּה טוֹבָה שֶׁל עֲנָוָה, אַזוֹי ווִירְד דָאס אִיהְם זַיין רְפוּאַת הַגּוּף וּרְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ בְּעֶזְר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אָמֵן:

## גזל

ידוע דער חומר העון פון גזל, איז וואהל בעקאנט (שלא נחתם גזר דינם של דור המבול אלא על הגזל), דאס פון וועגען דיא עבירה פון גזל איז גיחתמט געווארען צו ברענגען דאס מבול אויף דיא וועלט, חוץ דעם וואס דער חטא פון גזל וועהר הארב איזט, איז עס אויך גורם פיעל שלאכץ צום מענש, בעון הגזל ווערין דיא תפלת פון מענש נישט ערהערט, אונ ער מוז פיעל מאהל מגולגל ווערין כדי ער זאל קענען בעצאהלען וואס ער האט גיגזלט, אין (ספר אורות אלים) ווערד געברענגט איינע מעשה נפלא וואס עס האט זיך געטראפען (בימי הריב"ש ז"ל) וואס איין נשמה איז מגולגל געווארען אין איין פערד, אונ דאס פערד האט געמוזט וועהר שווער ארבייטען כדי מיט דיא שווערע ארבייט צו קענען בעצאהלען זיינע חובות וואס ער נישט בעצאהלט האט בייא זיין לעבען (וחבל על מה דמשתכחין), עס איז ווייא צו שרייבען איבער דעם עון (שנעשה להם הגזל כהיתר גמור) וואס דיא הארבע עבירה פון גזל איז שוין בייא פיעל מענשין געווארען וויא אין היתר גמור מחמת וואס בזמן הזה האט מען דעם גזל משנה שם געוועזין (בשם חריפות וחריצות) וואס זייא זאגען אויף אזו אמענש וואס זיים צו נארען אונ מענשין צו בעטריגען דאס ער איין חריף, איין חריץ, איין זעלטענער בריאה איז, אזו ווייט דאס איבער דען גרעסטען בעטראג טוט מען נאך פיעל לויב געבין צום בעשעפער פאר דעם וואס ער האט מצליח געוועזין, אונ עס איז איהם געלונגען, עס טרעפט זיך בזמן הזה כמה מיני גזל אזו וועלין מיר איין מקצת פון זייא מזכיר זיין, (והשומע ישמע והחדל יחדל ותבוא עליו ברכת טוב). (וזה יצא ראשונה מנהג רע ומר) ווען עס גייט איינעם שלעכט אין געשעפט אדער גאר ווייל ער וועהט בייא אנדערע מענשין מעהר אין פארמעגען וויא בייא זיה, נוא וואס טוט מען דאס מען זאל איהם נישט רופען מיט דעם נאמען שלימיזאלניק איין ארומער מאן, אזו איז קיין אנדערע עצה נאר צו פאהרען נאך וויען, נאך לייפציג, וכדומה, אונ מען נעמט בהקפה וויאפיעל מען וויל נאר איהם געבין באלד אויף דעם תנאי נישט צו בעצאהלען אונ ווען ער קען נישט גרייכען נאך וויען צו פאהרען אזו פארשאפט ער זיך קרעדיט אין זיין שטאט, מיט פארשידענע שפיצבובריא דאן ווען עס איהם ווירקליך געלונגען איז, וואס ער זיך בערייכט האט מיט פרעמד געלד, אזו לאזט ער איין שם אויסגעהן דאס ער איזט געפאללען דורך פארשידינע סיבות, אונ לאזט זיך פיעל געלד קאסטען בייא דיא אדוועקאטען, דאס דיא בעלי חובות זאלען איהם גאר נישט קענען טוהן, גיא, וואס זאלען זייא טוהן בעל כרחם מוזען זייא זיך פארגלייכען מיט איהם צו נעהמען צוואנציג אדער דרייסיג פראצענט פיר הונדערט, אונ נאך דעם וואס ער האט זיך שוין מיט דיא בעגלייביגער פערגליכען אונ זעהט דאס עס איז איהם איין פארמעגען געבליבען אזו גיבט ער פיעל שבחים צום בעשעפער וואס דער בורא ב"ה איין שונא בצע איז דאס עס איז איהם ב"ה געלונגען אונ איהם גלאך צו געגאנגען אונ עס פאלט איהם נישט איין, איין מאהל דאס ער האט עפעס

אוּנְרֶעכְט גֶעטוּהְן, נָאר נָאךְ לְהֵיפֶךְ, אַצִינְד אִיז עֶר עֶרְשְׁט גֶעוָוארֶען אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד, אֵיין חָכָם גָּדוֹל, אֵיין וֶועלְטֶענֶער בְּרִיאָה (אוֹי שֶׁכַּךְ עָלְתָה בְּיָמֵינוּ), ווִיא הָאט אוּנְז דֶער יֵצֶר דִיא אוֹיגֶען פַארְקְלֶעפְּט פוּן צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת אוּנ אוֹיף דִיא הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה צוּ זָאגֶען דָאס אִיז רֶעכְט אוּנ גוּט, בֶּאֱמֶת אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ וָואס ווִיל נָאר דִיא אוֹיגֶען עֶפֶענֶען דֶער קֶען תֵּיכֶף זֶעהְן דֶעם שֶׁקֶר, לָאזְן מִיר נָאר זֶעהְן אַז מֶען וֶוערְד הֶערִין זָאגֶען אוֹיף אֵיינֶעם עֶר שְׁטֵייט בְּאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ אוּנְד רוֹיבְּט דִיא (עוֹבְרִים וְשָׁבִים) אַזוֹ ווִירְד מֶען אִיהְם גְעווּיִם הַאלְטֶען פַאר דֶעם רַאכְטֶער גַזְלָן (וְאַחַת דָּתוֹ לְהָמִית) בֶּאֱמֶת אָבֶּער אַז מִיר וֶועלִין גוּט אֵיינְזֶעהְן דֶען אוּנְטֶערְשִׁיד וָואס אִיז צְווִישֶׁען דֶעם אָבְּזֶעטְצֶער וָואס ווִירְד פַאר אֵיין חָכָם גֶעהַאלְטֶען, אִין צְווִישֶׁען דֶעם רוֹיבֶּער וָואס אַלֶע מֶענְשִׁין שִׁימְפֶּפֶען אוּנ לֶעסְטֶערְן אִיהְם, אִין פוּן אַלֶע מֶענְשִׁין פַארַאכְטֶעט וֶוערְד אַזוֹ אִיז צְווִישֶׁען דִיא בֵּיידֶע אֵיין גְרוֹיסֶען חִילּוּק צוּ מַאכֶען מִכַּמָּה פָּנִים, א) פַאר דֶעם רוֹיבֶּער קֶען מֶען זִיךְ הִיטֶען, אוּנ דֶער רוֹיבֶּער הָאט דָאךְ קֵיין טוֹבָה מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיהְם גֶערוֹיבְּט הָאט, דֶער רָשָׁע אָבֶּער וָואס בָּארְגְט זִיךְ בְּאַלְד עַל תְּנַאי זֶה נִישְׁט צוּ בֶּעצָאהְלֶען, פַאר אִיהְם קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטֶען וֵוייל עֶר בֶּעטְרִיגְט יֶעדֶען (בְּדִבְרֵי שֶׁקֶר) אוּנ נָאךְ דַאצוּ טוּט עֶר פַארְגֶעלְטֶען שְׁלַאכְטְ פִיר גוּטְס צוּ דִיא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען אִיהְם טוֹבוֹת גֶעטוּהְן אוּנ אִיהְם דָאס נֶאֱמָנוּת גֶעגֶעבִּין, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ גֶעשְׁרִיבֶּען (מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ) דֶער מֶענְשׁ וָואס בֶּעצָאהְלְט שְׁלֶעכְטְ פִיר גוּטְס ווִירְד פוּן זֵיין הוֹיז דָאס שְׁלֶעכְטְ נִישְׁט אָנְגֶעטוּהְן וֶוערִין כו'. ב) דָאס צְווֵייטֶע אִיז, דֶער רוֹיבֶּער אִיז נָאר אֵיין גוֹנֵב מָמוֹן אוּנ דֶער אָבְּזֶעטְצֶער אָבֶּער אִיז אֵיין גוֹנֵב מָמוֹן אוּנ אוֹיךְ גוֹנֵב דַּעַת הַבְּרִיּוֹת. ג) דָאס דְרִיטֶע, דֶער רוֹיבֶּער וֶוען עֶר וֶוערְד עֶרְווִישְׁט אַזוֹ מוּז עֶר בֶּעצָאהְלֶען מָמוֹן אוּנ דָמִים וָואס דָאס אִיז גֶעווִיִּס פִיר אִיהְם אֵיין כַּפָּרָה בְּמִקְצַת אוֹיף דִיא עֲבֵירָה, דִיא חֲכָמִים אָבֶּער דִיא גֶעשֵׁייטֶע דִיא טוּהְן מִיט דֶעם גִינֵּזְלְטֶן גֶעלְד וָואס זֵייא ווִילֶען, אוּנ דָאס הַארְץ פוּן דִיא בֶּעגְלֵייבִּיגֶער צוּ גֵייט פַאר עַגְמַת נֶפֶשׁ וֵוייל בְּדִינֵי אָדָם קֶען מֶען אִיהְם גָאר נִישְׁט טוּהְן, בֶּאֱמֶת אָבֶּער פוּן דִיא אוֹיפְּזִיכְט פוּן דֶען אוֹיבֶּערְלַאנְדֶעס גֶערִיכְט דָאס אִיז גֶעמֵיינְט פוּן דֶעם בּוֹרֵא ב"ה וָואס וֶועהְט אַלֶעס, אִיזְט נָאר נִישְׁט פַארְהוֹילֶן (וד' יָרִיב אֶת רִיבָם וְקָבַע אֶת קוֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ) וְעַל הָרוֹב וֶועהְט מֶען דָאס דִיא מֶענְשִׁין וָואס דָאס בֶּעטְרוּגֶערַייא גֶעטוּהְן הָאבֶּען אִיז אַן זֵייא מְקוּיָּם גֶעוָוארֶען דֶער פָּסוּק (עוֹשֶׂה עוֹשֶׁר וְלֹא בְמִשְׁפָּט בַּחֲצִי יָמָיו יַעַזְבֶנּוּ, וּבְאַחֲרִיתוֹ יִהְיֶה נָבָל) דֶער וָואס פַארְשַׁאפְּט זִיךְ עֲשִׁירוּת נִישְׁט מִיט רַאכְטֶער וֵוייזֶע, אִין זֵיינֶע מִיטְלֶע יָאהְרֶען ווִירְד עֶר עֶס פַארְלָאזֶען אִין זֵיין אֵייגֶען גֶעלְד ווִירְד אַוֶועק גֵיין צוּ זַאמֶען מִיט דֶען גִינֵּזְלְטֶן גֶעלְד, חוּץ דֶער עוֹנֶשׁ הַמַּר וָואס אִיהְם בְּלֵייבְּט בֶּעהַאלְטֶען לְעוֹלָם הַבָּא:

וְיָדַע שֶׁגֶּזֶל הַגּוֹי חָמוּר מִגֶּזֶל יִשְׂרָאֵל). דֶער גֶזֶל פוּן אֵיין גוֹי אִיז פִיעל הַארְבֶּר פוּן גֶזֶל יִשְׂרָאֵל, וֵוייל בַּייא גֶזֶל הַגּוֹי אִיז נָאךְ דַאצוּ דֶער חוֹמֶר הֶעָוֹן פוּן חִילּוּל הַשֵּׁם, וָואס דָאס גוֹרֵם אִיז יוּדְן צוּ שִׁימְפֶּפֶען אוּנ צוּ לֶעסְטֶערְן מִיט דִיא וַוארְטֶער יוּדֶען בֶּעטְרִיגֶער, עֶס אִיז קֵיין גְרֶעסֶערֶעס חִילּוּל הַשֵּׁם פַארְהַאנְדֶען

גיא דאס איז, איבערדעם דארף מען זיך נאך מעהר צו היטען קיין שום גזל צו נארען:

אויך איז פארהאנדען איין מין גזל, דהיינו ווען דיא אשה גיבט צדקה אדער מתנות אן דען מאנס ערלויבניס דאס הייסט אויך איין גזל, דער וואס בארגט זיך איין זאך פון יענעם אן זיין וויסען דאס הייסט אויך גזל, אונד אן דען ווערין פיעל מענשין נכשל מחמת חסרון ידיעה. וויא שטארק דארף מען נזהר צו זיין נישט עפעס צו גניסען ביי אזו א מענש וואס ער הייסט איהם עסען אונ טרינקען נאר ער מיינט עס נישט מיט דען גאנצען הארץ מחמת זיין קארגקייט, דיא מענשין וואס נעמען זיך זעלבסט פון זייערע גוטע פריינד, אדער קרובים אלס מתנה, אדער אפילו זייא בעצאהלען דאפיר ווייניגער וויא עס איז ווערט האט, אונ דאס איז נישט ברצון הבעלים, נור ער קאן איהם נישט פערזאגין, דאס איז אויך איין גזל גמור, אונ זענען נאך דאצו עובר אויף (לא תחמוד). בעלי מלאכות אדער פועלים, אונ אויך מלמדי תינוקות וואס טוהן נישט זייער עבודות באמונה איז עס גירעכינט וויא גזל. עס שטייט (גוזל אביו ואמו) דער וואס גזל'ט פאטער אונ מוטער אונ זאגט דאס איז קיין עבירה דער איז איין חבר צו דעם איש משחית. פון גזל הרבים מוז מען זיך נאך מעהר היטען וויא פון גזל היחיד, דהיינו או מען וויל נישט בעצאהלין דען שטייער וואס מען איז שולדיג דאס קהל וכדומה. דיא חכמים הקדושים האבין געשריבין דער וואס גזל'ט פון זיין חבר איין שוה פרוטה איז עס גלאך וויא ער האט איהם גיגזל'ט זיין נפש אונ דאס נפש פון זיינע קינדער, אונ אזו לאנג וואס דיא גזילה איז אין זיין האנד, האט ער קיין כפרה (ולכן מי האיש החפץ חיים והירא את ד') דער זאל זיך זעהר היטען פון דעם איסור גזל, אפילו כל שהוא, אונ זיין משא ומתן זאל זיין באמונה שלימה, אפילו דאס דיא צייט איהם זעהר ענג איז, צופארט מוז מען זיך היטען פון דעם איסור גזל, אונ עס איז בעסער אפילו צו פערהונגערין חלילה, איי צו זיין איין רשע פאר גאט ב"ה: (ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב אמן:)

## גבורה

אין פרק אבות שטייט (איזה גבור הכובש את יצרו) דער וואס בעצוינגט דעם יצר דער איז דער רעכטער גבור, לכן אשרי האיש וואהל דעם מענש וואס שטארקט זיך אלע צייט קעגען דעם יצר הרע, אונ ענטלויפט פון צו טוהן עבירות אונ טוהט נאך לויפען מקיים צו זיין מצות, וויא אויך זיך צו באהעפטען אין אלע מדות טובו"ת, אונ זיך אבצוגעוויינען פון אלע מדות רעות ובפרט וויא פיעל גבורה דארף דער מענש צו בעווייזען צו זיין איין (ארך אפים) צוריק געהאלטען פון צארען, אויך דארף מען זיך צו שטארקען מקיים צו זיין דיא דרכי תשובה זיין גוף מסגף צו זיין כדי א כפרה צו האבען איבער זיינע עונות, וזה כלל גדול אויף אלעם וואס דער יצר אנרעט עובר צו זיין אונ דער מענש איז איהם כובש דער הייסט דאפיר איין גבור, ואע"פ האטשע דאס דער יצר איז אזו שטארק וויא פייער אונ מיט פארשידענע תחבולות שטרייט

עֶר ,קֶענֶען דֶעם מֶענְשׁ בְּכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה, אעפ"כ צוּ פָּארְט אַיֶעדֶער מֶענְשׁ עֶס זַייא אַיין אִישׁ אָדֶער אַיינֶע אִשָּׁה וָואס נֶעמְט זִיךְ פָּאהר מִיט אִיהְם צוּ שְׁטְרַייטֶען, בעזו"ה מִיט דִיא הִילְף פוּן דֶען אַלְמֶעכְטִיגֶען גָאט ווִירְד עֶר אִיהְם בְּוַדַאי כּוֹבֵשׁ זַיין (רַק כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת) אִין אַנְפַאנְג ווִירְד עֶס אִיהְם גֶעווִיס שְׁוֶוער אָנְקוּמֶען אָבֶּער נָאךְ דֶעם וֶוערְד עֶס שׁוֹין גָאר לַייכְט זַיין, וְעַל כּוּלָם נָאךְ מֶעהְר דַארְף זִיךְ אַזוֹ אַמֶענְשׁ אָנְצוּגָארְטֶען מִיט קְרַאפְט צוּ שְׁטְרַייטֶען מִיט דֶעם יֵצֶר, דֶער וָואס דֶער יֵצֶר הָאט אִיהְם שׁוֹין בֶּעצְווִינְגֶען אוּנ אִיז שׁוֹין אַיינְגֶעווֹאנְט מִיט פִיעל עֲבֵירוֹת וָואס דִיא עֲבֵירוֹת זֶענֶען שׁוֹין בַּייא אִיהְם גִיוָוארֶען ווִיא אַיין הֶיתֵּר, כְּגוֹן בַּעַם אַכְזָרִיוּת פִיעל מַשְׁקִים צוּ טְרִינְקֶען אִין קָארְטֶען צוּ שְׁפִּילֶען, מַזְכִּיר צוּ זַיין דֶעם שֵׁם לְבַטָּלָה, שְׁבוּעוֹת שָׁוְא אוּמְזוּנְסְט צוּ שְׁוֶוערֶען וְעַל כּוּלָם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעווֵיינְט אַרוּם צוּ גֵיין לְבַטָּלָה מִיט נַארִישְׁקַייטֶען, אָדֶער אַז עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעווֵיינְט צוּ טְרַאכְטֶען מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת אוּנ נָאךְ דֶער גְלַייכֶען. אַזוֹ אַיינֶער מוּז זִיךְ אָנְגָארְטֶען מִיט פִיעל קְרַאפְט אוּנ גְבוּרָה צוּ שְׁטְרַייטֶען קֶעגִין דֶעם יֵצֶר, זִיךְ פוּן דִיא אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת ווִידֶער אָבְּצוּגֶעווֵינֶען אוּנ מִיט פַארְשִׁידֶענֶע תַּחְבּוּלוֹת צוּ שְׁטְרַייטֶען קֶעגֶען דֶעם יֵצֶר אוּנ דָאס בֶּעסְטֶע שְׁטְרַייט גִיוֶועהְר אִיז זִיךְ אוֹיף צוּ שְׁרַייבֶּען אוֹיף אַיין פַּאפִּיר דִיא דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער (אִיךְ בִּין אוֹיף מִיר מְקַבֵּל בְּלִי נֶדֶר, מִיךְ נִישְׁט צוּ כַּעסֶן קַיין שׁוּם לָשׁוֹן הָרָע צוּ רֶעדֶען וכו') יֶעדֶער מֶענְשׁ לוֹיט זַיינֶע פֶעלֶער וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס צוּ בֶּעסֶערֶען דָאס זָאל עֶר אַלֶעס דָארְט אַרַיין שְׁרַייבֶּען אוּנְד יֶעדֶען טָאג זָאל עֶר דָאס וֶועלְבֶּע לַאנְגְזַאם דוּרְךְ לֶעזֶען דָאס דָאזִיגֶע ווִירְד אִיהְם גֶעווִיס זַיין אַיין רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּלִי סָפֵק אוֹיךְ דֶער וָואס מֵיינְט עֶרְנְכְט, צוּ זַיין אַיין (כּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ) דֶער דַארְף תָּמִיד צוּ רֶעכְנֶען דִיא הֲנָאָה וָואס מֶען גֶענִיסְט פוּן דִיא עֲבֵירָה (כְּנֶגֶד הַפְּסֵידָה) קֶעגֶען דֶעם עוֹנֶשׁ וָואס עֶר וֶועט מוּזֶען לַיידֶען דַאפִיר עֶס זַייא בָּעוֹלָם הַזֶּה אָדֶער בָּעוֹלָם הַבָּא, אַזוֹ ווִירְד דָאס אִיהְם גֶעווִיס צוּרִיק הַאלְטֶען פוּן דִיא עֲבֵירָה צוּ טוּהְן, מֶען דַארְף נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסֶען וָואס מִיר יוּדֶען זֶענֶען אַלֶע טָאג אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל אִין דִיא ק"ש דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם צוּ דִינֶען (בְּכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאוֹדֶךָ) זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פִיר זַיין לִיבֶּען נָאמֶען וֶועגֶען, אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט (כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם) אוּנ נָאךְ אַלֶעם דַארְפֶען מִיר עֶרְשְׁט צוּ בֶּעטִין דֶעם בַּעַל הָרַחֲמִים דָאס עֶר זָאל אוּנְז צוּ הֶעלְפֶען צוּ קֶענֶען שְׁטְרַייטֶען קֶעגֶען דֶעם יֵצֶר אִיהְם צוּ קֶענֶען כּוֹבֵשׁ צוּ זַיין, אַזוֹ ווִירְד עֶר בְּוַדַאי זַיין אִין אוּנְזֶער הִילְף צוּ קֶענִין בֶּעצְווִינְגֶען דֶעם שְׁטַארְקֶען יֵצֶר (כִּי הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּיעִין אוֹתוֹ):

## גר

(כְּתִיב כִּי גֵרִים אֲנַחְנוּ בָּאָרֶץ) מִיר מֶענְשֶׁען זֶענֶען נָאר גִירֶעכֶענְט אוֹיף דִיא וֶועלְט ווִיא גֵרִים, אִיז דִיא כַּוָּונָה פוּן דֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּ גֶעווֵיינֶען מִיט אִיבֶּערְפְלִיסִיגֶע זַאכֶען אוּנ נִישְׁט מַקְפִּיד צוּ זַיין וֶועגֶען דִיא מַאֲכָלִים אוּנ מַלְבּוּשִׁים אוּנ וֶועגֶען דִירָה נָאָה, נָאר זִיךְ צוּ פְרִידֶען צוּ לָאזֶען מִיט ווֵיינִיג מִיט אַלֶעס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיהְם גִיבְּט, עֶס זַייא מֶעהְר אָדֶער ווֵיינִיג, ווַייל

דאס

דאס גאנצע דא זיין אויף דעם עולם הזה איז נאר אזוי וויא איינער וואס פארט אויף איין מארק וועגען איינקויפען אזוי ליגט איהם וועניג דאראן וועהרענד די צייט וואס ער דארט זיך פארזיימט וועגען דאס בעקוועמליכקייט, נאר זיין ציעל אונ תכלית איזט נאר זיך איינצוקויפען גוטע סחורה אונ דאמיט צו היים צו פאהרען בשלום, פונקט דאס זעלבע איזט עס מיט דעם מענשענס אהער קומען אויף דיא וועלט איזט נאר פון דעסט וועגען כדי ער זאל זיך דא איינקויפען תורה ומצות און מעשים טובים וואס נאר דאס אליין געמט זיך דער מענש מיט אויף דעם עולם האמת דער עולם הקיום אונ נאר דורך זאלכע סחורה מאכט מען גליקליך זיין נשמה (עד עולמי עד) אונ אפילו דאס וואס מיר מענשען טוהן זיך בעמיהן וועגען עולם הזה זאבען, דהיינו וועגען פרנסה אונ קליידען וכדומה דארף אויך דיא כוונה צו זיין לש"ש וועגען, ווייל אהן עולם הזה קאן מען זיך נישט עולם הבא קויפען, ווייל עולם הזה ווערד אנגערופען דער עולם העשיה אונ עולם הבא דער עולם הגמול, אויך עולם הזה איזט גיגלעכענט צו דיא יבשה אונ עולם הבא איז גיגלעכענט צו דעם ים, אין דער וואס גרייט זיך נישט אן אויף דיא יבשה דער מוז פארהונגערען אויף דעם ים, נאר פון דעסטוועגען האט אינז דער בורא ב"ה אהער געשיקט אויף דעם העולם הזה, כדי זיך איינצוקויפען מצות ומעשים טובים, כדי מיר זאלין קענין געניסען דעם שכר בעולם הבא, נאר אבער ווייל מיר מענשען וואס זענען אוים בשר ודם קענען דאך נישט עקזיסטירען אויף דיא וועלט וויא איין מלאך אזוי איז ער דאך געצוואונגען אויך צו ארבייטען וועגען פרנסה אויך קאן דאך א מענש נישט לעבען אהן עסען אונ אהן שלאפען, אויף דעם האבען דיא חכמים הקדושים גיזאגט (מעט שינה) ווייניג שלאפען ווייניג עסען ווייניג טרינקען נישט מעהר צו געניסען נאר וואס דער מענש איז איין מוכרח דאצו אונ אפילו דאס וואס ער געניסט זאל אויך דיא כוונה זיין לש"ש וועגען, אונ וויא אזוי? ביים ארבייטען וועגען פרנסה, פריער צו זאגען איך וויל ארבייטען וועגען פרנסה כדי מיך מפרנס צו זיין מיט בני הבית בהיתר ולא באיסור אונ אויך מקיים צו זיין וויא עס שטייט געשריבען (יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך) פאר דעם עסען צו זאגען איך וויל עסען כדי כח צו האבען דעם בורא עולם צו דינען, פאר דעם שלאפען גיין צו זאגען איך וויל מיך אצונד שלאפען ליגען כדי איך זאל געזונד זיין אונ כח האבען דעם באשעפער צו דינען אונ נאך דער גלייכען אלעם צו טוהן לש"ש וועגען, דער מענש וואס פיהרט זיך אזוי וויא מיר דא געשריבען האבען דער טוהט דעם באשעפער דינען אפילו אויך אין דיא צייט ווען ער טוהט זיך באשעפטיגען ביא עולם הזה זאכען, ווייל זיין גאנצע כוונה פון אלעם איז נאר כדי צו טוהן דעם רצון הבורא ב"ה, אזוי ווערד אויף איהם מקוים ווערען דער פסוק (יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא):

## גדר

דיא מצוה איז מוטל על כל אחד מישראל (לעשות גדר לעצמו) זיך צו מאכען (גדרים) פארציימונגען כדי ער זאל נישט דארפען עובר צו זיין

יואס

וָואס דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט גֶעבָּאטֶען, אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמַרְתִּי פִּי׳ חכז״ל עֲשׂוּ מִשְׁמֶרֶת לְמִשְׁמֶרֶת) וְהַכֹּל לְפִי מַה שֶׁהוּא אָדָם, בַּייא דִיזֶען אִיז נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְשׁ גְלַייךְ, נָאר יֶעדֶער מֶענְשׁ לוֹיט זַיינֶע תַּאֲוֹת אוּן צוּ וָואס דֶער יֵצֶר טוּהְט אִיהְם אָנְרֶעדֶען עוֹבֵר צוּ זַיין, אַזוֹ דַארְף עֶר זִיךְ אַיינְצוּצַוימֶען אוּן אוֹיף זִיךְ צוּ אַסְרֶען וָואס מוּתָּר אִיז, כְּדֵי כּוֹבֵשׁ צוּ זַיין דֶעם יֵצֶר, לְמָשָׁל אַזוֹ אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעוֶוינְט מִיט דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פִּיעל מַשְׁקִים צוּ טְרִינְקֶען, אָדֶער אוֹיף נָשִׁים צוּ קוּקֶען אָדֶער פוּן מֶענְשֶׁען בַּייז צוּ רֶעדֶען אוּן נָאךְ ד״ג, דֶער דַארְף אוֹיף זִיךְ צוּ אַסְרֶען אוֹיף אֵיין צַייט גָאר פוּן קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ צוּ רֶעדֶען אוּן גָאר קֵיין שׁוּם מַשְׁקִים צוּ טְרִינְקֶען, אוֹיף קֵיין שׁוּם אִשָּׁה צוּ קוּקֶען אוּן נָאךְ ד״ג, אוּן וֶוען עֶר זֶעהְט דָאס עֶר קָאן נִישְׁט הַאלְטֶען וָואס עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט הָאט, אַזוֹ זָאל עֶר אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין פַאר יֶעדֶעם מָאהְל וָואס עֶר וֶועט אוֹיף דֶעם עוֹבֵר זַיין, זָאל עֶר מוּזֶען סַךְ וָסַךְ גֶעלְד קְנָס גֶעבֶּען לִצְדָקָה אוּן וַוייל מִיר גֶעפִינֶען אִין דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען (וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹתַי) אִיהְר זָאלְט אוֹיף דִיא צִיצִית עֶפְּטֶערְס קוּקֶען אַזוֹ וֶועט אִיהְר אַייךְ עֶרְמַאנֶען אָן אַלֶע מִצְוֹת אוּן אוֹיךְ וָואס דִיא חֲכָמִים הַקְדוֹשִׁים הָאבֶּען גֶיזָאגְט (רְאִיָּה מְבִיאָה לִידֵי זְכִירָה וּזְכִירָה לִידֵי עֲשִׂיָּה) אַזוֹ אִיז דָאס דָאזִיגֶע בְּוַודַּאי דִיא בֶּעסְטֶע עֵצָה טוֹבָה פִיר דֶעם מֶענְשׁ, דָאס וָואס מִיר הָאבֶּען שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיבֶּען זִיךְ צוּ נֶעמֶען אַפַּאפִּיעֶר אוּן דַארוֹיף שְׁרַייבֶּען דִיא וֶוערְטֶער אִיךְ בִּין אוֹיף מִיר מְקַבֵּל בְּלִי נֶדֶר נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוּן פִיר יֶעדֶעם מָאהְל וָואס אִיךְ וֶועל יוֹא עוֹבֵר זַיין, זָאל אִיךְ מוּזֶען סַךְ וָסַךְ גֶעלְד אוֹיף דִיא צְדָקָה גֶעבֶּען אָדֶער אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זַיין אֵיין טָאג אָדֶער אֵיין הַאלְבֶּען טָאג צוּ פַאסְטֶען אוּן זָאלְסְט דָאס דָאזִיגֶע יֶעדֶען טָאג לַאנְגְזַאם דוּרְךְ לֶעזֶען, אַזוֹ וֶועט דָאס דִיר גֶעוִויס זַיין אֵיין רְפוּאָה צוּם נֶפֶשׁ אוּן זָאלְסְט דִיר פַארְשַׁאפֶען פַארְשִׁידֶענֶע מוּסָר סְפָרִים אוּן יֶעדֶעם מָאהְל וָואס דוּא וֶועסְט דָארְט אִין זֵייא גֶעפִינֶען וָואס הָאסְט בִּיז אַהֶער אוֹיף דֶעם עוֹבֵר גֶיוֶועזֶען אַזוֹ זָאלְסְט דִיר דָארְט אַיין שְׁרַייבֶּען דָאס וֶועלְבֶּע נִישְׁט מֶעהְר צוּ טוּהְן, מֶען דַארְף אָבֶּער אַלֶעם צוּ טוּהְן מִיט פַארְנוּנְפְט אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ נִישְׁט מִיט אֵיינְמָאהְל צוּ פִיעל צוּ בֶּעלֶעסְטִיגֶען, נָאר פָּאוָואלֶע אֵיינְצִיגְוַוייס, וֶוען דוּא וֶוירְסְט דִיא דָאזִיגֶע עֵצָה הָארְכֶען (אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ) דוּא וֶועְרְסְט זֶעהְן גְבוּרוֹת הַבּוֹרֵא וָואס אַלֶעם דֶער דִיבּוּר פוּן מֶענְשׁ הָאט אִין קְרַאפְט צוּ ווִירְקֶען אוּן אַז דוּא וֶועְרְסְט זֶעהְן דָאס דֶער שְׁטַארְקֶער יֵצֶר טוּהְט דִיךְ שְׁטַארְק רֵייצֶען, צוּ טוּהְן וָואס אָסוּר אִיז, אַזוֹ זָאלְסְט דוּא דִיךְ עֶרְמַאנֶען אָן דֶעם יוֹם הַמִּיתָה, דְהַיְינוּ זָאלְסְט דִיר אוֹיף שְׁרַייבֶּען דִיא וֶוערְטֶער דוּא בֶּן אָדָם וָואס בִּיזְט נָאר עֶרְד אוּן אַשׁ וִויא הָאב אִיךְ דִיא הָאזֶע אוֹיף דֶעם אוּן דֶעם עוֹבֵר צוּ זַיין, וֶוען (מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ) עֶס אִיז דָאךְ פַאר אִיהְם גָאר נִישְׁט פַארְהוֹילֶען, אֲפִילוּ יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה פוּן מֶענְשׁ אִיזְט אִיהְם אוֹיפֶענְבַּאר וִויא זָאל אִיךְ נִישְׁט חַס הָאבֶּען אוֹיף מַיין נְשָׁמָה אוּן אוֹיף כְּבוֹד מַלְכֵּנוּ, הֲלֹא עֶס אִיז דָאךְ בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה פוּן דִיא וֶועלְט וָואס מֶען בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיט תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים (מִכָּל חַיֵּי הָעוה״ב) אוּן עֶס הָאט דָאךְ מֶעהְר אִין וֶוערְט

צו גניסען איין שעה דאס קורת רוח בעוה"ב (מכל חיי עוה"ז) אונ ווידער להיפך צו ליידען איין שעה יסורים בגיהנם איז דאך פיעל ארגער פון אלע יסורין בעוה"ז (לבי לבי) דוא מענש דוא ווייסט דאך דאס דוא וועסט מוזען צוריק גיין אין דיא ערד פון וואס דוא ביזט בעשאפען געווארען אונ פארוואס זאלסט נישט דענקען אן דיין סוף פארוואהר דיינע טעג האבען דאך זיין אויסמאס אונ יעדער טאג אונ נאכט וואס פארגייט פעלט דיר שוין איין חלק פון דיין לעבען אונ יעדען טאג ביזט דוא נענטער צום קבר, היינט אויף וועהם טוסט דיך פארזינדיגען וואס טוסט זינדיגען, פארוואס זאלסט נישט דענקען אן דעם (יום המר) דעם פינצטערען שטארב טאג אזו איין טאג, וואס אלע דיינע עצות וועלין פארלוירען ווערען אונ אויף אלע דיינע מעשים וואס האסט גיטוהן וועסט מוזען דין וחשבון אפ געבען אונ וואס וועסט דוא דאמאהלס ענטפערען אויף דיינע פיעל עבירות ווער וועט דען פיר דיינעט וועגען ליידען ווער מעהר אלעם דוא אליין (אתה עשית ואתה תשא). ועתה אצונד בן אדם צו וועהם וועסט דוא לויפען אום הילף, אדער ווער וועט איבער דיר בעשיצען פון דיא אונגערבארמיגע יסורין אונ עונשים וואס וועסט מוזען ליידען אין גיהנם דוא וועסט דאך געוויס דאמאהלס שרייען אך אונ וויי איזט צו מיר וואס האב איך געטוהן, וויא בין איך זעלבסט אויף מיר אזו איין אכזר גיוועזין, אונ פארוואס האב איך דיא זאך פון גאט מבזה גיוועזין אונ בין נאך געגאנגען נאך דיא גליסטינגנ פון מיין הארץ, אצונד מיט וואס זאל איך מיך צודעקען אונ בעשיטצען, איך בין דאך גאנץ נאקעט אונ לעהר פון מעשים טובים, לכן בן אדם, בן אדם, קער אפ פון דיינע שלעכטע מעשים, אונ טוה תשובה ווייל דוא נאך לעבסט אונ דיין נפש איז נאך אין דיר, איי דיין ליכט פארלאשען ווערד אונ וואַרט נישט ביז דיין שרייען אונ זיפצען ווערד שוין אומזונסט זיין (כי אין רחמים בדין רק הכל לפי מעשיו של אדם) אונ פארקויף נישט עולם הבא וואס האט איין קיום אויף אייביג, פאר עולם הזה וואס פארשווינד וויא דער ווינד:

אצונד מיין פריינד זעהע דאס מיר האבען דיר איין גוט היילמיטעל גיגעבען, קענען דעם שטארקען יצר הרע, אידם עפטערס צו ערמאנען אן דעם טויט, אונ וואס דער סוף פון מענש איז, ווען דוא ווירסט אונזער עצה הארכען אזו ביזט דוא מובטח בעוהשי"ת דאס ווירסט דיך אין איינע קורצע צייט מיט פיעל אויסבעסערען פריב מיך מיט דעם אזו וועסט זעהן גבורת הבורא, וויא גרויס אונ שטארק איז דיא רייד פון מענש, וואס ער רעד ארויס מיט דען מויל, דוא וועסט דעם שטארקען יצר מיט קיין שום זאך קענען אזו בעצווינגען וויא מיט דעם, דער בורא ב"ה וואס איז איין ערבארמיגער גאט זאל אונז העלפען צו קענען דעם שטארקען יצר בעצווינגען, אזו ווערד אונז וואהל זיין (בעולם שכלו טוב) אמן:

## גילה

(כתיב וגילו ברעדה) דאס פרייען פון דעם יוד דארף צו זיין מיט ציטערניש אזו וויא דיא חכמים האבען גיזאגט (במקום גילה שם תהא רעדה)

בייא יעדען ארט וויא מען טוהט זיך ליסטיג מאכען, דהיינו אויף חתונות, אדער
בייא אנדערע סעודות מצוה, וויא אויך בשבתות וימים טובים דארף מען אויף
זיך אכט צו געבען דאס די שמחה זאל זיין פארמישט מיט פארכט, דהיינו
נישט צו פארגעסען חלילה אן דעם בורא עולם (אשר מלא כל הארץ כבודו)
אונ זיינע אויגען זעהן אלע מעשים פון די מענשען, ובפרט אין די צייט וואס
מען איז צוזאמען מיט מעהרערע מענשען אונ מען טוהט זיך צוזאמען אונטער
האלטען, איז דער מענש דאמאהלס אין איין סכנה, דאס איז סכנת הנפש,
ווייל דער יצר דאכט זיך אצונד איז ער אין מיין האנד אריין גיפאלען, איהם
אצונד אנצורעדען צו פיעל עבירות, ווייל בשעת שמחה (אין פחד אלהים
לנגד עיניו) פארגעסט מאן אין גאנצען אן דיא מורא פאר דעם בורא כל
העולמים, אזו טוהט איהם דער יצר שוין אין גאנצען מאכען פארגעסען,
איבער דעם ווערד דיא צייט דאמאהלס אנגערופען איין (עת מלחמה) אויף
דעם האבען מיר גילערינט (איזה גבור הכובש את יצרו) דאמאהלס אין אזו
צייט דארף דער הירא את השם צו בעווייזען גבורה, דעם שטארקען יצר צו
בעצווינגען, נישט צו פארגעסען אן פחד השכינה, אונ זיך זעהר צו היטען פון
צו טוהן וואס אסור איז, דער כסיל, דער נאר אבער לאזט זיך פיהרען פון
דעם יצר (כשור לטבח יובל) אזו וויא מען פיהרט דעם אוקס צום שעכטען,
אונ טוהט זיך משכר זיין מיט צו פיעל טרינקען, אונ עסט אויך אכילה גסה,
מעהר וויא זיין געוואנהייט איז, אונ וויא דער יצר זעהט דאס ער האט איהם
שוין אויף אזו אדרך גיברענגט, אזו טוהט ער איהם ווייטער אנרייצען צו
אנדערע איסורין, דהיינו צו רעדען לצנות ניבול פה, איינער דעם אנדערען צו
רעדען גראבע רייד אדער זיך צו קריגען אונ אויך יענעם צו שעלטען, וויא
אויך צו קוקען אויף נקיבות וואס דאס איז גורם איז צו קומען צו דיא הארבע
עבירה פון זרע לבטלה ר"ל, ומכל שכן דאס אין דיא צייט פארגעסט מען
ברכה צו מאכען איבער יעדען עסען אונ טרינקען פריער אונ דער נאך, אונ
נאך מעהרערע אנדערע עבירות, וואס דאמאהלס איז דאס גילעגענהייט דאצו
אויף זייא עובר צו זיין, איבער דעם האט דיא תורה הקדושה מזהיר גיוועזין
(וגילו ברעדה) פרייעט אייך אבער אויך מיט ציטערניש, ולכן הירא את דבר
ד' זאל דאמאהלס מקיים זיין (שויתי ד' לנגדי תמיד) אונ נאך פריער בעפאהר
מען גייט אויף דעם אונטערהאלט, אדער אפילו אויף איין סעודת מצוה, זיך
פארצונעמען נישט אויסצוטרעטען פון דיא געבאט פון דיא תורה, כדי עס
זאל נישט זיין גירעכענט (מצוה הבא בעבירה) דאס ערשטע דארף צו זיין,
אויף זיך מקבל צו זיין, נישט צו פיעל צו טרינקען לויט זיין געוואנהייט, כדי
צו האבען ריינע גידאנקען, אונ זאל זיך דאמאהלס נאך מעהר היטען פון פיעל
רעדען, ווייל נאר דורך דעם צו פיעל רעדען קומט דער מענש צו פיעל
אונרעכט אונ זאל נישט פארגעסען אן דעם פסוק (אם לא אעלה את ירושלים
על ראש שמחתי) וואס מיר יודען האבען אויף אונז מקבל גיוועזין בייא יעדע
שמחה נישט צו פארגעסען אן חורבן ירושלים, אזו לאנג וואס מיר אין דעם
גלות פארטריבען זענען, דארפען מיר אונז נישט צופיעל צו פרייען, אזו וויא

דער

דֶער פָּסוּק זָאגְט (אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ) וֶוען מִיר וֶוערֶען פוּן גָלוּת עֶרְלֵייזְט וֶוערֶען דַאמַאהְלְס וֶועט עֶרְפִילְט וֶוערֶען אוּנְזֶער מוֹיֶעל מִיט פְרֵייד, מִיר זָאלִין בִּמְהֵרָה צוּ דֶעם זוֹכֶה זַיין אָמֵן:

## גוּף

יָדוּעַ דַאס, דָאס גַאנְצֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם מֶענְשׁ קֶענֶען אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפְנִישֶׁען אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט אִין זִיךְ אֵיין נְשָׁמָה, אָבֶּער דֶער גוּף אַלֵיין אִיז וִויא גָאר נִישְׁט גִירֶעכֶענְט קֶעגֶען דִיא נְשָׁמָה, אִיבֶּער דֶעם יֶעדֶער בַּר דַעַת דַארְף דֶעם גוּף צוּ בֶּעמִיהֶען בַּייא אַזוֹ זַאךְ וָואס מֶען קָאן גוּטֶעס טוּהְן דִיא נְשָׁמָה, כְּדֵי מִיט דֶעם צוּ טוּהְן אֵיין נַחַת רוּחַ צוּ הקב"ה, אוּנ וַוייל צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ דַארְף מֶען צוּ הָאבֶּען אֵיין גוּף בָּרִיא, וְלָכֵן אִיז דָאס אוֹיף דֶעם מֶענְשׁ גִיוָוארְפֶען דֶער חִיּוּב אֵייבִּיג צוּ הָאבֶּען אֵיין גֶעזוּנְדֶען גוּף כְּדֵי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בִּתְמִידוּת אוּנְאוֹיפְהֶערְלִיךְ אוּנ זִיךְ צוּ הִיטֶען פוּן אֲכִילָה גַּסָּה, וַוייל מֶעהְרְסְטֶענְס קְרַאנְקְהֵייטֶען קוּמֶען נָאר מֵחֲמַת צוּ פִיעל עֶסֶען, אוֹיךְ אִיז נֵייטִיג דֶעם הֲמוֹן עָם מַזְהִיר צוּ זַיין אוֹיף זִיךְ אַכְט צוּ גֶעבֶּען, אֵייבִּיג צוּ הָאבֶּען אֵיין גוּף נָקִי פוּן צוֹאָה, אוּנ פוּן זֶערֶע נִישְׁט פְרֶיעֶר אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן בֵּית הַכִּסֵּא בִּיז מֶען הָאט זִיךְ גוּט גֶערֵיינִיגְט פוּן צוֹאָה, אוֹיךְ זֶעהְר גִיוָוארֶענְט צוּ זַיין יֶעדֶעס מָאהְל זִיךְ זֶעהְר גוּט צוּ רֵיינִיגֶען דָאס (פִּי הַטַבַּעַת) מִיט וַואסֶער אָדֶער מִיט (רוֹק הַפֶּה) וַוייל דָאס אִיז אֵיין דִין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וֶוען דָאס (פִּי הַטַבַּעַת) אִיז נִישְׁט גָאר רֶעכְט גִירֵיינִיגְט אִיז אָסוּר מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין, וֶוען נִישְׁט אִיז זַיין תְּפִלָּה גִירֶעכֶענְט וִויא אֵיין תּוֹעֵבָה, וְלָכֵן צְרִיכִין לִיזָּהֵר בָּזֶה מְאוֹד. אוּנ וַוייל זֶערֶע אִיז אוֹיךְ גִירֶעכֶענְט וִויא צוֹאָה, וְלָכֵן אִיז רָאוּי לְכָל יְרֵא שָׁמַיִם נִישְׁט מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אִין דֶעם הֶעמֵד וָואס מֶען הָאט בַּייא נַאכְט גִישְׁלָאפֶען וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִזְהָר צוּ זַיין נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אִין דֶעם הֶעמֵד וָואס מֶען הָאט מְשַׁמֵּשׁ הַמִּטָּה גִיוֶועזֶען וִויא אוֹיךְ גִיוָוארֶענְט צוּ זַיין לְאַחַר הַתַּשְׁמִישׁ זִיךְ אַוֶועק צוּ וַואשֶׁען מִיט וַואסֶער דִיא מְקוֹמוֹת הַמְּלוּכְלָכִים, אוֹיךְ אִיז דֶער חִיּוּב גִיוָוארְפֶען אוֹיף דִיא עֶלְטֶערֶען אַכְט צוּ גֶעבֶּען אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֵייא זָאלֶען הָאבֶּען אֵיין גוּף נָקִי פוּן צוֹאָה אוּנ אוֹיף זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען אָן דֶעם נִישְׁט גִיוָואוֶוענְט צוּ דַאוֶוענֶען בְּגוּף נָקִי, אוֹיף זֵייא זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִי בִקֵּשׁ זֹאת מִיֶּדְכֶם) וֶוער בֶּעגֶערְט פוּן אַייךְ דָאס אִיהְר זָאלְט מִתְפַּלֵּל זַיין בְּגוּף מְשׁוּקָץ מִיט אֵיין אוּנְרֵיינֶעם גוּף, אַזוֹ אֵיין מֶענְשׁ וָואס אִיז קֵיין מָאהְל גִיוָוארֶענְט גִיוֶועזְן צוּ דַאוֶוענֶען בְּגוּף נָקִי, אֲפִילוּ דָאס עֶר דִיא זְכִיָּה הָאט אַלְט צוּ וֶוערֶען זִיבְּצִיג יָאהְר אוּנ הָאט נִישְׁט פַארְפֶעהְלְט יֶעדֶען טָאג אִין שׁוּהְל צוּ דַאוֶוענֶען וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִיא צַייט וָואס עֶר וֶועט דַארְפֶען דִין וְחֶשְׁבּוֹן אָפּ צוּ גֶעבֶּען אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת וֶועט מֶען צוּ אִיהְם זָאגֶען דוּא בִּיזְט אַזוֹ אַלְט גִיוָוארֶען אוּנ הָאסְט נִישְׁט אֵיין מָאהְל גִידַאוֶוענְט, אַזוֹ וֶועט עֶר פַארְגֶעוִוים זָאגֶען וִויא קָאן דָאס זַיין, דָאס אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת זָאל מֶען אוֹיךְ רֶעדֶען וָואס שֶׁקֶר אִיז, אִיךְ הָאבּ דָאךְ קֵיין אֵיינְצִיגֶעם מָאהְל פַארְפֶעהְלְט פוּן צוּ דַאוֶוענֶען עֶרֶב וָבוֹקֶר אִין שׁוּהְל מֶען וֶועט אָבֶּער אִיהְם עֶנְפֶערֶען דוּא טִיפֵּשׁ הַלְוַאי דָאס דוּא הֶעסְט גָאר נִישְׁט

גִידַאוִוינְט אוּן הֶעסְט נִישְׁט אַז! פִיעל מָאהְל מַזְכִּיר גִיוֶועזִין דֶעם שֵׁם מִיט אֵייגֶען גוּף מְשׁוּקָץ, אוּן עֶר וֶוערְד נָאךְ מוּזֶען עוֹנְשִׁים לַיידֶען פִיר זַיין בַּאוִוינֶען, וְלָכֵן זָאל זִיךְ דָאס יֶעדֶער מֵשִׂים לְלֵב זַיין אוֹיף זִיךְ אַכְט צוּ גֶעבֶּען וִויא אוֹיךְ אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אַלֶע מָאהְל צוּ הָאבֶּען אֵיין גוּף נָקִי, וּבִזְכוּת זֶה וֶוערְד עֶר זוֹכֶה זַיין, זַיין תְּפִלָּה זָאל עֶרְהֶערְט וֶוערֶען בְּקֶרֶב כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן:

## גילוח

אִיז כְּלַל פוּן כָּבוֹד שַׁבָּת וְיו"ט אִיז אוֹיךְ, זִיךְ צוּ לָאזֶען דִיא הָאר אָפְּשֶׁערֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת, מֶען זָאל גִיוָוארֶענְט זַיין דִיא הָאר וָואס פַאלֶען אוֹיף אִיהְם אַרוֹיף, זֵייא תֵּיכֶף פוּן זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפֶען, אוֹיךְ אִיז אֵיין מִצְוָה זִיךְ יֶעדֶען פְרֵייטַאג דִיא נֶעגֶעל אָפְּצוּשְׁנַיידֶען, אֵייכְם לְכָבוֹד שַׁבָּת וֶועגִין, אוּן אוֹיךְ כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין חֲצִיצָה בַּיים נְטִילַת יָדַיִם, עֶס אִיז רֶעכְט פַאר דִיא הָאר אָדֶער נֶעגֶעל אָפְּשְׁנַיידֶען צוּ זָאגֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת וֶועגֶען, אוּן בַּייא דִיא הָאר אָפְּשֶׁערֶען, אִין דִיא גֶעדַאנְקֶען צוּ הָאבִּין וֶוען מֶען וֶוערְד מִיר גֶעבִּין אֲפִילוּ אַלֶעם פַארְמֶעגִין פוּן דִיא וֶועלְט, וֶועל אִיךְ מִיר נִישְׁט לָאזֶען דִיא בָּארְד אָפְּגָאלֶען, אוּן נִישְׁט דִיא פֵּאוֹת אָפְּשְׁנַיידֶען, כְּדֵי נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דֶעם לַאו (לֹא תַקִּיפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם, וְלֹא תַשְׁחִית פְּאַת זְקָנֶךָ):

## גערה

דֶער חִיּוּב אִיז גֶעוָוארְפֶען עַל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל צוּ וֶועהְרִין אוּן אָן צוּ שְׁרַייעֶן דִיא עוֹבְרֵי עֲבֵירָה, כְּדֵי זֵייא צוּ פַארְמֵיידֶען פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל אָבֶער בִּזְמַן הַזֶּה טוּהְט מֶען וֵוייניג רֶעכְטֶען מִיט גֶעשְׁרֵייא, אִיז בֶּעסֶער צוּ שְׁטְרָאפֶען מִיט וֵוייכֶע אוּן אַנְגֶענֶעהְמֶע רֵייד, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער נֶעמְט אָן אַזוֹ תּוֹכָחָה, וָואס אִיז מִיט גֶעבֵּייזֶער, וּבִפְרַט בִּזְמַן הַזֶּה, וָואס אֲפִילוּ דִיא קִינְדֶער נֶעהְמֶען נִישְׁט אָן דִיא שְׁטְרָאף פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען וָואס אִיז מִיט גֶעשְׁרֵייא, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נָאר צוּ שְׁטְרָאפֶען (בְּלָשׁוֹן רַכָּה) מִיט וֵוייכֶע רֵייד, אוּן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען אִיז נָאךְ אֵיין אִיסוּר גָמוּר יֶעמַאנְדֶען צוּ שְׁטְרָאפֶען מִיט גֶעשְׁרֵייא, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט (מַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים צוּ זַיין וָואס אוֹיף דֶעם חֵטְא שְׁטֵייט שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק לְעוה"ב) וּבִפְרַט אִין שׁוּהְל וָואס עֶס גֵייט נָאךְ אָן כָּבוֹד וּמוֹרָא בֵּיהכ"נ, טָאר מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט אוֹיף אֵיינֶעם זִיךְ בֵּייזֶערִין מִיט גִישְׁרֵייא (כִּי נַפְשׁוֹ הוּא חוֹבֵל) מִיט דֶעם טוּהְט מֶען זִיךְ זַיין אֵייגֶען נֶפֶשׁ פַארְצִיקֶען דָאס דָאזִיגֶע אִיז גְלַייךְ צוּ אַזוֹ אֵיינֶעם וָואס וַואשְׁט זִיךְ אוֹים זַיינֶע קְלֵיידֶער קֶעגִין דִיא שְׁטַארְקֶע זוּן, דִיא קְלֵיידֶער וֶוערֶען וַויים, אוּן עֶר אַלֵיין וֶוערְד שְׁוַוארְץ, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּייא דֶעם מֶענְשׁ, וָואס טוּט יֶענֶעם מְבַיֵּישׁ זַיין בַּיים שְׁטְרָאפֶען, יֶענֶעם ווִיל עֶר מְתַקֵּן זַיין, אוּן זִיךְ טוּט עֶר מְקַלְקֵל זַיין, אוֹיף דֶעם פָּסוּק (הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא) הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז דוּא וֶוערְסְט דַיין חָבֵר שְׁטְרָאפֶען, זָאלְסְט אִיהְם נִישְׁט מְבַיֵּישׁ זַיין,

ומכל

ומכל שכן בפני רבים, כדי דוא זאלסט נישט דארפען דאריבער געשטראפט צו ווערען, נאר מען איז מחויב צו יענעם צו רעדען דאס קיינער הערט, און איהם שטיל זאגען מיין פריינד, דאס טאר מען נישט טאן, עס איז בעסער יענעם גאר נישט מוכיח צו זיין איידער איהם מבייש צו זיין, ווייל אויב דוא זועסט יענעם פארשעמען איז גאר איין ספק, און דיך טוהסט דוא בוודאי מקלל זיין, ולכן (אשרי לאדם) וואהל דעם מענש וואס געוויינט זיך אלע מאהל נאר צו רעדען (במענה רך) מיט ווייכע רייד, ובענוה (כי דברי חכמים בנחת נשמעים):

## אות ד דרך ארץ

(מי האיש החפץ חיים לשמור את דרך עץ החיים) דער מענש וואס בעגעהרט צו ערלאנגען צו דעם רעכטען לעבען דער זאל עפטערס לערנען אין די מוסר ספרים (הלכות דרך ארץ) עס שטייט (דרך ארץ קדמה לתורה) מען ברויך נאך פריער צו לערנען דרך ארץ פאר תורה לערנען, ובפרט א תלמיד חכם וואס בעזיצט נישט דרך ארץ דער איז נאך מחלל השם און די תורה, מיר האבען גילערינט (כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו) אזו א מענש וואס אנדערע מענשען האבען פון איהם איין נחת רוח, אזו האט אויך דער בעשעפער פון איהם איין נחת רוח, וזה דער כלל איז ביי ד"א צו זעהן צו טוהן דאס וואס וואהל גיפעלט (בעיני אלהים ואדם) און מבטל צו זיין, דיין רצון מפני רצון אחרים, שלמה המלך ע"ה האט גיזאגט (הוקר רגלך מבית רעך) אפילו דיין גוטען פריינד זאלסט אויך נישט עפטערס בעזוכען, כדי זאלסט נישט איהם פיר לעסטיג ווערען, אויך איז גוט זיך צו געוויינען מיט ווייניג רעדען, עס איז בעסער מען זאל אויף דיר זאגען דאס דוא טוהסט צו ווייניג רעדען, איידער מען זאל אויף דיר זאגען דוא רעדסט צופיעל, ווען דוא זעהסט דאס דיין חבר טוהט זיך פאר דיר היטען, אזו זאלסט דוא אויך די אויגען אוועק טוהן, ווען דוא זעהסט ביי דיין חבר נייע קליידער אדער כלים זאלסט דיך מאכען גלייך דוא העסט עס גאר נישט גיזעהן, ווען דיין חבר האט עפעס געקויפט זאלסט איהם נישט די זאך שענדען נאר פארקעהרט זאלסט נאך איהם די זאך לויבען, ווען דוא פערלאנגסט פון יעמאנדען איין טובה זאלסט זעהן איהם נישט מיט צופיעל צו בעלעסטיגען און אז דער וואס פערלאנגט די טובה איז איין אדם חשוב וואס מען קאן איהם נישט פערזאגין דארף מען נאך מעהר גיווארענט צו זיין, נישט צו פערלאנגען אזו אזאך וואס יענער ווערד עס איהם נישט טוהן ברצונו הטוב, ווייל דאס איז גירעכענט פאר איין גזל, שלמה המלך דער אב החכמים האט געזאגט עס איז בעסער מען זאל צו דיר זאגען קום ארויף איידער מען זאל צו דיר זאגין גייא אראפ, דאס איז געמיינט זיך נידריגער צו זעטצען לויט וויא איהם צו גיהער, יעדען מענש זאלסט איהם מעהר מכבד זיין וויא איהם קומט ובפרט תלמידי חכמים און

אורחים זאל מען זעהר מכבד זיין. אין פרק אבות האבען מיר גילערינט (איזה מכובד המכבד את הבריות) נאר דער איז איין מכובד וואס איז מכבד אנדערע מענשען, ואעפ"כ דארף מען אלעם צו טוהן לש"ש:

## דבור

(דבור, רובו קשה ומעוטו יפה). דיא דבורים פון מענש זענען גיטיילט אין דרייא טייל, דהיינו (מצוה, מותר, איסור) אזו וועלין מיר זייא בעשיידין לאחדים (דבור של מצוה) איז דאס ערשטע (תלמוד תורה) וואס איז כנגד כולם, נור דורך דעם דבור פון תורה ערלאנגט מען צו דעם רעכטען לעבין, אזו וויא עס שטייט (גדולה תורה) וואס גיבט לעבין בעוה"ז ובעוה"ב. תורה לערנען ברענגט דעם מענש צו אלען יודישקייט אונ צו אלע מדות טובות, תורה לערנען איז איין תבלין צו דעם יצר הרע, אונ פערזאגט פון מענש דעם רוח הטומאה אונ טהוט נאך איהם מקדש ומטהר זיין, אונ ווייל דער יצר הרע ווייס דאס מיט תורה לערנען ווערד מען איהם כובש זיין, אזו שטארקט ער זיך אויף דעם מענש איהם מבטל צו זיין פון תורה, דאס ערשטע רעט ער איהם איין וויא איז מיר מעגליך קובע צו זיין תורה צו לערנען ווען דער עול הפרנסה איז אזו שווער, ווען דער בעשעפער ווערד מיר העלפין דאס איך וועל נישט דארפין אזו פיעל צו ארבייטין וועל איך מיר דאמאלס קובע זיין תורה צו לערנען, עס האט זיך אבער נאך נישט גיטראפין בייא אזו מענש דאס ער זאל זאגין אצונד בין איך שוין פרייא פון ארבייט אונ וועל אצונד תורה לערנען, דער תנא אין אבות האט דאך אויף דעם מזהיר גיוועזין (אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה) ווייל דיא טרדות פון דיא וועלט הערין קיינמאל אויף, ווען אפילו אז עס טרעפט זיך איין צייט וואס ער האט שוין גאר נישט צו טוהן, אדער אן שבת ויו"ט וואס דאמאלס איז איעדער פרייא פון ארבייטין זאגט ער אצונד מוז איך מיך אביסעל אויסרוהען פון דיא שווערע ארבייט וואס איך בין דיא גאנצע וואך בעלעסטיגט, אויך רעט איהם איין דער יצר, מיינע געדאנקען זענען גאר נישט ריין צום לערנען, קורץ, דער יצר איז איין חכם להרע, ער מאכט דעם מענש אין גאנצין פערגעסין דאס דער מענש איז נישט זיכער אויף דיא וועלט אויף איין רגע (כי היום כאן ומחר בקבר) אונ מאכט אויך פערגעסין דאס, דאס ערשטע וואס מען פרעגט ביום הדין איז (קבעת עתים לתורה) האסט דיר עפעס קובע גיוועזין צייטין תורה צו לערנען אונ דער מענש מוז אויף יעדען טאג בעזונדער דין וחשבון אבגעבין וואס ער האט מבטל גיוועזין פון דיא תורה, ווייל נור פיר דעסטוועגין זענען מיר בעשאפין גיווארין (להעמל של תורה), וועה נור דען כח פון דעם יצר הרע, ווען ער טהוט איין מענש אבערעדין איין גאנצין טאג אונ נאכט צו רעדין דברים בטלים אדער גאר דיא נאכט קארטען צו שפילען וואס מיט דעם טהוט זיך דער מענש מטמא זיין דעם גאנצין גוף אונ זיין נפש

ווערד ער דאבייא נאר נישט מיהד, אונ עס פאלט אפילו אויף איהם קיין שלאף, ווען אויך ער דיא גאנצע נאכט אויף איז, אונ זיך צייט צו נעמען יעדען טאג איינינע שעה תורה צו לערנען ווערד ער תיכף מיהד גלאך אלס ער האט איינע שווערע משא גיטראגין, דער אמת אבער מיט וואס איז דען תורה לערנען שווערער פון דברים בטלים צו רעדין, גראד דער היפוך ברויך צו זיין, דאס וויים דיא גאנצע וועלט דאס פון תורה לערנען האט מען שכר בעוה"ז אונ דער עיקר שכר בלייבט איהם לעוה"ב, אונ מיט יעדען ווארט תורה טהוט מען איין נחת רוח צו הקב"ה, אונ פון דברים בטלים רעדין איז מען עתיד דין וחשבון צו געבין אונ מען טהוט נאך דעם בורא עולם ערצארנען ווייל דער בורא ב"ה זאגט בייא דיא גאנצע וועלט ערשאפונג בין איך נישט מיהד גיווארין אונ פון דברים בטלים רעדין ווער איך מיהד פון אויף צו הערין, ווייא צו אזו אמענש וואס איז גורם צער צו הקב"ה כביכול (ולכן איזה גבור הכובש את יצרו) וואהל דעם מענש וואס בעצווינגט דעם שטארקען יצר אונ האלט זיך צוריק פון דברים בטלים רעדין, מען זאל נישט פערגעסין אן דען פסוק (כל עמל האדם לפיהו), האבין דיא חכמים אויף דעם דען פירוש גיזאגט דאס אין מעהרסטענס טהייל וואס דער מענש מוז עונשים ליידין בעוה"ב איז נור מחמת וואס מען האט געזינדיגט מיט דעם מויל, אויך האבין דיא חכמים גיזאגט דאס אלע מצות אונ מעשים טובים פון מענש טוהן נישט מספיק זיין קעגין דעם וואס ער מאכט זיך שולדיג מיט דעם מויל פון דבורים של איסור אונ דברים בטלים. איבער דעם מיין פריינד הארך מיין עצה ווערד דיר וואהל זיין, דאס יעדעם מאל וואס מען איז פרייא פון דעם העמל של העוה"ז, תיכף זיך צו נעמען איין ספר צו לערנען ווען אויך (שלא בטובתו) איבער זיין דאנק, אזו שפעטערהין וויירד ער שוין קענען לערנען בשמחה (כי ההרגל נעשה טבע). דער צווייטער דיבור של מצוה איז תפילה, תפילה איז גרעסער פון אללע קרבנות, ולכן דארף מען זיך צו שטארקען מתפלל צו זיין אלע תפילות (בכוונה גדולה ובמתון), כדי זיין תפלה זאל ערהערט ווערין פאר הקב"ה, אויך אויף יעדע צרה (שלא תבוא), עס זייא צרות ממון, אדער צרות הגוף דארף מען מתפלל צו זיין צו הקב"ה ער זאל איהם פון דיא צרה מציל זיין ווייל הקב"ה איז מתאוה צו דיא תפלה פון זיין פאלק ישראל אונ דיא תפלה האט אין קראפט מהפך צו זיין דיא שלאכטע גזירה לטובה. (והרב בספר חרדים) האט געשריבען דיא אלע מצות מדברי תורה, אונ מדברי סופרים, וואס דער מענש קען זייא מקיים זיין מיט דען בלויסען דיבור, אזו וועלין מיר איין טהייל פון זייא מזכיר זיין (ישמע חכם ויוסיף לקח). מצוה מן התורה מכבד צו זיין פאטער אונ מוטער, איין שטיפפאטער אונד שטיפמוטער גראספאטער אונד גראסמוטער, שוועער אונד שוויגער, זיין רבן, צו דיא אלע וואס אויבין בעצאנט איז, איז מען מחויב צו זייא צו רעדין בכבוד גדול, מיט בעוויליגטע רייד, ובפרט צו פאטער אונד מוטער וואס אויף דעם שטייט, דער וואס רעט צו פאטער אונד מוטער הארטע רייד אפילו דאס ער גיבט

זייא צו עסין מאכלים טובים סופו ליורש גיהנם. (מצוה) צו זאגען אלע ברכות הנהנין הויך ובשמחת הלב, (מצוה) דיא כהנים זאלין בענטשין דיא ישראל, ובכלל זה איז אויך איין מצוה צו בענטשין כללות ישראל אונ אויף זייא ממליץ טוב צו זיין, (מצוה) צו זאגען קריאת שמע בבוקר ובערב אונ אויך דען גאנצען טאג יעדעם מאהל ווען מען איז מזכיר דאס דער בורא ב"ה איז איין יחיד אונ מען איז אויף זיך מקבל עול מלכות שמים אונ עול מצות איז מען מקיים מעגין ק"ש, ולכן איז דאס איינע עצה טובה יעדעם מאהל וואס מען קישט דיא מזוזה זאל מען זאגען דיא פאהר ווארטער, איך גלייב באמונה שלימה דאס דוא ביזט איין יחיד מיוחד אונ אויך דער משגיח אויף דיא גאנצע וועלט, איך בין אויף מיר מקבל דעם עול פון אלע מצות, (מצוה), שלום צו מאכען (בין איש לאשתו ובין אדם לחבירו), מצוה צו ענטפערן אמן אונ יהשמר"ב, וברכו, וקדושה, (מצוה) יעדע נאכט מתאבל צו זיין וועגין חרבן ביהמ"ק, אונ אויף גלות שכינה, אונ אויך מתודה צו זיין איבער זיינע עונות ופשעים אונ צו בעטין צו דעם בעשעפער וועגין איינע כפרה וסליחה, דאס וואס מיר האבין דא בעצייכענט זענען פון דיא דבורים טובים, וואס מען איז נאך מקבל שכר פיר דעם, עס שטייט דאס דיא ישראל זענען גיגלאכבט צו דעם (תולעת המשי) ווירדען ווארעם, אזו וויא דער ויידענווארעם מאכט מיט זיין מויעל מלבושים פיר מלכים וועגין, אזו אויך דיא ישראל האבין אין קראפט מיט זייער מויל צו בויען פאלאסטען אין הימעל אונ קענען אויך זיך דורך דיא דיבורים טובים פארברייטן מלבושים וואס ווערין אנגערופען (חלוקא דרבנן) פיר זייער נשמה וועגין לעולם הבא:

ועתה, אצונד וועלין מיר ווידער שרייבען פון דעם דבור (של חלק המותר) וואס איז מותר צו רעדין, אין דעם כלל איז דיא אלע דבורים וואס מען דארף צו רעדין לצורך הפרנסה אונ פיר היקון גופו וועגין, אויף דעם האבין דיא חכמים ז"ל געזאגט (שיהי' דבריך מעטים), אלעם צו רעדין בקיצור וואס וועניגער איז בעסער, ובפרט וואס מען דארף צו רעדין פיר דען גישעפט וועגין מיט איינע אשה דארף מען בוודאי מקצר צו זיין בכל מה דאפשר, אזו וויא מיר האבין געלערנט אין פרק אבות (אל תרבה שיחה עם אשה), נאר עס איז פארהאנדען איין מיטעל, וואס מען זאל קענען מאכען אויס דיא דיבורים של היתר דיבורים של מצוה, וויא אזו? פאר יעדעם עסין אונ געשעפט וואס מען וויל טוהן פריער צו זאגען איך וויל עסין כדי כח צו האבין דעם בורא עולם צו דינען, אויך איך וויל מיך בעשעפטיגען אין משא ומתן כדי מיך צו קענען מפרנס צו זיין בהיתר ולא באיסור, אונ אויך כדי צו טוהן דען רצון הבורא (כש"כ ששת ימים תעבוד וכו') אזו ממילא ווערדין דיא אלע דיבורים וואס מען דארף צו רעדין ביים גישעפט נהפך אויס רשות למצוה:

ועתה וועלין מיר בעצייכענען פון דען חלק דיבור האסור, עס שטייט געשריבן (ולרשע אמר אלהים מה לך לספר חקי) דאס דיא תורה אונ תפלה פון דעם רשע איז נישט חשוב בייא הקב"ה נאר ער גיבט נאך מיט זיין לערנן

כח צו דיא (סיטרא אחרא ר״ל), איבערדעם איז דאס איינע עצה טובה פיר דעם מענש פאר יעדען לערנען און דאווענען פריער מהרהר צו זיין בתשובה און צו זאגען דיא פאהר ווארטער איך טוה מתחרט זיין בחרטה גמורה אויף אלען וואס האב ערצארנט מיין בעשעפער און וויל באמת תשובה טוהן אויף אלע מיינע חטאים:

מצות תפלה דער וואס דאווענט און ער האט זיך נישט פריער גוט מנקה גיוועזין פון גדולים, אדער אויף אזו איין ארט וואס נישט ריין איז פון צואה (אני תפלתו תועבה) איזט זיין תפלה אונווערדיג און האט גאר נישט יוצא גיוועזין:

דער וואס איז מפסיק פון מיטען דעם לערנין, אדער דאווינען צו דברים בטלים, דער איז מתחייב בנפשו און זיין עונש איז גרויס:

דער וואס זאגט ברכות הנהנין אן כוונה, אדער ער זאגט נישט דיא ווערטער בשלימות, איז עם אזו גוט וויא ער העט גאר קיין ברכה גימאכט און עסט ווייטער אן ברכה (המוכיח) דער וואס שטראפט איינעם און ער איז איהם מבייש ברבים (כאלו הי׳ שופך דמים):

(המספר) דער וואס לויבט א מענש פאר זיינע שונאים איז עם נאך גירעכענט וויא לשון הרע, ווייל דורך זיין שבח קומט מען לידי גנות:

המתודע. דער וואס זאגט דיא ווידוי חאפעדיג, דער טוהט נאך דעם בורא ערצארנען, דיא אלע דאוינע זאכען וואס מיר האבען דא בעצייכענט איזט וואס דער מענש מיינט ער ווערד פאר דעם מקבל שכר זיין און עם איז נאך להיפך וואס מען טוהט נאך מקבל עונש זיין:

ועתה אצונד וועלין מיר שרייבען פון דעם חלק הדיבור וואס אין גאנצען אסור איז (ראשון לחשבון העונות) דאס ערשטע וואס דאס הארבסטי איז לשון הרע, וואס וועגט קעגין ע״ז, ג״ע, ש״ד, אויף דעם בעל ל״ה האט דוד המלך ע״ה גיזאגט (יכרת ד׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות) נאט זאל פארשניידען דיא אלע וואס רעדען מיט פאלטשע לעפצען און דיא צונג וואס רעט גדולות. (לשון הרע) הייסט אז מען רעט פאר איינעם שימפף רייד פון זיין חבר, אפילו דאס עם ווירקליך וואהר איז הייסט דאס ל״ה (נבול פה) איז איין (אבי אבות הטומאה) און דאס ברענגט אויף דעם מענש פיעל צרות ר״ל, עם שטייט געשריבען, דיא מענשען וואס רעדען ניבול פה קומען אריין אין טיפען גיהנם וואס קומען שוין נישט מעהר פון דארט ארויס, עם זייא דער וואס רעט, אדער דער וואס אויפהערט רעדען און שווייגט, ניבול פה איז אז מען רעט זאלכע דיבורים וואס פארגייט בין איש לאשתו, אדער אז מען זינגט (בשירי נכרים) גוישע לידער פון הילטיישע זאכען, פערציג מלאכים אין הימעל טוהן תיכף דעם מענש מנדה זיין אין הימעל, דער וואס טוהט ארויס ציהן פון זיין מויל ניבול פה (השם יצילנו):

שבועור

שְׁבוּעוֹת שֶׁקֶר אוּן שְׁבוּעוֹת שָׁוְא, דֶער וָואס שְׁוֶוערְט פַאלְטְשׁ אָדֶער אוּמְזוּנְסְט אָדֶער מֶען אִיז מַזְכִּיר דֶעם שֵׁם לְבַטָּלָה (גָּדוֹל עֲוֹנוֹ מִנְּשׂוֹא) אִיז זַייעֶר עוֹנֶשׁ גְרוֹיס פוּן צוּ עֶרְלַיידֶען:

חֲנוּפָה חַנְפִינֶען הֵייסְט, אַז מֶען רֶעט צוּ זַיין חַבֵר (אֶחָד בְּפֶה וְאֶחָד בְּלֵב) עֶר בֶּעוַוייזְט אִיהְם לִיבְשַׁאפְט אוּן עֶר מֵיינְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט מִיט זַיין גַאנְצֶען הַארְץ, דָאס אִיז זֶעהְר אֵיינֶע מִדָּה רָעָה, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם צוּ בְּרֶענְגֶען (חֲרוֹן אַף לְעוֹלָם) ר״ל, דִיא כַּת שֶׁל חֲנֵפִים זֶענִין אַזוֹ מִיאוּס וִויא נִדָּה, אוֹיךְ שֶׁקֶר רֶעדֶען אִיז אֵיין אִיסוּר גָּדוֹל נָאר פִיר שָׁלוֹם וֶועגִין אִיז מוּתָּר:

הַמְקַלֵּל אֶת חֲבֵירוֹ, דֶער וָואס שֶׁעלְט יֶענֶעם, דֶער אִיז אַלֵיין גֶעפְלוּכְט אוּן אִיז עוֹבֵר אוֹיף אֵיין לַאו:

הַמְדַבֵּר דֶער וָואס רֶעט צוּ פָאטֶער אוּן מוּטֶער בְּדֶרֶךְ בִּזָּיוֹן, וּבְעַזּוּת, אָדֶער בְּכַעַס, דֶער דָאזִיגֶער אִיז אִין כְּלַל (אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ) פַארְפְלוּכְט זָאל זַיין דֶער וָואס טוּהְט גְרִינְג שֶׁעטְצֶען פָאטֶער אוּן מוּטֶער, אַז מֶען רֶעט צוּ אֵיין יָתוֹם, אוּן יְתוֹמָה, אוּן אַלְמָנָה מִיט הַארְטֶע רֵייד אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לַאו (כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן) אֲפִילוּ אוֹיךְ דֶער רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אֵיין יָתוֹם, מוּז אוֹיךְ מִיט אִיהְם אוּמְגֶעהְן מִיט וֵוייכֶע רֵייד (בְּנַחַת וּבְרַחֲמִים):

(הַמְכַנֶּה שֵׁם רָע לַחֲבֵירוֹ) דֶער וָואס רוּפְט זַיין חַבֵר מִיט אַזוֹ שִׁימְפְּף נָאמֶען וָואס יֶענֶער שֶׁעמְט זִיךְ, אוֹיךְ דֶער וָואס אִיז (מַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא):

דִיא תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הָאט גֶעבָּאטֶען (לֹא תַעֲנֶה עַל רִיב) וֶוען יֶעמַאנְד פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיט דִיר צוּ קְרִיגֶען, זָאלְסְט אִיהְם גָאר נִישְׁט עֶנְפֶערִין כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען לִידֵי מַחְלוֹקֶה, אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תּוֹלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִימָה) הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט דָאס קוּמְט צוּ לֶערְנִין, דָאס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט אֵיין קִיּוּם אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִיא מֶענְשֶׁען וָואס פַארְשְׁלִיסֶען זַייעֶר מוֹיעֶל בְּשַׁעַת קְרִיעג, אוּן אַז מֶען אִיז גֶעניִיט יֶענֶעם צוּ עֶנְפֶערֶען מוּז עֶס גִישֶׁעהְן (בְּמַעֲנֶה רַךְ מֵשִׁיב חֵימָה) מִיט וֵוייכֶע רֵייד וָואס טוּהְט ווִידֶערְזֶעצֶען דֶעם צָארֶען (הַנּוֹתֵן עֵצָה) דֶער וָואס גִיבְּט יֶענֶעם אֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה, אִיז עוֹבֵר אוֹיף (וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל) הַנּוֹדֵר דֶער וָואס טוּהְט אֵיין נֶדֶר, אִיז עֶס אַזוֹ גוּט וִויא עֶר הֶעט גֶעבּוֹיעֶט אֵיינֶע בָּמָה צוּ דִיא עֲבוֹדָה זָרָה אוּן וֶוערְד דַאפִיר אָנְגֶערוּפֶען (חוֹטֵא):

(אָסוּר לְנַחֵשׁ) עֶס אִיז אָסוּר צוּ רֶעטְצְלֶען, דָאס אִיז גֶעמֵיינְט נִישְׁט וּצוּ זָאגֶען וַוייל דָאס אוּן דָאס אַזוֹ גִישֶׁעהְן אִיז, אִיז דָאס אֵיין סִימָן אוֹיף אֵיין זַאךְ, לְמָשָׁל וֶוען אֵיין לִיכְט שְׁמֶעלְצֶערְט אָדֶער עֶס פַאלְט אַרוֹיס פַייעֶר פוּן אוֹבֶען בֶּעטַייט דָאס, אוֹיף דִיא אוּן דִיא זַאךְ, אוּן נָאךְ דֶערְגְלַייכֶען דָאס אַלֶעס הָאט דִיא תּוֹרָה פַארְבָּאטֶען מִיט אֵיין לַאו (לֹא תְנַחֲשׁוּ) אוֹיךְ הָאט דִיא תּוֹרָה גֶעבָּאטֶען (לֹא תְעוֹנֵנוּ) אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁטָאנְדַאן, נִישְׁט צוּ זָאגֶען, בַּאלְד אִין

דֶער פְּרִיָה אָדֶער בַּאלְד שַׁבָּת צוּגַאכְט, טָארְף מֶען נִישְׁט אָנְצוּפַאנְגֶען מִיט אַוֶועק בָּארְגֶען, דָאס אִיז נָאךְ ד"ג, הָאט דִיא תּוֹרָה פֶערְבָּאטֶען. דֶער וָואס פְּרֶעגְט צוּ כִּישׁוּף מַאכֶער, אָדֶער קָארְטֶען לֵייגֶער זֵייא זָאלִין אִיהְם זָאגֶען עֲתִידוֹת, דֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף (תָּמִים תִּהְיֶה עִם ד' אֱלֹהֶיךָ):

אָסוּר לְדַבֵּר, עֶס אִיז אֵיין אִיסוּר גָּדוֹל צוּ רֶעדִין אִין שׁוּהְל בְּדִבְרֵי חוֹל. וּבִפְרַט בְּשַׁעַת דֶעם דַאוֶוענֶען אָדֶער לֵייגֶען אִין ס"ת, אוֹיךְ בְּשַׁעַת דֶער חַזָן זָאגְט דִיא הוֹיכֶע שׁ"ע, עֶס אִיז אָסוּר מַפְסִיק צוּ זַיין בְּדִיבּוּר צְווִישֶׁען דֶעם וַואשֶׁען אוּן מוֹצִיא מַאכֶען, אוּן צְווִישֶׁען דִיא בְּרָכָה מַאכֶען אוּן עֶסֶען, דְהַיְינוּ בִּיז מֶען הָאט דֶען עֶרְשְׁטֶען בִּיסֶען אִין גַאנְצֶען אַרָאפּ גֶעשְׁלִינְגֶען, עֶס אִיז אָסוּר מַפְסִיק צוּ זַיין צְווִישֶׁען מַ"ים אַחֲרוֹנִים אוּן ברהמ"ז:

אָסוּר צוּ רֶעדֶען מִיט נָשִׁים וָואס נִישְׁט גַאנְץ נֵייטִיג אִיז, וּבִפְרַט (בְּדִבְרֵי שְׂחוֹק וְקַלוּת רֹאשׁ) אִיז בְּוַודַאי דֶער אִיסוּר גְרוֹיס, עֶס אִיז אָסוּר מִן הַדִין אֲפִילוּ צוּ גְרִיסֶען אֵיינֶע אִשָׁה (אָסוּר לְאָדָם שֶׁיִּפְתַּח פֶּה לְשָׂטָן) נִישְׁט אוֹיס זַיין מוֹיעֶל אַרוֹיס צוּ לָאזֶען בֵּייזֶע רֵייד, עֶס אִיז אָסוּר צוּ רֶעדֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אָסוּר זִיךְ מִיט יֶעמַאנְדֶען צוּ קְרִיגֶען, מִכָּל שֶׁכֵּן זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגֶען זָאלְבֶע קְרִיגְ' וָואס נִישְׁט דִיר אָנְגֵיהֶער, אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז מֶען טָארְף מַצִיל צוּ זַיין דֶען גֶערוֹיבְּטֶען פוּן אֵיין רוֹיבֶער: אָסוּר צוּ רֶעדֶען בְּגַאֲוָה אָדֶער בְּכַעַס, נָאר אַלֶע דַיינֶע רֵייד זָאל זַיין בְּקוֹל נָמוּךְ וּבְתַחֲנוּנִים: עֶס אִיז אֵיין אִיסוּר גָּדוֹל צוּ זַיין אֵיין מֵלִיץ רַע אוֹיף דִיא יִשְׂרָאֵל, הקב"ה אִיז אוֹיף דֶעם זֶעהְר מַקְפִּיד, וַוייל (כִּי חָפֵץ חֶסֶד הוּא) זַיין רָצוֹן אִיז דָאס מֶען זָאל אַלֶע מָאהְל גוּטְץ רֶעדֶען אוֹיף כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל: וֶוען מֶען קוּמְט דִיךְ פָּאדֶערֶען אַחוּב, אִיז אָסוּר יֶענֶעם מַדְחֶה צוּ זַיין מִיט פַאלְטְשֶׁע רֵייד צוּ אִיהְם צוּ זָאגֶען, קוּם מָארְגֶען, אוּן ווִידֶער מָארְגֶען, וֶוען דוּא מֵיינְסְט עֶס נִישְׁט בֶּאֱמֶת, אָסוּר צוּ רֶעדֶען פוּן גִישֶׁעפְט זַאכֶען אַן שַׁבָּת וְיו"ט, אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט, דָאס עֶס אִיז אוֹיךְ אָסוּר צוּ רֶעדֶען אַן שַׁבָּת בִּדְבָרִים בְּטֵלִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהְן אַן שַׁבָּת, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט זָאגֶען אִיךְ וֶועל דָאס מָארְגֶען טוּהְן, אָסוּר מְצַעֵר צוּ זַיין, זַיין חָבֵר מִיט שְׁטֶעךְ ווֶערְטֶער, דִיא תּוֹרָה הָאט דָאס פֶערְבָּאטֶען מִיט אֵיין לָאו (לֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ) נָאךְ מֶעהְר טָארְף מֶען גִיוָואהְרְנְט צוּ זַיין, נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין, זַיין ווַייבּ מִיט שְׁטֶעכְוֶוערְטֶער, ווִיא אוֹיךְ דִיא אָרְמֶע לַייט, ווַייל זֵייא טוּהְן בַּאלְד טְרֶערֶען פַארְגִיסֶען, אִיז דָאס זֶעהְר גִיפֶעהְרְלִיךְ פַאר דֶען מֶענְשׁ, דָאס מֶען זָאל נִישְׁט פוּן אִיהְם תֵּיכֶף גֶעצָאהְלְט נֶעמֶען ר"ל, עֶס גִיבְּט מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען פוּן דֶעם אֵיין הֲנָאָה זִיךְ אֵיין אוּנְטֶערְהַאלְט צוּ מַאכֶען יֶענֶעם צוּ רֶעדֶען שְׁטֶעךְ וֶוערְטֶער וָואס מֶען אִיז מִיט דֶעם אִיהְם מְצַעֵר, אָבֶּער זֵייעֶר אוּנְטֶערְהַאלְט וֶוערְד זֵייא פַארְקֶעהְרְט ווֶערֶען צוּ טְרוֹיְרִיגְקֵייט ר"ל, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס טוּהְן שְׁפֶּעטֶען אוֹיס דִיא מֶענְשֶׁען וָואס טוּהְן מְקַיֵּים זַיין גָאטְס מִצְוֹת, אִיז עֶס גְלַייךְ צוּ גַזְלָנִים וָואס שְׁטֵייעֶן בְּאֶמְצַע הַדֶּרֶךְ, אוּן טוּהְן רוֹיבֶּען דִיא מֶענְשֶׁען וָואס ווִילֶען בְּרֶענְגֶען אֵיין פְּרֶעזֶענְד צוּם מֶלֶךְ וד"ל:

אסור

**אָסוּר** זִיךְ צוּ רִימֶען מִיט פַאלְטְשֶׁע גַאבּ. מֶען דַארְף זִיךְ אֲפִילוּ צוּ הִיטֶען פוּן צוּ רִיהְמֶען מִיט אֱמֶתְדִיגֶע צְדָקָה, וַוייל דַאדוּרְךְ פַארְלִירְט מֶען דֶעם שָׂכָר פוּן דִיא מִצְוָה, עֶס אִיז אוֹיךְ אָסוּר צוּ דֶערְצֵיילֶען פַאר מֶענְשֶׁען פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (יְהַלֶּלְךָ זָר וְלֹא פִיךָ) לָאז דִיךְ פְרֶעמְדֶע לוֹיבֶּען אוּנ נִישְׁט דוּא אַלֵיין, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס מַאכֶען אוֹיס דִיא פְּסוּקִים פוּן דִיא תּוֹרָה פַר לִידֶער זִינְגֶען (הַתּוֹרָה חוֹגֶרֶת שַׂק עָלָיו) טוּהְט זִיךְ דִיא תּוֹרָה אָן קְלֵיידֶען אִין אַיין זַאק, אוּנ אִיז מִתְרַעֵם פַאר הקב״ה, זִיא זָאגְט, דַיינֶע קִינְדֶער דִיא יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַיין זֶמֶר (וְלָכֵן כָּל אֲשֶׁר יִרְאַת ד׳ בְּלִבּוֹ) זָאל זִיךְ פוּן זָאלְכֶע אוּנְטֶער הַאלְטוּנְגֶען פַארְמַיידֶען (אוֹי שֶׁכַּךְ עָלְתָה בְּיָמֵינוּ) בַּעֲוֹנֵינוּ הָרַבִּים מַאכֶען זִיךְ מֶענְשֶׁען אוֹיס דֶעם אַיין פַּרְדִינְסְט, וָואס פָאהְרֶען אַרוּם מִמָּקוֹם לְמָקוֹם אוּנ לָאזֶען פַארְזַאמְלֶען פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְשֶׁען (אֲנָשִׁים וְנָשִׁים וְטַף) אוּנ טוּהְן פַאר זֵייא פָאהְרְזִינְגֶען פַארְשִׁידֶענֶע לִידֶער, אִין טוּהְן נָאךְ אַרַיין מִישֶׁען פְּסוּקִים פוּן דִיא תּוֹרָה, אוּנ עֶס פַאלְט קֵיינֶעם אַיין דָאס עֶר הָאט עֶפֶּעס אוֹיף אַיינֶע עֲבֵירָה עוֹבֵר גֶיוֶועזִין, בֶּאֱמֶת אָבֶּער אִיז זֵייעֶר חֵטְא זֵייעֶר גְרוֹיס, חוּץ דֶעם וָואס טוּהְן דִיא תּוֹרָה מְבַזֶּה זַיין כנ״ל. טוּהְן זֵייא נָאךְ עוֹבֵר זַיין אוֹיף מוֹשַׁב לֵצִים אוּנ קַלּוּת רֹאשׁ וּפְרִיצוּת. (הַשֵּׁם הַטּוֹב יְכַפֵּר)

עֶס אִיז אָסוּר מִתְרַעֵם צוּ זַיין קֶעגֶען דֶעם מִשְׁפָּט פוּן הקב״ה, נָאר צוּ גְלֵייבֶּען בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה כִּי (הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ) דָאס עֶר אִיז אַדַיין אֱמֶת אָסוּר מוֹסֵר דִין צוּ זַיין לְשָׁמַיִם אִיבֶּער אַיין מֶענְשׁ, דְהַיְינוּ צוּ זָאגֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ מַיינֶער אָן נֶעמֶען אוּנ דִיךְ שְׁטְרָאפֶען, וַוייל מִיט דֶעם קָאן מֶען זִיךְ פִיעל שְׁלֶעכְץ גוֹרֵם זַיין מֶען דַארְף זִיךְ צוּ גֶעוֵוינֶען מִיט דִיא מִדָּה טוֹבָה, יעֶדֶען מֶענְשׁ מוֹחֵל צוּ זַיין וָואס הָאט קֶעגִין דִיר גֶעזִינְדִיגְט, כְּדֵי צוּ זַיין (אָהוּב לְמַעְלָה וְנֶחְמָד לְמַטָּה) אָסוּר אַפִּ צוּ וֶוענְדֶען מוּטֶער אוּנ פָאטֶערְס רֵייד צוּ זָאגֶען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס טוּהְן רוּפֶען דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט זָאלְכֶע נֶעמֶען פוּן דְבָרִים טְמֵאִים, דְהַיְינוּ חֲמוֹרִים, אָדֶער כְּלָבִים, עֶזֶעל, וּכְדוֹמֶה דִיא קָאנֶען פִיעל שְׁלֶעכְץ גוֹרֵם זַיין צוּ דִיא קִינְדֶער ר״ל, וּלְעוֹלָם אוּנ אֵייבִּיג אַל זִיךְ דֶער מֶענְשׁ גֶעוֵוינֶען צוּ רֶעדֶען (בְּלָשׁוֹן נְקִיָּה) מִיט אַיין שֵׁיין אוּנ רֵיין לָשׁוֹן אוּנ נִישְׁט אַרוֹיס צוּ לָאזֶען פוּן זַיין מוֹיעל קֵיין שׁוּם דָבָר מְגוּנֶּה, דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט פוּן דֶען רֶעדֶען פוּן מֶענְשׁ עֶרְקֶענְט מֶען וָואס עֶר אִיז (כִּי נָבָל נְבָלָה יְדַבֵּר) דֶר אִישׁ נָבָל רֶעט מְאוּסָה רֵייד אוּנ דֶר אִישׁ נָבוֹן רֶעט פַארְנוּנְפְטִיגֶע רֵייד, וְגַם צְרִיכִין לְהַזְהִיר (שֶׁאַל יִפְתַּח פִּיו לְשָׂטָן) דְהַיְינוּ נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערֶען בַּיים גֶעזוּנְד אָדֶער בַּיים לֶעבֶּען, דֶער וָואס טוּהְט יֶענֶעם מְבַשֵּׂר זַיין אַיינֶע בְּשׂוֹרָה רָעָה, אוֹיף אִיהְם זָאגְט דֶער פָּסוּק (מוֹצִיא דִבָּה הוּא כְּסִיל), הַמּוֹכֵר דֶער וָואס אִיבֶּער עֶנְפֶּערְט אַיין יוּד, אָדֶער יוּדֶעשׁ גֶעלְד בְּיַד גוֹי (אֵין לוֹ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא):

**וַאֲבִי** אֲבוֹת הַטּוּמְאָה אִיז, דְבָרִים בְּטֵלִים רֶעדֶען (כִּי בְּרוֹב דְבָרִים לֹא יֶחְדַּל פֶּשַׁע) וַוייל בַּייא פִיעל דְבָרִים בְּטֵלִים רֶעדֶען אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דַאבַּייא נִישְׁט צוּ זִינְדִיגֶען, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּ רֶעדֶען דִבּוּרִים שֶׁל אִיסוּר

דהיינו

דהיינו לשון הרע, רכילות, ליצנות, שקר, שבועות שוא ושקר, חנופה, מתכבד בקלון חבירו, ניבול פה, אונ נאך ד"ג. אפילו ווען דוא ווילסט זאגען איך וועל מיך היטען ביים רעדען דאס עס זאל נאר נישט זיין אריין געמישט פון דברי איסור, אזו איז עס שוין רעכט, אונ מותר, ניין! זאלסט וויסען דאס, דאס אליין וואס מען רעט דברים בטלים פון לעהרע רייד, וואס איז נישט תורה, אדער צרכי הפרנסה, וצרכי מצוה, איז אליין פיר זיך וועלבסט איין איסור. אויף דעם פסוק (הוגעתם ד' בדבריכם) האבען דיא חכמים גיזאגט, הקב"ה זאגט בשעת ווען איך האב דיא גאנצע וועלט בעשאפען, איז פאר מיר קיין מידי־קייט גיוועזען, אזו וויא דער פסוק זאגט (לא ייעף ולא ייגע) אבער פון דברים בטלים רעדען ווער איך מיהד כביכול, פון אויף צו הערען, ווייא איז צו אזו א מענש וואס איז גורם צער צו הקב"ה. אין פרק אבות האבען מיר גילערינט (ישיבת בתי כנסיות של ע"ה מוציאין את האדם מן העולם) דאס וואס עמי הארצים זיטצען צוזאמען אונ טוהן רעדען דברים בטלים, טוהט זייא ארויס ציהען פון ביידע וועלטען, דער טעם פון דעם איז, ווייל דאס טייערסטע פון מענש איז דער דיבור, ווייל נור דורך דעם דיבור איז צו אונטערשיידען צווישען א מענש אונ א בהמה, אונ אויף דעם כח הדיבור האט דער פסוק געזאגט (בצלם אלהים ברא את האדם) הייסט דער מענש וואס בעניצט דיא טייערע מתנה פון הקב"ה אויף גאנץ לעהרע זאכען דער איז מבזה דעם חותם פון מלך הקב"ה, וואס טוהט זיך מיט געוואלט פערגלייכען צו איינע בהמה, דער צווייטער טעם איז ווייל בייא פיעל דברים בטלים רעדען גייט אויך אן דער איסור פון ליצנות מחמת וואס ער שפעט אוים דעם שכר פון תלמוד תורה, וואס ער העט גיקענט אין דיא צייט עוסק זיין בתורה (היוצא לנו מזה) פון דעם וואס מיר האבען דא גישריבען, דארף זיך דער מענש איין מוסר ארוים צו געמען ממעט צו זיין בדיבור, וויא ווייט נאר מעגליך איז, נאר דיא טייערע מתנה צו בעניטצען לדברים הקדושים, אזו ווירד דאס איהם זיין (לחיי עד) אזו וויא דער פסוק זאגט (מות וחיים ביד לשון) דער טויט אונ דאס לעבען הענגט אן דיא צונג (ומי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע) ווער עס בעגעהרט אן דען רעכטען לעבען, זאל זיין צונג היטען פון בייז רעדען (ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כלכם היום) אמן סלה ועד (ואליכם אישים אקרא) צו אייך יודישע קינדער טוה איך רופען (אחים ורעים צר לי מאוד) עס איז מיר זעהר לייד דאס דער חטא זאל זיין (בעוכריכם) דער גורם פון אייער אונגליק אונ אויך דער גורם צו אזו פיעל צער (לאבינו שבשמים) דער ערבארמיגער פאטער אין הימעל וואס איז מלא רחמים אונ העט גערין משפיע גיוועזען כל טוב צו זיינע קינדער דיא ישראל, נאר אבער דיא חטאים פון אונז איז מעכב (ולכן תנו כבוד לאלהים) זיך צו שטארקען קעגין דעם שטארקען יצר, וואס רייצט דיא מענשען צו רעדען דברים בטלים, אפילו אויך אין דיא צייט וואס מען איז שוין לעהר אונ פרייא פון דעם העמל הפרנסה, דהיינו אן שבת ויו"ט נאר לאזען מיר דיא לעהרע צייט נאך חשיבר האלטען פון אלעם גאלד אונ

זילבער

זילבער, נישט דיא קאסטבארע צייט פערגעהן צו לאזען מיט נארהייטען אדער חלילה בשחוק וקלות ראש, אדער מיט דברים בטלים רעדען ומכש"כ דאס דער חטא פיעל גרעסער איז, ווען עס געשיהט נאך אין איין מקום קדוש, דהיינו אין שוהל אדער ביהמ"ד וואס מען איז מחויב דארט צו שטיין בפחד ומורא מפני כבוד השכינה וואס דארט רוהט, און נישט אויף דען צו קוקען וואס בדור היתום הזה טוהן פיעל מענשען אן דען זעהר מקיל זיין, וואס זענין נוהג קלות ראש אין דעם מקום קדוש, נאר זיך צו שטארקען בכל עוז, זיך צו מאכען פאר איינען רעכטען איסור צו רעדען אין שוהל בדברי חול, רק בלויס תורה ותפלה, און אויך אן שבת ויו"ט זיך קובע צו זיין זיך צו בעשעפטיגען בתורה הקדושה, איין יעדער לויט זיין פערשטאנד, עס קאן אפילו אויך זיין אין דיא יודישע טייטש ספרים, בזכות זה וועלין מיר זוכה זיין צו ערהייבען (לאורחות חיים) (ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כלכם היום):

## דירה

אין פרק אבות האבין מיר גילערנט דאס איינס פון דיא מדות טובות וואס דער מענש דארף זיך צו בעהעפטין איזט (שכן טוב) צו וואנען בייא גוטע שכנים (בעלי תורה ויראה) כדי זיך אנצולערנען פון זייערע מעשים טובים, און זיך זעהר מרחיק צו זיין פון צו וואנען בייא רשעים (כי אוי לרשע אוי לשכנו) אויך דארף מען זיך בוחר צו זיין צו וואנען אין אזו אשטאט וויא עס וואנען אנשי אמת ולומדי תורה אזו ווערד איהם גוט זיין און צו זיינע קינדער, און צו ענטלויפען פון אזו ארט וואס דאס יודישקייט בייא זייא פארגעסין איז, וויל דאס איז געפערליך פיר איהם וויא אויך פיר זיינע קינדער (אוי שכך עלתה בימינו) ווען יעמאנדען שלאכט גייט אין זיין שטאט אזו איזט באלד דער ערשטער פלאן צו פאהרען נאך אמעריקא אדער אויף אנדערע מקומות וואס דאס יודישקייט דארט אין גאנצין אויף געהערט האט, דיא מקומות זענען פיר דעם יוד נאך געפעהרליכר וויא דער גיפט פון דיא שלאנגען וויל עס איז גאר קיין מעגליכקייט דארט איין יוד צו בלייבען, ומכש"כ דאס ארט געפערליך איז פיר דיא קינדער וואס דארט געבוירען ווערין אויף אזו איין ארץ הטמאה, ובאמת קומט דאס נאר מחמת דיא שוואכע אמונה וואס מען האט אן הקב"ה וויל דער וואס גלייבט באמת ובתמים דאס דער בורא ב"ה איזט דער משגיח אויף דיא גאנצע וועלט און נאר ער איז דער ראכטער שפייזער פון אלע בעשעפענישען פון דיא וועלט (ומלא כל הארץ כבודו) זיין כבוד איזט פיעל אויף דיא גאנצע וועלט, עס איז פיר איהם גאר נישט פארהוילען און ער איז דער (כל יכול) אלמעכטיג, דער וואס אן דען אלען גלייבט דעם ווירד בוודאי נישט איינמאהל אויף דיא געדאנקען קומען נאך אמעריקא צו פאהרען וועגין פארמעגן צו זאמלען אדער אפילו וועגין פרנסה צו זוכען וויל דער אלמעכטיגר גאט קען דאך דעם מענשין שפייזען אויף אלע ארטער אויבוואהל דאס מיר

געפינען אין דיא היילינע גמרא שטייט דאס ווען איינעם שלאכט גייט אין זיין שטאט זאל ער פאהרען אין איין אנדרע שטאט, פיליכט ווירד ער דארט עפעס פרנסה האבין, דאס איז אלעס רעכט ווען עס איז נישט דאביא צו בעזארגען דאס מען ווירד נישט אין דיא אנדרע שטאט דארפען אויסצומרעטען פון יודישקייט חלילה, אבער נישט נאך אמעריקא צו פאהרען וואס מען ווייסט געווים דאס עס איז נישט מעגליך דארט צו קענען האלטען דאס יודישקייט אזו גוט פון שבת האלטען וויא אויך פון כשר עסין דאס איז בוודאי נישט געוועזין דיא כוונה פון דיא גמרא הקדושה חלילה וחס פיר פרנסה וועגין זיין נשמה צו פאראומגליקען (לעולמי עד), ווארום זאלען מיר פארגעסין וואס מיר זאגען יעדען טאג אין דיא ק"ש (ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך) מיר זענען פארפליכטעט גאט צו דינען מיט דעם גאנצען הארץ אונ מיט דען גאנצען נפש דאס איז געמיינט זיך צו אפפערן זיין נפש פיר גאטס וועגין אונ אויך מיט דעם גאנצען פארמעגען דאס הייסט אפילו זיין גאנץ פארמעגען אוועק צו געבין כדי נישט עובר צו זיין אויף זיין געבאט, היינט וויא קען מען זיך ערלויבען דארט אויף אזו איין געפעהרליך ארט אהין צו פאהרען, מיין פריינד, לאז דיך נישט רייצען וואס עס טרעפט זיך מאנכעם מאהל וואס מען פאהרט דארט אהין אונ מען טוט ווירקליך פיעל פארמעגען איינזאמלען וועיל דאס פארמעגען איז נישט פיר זיין גוטען, נאר פיר זיין שלאכטקען זיין ווען ער ווער דא אין זיין שטאט אזו איין רשע געווארען וויא דארט אזו וויא עס שטייט (בפרוח רשעים כמו עשב וגו') להשמידם עדי עד) עס העט ער אויך בעגליקט, וועיל דעם ראכטען רשע בעצאהלט דער בעשעפער אלעס אויף דיא וועלט כדי ער זאל גאר נישט האבין עפעס צו פאדערן אויף דעם עולם האמת דען אזו לאנג וואס ער צו הויז איז, ווערד ער דאך נישט אזו איין רשע וויא דארט אין אמעריקא, וועיל צו הויז גייט ער דאך אין שוהל אונ עסט דאך קיין טריפות אונ ווען עס קומען דיא היילינע טעג פון ראש השנה אונ ע"ת ויום כפור, טוהט דאך יעדער עפעס תשובה אזו איז ער דאך נאך נישט אזו איין רשע מפורסם וויא דארט וואס ער איז אין גאנצען פון זיך פורק עול מלכות שמים, פיעל מענשין רעדין זיך איין ווען ער שוין דארט איזט, איזט איהם שוין אללעס ערלויבט צו טוהן גלייך ער וועד שוין אין זיין איינען מאכט אונ ער האט שוין אויף זיך גאר קיין אויפזיכט, קיין שבת האלטען, קיין כשר עסין, קיין דאווענען, קיין תפילין לייגען, אונ נאך אזו ווייטער (הוי' שומים) דאס זאל האבין דעם נאמען בעגליקט, גראד להיפוך דאס קען מען מיט דעם אמתדיגען נאמען רופען פאראומגליקליך וד"ל:

אויך גיבט מאנכע מענשין וואס ווילען זייערע קינדער פרייא מאכען פון מיליטער פפליכט, אזו שיקען זייא אליין זייערע קינדער נאך אמעריקא וואס דאס איז אזו גוט וויא זייא העטין זייערע איינינע קינדער בידים געשמד, דער רמב"ם שרייבט דיא עלטערין וואס טוהן זייערע קינדער אפפיהרען פון יודישקייט, איזט זייער עונש וואס ווערין דן בעולם הבא לדורי דורות, זעהט נאר וויא

פארנארט

פארנארט מען איז אין דיא זאך, דיא כוונה פון דיא עלטערן איז זייערע קינדער מציל צו זיין פון סכנות נפשות דאס זייא זאלין נישט דארפען אין דיא מלחמה צו גיין וואס דאס איז נאר איין ספק סכנות נפשות ווייל ווען דער רצון הבורא איז דאס ער זאל לעבין בלייבען אזו קען אן איהם קיין שווערט אויך קיין שום געוועהר געוועלטיגן, אפילו דאס ער אזו פיעל מאהל אין שלאכט אריין גייט, אזו ווירד איהם דאך גאר נישט געשעהן אונ ווידער דער היפוך ווען ער דארף צו שטארבען אזו קען ער זיך פיר דעם מלאך המות נישט בעהאלטען אפילו אויף זיין גילעגער געפינט ער איהם אויך אונ נאך אלען איז דאך אין פייער צו גיין נאר איין סכנת הגוף דיא עלטערן אבער וואס שיקען זייערע קינדער נאך אמעריקא, אזו טוהן זייא בוודאי זייערע קינדער הרגנען מיתות הגוף ומיתות הנפש, ווייל (רשעים בחייהם נקראים מתים) ולכן וואהל דעם מענש וואס האט דעם ראכטען בטחון אן הקב"ה אונ פארקויפט נישט פיר עולם הזה עולם הבא, (ובזה ישמרידו ד' ולא תאונה עליו שום רע):

## דאגה

(כתיב דאגה בלב איש ישחנה) ווען עס פאלט פאר איין מענש זארג אין הארץ זאל ער וועהן דיא זארג צו פארטרייבן פון זיך ווייל דאס איז איהם גורם כמה רעות ר"ל ובאמת געפינט מען נאר דאגה בייא זאלכע מענשין וואס זענען פון דיא (קטנה אמונה) וואס גלובען גאנץ וועניג אן השגחות השם-ב"ה, אויך בייא זאלכע מענשען וואס זענען מלא מתאות העולם הזה, אונ האלטען דעם עולם הזה פאר דעם עיקר אונ אויך בייא זאלכע מענשען וואס לעהר זענין פון חכמה, מען האט איינמאהל גיפרעגט איין חכם פאר וואס ער קיין מאהל בעזארגט איז, האט ער גיענפערט אויף וואס זאל איך זארגען ? וועגען אזו אזאך וואס איז שוין גישעהן דארף איך בוודאי נישט צו זארגען, ווייל עס זייא דאס דיא פארגאנגענע צייט פערשטראכטען ווארט מיט לויטער פרייד אונ מיט תענוגי עוה"ז, אדער להיפך מיט צער דאס איז אלעם שוין איינם מען זאגט, וואס גישעהן ווארט איז שוין גישעהן, איז עס אבער אזו אזאך וואס ערשט קומען זאל, איזט קיין אורזאך זיך דאריבער מצער צו זיין, קאן איך מיך פון דען אונגליק היטען, אזו טוא איך אלעם וואס נאר מעגליך איז, כדי פון דעם צער ניצול צו ווערען, איז עס אזו אזאך וואס איך קאן מיך דאפון נישט היטען, אזו בעלייג איך מיר, וואס ווערד מיר דען העלפען דיא פיעל דאגות אונ זארג, וועל איך דען מיר עפעס בעסער מאכען מיט דעם זארגען אונ נאכדענקען, צו וואס זאל איך ליידען דאפעלט צער, דער צער פון דיא צרה, אונ דער צער פון דען פיעל זארגען, אזו זאג איך בעסער (בידו אפקיד רוחי) איך טוא מיך אין זיין האנד איבערגעבען, אונ וויל אלעם מקבל זיין פון זיין ליבען נאמען, ווען עס איהם ליב איז אזו דארף עס בייא מיר אויך געליבט צו זיין, דאן בעקלעהר איך מיר (הלא אין דבר רע יורד מן שמים) פון איהם

קומט

קומט דאך קיין שום שלעכץ (רק הכל לטובת האדם) און אפילו וואס דער מענש האלט פאר דען גרעסטען אונגליק, איז עס נאך פיעל מאהל גראד להיפוך פיר זיין גוטען. אויך קומען פיעל מאהל יסורין אויף אמענש כדי מיט דעם איהם פרייא צו מאכען פון איין שווערען עונש וואס איז נגזר געווארען אויף איהם, אדער אויף איינעם פון זיין בני הבית, צום ביישפיל, איין מענש שולדיג געווארען דעם טויט, האט איהם דער מלך איינינע שלעק גילאזט געבין כדי איהם דאדורך פרייא צו מאכען פון טויט, דער מענש דארף דאך דעם מלך זעהר דאנקבאר צו זיין און עס מקבל צו זיין בשמחה רבה, דאס זעלבע איזט אויך ביי אזו אמענש וואס עס קומען אויף איהם יסורים, דארף ער דעם בורא עולם צו דאנקען, דאס געוויס איז עס לטובתו, כדי איהם פרייא צו מאכען פון אנדערען עונש, אדער אכפרה איבער זיינע עונות, קורץ דאס דארף מען צו גלייבען וואר האפטיג, דאס דער ליבער פאטער אין הימעל איז מעהר ערבארמיגער אויף דעם מענש וויא זיין אייגענער פאטער, ולכן איזט דאס בעסטע אויף אלעם צו זאגען, ווען עס אזו גיפעלט מיין בעשעפער, אזו דארף עס מיר אויך צו גיפעלין (ד׳ אמת ומשפטו אמת) גאט איז אמת, און זיין משפט איז אמת, אזו דארפען מיר אלעם מקבל צו זיין באהבה ובשמחה:

## אות ה הילול

דוד המלך ע״ה האט גישריבען (יהללוך ד׳ כל מעשיך) אלע בעשעפענישען זענין מחויב צו לויבען הקב״ה, ובפרט אז מען האט בעזר השם מרויח גיוועזין, דארף מען תיכף דעם בורא עולם דאפיר צו דאנקען און צו ערקענין דאס, דאס איז גיוועזין בהשגחת השם יתברך און אפילו ווען עס קומען אויף איין מענש יסורין, דארף מען אויך צו דאנקען דעם בעשעפער וועגין צווייא טעמים, איינס ווייל דאס איז איין בעוויז דאס דער בעשעפער טוהט אויף איהם השגחה געבין און שטראפט איהם, אזו וויא איין פאטער זיין קינד, כדי איהם צו ערמאנען תשובה צו טוהן, און דער צווייטער טעם איז, דאס געוויס ווערד ער האבען דורך דיא יסורים כפרות עונות, און ער ווירד דורך זייא פרייא ווערין פון דיא גרויסע עונשים לעוה״ב, מען זאל גיוואהרנט זיין זיך זעלבסט נישט צו לויבען, הן מיט צדקה געבין והן מיט אנדערע מעשים טובים, אזו וויא דער פסוק זאגט (יהללך זר ולא פיך) ומכש״כ דאס עס איז איין איסור זיך צו לויבען מיט פאלטשע גאב. עס איז איינע מצוה צו לויבען דיא גוטע מעשים פון דיא צדיקים פאר זיין בני הבית, כדי זייא זאלען זיך אפ לערנין אויך אזו צו פיהרען:

## הקפדה

הקפדה איז זעהר איינע מדה רעה, דאס שפראצט ארויס פון דיא שלעכטע מדה של גאוה, אזו אמענש וואס איז אויף אלעם מקפיד און קיין

זאך

זאך איז איהם רעכט (חייו אינם חיים) זיין לעבען הייסט נישט געלעבט, ווייל אלעם איז איהם נישט רעכט און פון יעדע זאך האט ער עגמת נפש, און ווייא איינער רעט צו איהם געפינט ער זיך בעליידיגט און אלעם איז נישט לפי כבודו, און ממילא פון דיא מדה רעה שפראצט ארויס נאך אנדערע מדות רעות, דהיינו שנאה, ומחלוקת, און לשון הרע, איבער דעם דארף מען זיך פון דיא מדה רעה זעהר צו היטען. אזוי איין מענש וואס איז אויף אלעם מקפיד, טוהט מען אין הימעל אויף איהם אויך מקפיד זיין, אויף יעדע עבירה בעזונדער און מען שטראפט איהם איבער יעדען פעהלער. און אזוי אמענש אבער וואס איז איין (מעביר על מדותיו) וואס איז אויף קיין זאך מקפיד און לאזט זיך אלעם גיפאלען, טוהט מען מיט איהם אין הימעל אויך נישט מקפיד זיין, נאר מען איז איהם (מעביר על עונותיו) : (מדה כנגד מדה) אויב וואהל דאס דיא צווייא מדות פון הקפדה, און עניוות, איזט אין מעהרסטענס טייל אנגעבארען, בייא דעם מענש און עס איז זעהר שווער איין נאטור צו ענדערען (אעפ"כ) צו דאך האט יעדער מענש אין כח אלע זיינע שלעכטע מדות אויסצובעסערען, און זיך איינגען צו מאכען מדות טובות, ווען נאר ער וויל, און דאס בעסטע מיטעל צו דעם איז, עפטערס צו לערנען אין דיא ספרי מוסר ווייל נאר דורך דיא מוסר ספרים קאן זיך דער מענש אויסבעסערין, און שטאטס מדות רעות זיך צו געוויינען במדות טובות, ויותר נאך מעהר דארף מען גיווארענט צו זיין פון (הקפדות על אשתו ובני ביתו) זיך נישט עפטערס צו בייזערען אויף זיין בני הבית, וויא אויך נישט אויף זיין ווייב און אויף זיינע משרתים, ווייל דער יצר טוהט דעם מענש אויף זאלכעם זעהר רייצען, אויף זייא באלד צארניג צו ווערען, ווען איינער פון זיין בני הבית. ומכש"כ זיינע משרתים טוהן עפעס קעגין זיין רצון, ער רעט איהם איין, איך מוז מיך פיר איירענט וועגין פלאגען און שווער ארבייטען, אייך אלעם צו בעזארגען, און ווארום זאלט איהר מיך נישט בכבוד האלטען, איבערדעם פיר דעם קלענסטען פעהלער ווערד ער אויף זייא צארניג און ווארפט אויף זייא גרויס פארכט, וואס דאס קאן ברענגען צו גרויסע מכשולים כידוע, איבער דעם מיין פריינד לאז דיך נישט פיהרען פון דעם יצר, נאר פיהר דיך אזוי וויא דיא היילינע תורה לערינט אונז צו זיין איין עניו קעגין יעדען מענש אפילו אויך קעגין דיין בני הבית און דיינע משרתים. מען דארף זיך צו איבערלייגין פארוואר איך בין דאך נאר איין ילוד אשה, פונקט אזוי וויא מיינע משרתים, ווען מיין מזל איז גורם דאס איך זאל האבען איבער זייא צו שאפען און זייא זאלען מיר אונטער טעניג זיין, צו פארט קאן זיין, דאס זייא זענין מעהר חשוב בייא הקב"ה פון מיר, אויך קאן זיך דער מענש פון זייא אגרויס מוסר ארויס נעהמען, זיך צו איבער קלערען ווען זייא זענין מחויב מיך בכבוד צו האלטען און מיין רצון צו טוהן, ווייל זייא טוהן פון מיר עפעס טובות מקבל זיין, היינט וויא פיעל בין איך נאך מחויב מכבד צו זיין און צו טוהן דען רצון פון מיין בעשעפער, וואס ער האט מיט מיר פארגעלטינט טובות (עד אין חקר) פון מיין יוגענד אן ביז אצונד און וויא

פיעל

פיעל מאהל האב איך איהם נאך ערצארנט מיט מיינע שלעכטע מעשים און ווען חלילה דער בעשעפער העט מיר אזו בעצאהלט לויט מיינע מעשים, העט איך בודאי קיין קיום געהאט אויף איין רגע, הייגט ווען דער בורא עולם טוהט קענין מיר נישט שטארק מקפיד זיין, אזו דארף איך בודאי נישט מקפיד צו זיין קעגין מיינע משרתים, וואס זענין דיא זעלבע מענשען וואס איך בין, מיט זאלבע אויף קלעהדונג און טענות קאן מען לייכט מבטל זיין דיא טענות פון יצר און אויך זיך דיא שלעכטע מדה פון קפדנות אויסצובעסערן צו זיין אי (מעביר על מדותיו) כדי צו זיין (אהוב למעלה ונחמד למטה):

## התבודדות

התבודדות הייסט, אז מען איז גאנץ אליין אין איין חדר, און מען רעט צום בורא עולם בדברי תחנונים, אזו ווי איין קנעכט צו זיין הער און מען איז מתפלל וועגין זיינע עונות ופשעים און אויך זיין בעשעפער צו לויבען מיט דיא שבחים פון תהלים און מען טוהט פארגיסען זיין הארץ פאר זיין בעשעפער מיט גרוים ליבשאפט, צו דען אלעם איז גוט, אז מען איז גאנץ אליין און מען ווערד נישט מבולבל פון אנדערע מענשען, אז אז מען ווערד נישט צו קומען לידי גאוה, נאר אלעם צו טוהן לש"ש, און אז מען האט נישט מעהר ווי איין חדר וואס דאס בני הבית דארט איז, איז גוט אייף צו שטיין איינינע שעה פארטאגס, ווען דאס בני הבית נאך שלאפט, כדי צו קענין דינען דעם בורא עולם בהתבודדות, ווייל איין שעה וואס מען לערענט, אדער מען איז מתפלל בהתבודדות, האט מעהר אין ווערט פון איין גאנצען טאג אן התבודדות, ולכן וואהל דעם מענש וואס איז דאס מקיים (אז קדוש יאמר לו):

# תם ונשלם חלק ראשון

ספר

# פֶּלֶא יוֹעֵץ

## מן אות ה עד אות ח

דָאס סֵפֶר אִיז נֶעֱתַק גֶעוָוארִין אוֹיס דֶעם סֵפֶר פֶּלֶא יוֹעֵץ אוּנְד
אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע סִפְרֵי מוּסָר אוֹיף עִבְרִי דַייטְשׁ כְּדֵי לְזַכּוֹת
אֶת הָרַבִּים, וְכִשְׁמוֹ כֵּן הוּא, דָאס סֵפֶר טוּהְט ווּנְדֶערְלִיכֶע
עֵצוֹת גֶעבֶּען ווִיא דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ פִיהְרֶען גֶעגֶען דֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטֶען, אוּנְד אוֹיךְ גֶעגֶען דִיא מֶענְשֶׁען. אוּנְד דֶער וָואס
וֶועט אוֹיס דֶעם סֵפֶר לֶערְנֶען, דֶער וֶועט זִיךְ בְּוַדַּאי קוֹנֶה
שְׁלֵמוּת זַיין, וַיִּמְצָא חֵן בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם.

נעתק ע"י הרבני ה"ה יצחק האמבורגער נ"י מק"ק קראקא.

הובא לביה"ד ע"י ה"ה אברהם שטראם מבריגל.

הרוצה להשיג ספר הלז ידרוש בבית מסחר הספרים
של האשה דבורה שטראם בטארנא.

## חלק שני


# קראקא

בדפוסו של יוסף פישער (גראָדגאססע נו' 62).

שנת תרנ"ו לפ"ק.

# הסכמת

## הרב הגאון הגדול המפורסם בדורו רשכבה"ג מרן שמעון בהגאון מהר"ם סופר אבד"ק קראקא.

חזיתי איש מהיר במלאכתו מלאכת שמים ה"ה הרבני התורני הנעלה ירא וחרד אל דבר ה' מו"ה יצחק איטשה האמבורגער מתושבי קהלתנו ק"ק קראקא, ולבו לשמים לזכות את הרבים יגע וטרח להעתיק את הספר הנחמד פלא יועץ ללשון אשכנז ההמוני והראה לפני חלק הראשון והוסיף בכמה מקומות שושנים שלו מספרי מוסר יקרים ונחמדים וברכתי ברכת הנהנין כי לבי שמח בספר הזה מאוד שכבר עלה בדעתי מי יתן לי מעתיק ספר זה ללשון אשכנז לזכות בו את הרבים שאינם בקיאים בלה"ק. אשרי כל התומכו ומסייעו להרבני מו"ה יצחק נ"י להוציא מחשבתו הטובה מכח אל הפועל, להפיץ יראת שמים וטהרה בישראל יהי חלקי עמו.

הכ"ד פה ק"ק קראקא יום ו' עש"ק כ' לספירת העומר תרל"ג „קומי אורי כי בא אורך" לפ"ק.

הק' **שמעון** בהגאון **מהר"ם סופר** אבד"ק הנ"ל יע"א.

---

## אזהרה!

זאת לדעת כי הספר פלא יועץ על העתקת ע"ט קניתי מאת בעל המעתיק בכסף מלא וקנין כספי הוא. והלילה לשום אדם להשיג גבולי הן ע"י עצמו או ע"י גירי דילי' ולא סגי לי' דליקו בארור, גם עפ"י נימוסי הקיר"ה ענוש יענש, ובני ישראל לא נחשדו וכו'.

**דברי המביא לביה"ד.**

# הכנה לשבת

עס איז איינע מצוה מכין צו זיין לכבוד שבת, אזו וויא מיר געפינען ביא כמה גדולי הדור, וואס האבין זעלבסט עפעס מכין געוועזין לכבוד שבת, אפילו דאס מען האט אין הויז משרתים צו פארט איז איין מצוה עפעס אויך איין זאך אליין מכין צו זיין לכבוד שבת דהיינו דיא צימער צו ריינינגען, דיא לאמפען אונ דיא ליכט צו צוריכטען, דיא מעסער צו שלייפען וכדומה, וואס מעהר מען טהוט זיך בעמיהען לכבוד שבת איז דער שכר גרעסער, עס איז גוט ביא יעדע זאך צו זאגען דאס טוה איך לכבוד שבת:

אויף דעם פסוק (בכל דרכיך דעהו), האבין דיא חכמים דעם פשט געזאגט, דאס אלע דיינע מעשים זאלין נאר געטוהן ווערין לש"ש וועגין, אונ ווער דוא מיין פריינד ווילסט וויסען וויא אזו איז דאס געמאהלט אללעם צו טוהן פיר גאטס וועגין, אזו וועלין מיר דאס דאזיגע דיר פארשטיין געבין מיר וועלין אין דעם מאריך זיין, ווייל דאס דאזיגע איז איין שורש גדול לעבודת הבורא ראשית, גלייך ביים אויף וואכען פון שלאף זאל מען תיכף זאגען (מודה אני לפניך מלך חי וקיים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתיך), מען זאל דעם בורא עולם אמתדיג דאנקען פיר דעם וואס ער האט מיר דאס לעבין געגעבין, איהם צו קענען דינען אונ תיכף וויא מען נאר אויף שטייט זאל מען זיך אין דיא געדאנקען געמען, אדער עס ארויעס צו רעדין דיא ווארטער, איך גלייב באמונה שלימה, דאס דוא ביזט דער איינציגער בעשעפער פון דיא גאנצע וועלט, אונ דוא ביזט דער משגיח פון דיא גאנצע וועלט, עס איז פון דיר גאר נישט פארהוילען, איך גלייב באמונה שלימה אן דיא תורה הקדושה דאס זיא איזט אמת, אונ איך בין אויף מיר מקבל מקיים צו זיין וואס דיא תורה הקדושה האט געבאטען צו טוהן אונ אויך נישט עובר צו זיין וואס דיא היילינע תורה פארבאטען האט נישט צו טוהן, אין זיך צו שטארקען בקיין אופן נישט צו צולאזען מחשבות בטלים, ומכש"כ מחשבות רעות ר"ל נאר צו טראכטען דעם סוף פון יעדען מענש, אונ צו וועלכען תכלית איז דער מענש בעשאפען געווארען, אויף דיא וועלט נאר כדי צו טוהן דעם רצון הבורא ולכן זאל מען אויף זיך מקבל זיין, איך וויל מיך שטארקען קעגין דעם יצר זיך צו היטען דען גאנצען טאג פון עבירות אונ גאט צו דינען בכל לב ונפש וזה כלל גדול קיין שום זאך צו טוהן אנאיבערלייגט, נאר קודם יעדע מעשה וואס מען וויל טוהן זאל מען מחשב זיין, וואס וויל איך אצונד טוהן, דהיינו פאר דיא הענד וואשען זאלסט זאגען איך וויל מקיים זיין דיא מצוה פון נטילת ידים כדי צו טוהן דעם רצון הבורא, פאר דעם פנים וואשען זאלסט זאגען איך וויל מיך אפוואשען כדי צו טוהן דעם רצון הבורא (ווייל בצלם אלהים עשה את האדם), אונ דער גוף איז איין מלבוש צו דיא נשמה, איבערדעם איז דאס איין מצוה דאס דער גוף זאל ריין זיין, כדי מיין בעשעפער צו דינען מיט איינעם ריינעם גוף, פאר דיא שוהל גיין, זאלסט זאגען איך וויל אין שוהל גיין כדי מיין בעשעפער צו דינען, אונ איי מען הייבט אן צו דאווענען זאלסט זאגען

(הֲרֵינִי מְזֻמָּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי), אֵיי מֶען הֵייבְּט אָן ק"ש צוּ זָאגֶען זָאל מֶען מְחַשֵּׁב זַיין אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת ק"ש, אוֹיךְ קוֹדֶם שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מְחַשֵּׁב צוּ זַיין, אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה פוּן (וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם), דוּא זָאלְסְט אִיהְם דִינֶען מִיט דֶען גַאנְצֶען הַארְץ אִיז דָאס גֶעמֵיינְט מִיט דִיא תְּפִלָּה, נָאךְ דֶעם דַאוֶועגֶען אֵיי מֶען פַאנְגְט אַן עֶפֶּעס תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגֶען אִיךְ ווִיל אַצוּנְד מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, כְּדֵי צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא, אוֹיךְ פַאר דֶעם וַואשֶׁען צוּ יֶעדֶען עֶסִין זָאל מֶען זָאגֶען אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת נְטִילַת יָדַיִם אַזוֹ ווִיא דִיא חֲכָמִים ז"ל הָאבִּין גֶעבָּאטֶען אִיבֶּערְהוֹיפְּט נִישְׁט צוּ פַארְפֶעהְלֶען צוּ זָאגֶען פַאר יֶעדֶען עֶסִין אִיךְ ווִיל אַצוּנְד עֶסִין כְּדֵי אִיךְ זָאל כֹּחַ הָאבִּין דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם צוּ דִינֶען, אוּן קוֹדֶם בִּרְכַּת הַמָּזוֹן צוּ זָאגֶען אִיךְ ווִיל מְקַיֵּים זַיין אֵיין מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה (וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ וכו'), ווִידֶער אַז מֶען גֵייט עוֹסֵק זַיין בְּמו"מ אָדֶער אִין אֵיין מְלָאכָה זָאל מֶען פְּרִיעֶר זָאגֶען אִיךְ ווִיל עוֹסֵק זַיין בְּמַשָּׂא וּמַתָּן כְּדֵי מִיךְ מְפַרְנֵס צוּ זַיין מִיט בְּנֵי הַבַּיִת בְּהֶיתֵּר וְלֹא בְּאִיסוּר, אַזוֹ ווִיא גָאט הָאט גֶעבָּאטֶען (שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבוֹד וכו') אוֹיךְ אַזוֹ ווִיא עֶס שְׁטֵייט (וּבֵרַכְךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה), אוֹיךְ פַאר דֶעם שְׁלָאפֶען גֵיין צוּ זָאגֶען אִיךְ ווִיל מִיךְ שְׁלָאפֶען לֵייגֶען כְּדֵי מִיךְ אוֹיסצוּרוּהֶען אִיךְ זָאל קֶענֶען מֵיין בֶּעשֶׁעפֶער דִינֶען, וְעַתָּה, אַצוּנְד מֵיין פְרֵיינְד, זֶעהֶע אוּן בֶּעטְרַאכְטֶע גוּט ווָאס מִיר הָאבִּין דָא גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף ווָאס פִיר אֵיין אוֹפֶן מֶעגְלִיךְ אִיז דֶעם בֶּעשֶׁעפֶער צוּ דִינֶען דֶעם גַאנְצֶען טָאג, אֲפִילוּ אוֹיךְ בְּשַׁעַת דֶעם עֶסִין אוּן שְׁלָאפֶען אוּן הַאנְדְלֶען, אוּן דָאס אַלֶעס ווָאס מִיר הָאבֶּען דָא גֶעשְׁרִיבֶּען הָאבִּין אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים כּוֹלֵל גֶעוֶועזִין אִין פִינְף ווַארְטֶער דְהַיְינוּ ווָאס הָאבִּין גֶעשְׁרִיבֶּען (וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם) אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דִיא כַּוָּונָה פוּן דֶעם פָּסוּק (בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ):

אָבֶּער נָאךְ אֵיין זַאךְ דַארְפֶען מִיר אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּ מַאכֶען דָאס ווָאס מִיר הָאבֶּען דָא גֶעשְׁרִיבֶּען פַאר יֶעדֶע זַאךְ צוּ זָאגֶען דָאס טוּה אִיךְ פַאר גָאטְס ווֶעגִין זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען דָאס מִיט דֶען בְּלוֹיסֶען רֶעדִין אִיז מֶען שׁוֹין יוֹצֵא, נָאר מֶען מוּז זֶעהְן דָאס זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלִין נִישְׁט אָבְלֵייקֶנֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע רֵייד צוּם בֵּייאשְׁפִּיעל ווֶען דוּא זָאגְסְט פַאר דֶען עֶסִין אִיךְ ווִיל עֶסִין כְּדֵי כֹּחַ צוּ הָאבֶּן מֵיין בֶּעשֶׁעפֶער צוּ דִינֶען אַזוֹ מוּזְט דִיךְ הִיטֶען פוּן (אֲכִילָה גַּסָּה) נִישְׁט צוּ פִיעל צוּ עֶסִין אוֹיךְ נִישְׁט צוּ פִיעל צוּ טְרִינְקֶען ווָאס דָאס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְד צוּם גוּף דָאס זֶעלְבֶּע אִיזְט אוֹיךְ בַּייא מַשָּׂא וּמַתָּן ווִירְקְלִיךְ אֶמֶתְדִיג צוּ הַאנְדְלֶען אוּן קֵיינֶעם צוּ בֶּעטְרִיגֶען אוּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּ פִיעל צוּ אַרְבֵּייטֶען, נָאר צוּ הָאבֶּען דֶעם בִּטָּחוֹן אַן הקב"ה דָאס עֶר קֶען מְפַרְנֵס זַיין אוֹיךְ מִיט ווֶענִיג אַרְבֵּייטֶען כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען קוֹבֵעַ זַיין יֶעדֶען טָאג צוּם לֶערְנֶען ווַייל ווֶען דוּא זָאגְסְט בַּייא יֶעדֶע זַאךְ כְּדֵי צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא, אַזוֹ מוּז מֶען זֶעהְן נִישְׁט צוּ טוּהְן זָאלְכֶעם ווָאס אִיז קֶעגִין דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא:

(וְעַתָּה בָּנִים) אַצוּנְד לִיעבֶּע קִינְדֶער ווֶען אִיהְר ווִילְט אוֹיף אֵייעֶר נְשָׁמָה רַחֲמָנוּת הָאבִּין אַזוֹ זָאלְט אִיהְר דֶעם דָאזִיגְען סִימָן עֶפְּטֶערְס אִיבֶּער חַזְרְן, ווייל

דאס

דאס איז זעהר נייטיג צו וויסען, אונ אן דען איז נכלל זעהר פיעל יודישקייט (והרגל נעשה טבע), אם כה תעשה וצוך אלהים ויכלת עמוד:

## ההבטחה

דיא מדה טובה פון בטחון, צו האבען דעם אמתדיגען בטחון אן הקב"ה איזט מעהר חשוב פון אנדערע מדות טובות ווייל דאס ברענגט (לגוף שמחה ולנפש מנוחה), דער גוף איז דאדורך אללע מאהל בשמחה, אונ זיין נשמה במנוחה), אונ וואס דאס הייסט בטחון זענען זיך פיעל מענשין טועה, זאלסט נישט מיינען דאס בטחון הייסט, אז מען פארזיכערט זיך אן הקב"ה דאס ער וועט איהם אללעס גוטעס געבין אונ עס וועט איהם גאר נישט פעהלין, אונ עס ווירד איהם גאר קיין שלאכטעס טרעפין, ניין, נישט דאס הייסט בטחון ווייל מיר זעהן דאך דאס אפילו גראסע צדיקים גייט עס אויך נישט אויף דיא וועלט וויא אם בעסטען, ווייל דאס ענין פון עולם הזה וועגט זיך נישט אן בטחון נאר עס זענען בייא דעם פיעל אנדערע זאכען וואס דאצו גורם איז, נאר דער אמתדיגער בטחון הייסט זיך צו פארזיכערן (בשם השם) דאס דיא גאנצע וועלט ווירד נאר געפירט מיט זיין השגחה, רייך אונ ארים צו ווערין וועגט זיך גאר נישט אן דען מענש, וויא אויך געזונד, אונ רוהיגעס לעבין אונ ווידער דער היפוך דאס אלעס איזט נאר אין דיא האנד פון הקב"ה, אונ מען זאל גלייבען באמונה שלימה דאס פון איהם קומט קיין שלאכטס, אפילו וואס דער מענש האלט פאר דעם גרעסטען אנגליק איז עס אויך נאך לטובת האדם, ווייל נאר דער בורא ב"ה וואס האט אלעס בעשאפען כרצונו, ווייסט וואס פאר איין יעדען גוט איז, איינעם איז גוט צו געבין כל טוב אונ פיר איין אנדערן איז ווידער גוט גראד להיפוך צו לעבין בחיי צער, ווייל נאר הקב"ה וואס ווייס אלע נאטורען פון דיא מענשין ווייסט דאס דער דאזיגער אז ער ווירד האבין עשירות אונ אלעס גוטס אזו ווירד איהם דאס געלד אבפירען אין גאנצין פון גאטס דינסט, אונ עס העט איהם נאך גורם געוועזין אויף פיעל עבירות עובר צו זיין, היינט איז נאך דאס פאר איהם איין גרויס חסד וואס מען האט איהם קיין עשירות געגעבין, ווידער איז פארהאנדען וואס מען וויל איהם מיט פליים נישט לאזין געניסען דיא תענוגי עוה"ז, כדי זיין שכר זאל איהם בלייבען אין גאנצין בעוה"ב, אויך כדי דיא יסורים פון עוה"ז זאלין איהם פרייא מאכען פון דיא יסורי עוה"ב, וואס בוודאי פיעל אונ פיעל גרעסער איז, עס ווערט געברענגט דאס דיא רשעים אין גיהנם זיפצען אונ שרייען הלוואי דאס מיר העטין בעסער געליטען אללע יסורים בעוה"ז כדי דאס מיר ווערין פרייא געוועזען פון דען פינצטערן גיהנם, דאס זעלבע איז אויך מיט דעם ארימקייט פאר איינעם איז עס לטובה, אונ ווידער פיר איין אנדערן זעהר נישט גוט, ווייל דאס ארימקייט העט איהם געמאכט אין גאנצין אבפיהרען פון גאטס דינסט, ווייל דאס העט איהם געברענגט לידי גניבה ורציחה, וכדומה צו אנדערע גראסע עבירות, דאס זעלבע איז אויך פאר איינעם איז יוא גוט קינדער צו האבין, אין פיר דעם אנדרן זעהר נישט גוט מחמת וואס נייא ווערין אלע דיא גרויסע פושעים וואס העטין

חוטא

חוֹטֵא וּמַחְטִיא הָרַבִּים גֶעוֶועזְן, קוּרְץ דֶער בּוֹרֵא ב"ה וָואס אַלְם בֶּעשַׁאפֶען הָאט כִּרְצוֹנוֹ, נָאר עֶר אִיז דֶער (בּוֹחֵן לִבּוֹת) וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּן פְּרִיבְט אַלֶע הַארְצֶער פוּן דִיא מֶענְשִׁין אוּן נָאר עֶר וֵויים וָואס פַאר אֵיין יֶעדֶן גוּט אוּן רַאכְט אִיז, אוּן דָאס זָאל מֶען גְלוֹיבֶּען אֶמֶתְדִיג דָאס אַלֶע זֵיינֶע הִתְנַהֲגוּת מִיט דִיא מֶענְשִׁין אִיז נָאר לְטוֹבַת הָאָדָם, פוּן אִיהְם קוּמְט גָאר קֵיין שְׁלַאכְץ רַק גוּטְץ, נָאר דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז נָאר פוּן בְּלוּט אוּן פְלֵייש פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִיא הִתְנַהֲגוּת הַבּוֹרֵא, אַזוֹ הַאלְט מֶען דָאס גוּטֶע פִיר שְׁלַאכְטְץ אוּן דָאס שְׁלַאכְטֶע פִיר גוּטְס, וְלָכֵן וואהְל דֶעם וָואס הָאט דֶעם אֶמֶתְדִיגֶן בִּטָּחוֹן אַן הקב"ה אַלֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין (בְּשִׂמְחָה וּבְסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת), צוּ זָאגֶען וֶוען עֶס אִיהְם אַזוֹ גֶעפֶעלְט אַזוֹ דַארְף עֶס מִיר בְּוַודַּאי צוּ גֶעפֶעלִין (וְלֹא יִדְחוֹק אֶת הַשָּׁעָה), מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלִין מִיט גֶעוַואלְט פַארְשְׁטוֹיסֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע צֵייט אוּן אוֹיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ פִיעל דַארִיבֶּר מְצַעֵר צוּ זַיין, נָאר צוּ גְלֵייבֶּען (בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה שֶׁהַכֹּל בִּידֵי שָׁמַיִם) אַלֶעם וָואס טְרֶעפְט דִיא מֶענְשִׁין קוּמְט אַלֶעם פוּן אִיהְם, אוּן אַלֶעם אִיזְט לְטוֹבַת הָאָדָם, אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבִּין דֶעם בִּטָּחוֹן אַן הקב"ה דָאס נִישְׁט דָאס פִיעל אַרְבֵּייטֶען אוּן פְרִיה אוֹיפְשְׁטֵיין בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה אוּן פַּרְנָסָה (כִּי אֵין מַעְצוֹר לַה' לְהוֹשִׁיעַ בְּרָב אוֹ בִּמְעַט), עֶס הַאלְט אִיהְם נִישְׁט צוּרִיק פוּן צוּ הֶעלְפֶן פִיעל אָדֶער וֶוענִיג אַרְבֵּייטֶען וֶוען דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא אִיז אֵיין מֶענְשׁ צוּ הֶעלְפֶען אַזוֹ דַארְף עֶר נִישְׁט דַאצוּ צוּ פִיעל צוּ אַרְבֵּייטֶען דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ וֶוען דִיא גְזֵירָה אִיז אֵיין מֶענְשׁ צוּ שְׁטְרָאפֶען אַזוֹ הֶעלְפְט אִיהְם קֵיין שׁוּם הִתְחַכְּמוּת נָאר דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא מוּז גֶעשֶׁעהְן:

אוֹיךְ אִיז מֵעִיקַּר הַבִּטָּחוֹן זִיךְ נִישְׁט צוּ פֶערְזִיכֶערְן אַן אֵיין מֶענְשׁ, אוֹיךְ נִישְׁט פִיעל מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף אֵיין מֶענְשׁ וֵוייל עֶר הָאט אִיהְם שְׁלַאכְץ גֶעטוּהְן, וֵוייל מֶען דַארְף צוּ גְלֵייבֶּען דָאס אַלֶעם וָואס פִּיעגְט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דִיא וֶועלְט אִיזְט אַלֶעם בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטוּת פוּן הקב"ה אוּן אֵיין מֶענְשׁ קֶען נִישְׁט דֶעם אַנְדֶערְן שְׁלֶעכְץ טוּהְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דַאבֵּייא דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא אֲפִילוּ דָאס אַלֶע מֶענְשִׁין פוּן דִיא וֶועלְט וֶועלִין זִיךְ שְׁטֶעלִין אוֹיף אַוָואנְשָׁאהְל, אוּן זֵייעֶר רָצוֹן וֶוערְד זַיין אֵיינֶעם גוּטְס אָדֶער שְׁלַאכְטְץ צוּ טוּהְן אִין דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא ווירְד זַיין אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע וָואנְשָׁאהְל אַזוֹ ווירְד בְּוַודַּאי דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא (מַכְרִיעַ זַיין) אִיבֶּערְוֶועגִין (כִּי מִי יֹאמַר לוֹ מַה תַּעֲשֶׂה) וֶוער קֶען אִיהְם אָבְּפְּרֶעגִין וָואס טְהוּסְט דוּא, דֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט דֶעם אֶמֶתְדִיגֶן בִּטָּחוֹן דֶער טְהוּט בְּוַודַּאי קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ חַנְפֶּן אוּן טְהוּט זִיךְ נִישְׁט צוּ פִיעל בֶּעמִיהֶען דֵייךְ צוּ וֶוערִין, נָאר עֶר וֶוערְד זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין (עִתִּים לַתּוֹרָה) יֶעדֶן טָאג תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען, וֵוייל עֶר וֵויים גוּט דַאס ווירְד אִיהְם נִישְׁט הֶיזֶק מַאכֶען צוּ דִיא פַּרְנָסָה מִיר הָאבִּין פוּן דֶען עִנְיָן בִּטָּחוֹן גָאר אֵיין קִיצוּר גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס אִיבֶּרִיגֶע ווירְסְט פִינְדֶען אִין דִיא סִפְרֵי מוּסָר (אַשְׁרֵי אָדָם שׁוֹקֵד עֲלֵיהֶם) וואהְל דֶעם מֶענְשׁ וָואס טְהוּט עֶפְּטֶערְס אוֹיס זֵייא לֶערְנֶען אַזוֹ ווירְד דָאס אִיהְם בְּרֶענְגֶען (לְכָל הַטּוֹב אָמֵן סֶלָה וָעֶד):

## הידור מצוה

אויף דֶעם פָּסוּק (זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ) הָאבֶּען דיא חֲכָמִים גִידַרְשֶׁנְ'ט, עֶס אִיז אֵיין חִיּוּב צוּ בֶּעשֵׁיינֶען דיא מִצְוֹת מִיט אַלֶען שֶׁענְסְטֶען אוּנ בֶּעסְטֶען, דְהַיְינוּ צוּ הָאבֶּען שֵׁיינֶע תְּפִילִין גִימַאכְט פוּן אֵיין סוֹפֵר מוּמְחֶה אוּנ אוֹיךְ יְרֵא שָׁמַיִם, אוֹיךְ דֶער טַלִית שֶׁל מִצְוָה זָאל אַלֶע מָאהְל רֵיין זַיין אִין אָנְצוּמַאכֶען דיא שֶׁענְסְטֶע אוּנ בֶּעסְטֶע צִיצִית, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּייא יֶעדֶע מִצְוָה דְהַיְינוּ סוּכָּה וְלוּלָב סְפָרִים צוּם לֶערְנֶין דַארְף מֶען צוּ זֶעהְן אַלֶעס צוּ טוּהְן אִים שֶׁענְסְטֶען אוּנ בֶּעסְטֶען, אִיבֶּער אַלֶען דַארְף מֶען גִיוָאהְרְנְט צוּ זַיין אַן דיא מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף יֶעדֶען טָאג מְקַיֵּים צוּ זַיין, דְהַיְינוּ קְרִיאַת שְׁמַע וּתְפִלָּה, וּבִרְכַּת הַמָּזוֹן, תַּלְמוּד תּוֹרָה, צְדָקָה אוּנ נָאךְ ד"ג, דָאס אַלֶעס צוּ טוּהְן (עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב) אוּנ רֵיין פוּן פֶּעלֶער, דְהַיְינוּ צוּ דַאוְוענֶען אִין רֵיינֶע מַלְבּוּשִׁים אוּנ אוֹיךְ דָאס אָרְט וְויא מֶען דַאוְוענְט וְוייל אָדֶער אֵיין בְּרָכָה זָאגְט זָאל רֵיין זַיין פוּן צוֹאָה אוּנ מֵי רַגְלַיִם, אוּנ דָאס הַארְץ פוּן מֶענְשׁ דַארְף רֵיין צוּ זַיין פוּן פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת בְּשַׁעַת אַז מֶען דַארְף עוֹסֵק צוּ זַיין אִין גָאטְס מִצְוֹת, וּבִפְרַט בְּשַׁעַת דֶעם דַאוְוענֶען, וַוייל מֶען דַארְף צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס דֶער בּוֹרֵא ב"ה אִיז אֵיין (בּוֹחֵן לִבּוֹת) עֶר וַוייסְט אַלֶע גִידַאנְקֶען פוּן דיא מֶענְשֶׁען, הַיינְט וְויא אִיז שַׁייךְ פַאר אִיהְם מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין מִיט דֶען מוֹיל, אוּנ דָאס הַארְץ זָאל טְרַאכְטֶען אִין אַנְדֶערֶע גִידַאנְקֶען, מִיט אַזוֹ תְּפִלָּה טוּהְט מֶען זִיךְ נָאךְ פַארְהַאסְט מַאכֶען בַּייא הקב"ה, אוֹיךְ דַארְף מֶען צוּ זֶעהְן צוּ פַארְצֵירֶען דָאס דַאוְוענֶען אוּנ לֶערְנֶען מִיט גַאנְצֶע וֶוערְטֶער נִישְׁט מַבְלִיעַ צוּ זַיין אֲפִילוּ אֵיין אוֹת, וַוייל דיא תְּפִלָּה אִיז בִּזְמַן הַזֶּה גִירֶעכֶענְט שְׁטָאטְס אֵיין קָרְבָּן, אוּנ אַזוֹ קָרְבָּן וָואס אִיז גִיוֶועזֶען מִיט אֵיין פֶּעהְלֶער אִיז פָּסוּל גִיוֶועזֶען פַאר אֵיין קָרְבָּן, אוֹיךְ אֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה הָאט דָאס קָרְבָּן פָּסוּל גִימַאכְט (וְתַקָּנָה לָזֶה) אִיז קֵיין שׁוּם זַאךְ צוּ טוּהְן אָן אִיבֶּערְלֶעגְט, נָאר פַאר יֶעדֶע זַאךְ פְרִיעֶר מְחַשֵּׁב צוּ זַיין וָואס וִויל אִיךְ טוּהְן אוּנ וְויא דַארְף דיא זַאךְ גֶעטוּהְן צוּ וֶוערֶען. דָאס זָאלְט וִויסֶען דֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט לִיעבּ הקב"ה בֶּאֱמֶת דֶער טוּהְט בְּוַדַּאי זֶעהְן אַלֶע מִצְוֹת מְקַיֵּים צוּ זַיין וְויא אִין שֶׁענְסְטֶען אוּנ בֶּעסְטֶען אוּנ אִין זַיין צַייט, כְּדֵי צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא אוּנ חֵן צוּ גֶעפִינֶען אִינ גָאטְס אוֹיגֶען, דֶער מֶענְשׁ אָבֶּער וָואס עֶס אִיז אִיהְם וֶוענִיג אוֹיף גִילֶעגֶען וְויא מֶען דַארְף דיא מִצְוָה צוּ טוּהְן אוּנ הִיעט זִיךְ נִישְׁט דָאס עֶס זָאל נִישְׁט דַאבֵּייא זַיין פֶּעלֶער אוּנ עֶס אִיז אִיהְם וֶוענִיג דַארַאן גִילֶעגֶען אוֹבּ זַיינֶע תְּפִילִין אוּנ מְזוּזוֹת וְצִיצִית כָּשֵׁר וֶוענִין, אוֹבּ זֵייא זֶענִין רֵיין, אָדֶער פַארְשְׁמוּצְט, דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּייא אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, דָאס אִיז אֵיין בֶּעוַוייז אוֹיף זַיין שְׁלֶעכְטְ הַארְץ, אוּנ דָאס עֶר הָאט קֵיין אֱמֶתְדִיגֶע אַהֲבָה צוּ הקב"ה, נָאר עֶר טוּהְט אַלֶעס נָאר יוֹצֵא צוּ זַיין, אוּנ זִיךְ בַּאלְד צוּ פַּטְרִין פוּן דֶעם לַאסְט אוּנ גֶעשְׁוִוינְד דַאפוּן פָּטוּר צוּ וֶוערֶען:

## השכמה

דיא חֲכָמִים ז"ל הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען (הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ) וֶוען אֵיינֶער וִוירְד וֶועלִין דִיךְ הַרְגֶענִין, זָאלְסְט דִיךְ פֶּעדֶערֶען אִיהְם צוּ הַרְגֶענִין, זָאגֶע

דיא מפורשים, דאס איז גימיינט קעגין דעם יצר הרע. וואס זיין בעגעהר איז אלע מאהל דיך צו מאכען זינדיגען, כדי דיך צו טייטען פון ביידע וועלטען, אזוי וויא דיא בעלי מוסר שרייבען, אין דיא התחלה איז ער איין יצה"ר אונ צום סוף ווערד ער איין מלאך המות אויף איהם איז דאס גיזאגט (הבא להרגך השכם להרגו) זאלסט דיך פעדערען קעגין דעם יצר הרע איהם צו טייטען, אונ עס איז נישט פערהאנדען קיין בעסערעס שטרייט וגיוועהר קעגין דעם יצר הרע איהם צו קעגין כובש זיין, וויא אויף צו שטיין איינִיגע שעה פארטאגם דאמאהלס איז מען פרייא פון דען (העמל של העולם הזה) מתודה צו זיין איבער זיינע עבירות, אונ אויך צו זאגען איינִיגע קאפיטעל תהלים (בלב נשבר) אונ מיט טרערין, אונ דער נאך צו האבען איין שיעור קבוע עפעס צו לערנען לויט זיין פערשטאנד, מיר האבען שוין אויבן גישריבען, דאס איין שעה לערנען אדער מתודה צו זיין פארטאגם, האט מער איין ווערט פון אגאנצען טאג לערנען, ולכן ווען דוא מיינסט ערענסט דעם יצר הרע כובש צו זיין, אזוי זאלסט דוא דאס דאזיגע מקיים זיין, אויף צו שטיין יעדען פארטאגם זיך צו בעשעפטיגען בעבודת הבורא, אזוי בעזר השם ווערד מען דיר מן השמים מסייע זיין, ווייטער צו קעגין שטרייטען קעגין דעם יצר אונד מיט אלעם איהם כובש צו זיין (כי הבא לטהר מסייעין אותו). נאך איין טעם איזט, ווייל דער מענש וואס איז (עוסק בתורה בלילה) שטייט גאט ב"ה ביי איהם אונ עס ווערד אויף איהם גיצויגען איין (חוט של חסד) אבער וויא זעהר צו בעדויערן איז, דיא מענשען וואס שטייען אויף פארטאגם, אבער נישט צו עבודת הבורא, נאר צו ארבייטען ווייטער פאר דעם נארישען עולם הזה, דאס איז איין בעוויין דאס זייא האבען קיין בטחון אן הקב"ה, נאר בלוים אויף זייער ארבייטען, אויף זאלכע מענשען זאגט דער פסוק (אותי עזבו וכו') דיא חכמים הקדושים האבען גישריבען (לא נברא הלילה וכו') דיא נאכט איז נאר בעשאפען גיווארען וועגען תורה צו לערנען, בזוהר הקדוש ווערד פיעל גיברענגט פון דען גרויסען שכר פון דעם מענש וואס איז עוסק בתורה בלילה, ובפרט דער וואס שטייט אויף בחצות לילה, איז גאר קיין שיעור צו זיין גרויסען שכר, ווייל השם יתברך האט פון דען איין נחת רוח כביכול, אונ ווען דוא קאנסט נישט צו דיא מעלה קומען אויף צו שטיין בחצות לילה, לכל הפחות דארפסט דיך צו שטארקען בכל עוז, אויף צו שטיין יעדען פארטאגם איינִיגע שעה קודם היום, אזוי וויא מיר האבען אויבען געשריבען, וגם איז עס זעהר גוט, וואס מען קאן זיך מכין זיין קודם התפלה, כדי צו קענען דאווינען אין שוהל בציבור ובזמנו, נישט צו דארפען עובר ק"ש צו זיין, ווייל דער וואס פארזוימט ק"ש, אדער תפלה בזמנו, איז עס (מעוות שלא יוכל לתקן) אזוי אזאך וואס מען קאן שוין נישט מעהר עס מתקן זיין (ולכל דבר טוב) צו יעדע גוטע זאך דאס מען זאל עס קענין אויספיהרען (צריך הכנה) דארף מען זיך דאצו מכין צו זיין, אויך זיך איין גדר צו מאכען, ולכן דער וואס וויל ווירקליך דיא חשובה מצוה מקיים זיין אויף צו שטיין קודם היום לעבודת הבורא, אונ כדי צו קענין פריה אין שוהל גיין צו קענין דאווינען בציבור, דער דארף זיך אויך דאצו איין

גדר צו מאכען דהיינו נישט צו צעגערין מיט דעם לייגען גיין, ובפרט זיך נישט
צו לאזען פיהרען פון דעם יצר, זיך צו בעשעפטיגען מיט פיעל דברים בטלים,
נאר תיכף זיך צו לייגען שלאפען, אזו ווירד זיין שלאף איהם זיס זיין, און
ווערד קענען פריה אויף שטיין, און זיין גוף ריינגען פון (גדולים וקטנים) און
צו זאגען אלע ברכות השחר, דהיינו (על נטילת ידים, אשר יצר, אלהי נשמה
שנתת בי, ברכת התורה) און דאן צו זאגען כסדר אלע ברכות השחר ביז
פרשת קרבנות, דאס אלעס קאן מען זאגען אפילו פארטאגס, ולאחר זה איז
ראוי לכל איש הירא צו זאגען תיקון חצות און איינגע קפיטל תהלים, דאס
דארף מען אבער נאר צו זאגען ווער לאנגזאם עס איז ופיעל בעסער ווייניג צו
זאגען בכוונה, ווי פיעל אן כוונה, מען דארף נישט צו פארפעהלען יעדען טאג
מתודה צו זיין איבער זיינע עבירות וחטאים מיט איין לב נשבר און ווען עס
איז נאך צייט פאר דעם דאווענען זאל מען זיך אויך מאכען איין שיעור קבוע
תורה צו לערנען, איעדער לויט זיין פערשטאנד אפילו דער וואס קאן נישט
לערנען בלשון הקודש, קאן זיך מאכען איין שיעור צו לערנען אין די יידיש
דייטשע ספרים (אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכוין לבו לשמים)
דאס דארף מען אבער געוואהרנט צו זיין נישט עובר ק"ש צו זיין מחמת זיין
לערנען (כי יצא שכרו בהפסדו) דער היזק איז גרעסער פון דעם שכר, און
אז עס איז שוין גאר קיין צייט פאר דעם דאווענען צו לערנען דהיינו אם זומער
וואס דער זמן ק"ש איז נישט מעהר ווי ביז האלבער זיבען, אזו איז בעסער
גלייך צו לויפען אין שוהל כדי צו דאווענען אין שוהל בציבור ובזמנו, אין זיך
צו מאכען אשיעור צו לערנען נאך דעם דאווענען, אז מען גייט נאך אנגעטוהן
בטלית ותפילין וועהר אין שטאנד איז דאס אוים צו פיהרען, דארף זיך צו
מאכען איין גדר גאר נישט צו רעדען בדברי חול פון דעם אויף שטיין ביז נאך
דעם דאווענען, ווייל דאס דאזיגע איזט איין דבר גדול, וואס טוהט מסייע זיין
צו קענען דאווענען בכוונה, ובפרט אזו לאנג וואס מען איז אין שוהל אדער
בבית המדרש זיך צו מאכען פאר איין איסור גדול דארט עפעס צו רעדען
בדברי חול, אין ווען דואווירסט זעהן אנדערע מענשען רעדען אין שוהל
לעהרע רייד, אזו זאלסט פון זייא ענטלויפען אזו ווי פאר פייער:

די מענשען אבער וואס פארזיימען זיך טיעף אין די נאכט אין די שענק
הייזער וואס בעשעפטיגען זיך מיט פיעל דברים בטלים צו רעדען, חוץ
דעם וואס זייא זענען עובר אויף כמה לאוין דהיינו אויף (מושב לצים) לשון
הרע, דברים בטלים, וכדומה זענען זייא נאך גורם מחמת וואס טוהן זיך
שפעט לייגען גיין, אזו מוזן זייא ממילא שלאפען ביז אויף דעם טאג און אז זייא
זעהן דאס עס איז שוין גרוים טאג, אזו חאפען זייא זיך אויף פון שלאף
(דהופים ומבוהלים) וועהר איבעראיילט ווענען זייער פרנסה צו זיבען און
ממילא נעמט ער זיך קיין צייט דעם גוף צו ריינגען פון צואה קודם התפלה
אזו ווי דער דין איז, אויך פיעל מאהל טוהט ער דאווענען אין דער היים
אדער ווען אפילו אין שוהל אבער נאר ביחידות און אויך וועהר בעאיילט וואס
לויפט ארויף און אראפ אין שוהל בשעת דעם דאווענען פונקט אזו ווי איין

מְשׁוּגִינֶער, אוּנ זָאגְט אוֹיךְ קֵיין רֶעכְט וָוארְט אוּנ זָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים דֶעם שֵׁם שֶׁלֹּא בְּכַוָּנָה, לִיבֶּער פְּרַיינְד שְׁטֶעל דִיר נָאר פָאר אַז אֵיין מֶענְשׁ הֶעט אַזוֹי גִילָאפֶּען אַהִין אוּנ אַהֶער פַאר אֵיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם (הֲלֹא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית) דֶער הָאט זִיךְ גֶעוִויס פַארְדִינְט דֶעם טוֹיט פוּן מֶלֶךְ, וּמִכָּל שֶׁכֵּן פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה (אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ) וָואס זַיין כָּבוֹד אִיז פִיעל אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אוּנ נָאךְ דַאצוּ אִין שׁוּהל וָואס וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען (מִקְדָּשׁ מְעַט) וִויא קָאן מֶען זִיךְ אַזוֹי נוֹהֵג זַיין בְּקַלּוּת רֹאשׁ פַאר דִיא שְׁכִינָה אִיבֶּער דֶעם מַיין פְּרַיינְד פַארְגֶעם מַיינֶע רֵייד וָואס גִירֶעט אִיזְט בֶּאֱמֶת אוּנ לָאז דִיךְ נִישְׁט רֵייצֶען פוּן יֵצֶר נָאךְ צוּ גֵיין אִין דֶעם דֶרֶךְ (אֲשֶׁר לֹא טוֹב) רַק בֶּעגְרַייף דִיךְ אַן אֱמֶת (וְטוֹב יְהֻלָּךְ) בֶּעלַייג נָאר דִיר מַיין פְּרַיינְד וָואס אַלֶעם דָאס שְׁפֶּעט לַייגֶען גוֹרֵם אִיז קֵיין תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר קֵיין קְדוּשָּׁה אוּנ קֵיין בָּרְכוּ קֵיין אָמֵן, אוּנ יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא אוּנ נָאךְ אַלֶעם אִיז עֶס אֵיין גְרוֹיסֶער סָפֵק אוֹיבּ זַיין דַאוֶוינֶען הַייסְט עֶפֶּעס גְדַאוֶוינְט דֶער בּוֹרֵא הָרַחוּם וְחַנּוּן זָאל אוּנְז דִיא אוֹיגֶען עֶפֶענֶען צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת אוּנ וָואס רֶעכְט פַארְטִיג אִיז אוּנ זָאל אוּנְז מְסַיֵּיעַ זַיין אִין אוּנְזֶער הַארְץ אֵיינְצוּפְלַאנְצֶען (אַהֲבָתוֹ וְיִרְאָתוֹ) זַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּנ זַיין פָארְכְט כְּדֵי צוּ טוּהְן וָואס זַיין רָצוֹן אִיז אָבֶּער פְרִיעֶר מוּז דֶער מֶענְשׁ זֶעלְבְּסְט אָנְפַאנְגֶען אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (הַבָּא לִטַּהֵר מְסַיְּיעִין אוֹתוֹ) דַאן אִיז מֶען אִיהְם מְסַיֵּיעַ מִן הַשָּׁמַיִם, וְדַי בָּזֶה וֶוער עֶס וִויל נָאר דִיא אוֹיגֶען עֶפֶענֶען אוּנ מִיט זַיין הַארְץ זִיךְ אִיבֶּערְדֶענְקֶען (וְשָׁב וְרָפָא לוֹ):

## הצלה

דִיא מִצְוָה (הַצָּלַת יִשְׂרָאֵל מִיַּד גּוֹי) צוּ בֶּעשֶׁערְמֶען אֵיין יוּד פוּן גוֹיִם׳ס הֶענְד אִיז גָאר גְרוֹיס אוּנְד דֶער שָׂכָר פוּן דִיא מִצְוָה הָאט קֵיין שִׁיעוּר, וְלָכֵן דִיא מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען חָשׁוּב אוּנ זֵייעֶרֶע רֵייד וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּייא דִיא רִיכְטֶער אוּנ בֶּעאַמְטֶער פוּן דִיא שְׁטַאט, זַייא קָאנֶען דִיא חֲשׁוּבֶע אוּנ טַייעֶרֶע מִצְוָה מְקַיֵּים זַיין, יֶעדֶעם מָאהְל וָואס אֵיין יוּד וֶוערְד נִתְפָּס אִיהְם מַצִּיל צוּ זַיין בְּכָל מַה דְאֶפְשָׁר עֶס זֵייא אִיהְם מַצִּיל צוּ זַיין פוּן גֶעלְד שָׁאדֶען אָדֶער פוּן תְּפִיסָה וּמִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס אִיז נָאךְ דַאבַּייא צוּ בֶּעזָארְגֶען וֶועגֶען סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת אִיז בְּוַדַּאי דִיא מִצְוָה נָאךְ גְרֶעסֶער אוֹיף דֶעם אִיז אוֹיךְ גִיוֶועזִין דִיא כַּוָּונָה פוּן דִיא חֲכָמִים ז״ל וָואס הָאבֶּען גִיזָאגְט (אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִימּוֹן) אֲפִילוּ דִיא פְּרָאסְטֶע מֶענְשֶׁען פוּן דִיא יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אוֹיךְ פִיעל מִיט מִצְוֹת וִויא אֵיין מִילְגְרָאם, וַוייל עֶס טְרֶעפְט זִיךְ פִיעל מָאהְל וָואס זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען טוּהְן זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען בְּכָל כֹּחָם יוּדֶען מַצִּיל צוּ זַיין פוּן גוֹיִים׳ס הֶענְד, פוּן דֶעם קָאן מֶען פַארְשְׁטֵיין וֶוען דֶער שָׂכָר אִיז אַזוֹי גְרוֹיס מַצִּיל צוּ זַיין (מָמוֹן שֶׁל יִשְׂרָאֵל מִיַּד גּוֹי) מִכָּל שֶׁכֵּן וִויא גְרוֹיס מוּז נָאךְ זַיין דֶער שָׂכָר פוּן דֶעם מֶענְשׁ וָואס אִיז מַצִּיל זַיין חָבֵר פוּן צוּ זִינְדִיגֶען מִיט עֲבֵירוֹת אָדֶער דָאס עֶר בְּרֶענְגְט זַיין חָבֵר צוּ אֵיינֶע מִצְוָה, וַוייל מִיר גֶעפִינֶען גֶעשְׁרִיבֶּען (הַמַּחְטִיא אֶת חֲבֵירוֹ וכו׳) דֶער וָואס בְּרֶענְגְט זַיין חָבֵר צוּ אֵיינֶע עֲבֵירָה אִיז עֶס אַזוֹי גוּט וִויא עֶר הֶעט אִיהְם גִיהַרְגֶעט, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וִוידֶער דֶער וָואס אִיז מְזַכֶּה אַמֶענְשׁ

מְקַיֵּים צוּ זַיין אֵיינֶע מִצְוָה, אָדֶער עֶר הִיעט אִיהם אָפּ פוּן אֵיינֶע עֲבֵירָה אִיז עֶס אַזוֹ גוּט וויא עֶר הֶעט אִיהם מְחַיֵּי גִיוֶועזֶען: וְלָכֵן יֶעדֶער מֶענְשׁ וָואס זַיינֶע רֵייד וֶוערֶען אַנְגֶענִימֶען, זָאל זִיךְ בֶּעגְרֵייפֶען אַן דיא חֲשׁוּבֶע אוּנ טַייעֶרֶע מִצְוָה אַלֶע מָאהְל יוֹדֶען מוֹכִיחַ צוּ זַיין כְּדֵי זַייא צוּ פֶּערְמַיידֶען פוּן צוּ זִינְדִיגֶען, אוֹיךְ כְּדֵי זַייא צוּ בְּרֶענְגֶען לִידֵי מִצְוָה, אַזוֹ ווִירְד זַיין שְׂכַר גָאר גְרוֹיס זַיין לְעוֹלָם הַבָּא, דָאס מוֹכִיחַ זַיין מוּז אָבֶּער נָאר גִישֶׁעהֶן מִיט ווייכֶע רֵייד וּבְפָנִים שׂוֹחֲקוֹת אָבֶּער נִישְׁט מִיט גִיבֵּייזֶער, ווַייל מִיט אַזוֹ שְׁטְרָאפֶען טוּהְט מֶען גָאר נִישְׁט ווירְקֶען, אוֹיךְ דַארְף מֶען צוּ זֶעהְן יוֹדֶען צוּ בְּרֶענְגֶען לִידֵי מִצְוָה, דְהַיְינוּ מַחֲזִיק צוּ זַיין דיא לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּנ מְלַמְדֵי תִּינוֹקֶת פוּן חֶבְרָה תַּלְמוּד תּוֹרָה ווִיא אוֹיךְ מַחֲזִיק צוּ זַיין אַלֶע חֶבְרוֹת קְדוֹשׁוֹת (וּבָזֶה תִּהְיֶה טוֹב לוֹ וּלְנִשְׁמָתוֹ):

## הנאה

דיא חַכְמֵי מוּכָר שְׁרַייבֶּען, דָאס עוֹלָם הַזֶּה מִיט עוֹלָם הַבָּא זֶענֶען צְווייא שׂוֹנְאִים אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען (וְכָל זְמַן) וָואס דֶער מֶענְשׁ גֵייט נָאךְ דיא תַּעֲנוּגֵי עוה"ז, אִיז דָאס אֵיין בֶּעווייז דָאס עֶר נָאךְ וֶועהְר ווַייט אִיז פוּן דֶעם (אוֹרְחוֹת חַיִּים) אוֹיךְ שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן חִיבּוּט הַקֶּבֶר וָואס דֶער מֶענְשׁ מוּז לַיידֶען לְאַחַר מוֹתוֹ אוּנ אוֹיךְ וָואס דיא ווֶערִים טוּהֶן גִיוֶועלְטִיגֶען אַן דֶעם מֶענְשׁ אִין קֶבֶר דָאס אִיז אַלֶעם נָאר מַחֲמַת וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיגַאנְגֶען נָאךְ דיא פִּיעל תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה אָבֶּער דֶער גוּף פוּן דֶעם צַדִּיק וָואס הָאט נִישְׁט פוּן עוֹלָם הַזֶּה גֶענָאסֶען אוּם זַיין הֲנָאָה ווֶעגֶען, טוּהְט אוֹיךְ נִישְׁט אַן זַיין גוּף גִיוֶועלְטִיגֶען קֵיין ווֶערִים, אוּנ אִיז אוֹיךְ פְרַייא פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ חִיבּוּט הַקֶּבֶר אוֹיף אִיהם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אַף בְּשָׂרִי יִשְׁכּוֹן לָבֶטַח):

דֶער רַבֵּינוּ יוֹנָה שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר (שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה) וז"ל (כַּמָּה קָשֶׁה) וויא שְׁוֶועהְר אוּנ בִּיטֶער קוּקְט אַן דֶער טוֹיט צוּ אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט פְרִיעֶר אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן דיא תַּאֲוַת עוֹלָם הַזֶּה בִּיז דֶער טוֹיט הָאט אִיהְם פוּן זַייא אָפּ גֶעשֵׁייד, אוּנ דֶער וָואס ווִיל הָאבְּען דָאס דֶער טוֹיט זָאל אִיהְם זַיין (לְחַיֵּי עַד) צוּ דֶען אֵייבִּיגֶען לֶעבֶּען דֶער זָאל זָאגֶען צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט דוּא ווֶערְסְט דָאךְ (בַּעַל כָּרְחֲךָ) אִיבֶּער דַיין דַאנְק דיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיבֶּערְלָאזֶען אַזוֹ פַאר לָאז זִיא נָאךְ בַּייא דַיין לֶעבֶּען נָאר טוּה דִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא אַזוֹ ווִירְד דִיר זַיין דֶער יוֹם הַמָּוֶת (כְּחַיִּים שֶׁאֵין לוֹ הֶפְסֵק) צוּ אַזוֹ אֵיין לֶעבֶּען וָואס הָאט קֵיין אוֹיפְהֶערְן (וְדַע) זָאלְסְט ווִיסֶען דָאס, דָאס נֶפֶשׁ פוּן דֶעם רָשָׁע וָואס זַיין גַאנְץ גְלִיקְלִיכְקֵייט אִיז נָאר גִיוֶועזֶען בַּייא זַיין לֶעבֶּען דיא תַּאֲוַת הַגּוּף צוּ עֶרְפִילֶען אוּנ אִיז גִיוֶועזֶען אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן דיא תַּאֲוַת עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, אַזוֹ נָאךְ זַיין שְׁטַארְבֶּען ווֶערְד זַיין נֶפֶשׁ אַרָאפּ גִידֶערֶען אִין דיא עֶרְד אוֹיף דֶעם אָרְט וויא זַיין גְלִיקְלִיכְקֵייט אִיז גִיוֶועזֶען בַּייא זַיין לֶעבֶּען, נָאר מֶען ווֶערְד זִיא (בַּעַל כָּרְחָהּ) אִיבֶּערְדַאנְק אַרוֹיף שְׁלַיידֶערֶען אִין דיא הֵייךְ צוּם דִין וּמִשְׁפָּט, אַזוֹ ווִיא מֶען ווַארְפְט אֵיין שְׁטֵיין אִין דיא הֵייךְ, כְּדֵי אִיהְר צוּ ווַייזֶען ווִיא זִיא הָאט פַאר ווֶעקְסֶעלְט (מָרוֹם בִּשְׁאוֹל) פַאר דֶעם הוֹיכֶען הִימֶעל, דיא פִינְצְטֶערֶע גְרוּבּ, אוּנ דֶער נָאךְ ווֶערְד זִיא צוּרִיק אַרָאפּ פַאלֶען אוֹיף דיא עֶרְד, אַזוֹ ווִיא דֶער שְׁטֵיין

וואס פאלט צוריק אראפ אויף די ערד (על כן המשכילים ישיבו אל לבם) איבער דעם טוהן זיך די קלוגע מענשען די זאך איבערקלערען און שיידען זיך אפ פון די תענוגי עוה"ז וואס גייען נישט נאך זייערע תאות לבם צו ערפילען אפילו ביי (דברים המותרים) זאלכע זאכען וואס מותר איז נאר זייא זענען זיך נוהג (בדרכי הפרישות) נישט מעהר צו עסען נאר כדי זייער הונגער צו שטילען און זענען נישט עוסק (בתשמיש המטה) פאר זייער הנאה וועגען, נאר כדי מקיים צו זיין (מצות עונה ומצות פריה ורביה) אזוי וויא די תורה גיבאטען האט און אזוי טוהן זייא זיך אויך פיהרען ביי אלע ענינים אלעם נאר צו טוהן לשם שמים און נישט וועגען זייער הנאה וועגען, ווייל זייא ווייסען גוט דאס אזוי לאנג וואס דער מענש גייט נאך די תאות הגוף און טוהט זיך נאך ציהן נאך דעם (תולדות החומר) אזוי ווערד ער ערווייטערט פון (דרך הנפש המשכלת) דעם אמתדיגען וועג, און דער יצר שטארקט זיך אויף איהם, אזוי וויא דער פסוק זאגט (פן תאכל ושבעת ורם לבבך) ווען דוא ווערסט דיך זאט אן עסען, אזוי ווערסט דוא האפערדיג ווערען און ווערסט אן דיין בעשעפער פארגעסען (ולא כן אנשי לבב) אבער די אנשי לבב טוהן זיך נישט אזוי פיהרען, וואס דענקען זיך, וואס איז דען דער סוף פון דעם מענש און צו וועלכען תכלית איז ער בעשאפען גיווארען אזוי האלטען זייא די גאנצע וועלט נאר פאר איין (דירת עראי) נאכטהויז, וואס דער מענש איז נישט דא נאר אויף איינע קורצע צייט, אזוי טוהן זייא פארמיאוסען און זעהר גרינג שעצען די זאכען פון די וועלט, נאר זייא טוהן זיך אין מעהרסטענס בעשעפטיגען מיט עבודת הבורא יתברך (ויכינו צידה לדרך) און זעהן אזוי לאנג וואס זייא זענען דא אויף די וועלט זיך פאהר צו ברייטען צידה לדרך פון תורה ומצות ומעשים טובים וואס די נשמה דארף זיך מיט צו נעמען אויף דעם וועג וואס אבער אן בעטרעפט פון עולם הזה זאכען טוהן זייא זיך דאריבער גאר נישט מצער זיין, ווייל ווען אפילו א מענש פיעל יאהרען לעבט ווען עס קומט זיין שטארב טאג איז עס אזוי גוט גלייך ער העט גאר נישט ואויף דעם עולם גיוועזען ומכל שכן (כי ימי האדם כצל עובר) דאס דער מענש לעבט נישט לאנג, נאר זיין לעבען טוהט אזוי פארגיין וויא דער שאטען, און קיין איינציגער מענש איז זיכער אפילו אויף איין רגע, היינט איז ער דא, אין מארגען קאן ער זיין אין קבר, איבער דעם בעדענקט ער זיך צו וואס זאל איך מיך בעמיהען פיר די נארישע וועלט וואס נישט מיין איז (ואמרו חכמינו ז"ל אל תצר צרת מחר) זאלסט נישט זארגען אויף מארגען (כי לא תדע מה ילד יום) ווייל דוא ווייסט נישט וואס מארגען וועט געבוירען ווערען

(עד כאן לשונו):

וכדי לזכות את הרבים, וועלין מיר אויך מעתיק זיין, וואס דער הקדוש (בעל יד הקטנה) שרייבט פון די חרפות פון דען עולם הזה, וויא ער טהוט ענטפלעקין איהר מאוסקייט פאר אללע איהרע ליבהאבער (והוא) דאס איז איין ידוע, דאס די גאנצע וועלט איז פיעל (במקרים רעים) מיט פיעל איבלע טרעפונגען, און די סיבות איז פיעל פון צו דערציילען, אפילו דאס אויס

ערוועהלטע

עֶרְוֶועהְלְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע פוּן דִיא וֶועלְט, אִיז אוֹיךְ נָאר אֵיין הֶבֶל, אוּן אֵיין צוּבְּרָאכֶען גֶעמִיהְט, וֶוייל אַלְלֶע זֵיינֶע גוּטֶע זַאכֶען הָאט ־קֵיין בֶּעשְׁטַאנְד, נָאר אַלֶעם וֶוערְד פַארְלוֹירֶען אוּן פַארְלֶענְט, אֲפִילוּ דֶער וָואס טְהוּט יוֹא בֶּעוַאכְטִיגֶען מִיט עֲשִׁירוּת אוּן כָּבוֹד, טְהוּט ־עֶר אוֹיךְ נִישְׁט דוּרְךְ זֵיין עֲשִׁירוּת עֶרְלַאנְגֶען (שַׁלְוָה וּמְנוּחָה), נָאר נָאךְ גְרָאד לְהֵיפּוּךְ, דָאס עֲשִׁירוּת טְהוּט אִיהְם נָאךְ פַארְאוּרְזַאכֶען צוּ מֶעהְרִין פִיעל מִידַ־קֵייט, אוּן טְרָדוּת וָיָגוֹן וַאֲנָחָה דָאס גֶענִיסְט עֶר פוּן זֵיין עֲשִׁירוּת וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זֵיין גַאנְץ לֶעבִּין מִיט פִיעל אַרְבֵּייטֶען, אוּן פִיעל זָארְגֶען אוֹיךְ פִיעל צַעַר אוּן צִיטֶערְנִישׁ, מֵחֲמַת דִיא פִיעל גֶעשֶׁעפְטִין וָואס ־עֶר מוּז אוֹיף דֶעם ־קָאפּ טְרָאגֶען, (וְאַחַר כָּל אֵלֶה), נָאךְ אַלְלֶען, וָואס טְהוּט עֶר מֶעהְר גֶענִיסֶען פוּן זֵיין גַאנְץ פַארְמֶעגֶען נָאר דָאס וָואס עֶר ־קֶען גֶענִיסֶען מִיט דֶעם מוֹיל צוּ עֶסִין, אוּן פוּן אַלֶע זֵיינֶע אִיבְּרִיגֶע אוֹצְרוֹת, אוּן עֲשִׁירוּת. ־קֶען עֶר דָאךְ נִישְׁט מֶעהְר גֶענִיסֶען נָאר וָואס ־עֶר ־קָאן עֶם מִיט דֶעם אוֹיג אָנְזֶעהְן דֶעם אָרְמִסְטֶען אוּן שְׁפָלְסְטֶען אִיז אוֹיךְ דָאס פְרֵייא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אָנְזֶעהְן, דֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד אִיז נִישְׁט מֶעהְר נָאר דֶער אָרִימֶער מַאן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְהוּט אִיהְם בֶּעשֶׁערִין אוֹיף בְּרוֹיט טְהוּט ־עֶר זִיךְ זַאט אָנְעֶסִין אוּן אִיז דַאמִיט צוּ פְרִידֶען ־עֶר שְׁלָאפְט רוּהִיג אָן זָארְג וֶוען ־עֶר צוּ מָארְגֶען ווידֶער אוֹיף שְׁטֵייט הֵייבְּט ־עֶר אוֹיף בֵּיידֶע הֶענְד צוּם בֶּעשֶׁעפֶער אוּן זָאגְט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּא הָאסְט מִיר גֶעסְטֶערְן גֶעהָאלְפֶען הֶעלְף מִיר הַיינְט אוֹיךְ, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִיהְם, דָאס ־עֶם טְהוּט אִיהְם נָאךְ עֶפֶּעס גֶעלְד אִיבְּרִיג בְּלַייבֶּען, אִיז זֵיין שִׂמְחָה נָאר גְרוֹיס, אוּן יֶעדֶע שָׁעָה טְהוּט ־עֶר דֶעם לִיבֶּען בֶּעשֶׁעפֶער דַאנְקֶען פַאר זֵיין חֶסֶד, בֵּייא דֶעם עוֹשֶׁר אָבֶּער אִיז אַלֶעם פוּנְקְט לְהֵיפּוּךְ, וָואס מֶעהְר ־עֶר פַארְדִינְט, וָואס מֶעהְר זָארְג בֶּעקוּמְט ־עֶר, אוּן וָואס וֶועניגֶער ־קֶען ־עֶר דִיא וֶועלְט גֶענִיסֶען, מֵחֲמַת דִיא אִיבֶּערְפְלִיסִיגֶע אוֹיסְגַאבֶּען וָואס ־עֶר הָאט וָואס מֶעהְר ־עֶר פַארְדִינְט, וָואס מֶעהְר־טוּהְן זִיךְ בֵּייא אִיהְם מֶעהְרִין דִיא הוֹצָאוֹת הַבַּיִת:

און ווִידֶער וֶוען מִיר וֶועלִין נָאר נָאךְ פַארְשְׁטֶעהְן אוֹיף דִיא בֶּעסְטֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶעם עוֹלָם הַזֶּה, אַזוֹ וֶועלִין מִיר גֶעפִינֶען דַאס דָאס אִיז נָאךְ מֶעהְר מִאוּס אוּן פַארְשֶׁעהְמְט פוּן אַלְלֶען, דְהַיְינוּ דִיא הֲנָאָה פוּן (חֶבְרַת נָשִׁים) וָואס מֶען הָאט עֶם גִיגְלַאכֶען צוּ אֵיין כְּלִי וָואס אִיז פִיעל מִיט צוֹאָה אוּן דָם, אוּן דַאצוּ טְהוּט דָאס נָאךְ פַארְלֶענְדֶען דֶעם גוּף אוּן דָאס לֶעבִּין פוּן מֶענְשׁ אַזוֹ וִויא דִיא רוֹפְאִים זָאגֶען, מֶעהְרְסְטֶענְם ־קְרַאנְקְהַייטֶען קוּמְט נָאר (מֵחֲמַת רוֹב תַּשְׁמִישׁ) הַיינְט וֶוען דָאס אִיז בֵּייא דֶעם בֶּעסְטִין פוּן דִיא תַּעֲנוּגֵי מֵעוֹלָם הַזֶּה, ־קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס ־קֶען נָאךְ זַיין דִיא אַנְדֶערֶע תַּעֲנוּגֵי הָעוה"ז, טְהוּט זִיךְ אֵיינֶער צוּ פִיעל זַאט אָנְעֶסִין ־קֶען ־עֶר דַאדוּרְךְ ־קְרַאנְק וֶוערִין, טְהוּט מֶען זִיךְ פִיעל אִיבֶּער טְרִינְקֶען הָאט מֶען אֵיין גֶעווִין דַאפוּן ־קָאפּ שְׁמֶערְצִין, אוּן אַרוֹיס צוּ מַייקֶען וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶעגֶעסִין, טְהוּט אֵיינֶער זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען בֵּייא נַאכְט מִיט טַאנְצֶען אוּן זִינְגֶען אִיז דֶער גֶעווִין דַאפוּן צוּ מָארְגֶענְם אַרוֹיס צוּ גֵיין פַארְדִילְט, אוּן פִיעל מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה, טְהוּט אֵיינֶער עֶרְרֵייכִין צוּ עֲשִׁירוּת אִיז דֶער גֶעווִין דַאפוּן פִיעל דַאֲגוֹת אוּן אָנְרוּהִיגֶעם לֶעבִּין, עֶר אִיז נִישְׁט זִיכֶער דוּרְךְ דֶעם גֶעלְד

פון גזלנים, און רוצחים און בלבולים און שונאים, דער וואס שטרעבט צו ערהייבען כבוד, צום סוף ערלאנגט ער שטאטס כבוד שאנד און שפאט און נאך אזו ווייטער, (שורש הדברים) דער עיקר טעם פון דען איז, דער בורא ב"ה וואס איז איין (אל דיעות) אללע זיינע מעשים זענען ראכטפארטיג, ער האט מיט פליים (בחכמה ובתבונה) דעם עוה"ז אזו בעשאפען אויף אזו איין ענין וואס האט דיא אלע צרות און מידיקייט פארהוילען, און האט נאך זייא אנגעקליידעט מיט תענוגים כדי דאדורך צו פריווען דיא מענשין, (והכסיל בחושך הולך) דער נאר גייט אין דיא פינצטער וואס קיקט נישט וויא ער גייט, נאך צו פארשטען דעם תוכן, און סוף פון דעם עולם הזה, און וויל אויך נישט קיקען וואס עס געפינט זיך אונטער דיא אויבער דעק פון אונטען, נאר ער טהוט זיך ריכטען (למראה עיניו) אזו וויא זיינע אויגען זעהן פון אויסווענדיג און ווייל ער זעהט דאס דיא תענוגי עולם הזה איז זייער שיין צום אנזעהן און עס איז גליסטיג צו דיא אויגען אזו טהוט ער ביייגען זיין אקסעל צו טראגען אויף זיך דעם יאכט פון דיא וועלט וואס טאג און נאכט רוהט ער נישט פון זיך צו בעשעפטיגען וועגין דיא תאות עוה"ז צו ערלאנגען, גלייך אזו וויא דער בורא ב"ה העט איהם גאר פיר דעסטוועגין בעשאפען כדי דיא תאות עוה"ז צו ערלאנגען, און דאס ער זאל אויף אייביג אויף דיא וועלט פארבלייבען: אבער דעם ווען עס קומט ווידער אזו אצייט וואס דיא (סיבות הזמן) פארקעהרין זיך זיין עשירות און כבוד פון איהם אבצוטוהען וואס דאס דאזיגע איז דאך דער סדר פון דיא פארשאלטענע ערד צופארוועקסלען אין איינע קארצע צייט שלעכטס שטאטס גוטס, און גוטס אויף שלעכטס, (אז) דאמאהלס בעגרייפט איהם איין גרויס ציטערניש און ווערד זעהר ערשראקען, און זיינע געדאנקען ווערין איהם פארדריקט אזו ווייט דאס ער פאנגט אן זיך זעלבסט צו לעסטערין און צו שעלטען דאס ער גאר שטארבען זאל, ער שרייט צו וואס טויג מיר אזו אלעבין צו זיין איין ארימאן, און צו פארשטיין דיא אורזאך פון דעם פארוואס ער ווערד אזו ערשראקען און עס איז איהם מאוס פאר דעם לעבין, איז נאר ווייל ער איז ביייא זיך גאנץ זיכער געוועזין, און האט דאס גאנצע גלויבן געהאבט אן דיא פאלטשע וועלט, זיא צו האבען אויף אייביג פאר איין ארבטהייל, און זיין (שלוה) ווערד איהם דויערן ביז אייביג: (אך ישרים דרכי ד׳ צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם), נאטס דרכים זענען רעכטפארטיג, און דארט וויא דיא צדיקים גייען זיכער דארט ווערין דיא פושעים געשטראכלט ווייל דיא אמתדיגע חכמים טוהן זיך נישט אזו פיהרען נאר באלד וויא זייא קומען נאר צום שכל טוהן זייא נאכפארשטען און אויסשפעהן דיא וועלט וואס זיא איז, און וואס דער תכלית און געווין מען האט פון דיא וועלט און דער סוף וואס פון איהר איז, וממילא אז זייא טוהן אראפ געמען דיא אויבערדעק און שלייער פון דיא פאלטשע וועלט, אזו געפינען זייא פון אונטען שאנד און שפאט, און פארשטייען וויא דיא גאנצע וועלט איז גאר איין הבל, און איין צובראכען געמיהט, און זייא זעהן וויא דיא אללע מענשין פון דיא וועלט זענען נישט זיכער אויף איין אויגענבליק, און זייא טוהן גוט בעטראכטען, דאס אפילו

אין

אִין דִיא צַייט וָואס מֶען אִיז יוֹא אוֹיף דִיא וֶועלְט, וִוירְד אוֹיךְ קֵיין אֵיינְצִיגֶער מֶענְשׁ עֶנְטְרִינֶען פוּן צַעֵר אוּנ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, (וַיָשִׂימוּ אֶל לִבָּם לֵאמוֹר) אַזוֹי טוּהְן זֵייא דִיא זַאךְ אוֹיסְפָּארְשְׁטֶען אוּנ טוּהְן אִין דֶעם אַרֵיינְקְלֶעהְרִין אוּנ זָאגֶען צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט הָאט מִיךְ דֶען דֶער גָאט ב"ה פִיר דֶעסְטְוֶועגִין דָא אַהֶער גֶעשִׁיקְט אוּנ הָאט מִיר פִיר דֶעסְטְוֶועגִין אֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה גֶעגֶעבִּין פוּן אֵיין הֵיילִיג אָרְט דָאס אִיךְ זָאל דִיא נַארִישֶׁע וֶועלְט בֶּעדִינֶען אוּנ כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיךְ אָנְוֶועטִיגֶען מִיט אִיהְרֶע פַארְגִיפְטֶעטֶע שְׁפֵּייזְן וָואס דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְשׁ טְרוֹיעִרִיג אוּנ בִּיטֶער פַארְוָואהְר דֶער בּוֹרֵא ב"ה אִיז דָאךְ אֵיין רַחוּם וְחַנוּן אוּנ עֶר אִיז דָאךְ מָלֵא חֶסֶד זָאל דָאס זַיין דִיא וֶוערְק פוּן אַזוֹי אֵיין (פּוֹעֵל חָכָם וְחָסִיד רַחוּם וְחַנוּן), נֵיין, דָאס אִיז נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, דָאס נִישְׁט דֶער עוֹלָם הַזֶה אִיז דֶער עִיקָר נָאר דֶעם מֶענְשׁ גַאנְץ אַהֶער קוּמֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט מוּז נָאר זַיין כְּדֵי זַיין נְשָׁמָה מְתַקֵן צוּ זַיין זִיא צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ אַזוֹי אַגְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס נָאהֶענְט זֶענֶען צוּ זַיין כָּבוֹד, אוּנ כְּדֵי דִיא נְשָׁמָה אָנְצוּקְלֵיידֶען מִיט דֶעם שֵׁיינוּנְג פוּן זַיין ווירְדִיקֵייט, אוּנ צוּ אַזוֹי אַמַעֲלָה צוּ קוּמֶען, אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַזוֹי לַאנְג וָואס דִיא נְשָׁמָה אִיז נָאךְ נִישְׁט הֶעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, נָאר דַוְוקָא דָא אוֹיף דִיא וֶועלְט, וָואס וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען (עוֹלָם הָעֲשִׂיָה) קֶען מֶען זִיךְ קוֹנֶה שְׁלֵימוּת זַיין, דְהַיְינוּ דוּרְךְ (תּוֹרָה וּמִצְוֹת) וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז:

(וְאַחַר) נָאךְ דֶעם וָואס דִיא חֲכָמִים וּשְׁלֵימִים הָאבֶּען שׁוֹין גְרִינְדְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם תּוֹכֶן פוּן דֶעם עוה"ז, דָאס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט פִיר זִיךְ זֶעלְבְּסְט, הָאט גָאר קֵיין וֶוערְט, וִיא אִיז נָאר אֵיין (הֶבֶל וּרְעוּת רוּחַ) אוּנ אָבֶּער וָואס אַנְבֶּעלַאנְגְט צוּ שְׁלֵימוּת הַנֶפֶשׁ דִיא נְשָׁמָה מְתַקֵן צוּ זַיין אִיז דִיא וֶועלְט זֶעהְר חָשׁוּב אוּנ גוּט (עַד אֵין גְבוּל) (וַיִמְאָסוּ) אַזוֹי טוּהְן זֵייא פַארְמָאוּסֶען אַן דִיא אַלֶע גְלִיסְטִיגְקֵייט פוּן דִיא וֶועלְט אוּנ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט נִישְׁט בֵּייא זֵייא אִין וֶוערְט דָאס זֵייא זָאלִין זִיךְ אִין אִיהְר (קוֹבֵעַ דִירָה) זַיין, זֵייא הַאלְטֶען דִיא וֶועלְט נָאר פַאר אֵיין גַאסְטְהוֹיז אוּן זִיךְ הַאלְטֶען זֵייא פַאר אוֹרְחִים, אֵיינְמָאל וֵוילֶען דָארְט צוּ אִיבֶּערְנַאכְטִיגֶען, וֵוייל זֵייא ווייסֶען גוּט דָאס זֵייא וֶועלִין דָארְט נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג בְּלֵייבֶּען נָאר זֵייא וֶועלִין פוּן אִיהְר אַוֶועק גֵיין וִויא דֶער שָׁאטֶען, אוּנ אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אוֹיף דִיא וֶועלְט אֵיינְגֶעזַאמֶלְט אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי וִויא אֵיין קִינְד וָואס חַאפְּט צוּ דִיא הַאנְד מִיט אֵיין שֵׁיין פוּן דִיא זוּן, אוּנ וִויא עֶר דִיא הַאנְד אוֹיפְגֶעמַאכְט בְּלֵייבְּט עֶר שְׁטֵיין עֶרְשְׁרָאקֶען אוּנ פַארְטִימֶעלְט, וֵוייל עֶר הָאט גָאר נִישְׁט אִין זַיין הַאנְד פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז עֶס מִיט דֶען אַלֶען גֶעוִוינֶען גוּטְץ, אִין פַארְמֶעגֶען וָואס דֶער מֶענְשׁ אֵיינְזַאמֶלְט אוֹיף דִיא וֶועלְט, עֶר גְלוֹיבְּט דָאס עֶר הָאט עֶפִּיס אִין פַארְמֶעגֶען אוּנ וֶוען עֶס קוּמְט דִיא צַייט וָואס עֶר טוּהְט זַיינֶע הֶענְד אוֹיפְמַאכֶען בְּשַׁעַת זַיין אָבְּשְׁטַארְבֶּען אַזוֹי בְּלֵייבְּט עֶר שְׁטֵיין (נִבְהָל וּמִשְׁתּוֹמֵם) עֶרְשְׁרָאקֶען אוּנ פַארְווִיסְט, וֵוייל עֶר זֶעהְט דָאס עֶר הָאט גָאר אוּנ גָאר נִישְׁט נָאר אַלֶעס בְּלֵייבְּט צוּרִיק אוֹיף דִיא וֶועלְט, נַאקֶעט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט אוּנ אוֹיךְ נַאקֶעט גֵייט עֶר צוּרִיק וְלָכֵן אִיבֶּער דֶעם, זָאגֶען זֵייא צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט וֶועל אִיךְ דֶען פוּן דִיא אַלֶע תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶה וָואס לוֹיטֶער הֶבֶל אִיז, קֶענֶען קוּמֶען צוּ אַרְבֶּען דָאס (חַיֵי נִצְחִיוֹת) אִיבֶּער

דֶעם וַוייל דִיא אֶמְתְדִיגֶע חֲכָמִים טוּהְן זִיךְ דַאס אַלֶעס אַזוֹ אִיבֶּערְקְלֶעהְרִין טוּהְן זַייא פַארְלָאזֶען דָאס שְׁוֶועהְרֶע אַרְבֵּייטֶן פוּן דִיא וֶועלְט אוּנ לָאזֶען זִיךְ צוּ פְרִידֶען מִיט אַלֶעס. וֶוען אוֹיךְ מִיט וֶוענִיג זַייא זֶענֶען צוּ פְרִידֶען דָאס זַייא קֶענֶען זִיךְ דָאס לֶעבִּין עֶרְהַאלְטֶען, אוּנ טוּהְן נָאךְ פַארְמַאוּסְן וָואס נִישְׁט גַאנְץ נֵייטִיג אִיז, זֵייעֶר גַאנְץ גְלִיסְטוּנְג אוּנ בִּיגֶעהְר אִיז נָאר זִיךְ צוּ קֶענֶען קוֹנֶה שְׁלֵימוּת זַיין, אוּנ זִיךְ צוּ גֶעוֵוינֶען בְּמִדּוֹת טוֹבוֹת אוּנ אֵייבִּיג טוּהְן זַייא שְׁטַארְקֶען דֶעם כֹּחַ הַשֵּׂכֶל קֶעגִין דִיא תַּאֲוֹת, בִּיז זַייא קוּמֶען צוּ אַזוֹ אַמַעֲלָה וָואס טוּהְן נָאךְ פַארְמַאוּסֶן אוּנְד גְרִינְגְשֶׁעצִין אַ,ע תַּעֲנוּגִים פוּן דִיא וֶועלְט אֲפִילוּ דָאס עֶס בֶּעגֶעגֶענְט זַייא אֵיינְמָאהְל אִיבְּלֶע טְרֶעפוּנְג אוּנ יִסּוּרִים וֶוערִין זַייא דַארִיבֶּער גָאר נִישְׁט פַארֶענְדֶערְט, אוּנ טוּהְן נִישְׁט מִתְרַעֵם זַיין קֶעגִין זֵייעֶר בֶּעשֶׁעפֶּער, נָאר זַייא טוּהְן אַלֶעס מְקַבֵּל זַיין (בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת) וְכָל זֶה אִיז נָאר מֵחֲמַת וָואס זַייא הָאבִּין מַגְבִּיר גֶעוֶועזִין דֶעם שֵׂכֶל אִיבֶּער דִיא תַּאֲוָה, אַזוֹ פַארְשְׁטֵיין זַייא דָאס אַלֶעס וָואס גֶעשִׁיהְט אוֹיף דִיא וֶועלְט קוּמְט אַלֶעס פוּן דֶעם בּוֹרֵא הָרַחוּם וְחַנּוּן, וָואס עֶר אִיז לוּיטֶער חֶסֶד, אוּנ פוּן אִיהְם קוּמְט נָאר קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְץ נָאר לוּיטֶער גוּטְץ, עכ״ל. וְעַתָּה, אַצוּנְד מֵיין פְרֵיינְד הָאבִּין מִיר דִיר גֶעשְׁרִיבֶּן דִיא בֵּיידֶע הִתְנַהֲגוּת פוּן דֶעם (אִישׁ חָכָם, וּבַעַל שֵׂכֶל וְגַם מֵאִישׁ כְּסִיל), וֶועהְל דִיר אוֹיס וֶועלְכֶעס בֶּעסֶער אִיז וד״ל, וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה וכו׳:

(אָמְרוּ רז״ל, גָּדוֹל הַנֶּהֱנֶה מִיגִיעַ כַּפּוֹ יוֹתֵר מִירֵא שָׁמַיִם) דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מְפַרְנֵס מִיגִיעַ כַּפּוֹ אִיז גְרֶעסֶער נָאךְ פוּן דֶעם יְרֵא שָׁמַיִם. אִין דִיא גְמָרָא הַקְּדוֹשָׁה גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ, רַב הָאט גִיזָאגְט צוּ רַב כַּהֲנָא, טוּה אָפְּשִׁינְדֶען אֵיינֶע נְבֵילָה אִין מִיטֶען דִיא גַאס כְּדֵי זָאלְסְט קֶענֶען עֶפֶּעס פַארְדִינֶען אוּנ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגֶען אִיךְ בִּין דָאךְ אֵיין כֹּהֵן אֵיין חָשׁוּבֶר מַאן אוּנ דָאס אִיז פַאר מִיר אֵיינֶע חֶרְפָּה צוּ טוּהְן פוּן דֶעם קָאן מֶען זֶעהְן דֶעם פֶעהְלֶער פוּן דִיא מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען חוּץ הַפַּרְנָסָה וּמִכָּל שֶׁכֵּן אֵיין אָפּ גֶעקוּמֶענֶער עוֹשֶׁר אוּנ שֶׁעהְמֶען זִיךְ צוּ פַארְדִינֶען מִיט אֵיינֶע מְלָאכָה אָדֶער מִיט אַזוֹ מַשָּׂא וּמַתָּן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט לְפִי כְּבוֹדָם כְּדֵי זִיךְ צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מִיט דִיא אַרְבֵּייט פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְד, נָאר זַייא גֵייעֶן לִיבֶּער אַרוּם אִין דִיא גַאסֶען פּוֹעֵל בָּטֵל אוּנ לָאזֶען אִין דֶערְהֵיים פַארְהוּנְגֶערִין זֵייעֶר וַוייבּ אוּנְד קִינְד דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן צוּ אִיהְם בְּרוֹיד אוּנ עֶר הָאט זַייא נִישְׁט צוּ גֶעבֶּען, מַאנְכֶע טִיפְּשִׁים שֶׁעמֶען זִיךְ נָאר אֲפִילוּ מְקַבֵּל צְדָקָה צוּ זַיין, אֲפִילוּ דֶער וָואס נֶעמְט יוֹא פוּן דִיא צְדָקָה טוּהְט עֶס אִיהְם אוֹיךְ נִישְׁט מַסְפִּיק זַיין לְכָל צָרְכֵי הַבַּיִת, אַךְ וִויא פַארְבְּלֶענְט זֶענֶען זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם אֱמֶת דָאס עֶס אִיז נָאר אַחֶרְפָּה צוּ גַנְבֶענִין אָדֶער יֶענֶעם צוּ בֶּעטְרִיגֶען, אָבֶּער נִישְׁט צוּ אַרְבֵּייטֶען אֲפִילוּ הָאלְץ הַאקֶען אוּנ וַואסֶער טְרָאגֶען אִיז אוֹיךְ קֵיין חֶרְפָּה נָאר נָאךְ אֵיינֶע מִצְוָה. וֶוען דוּא ווילְסְט מִיר נִישְׁט גְלוֹיבֶּען, אַזוֹ דַארְפְסְט דָאךְ צוּ גְלוֹיבֶּען דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין תְּהִלִּים (יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ) אוֹיף דֶעם פָּסוּק (עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת) הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט דָאס אִיז גִימֵיינְט מְפַרְנֵס צוּ זַיין זַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּנ וֶוען עֶר אַזוֹ אַמֶענְשׁ אִיז וָואס שֶׁעהְמְט זִיךְ דוּרְךְ אוֹיס צוּ נֶעמֶען צוּ אֵיינֶע מְלָאכָה

מחמת בושה, זאל ער גיין אויף איין אנדער ארט וויא מען קאן איהם נישט, זיך דארט צו בעמיהען בכל כחו כדי מפרנס צו זיין זיך אונ דאס בני הבית בהיתר, אונ עס ווערד איהם בוודאי זיין פיר כפרת עון אזו וויא מיר האבען גילערינט (יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון):

## הכאה

דיא חכמים ז"ל האבין גיזאגט (המכה בנו הגדול חייב נדוי) דער וואס שלאגט זיין ערוואכסענע זוהן איז חייב נדוי, ווייל ער איז מיט דעם עובר אויף (לפני עור לא תתן מכשול) וואס דאס איז גורם זיין קינד זאל אן איהם מורד זיין, פון דעם קאן מען פארשטיין דאס בדור הזה וואס דיא ערוואכסענע קינדער ווילען נישט פארשווייגען קעגין זייערע עלטערין אפילו שימפף ווערטער צו הערין אונ ווען דיא עלטערין טוהן זייערע קינדער אן שרייען מיט כעס טוהן זייא זיך אויך כעסן אויף זייערע עלטערין דארפען אויך דיא עלטערין צו וויסען וויא זיך נוהג צו זיין קעגין זייערע קינדער זייא מוכיח צו זיין מיט פערשטאנד אונ שכל אונ אימער איזט בעסער זייא צו שטראפען אהן כעס (רך במענה רך) מיט ווייכע רייד, אבער נישט מיט כעס, ווייל דאס איז גורם דרייא שלעכטע זאכען, דאס ערשטע וואס דאס קינד גענמט נישט אן דיא שטראף רייד וואס איז מיט כעס, דאס צווייטע וואס דאס איז גורם דאס, דאס קינד זאל מורד זיין אן זיינע עלטערין, אונ דאס דריטע וואס דארבער איז פון אלעם, וואס דאס איז דער גורם אריין צו קומען אין גרויסען כעס וואס דער חטא דאפון זעהר גרויס איז, וואס עס איז געגלעכינט צו עבודה זרה אפילו דאס מען זעהט פון זיין קינד זייער בייזע מעשים איז נישט מותר דאדורך אין גרויסען כעס אריין צו קומען רק כל התפעלות צו טוהן אן כעס אזו וויא מיר געפינען ביי משה רבינו ע"ה איז דאריבער גישטראפט גיווארען ווייל ער האט איין מאהל דיא יודען מוכיח גיוועזען מיט כעס אונ דער מענש וואס איז שוין אין דעם איינגעוואהנט זיך עפטערס צו כעסן אויף זיינע קינדער איז דאס איהם זעהר שווער אפ צו געוויינען, דער מענש אבער וואס וויל אויף זיין נשמה רחמנות האבען דארף פיעל מיהע איינצואווענדען, זיך פון דיא מדה רעה אפ צו געוויינען כדי זיין נשמה מציל צו זיין פון דיא עונשי גיהנם מען זאל זיך גאר איבערלייגען דאס קינד טוהט מען נישט פאר רעכטען, אונד זיך טוהט מען בוודאי מקלקל זיין, ווייל עס איז שוין נישט פארהאנדען איינע גרעסערע עבירה פון כעס, ולכן אז מען האט אשלעכט קינד וואס וויל נישט הארכען דיא געבאט פון זיינע עלטערין איז דאס איינע עצה טובה זיך נישט צו לאזען פון זיין קינד בעדינגען אויך זיך צו היטען איהם נישט צו שימפפען מיט שטעך ווערטער, נאר וויא ווייט מעגליך איז צו איהם צו רעדען מיט ווייכע רייד אויך איז דאס איינע עצה טובה דאס דיא קינדער זאלען נישט צו זאמען וואהנען מיט דיא עלטערין, ובפרט דיא שנור מיט איהרע שוויגער, ווייל בזמן הזה טרעפט זיך זעהר זעלטען דאס דיא קינדער זאלין מכבד זיין זייערע עלטערין, אזו וויא דער די, איז הלוואי דאס זייא העטען אין ווענינסטען זייא

נישט

נישט מבזה געווען, דער איסור פון שלאגען גייט אויך אן אן יעדען מענש וואס מען שלאגט איז מען עובר אויף איין לאו מן התורה, אפילו אז מען הייבט נאר אויף די האנד יענעם צו וועלין שלאגען, הייסט מען שוין דאפיר איין רשע ומכל שכן דער מענש וואס שלאגט זיין ווייב איז בוודאי איין רעכטער פושע עס איז אויך איין איסור צו שלאגען אפילו אקליין קינד וואס נישט זיין איז, אויסער דער פאטער אונד דער רבי פון קינד אויך נישט במכת אכזריות זאלכע מלמדים וועגין בוודאי עתידים ליתן את הדין, אפילו אויך זיין אייגען קינד, אבער זיין תלמיד טאר מען אויך נישט שלאגען שלא כדין וואס דאס קינד האט זיך נישט פארדינט איהם צו שלאגען, אפילו ווען דאס קינד האט זיך יוא פארדינט איהם צו שלאגען איז אויך נישט מותר צו שלאגען במכת אכזריות, נאר עס מוז אויך זיין מיט ישוב הדעת אן כעס, דאס וויא מיר דא גישריבען האבען, איז דער דרך הישר וויא מען דארף זיך צו פיהרען:

## הלוואה

(הלוואה) דאס איז איינע מצוה מן התורה פון די תרי"ג מצות גומל חסד צו זיין צו בארגען געלד אונ כלים דער וואס פערלאנגט פון דיר די טובה, עס זייא איין עושר אדער איין ארומאן נאר דער ארומאן איז קודמער פאר דעם עושר, אזו אמענש אבער וואס איז דיר נישט בטוח דאס ער ווערד דיר בעצאהלען, זאלסט איהם נישט אנדערש בארגען נאר אויף איין משכון כדי דוא זאלסט נישט דארפען שפעטער חרטה צו האבען וואס דוא האסט איהם די טובה געטוהן, דוא ווערסט דאדורך דעם שכר פון די מצוה פארלירען, אונ דער לוה ווירד עובר זיין אויף (לא תעשוק) אונ ווערד ווערין גערופען (רשע) אזו וויא עס שטייט (לוה רשע ולא ישלם) נאר ווען דוא ביזט אין שטאנד אין פאלע ווערד ער דיר דעם בעטראג נישט בעצאהלען, איהם דאס אין גאנצען צו שענקען בתורת צדקה, אז מה טוב איז איהם צו בארגען נאר באלד מתנה צו זיין, ווען ער ווערד מיר נישט קענען בעצאהלען, אזו גיב איך עס איהם בתורת צדקה, אויך דעם יעניגען וואס האסט איהם דאס געלד גיגעבען, איהם צו זאגען זייא דיך נישט מצער, עס איז אזו גוט וויא דוא העטסט מיר בעצאהלט (ואם כה תעשה אשריך וטוב לך) אזו האסט דוא מקיים גיוועזען צווייא מצות גמילת חסד אונ צדקה, אונ דער מענש וואס שכל האט דארף איהם נישט צו פארדריכען, ווען ער האט איין עני געבארגט אונד ער קאן איהם נישט בעצאהלען, נאר ער זאל גלייבען באמונה שלימה, דאס דאס געלד, וואס ער האט איהם גיבארגט, האט ער עס גיגעבען צו בעהאלטען ביי השם יתברך אונ עס ווערד איהם בוודאי גוטע פראצענט טראגען, אבער נישט דאס דאס זאל איהם גורם זיין נישט שוין מעהר צו וועלין איינע טובה טוהן (ואמרו רז"ל) דער וואס בארגט דעם עני בשעת דוחקו זאגט אויף איהם דער פסוק (אז תקרא וד' יענה, תשוע ויאמר הנני) דער בורא זאגט צו איהם ווען דוא ווערסט מיך רופען וועל איך דיר ענפערען, אונ ווען דוא ווערסט שרייען צו מיר וועל איך זאגען (הנני) איך בין דא דיר צו העלפען:

# השוואה

(אָמְרוּ רז"ל, אָזְלַת לְאַתְרָא אַזֵל בְּנִימוּסָה) דִיא חֲכָמִים הַקְדוֹשִׁים הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דוּא וֶועֶרְסְט קוּמֶען אִין אֵיין שְׁטָאט אַרַיין, זָאלְסְט דִיךְ אַזוֹ פִירֶען וִויא דִיא שְׁטָאטִם לַייט פִירֶען זִיךְ, אוֹיךְ הָאבְּעֶן זַייא גִיזָאגְט (אַל יְשַׁנֶה אָדָם מִפְּנֵי הַמַחֲלוֹקֶת) מֶען זָאל נִישְׁט פַארֶענְדֶערֶן דֶעם מִנְהָג פוּן דִיא שְׁטָאט, דָאס עֶס זָאל קַיין מַחֲלוֹקֶת אַרוֹיס קוּמֶען (וְכָל הַמְשַׁנֶה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה) וְלָכֵן זָאל מֶען נִישְׁט לַאכֶען אוּנ לֵיסְטִיג זַיין, צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען וָואס וֵויינֶען, אוֹיךְ נִישְׁט צוּ וַויינֶען צְווִישְׁען מֶענְשֶׁען וָואס לַאכֶען, רַק זִיךְ אַזוֹ צוּ פִירֶען וִויא דִיא חַבְרוּתָא פִירֶען זִיךְ, רַק בִּתְנַאי זֶה, דָאס עֶס זָאל נִישְׁט דַאבַּייא זַיין עֶפֶּעס אֵיין צַד אִיסוּר, לְמָשָׁל אוֹיף אֵיין חֲתוּנָה, אִיז אַיינֶע מִצְוָה מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין חָתָן וְכַלָה, מִיט זִינְגֶען אוּנ טַאנְצְעֶן: וֶוען עֶס וֶוערְד אָבֶּער דָארְט גִיבְּרוֹיכְט לֵיצָנוּת וּשְׂחוֹק וְנִיבּוּל פֶּה, אָדֶער חֲצִיפוּת וָואס אוּנְטֶערְהַאלְטֶען זִיךְ צוּזַאמֶען זְכָרִים מִיט נְקֵיבוֹת, אַזוֹ וִויא דָאס דָאזִיגֶע בִּזְמַן הַזֶה שָׁכִיחַ אִיז, דַאמַאהְלְס אִיז נָאךְ אַיינֶע מִצְוָה גְדוֹלָה זִיךְ פוּן זָאלְכֶעס צוּ עֶרְוַויטֶערֶען (בְּתַכְלִית הָרִיחוּק) דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּייא אַנְדֶערֶע סְעוּדוֹת שֶׁל מִצְוָה, דְהַיְינוּ פוּן בְּרִית מִילָה, סִיוּם מַסֶכְתָּא, וּסְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, וּכְדוֹמֶה, אַז מֶען זֶעהְט דָאס עֶס וֶוערְד דָארְט גִירֶעט לֵיצָנוּת אָדֶער אֲפִילוּ נָאר בְּלוֹיס דְבָרִים בְּטֵלִים, וָואס דָאס אִיז אֵיין כְּלַל (כִּי בְּרוֹב דְבָרִים לֹא יֶחְדַל פֶּשַׁע) אִיזְט פִיעל בֶּעסֶער זִיךְ פוּן דֶעם מוֹנֵעַ צוּ זַיין, אוּנ עֶר וֶוערְד נָאךְ מְקַבֵּל שְׂכַר זַיין (עַל הַפְּרִישָׁה). עֶס טְרֶעפְט זִיךְ מֶענְשֶׁען וָואס לֶעהְר זֶענֶען פוּן פֶערְשְׁטַאנְד בְּשַׁעַת זַייא קוּמֶען צוּ אֵיין חוֹלֶה אָדֶער אוֹיף דֶעם בֵּית הַקְבָרוֹת וָואס דִיא קְרוֹבִים פוּן חוֹלֶה אָדֶער פוּן מֵת טְרוֹיעֶרִיג זֶענֶען אִיבֶּער זַייעֶר צַעַר, אוּנ דִיא מֶענְשֶׁען אִיז עֶס גָאר נִישְׁט דַארַאן גִילֶעגֶען, נָאר זַייא בְּרוֹיכֶען דָארְט שְׂחוֹק וְקַלוּת רֹאשׁ, אוּנ זַייא מֵיינֶען נָאךְ דָאס, דָאס אֵיינֶע מִצְוָה וּמִנְהָג טוֹב אִיז, בֶּאֱמֶת אָבֶּער זֶענֶען זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען זֶעהְר פֶערְאָרְמְט פוּן פֶערְשְׁטַאנְד, וַוייל דָאס דָאזִיגֶע אִיזְט בַּייא דִיא קְרוֹבִים אַזוֹ וִויא גִישְׁטָאכֶען אִין דִיא אוֹיגֶען, אוּנ מֶען טוּהְט זַייא מִיט דֶעם מֶעהְרֶען צַעַר עַל צַעַר, אוֹיךְ טְרֶעפְט זִיךְ מֶענְשֶׁען וָואס זָאגֶען, דֶער וָואס דַארְף צוּ וֵויינֶען דֶער זָאל וֵויינֶען, אוּנ דֶער וָואס קָאן לֵיסְטִיג זַיין דַארְף לֵיסְטִיג צוּ זַיין (אֲבָל לֹא זוּ הַדֶרֶךְ) אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹ דַארְפֶען מִיר יוּדֶען זִיךְ צוּ פִירֶען (כִּי אֲנָשִׁים אַחִים אֲנַחְנוּ) מִיר יוּדֶען זֶענִין אַלֶע צוּזַאמֶען אַזוֹ וִויא אֵיין גוּף, אַזוֹ וִויא דֶער גַאנְצֶער גוּף פִיהְלְט צַעַר וֶוען עֶס טוּהְט וֵויא אֵיין אֵבֶר פוּן גוּף, אַזוֹ אוֹיךְ דַארְפֶען מִיר יוּדֶען צוּ פִיהְלֶען דֶעם צַעַר אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערֶען אִין וֶוענִיגְסְטֶענְס וֶוען מֶען פִיהְלְט נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס צַעַר, אַזוֹ דַארְף מֶען עַל כָּל פָּנִים צוּ וַוייזֶען פַאר דֶעם בַּעַל צַעַר דָאס מֶען הָאט מִיטְלֵייד מִיט אִיהם כְּדֵי עֶס זָאל אִיהְם זַיין אֵיין שְׁטִיקֶעל טְרָאסְט, וִוידֶער דַארְף מֶען נִישְׁט צוּ בֶּעוַוייזֶען קַיין שׁוּם צַעַר אוֹיף אֵיינֶע חֲתוּנָה, נָאר דֶעם צַעַר צוּ בֶּעהַאלְטֶען, אוּנְד זִיךְ מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין מִיט דִיא בַּעֲלֵי הַשִׂמְחָה, אַזוֹ אִיז דֶער דֶרֶךְ הַיָשָׁר וִויא מֶען דַארְף זִיךְ צוּ פִירֶען, וָואס וואהְל גֶעפֶעהְלְט (בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם):

הלבנה

# הלבנה

(הלבנה) ידוע דאס איזט וואהל בעקאנט דער חומר העון פאן (מלבין פני חבירו ברבים) אז מען טוהט איין מענש פארשעמען וואס דאדורך טוהט מען פארלירען זיין חלק מעולם הבא, דיא גמרא זאגט עס איזט בעסער זיך אין קאלעך אויפען צו ווארפען, איידער מבייש צו זיין, זיין חבר ברבים. ואעפ"כ טרעפט זיך בזמן הזה פיעל מענשען וואס טוהן אויף דעם חומר העון עובר זיין, דהיינו ווען צווישען צווייא מענשען איין צאנקערייא איזט, טוהט איינער דעם אנדערען פירהאלטען אלע זיינע פעהלער, וואס ער גאר איינמאל געטוהן האט, אונד טוהן נאך דאצו מוציא לעז זיין אויף זיינע גאנצע משפחה (וגדול עונם מנשוא) דער עונש איבער דעם הארבען חטא איזט זעהר גרויס אפילו דאס מען טוהט זיין חבר לעסטערען מיט זאלכע רייד וואס גאנץ ליגענט איזט, אזו ווערד ער דאך דאדורך נישט מבויש, איזט מען אבער תידער עובר אויף דעם הארבען חטא פאן (מוציא שם רע) אונד דיא מענשען ~~ו~~אס אויף דיא עבירה עובר זענען, פאלט זייא נישט איינמאהל איין אויף דען תשובה צו טוהן, מחמת ער זאגט, וואס האב איך דען שלעכטעס געטוהן? איך האב דאך נאר געזאגט דאס וואס אמת איזט, אונד עס פאלט איהם גאר נישט איין דארויף צו קלעהרען דאס דיא דאזיגע עבירה איזט גיגלעכענט צו (רציחה) אזו וויא מען העט בלוט פארגאסען. ולכן (מי האיש החפץ חיים) זאל זיך פאן דיא דאזיגע עבירה אזו היטען, וויא פאר דען טויט, אונד דער גדר פון דען איזט (שתיקה) נאר צו שווייגען קיין איבריגע רייד צו ריידען (כי ברוב דברים לא יחדל פשע) (המות והחיים ביד הלשון):

## אות ו וותרנות

(וותרנות) דיא מדה טובה פון וותרנות, צו זיין מילד, דאס איז דער היפוך פון קארגקייט, איזט זעהר איינע מדה טובה, דהיינו נישט קארג צו זיין געלד אויס צו געבען אויף צדקה, וגמילות חסדים, וויא אויך אויף אנדערע מצות, ווייל דאס איז אזו גוט וויא מען העט גיבארגט הקב"ה, אויף גוטע פראצענט אפ צו נעהמען טויזענט פיר הונדערט, אונ נאך מעהר, ווייל דאס האט גאר קיין שיעור, אויף דיא וועלט געניסט מען דיא פירות, אונ דער עיקר שכר בלייבט איהם לעולם הבא, אויך אין דער היים אויס צו געבען וואס מען דארף פיר צורכי הבית, איז אויך איינע מדה טובה, נישט צו פיעל קארג צו זיין, נאר אלעס צו געבען וואס נייטיג איז בפנים יפות, אונ זיך נישט צו בייזערין, ווייל עס געהט איהם פיעל אוועק, ווייל דיא מדה פון וותרנות נישט צו פיעל קארג צו זיין אין זיין הויז, איז איין גדר גדול, צו שלום בית, אונ דאס עס זאל זיין אהבה צווישען דעם בני הבית, וויא אויך צווישען אנדערע מענשען אונ דאס איז גורם צו פארטרייבען אלע קריג אונד פיינדשאפט, עס האט זיך פיעל מאהל גיטראפען וואס דורך דיא מדה פון וותרנות איז מען ניצול גיווארען פון טויט:

דֶער (כִּילַי) קַארְגֶער מֶענְשׁ אָבֶער, אִיז (רַע לְשָׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת) אוּנ אוֹיךְ

שְׁלֶעכְט פִיר זַיין בְּנֵי הַבַּיִת, אוּנ אוֹיךְ צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט, דוּרְךְ זַיין גְרוֹיסֶע קַארְגְהַייט טוּהְט עֶר פוּן זִיךְ עֶרְווַייטֶערְן אַלֶע גוּטֶע פְרַיינְד, אוּנ אֲפִילוּ מִיט זַיין אֵייגֶען בְּנֵי הַבַּיִת לֶעבְּט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בְּשָׁלוֹם. ווַייל דִיא מִדָּה רָעָה פוּן קַארְגְהַייט בְּרֶענְגְט פִיעל קְרִיג, אוּנ אוּמְגְלִיק אוֹיף דֶעם מֶענְשׁ, וְוִיא אוֹיךְ קְרִיג אִין הוֹיז. דֶער (סֵפֶר הַיָּשָׁר לְרַבֵּינוּ תַּם) שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (כִּילַי) דָאס דֶער מֶענְשׁ וָואס בֶּעזִיצְט דִיא מִדָּה רָעָה פוּן כִּילוּת, אַזוֹ אִיז מִמֵּילָא אַן אִיהְם אוֹיךְ בֶּעהֶעפְט פִיעל אַנְדֶערֶע מִדּוֹת רָעוֹת, דֶער קַארְגֶער טוּהְט קֵיין מָאהְל צְדָקָה גֶעבֶּען, אֲפִילוּ דָאס עֶס אִיז נָאךְ אַזוֹ נֵייטִיג אוּנ וֶוען עֶר מוּז אֵיינְמָאהְל יֶעמַאנְדֶען יוֹא עֶפֶּעס הֶעלְפֶען, אִיז עֶס אוֹיךְ אִיבֶּער זַיין דַאנְק, אוּנ אַזוֹ אַמִצְוָה וָואס עֶס דַארְף עֶפֶּעס גֶעלְד צוּ קָאסְטֶען, טוּהְט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֵקִיל זַיין, עֶס נִישְׁט צוּ טוּהְן, וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהְם אֵיינֶע שַׁאֲלָה, טוּהְט אִיהְם דָאס קַארְגְהַייט בְּרֶענְגֶען אַלֶע רְאָיוֹת בִּיז עֶר אִיז עֶס זִיךְ מַתִּיר, וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהְם אֵיין גִישֶׁעפְט, נָאר מֶען מוּז דַאבַּייא אוֹיךְ מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, פַארְלָאזְט עֶר עֶס נִישְׁט דִיא עֶרְשְׁטֶע רְאָיָה בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ וָואס שְׁטֵייט (אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם) בַּייא אִיהְם אִיז דָאס גֶעלְד דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּען, אִיבֶּער דֶעם אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס דֶער קַארְגֶער זָאל קֶענֶען זַיין אֵיין עוֹבֵד הַשֵּׁם, וְלָכֵן אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס אִיז גִיבּוֹרֶען מִיט דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה, מוּז דַאצוּ פִיעל מִיהֶע אֵיינְווֶוענְדֶען, כְּדֵי זִיךְ דַאפוּן אָפּ צוּ גֶעווֶוינֶען (וְזֶה הַכְּלַל גָּדוֹל) דֶער כְּלַל אִיז בַּייא עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין, אַז מֶען הָאט גֶעלְד פַארְלוֹירֶען וֶועגֶען אֵיינֶע מִצְוָה, אוּנ אוֹיךְ זִיךְ נִישְׁט מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין, אַז מֶען הָאט מַרְווִיחַ גִיוֶועזֶען בַּייא אֵיינֶע עֲבֵירָה, אוּנ דֶער וָואס טוּהְט בֶּעשְׁטֵייִן בַּייא דֶעם נִסָּיוֹן פוּן גֶעלְד, אוּנ הִיעט זִיךְ פוּן אַזוֹ אַגֶעלְד וָואס אִיז שֶׁל אִיסּוּר, אוּנ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַארְג אוֹיס צוּ גֶעבֶּען זַיין גֶעלְד, וֶוען עֶר קָאן מְקַיֵּים זַיין אֵיינֶע מִצְוָה, דֶער דָאזִיגֶער אִיזְט דֶער אֱמֶתְדִיגֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם:

## ווידוי

מֶען זָאל גִיוָואהְרְנְט זַיין יֶעדֶעם מָאהְל וָואס מֶען זָאגְט וִוידוּי, צוּ זָאגֶען מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, אוּנ מִיט גִיבֵּייגְטֶען קָאפְּף, אוֹיךְ מִיט אֵיין וֵוויינֶדִיג קוֹל, אוּנ אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זַיין אוֹיף דִיא אַלֶע עֲבֵירוֹת נִישְׁט מֶעהְר עוֹבֵר צוּ זַיין, נָאר זַייא צוּ פֶערְלָאזֶען אוֹיף אֵייבִּיג, וֶוען עֶס פֶעהְלְט אָבֶּער אֵיין תְּנַאי פוּן דִיא תְּנָאִים וָואס אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען אִיז, אִיז בֶּעסֶער גָאר קֵיין וִוידוּי צוּ זָאגֶען פַאר הקב"ה חַאפֶּעדִיג, אוּנ אָן הַכְנָעָה, שְׁטֶעל דִיר פָאהְר אַז מֶען הֶעט אַזוֹ גִירֶעט צוּ אֵיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם, אִיךְ הָאבּ קֶעגֶן דִיר גֶעזִינְדִיגְט אוּנ הָאבּ אוֹיף דֶעם אוּנ אוֹיף דֶעם עוֹבֵר גִיוֶועזֶען, מֶען הֶעט אָבֶּער דִיא וֶוערְטֶער גִירֶעט וֶועהְר אַיילִידִיג אוּנ אַלֵיין נִישְׁט צוּ ווִיסֶען וָואס מֶען הָאט צוּם מֶלֶךְ גִיזָאגְט, אַזוֹ הֶעט מֶען זִיךְ בְּוַדַּאי נָאךְ פֶערְהַאסְט גִימַאכְט בַּיים מֶלֶךְ אוּנ מֶען הֶעט נָאךְ דֶעם מֶלֶךְ עֶרְצָארְנְט, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּשַׁעַת מֶען גֵייט זָאגֶען ווִידוּי פַאר דֶעם (מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב"ה אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ) וְדָכֵן מַיין פְרַיינְד פִיר דִיךְ נִישְׁט

אזוי לויט דעם הרגל פון דיא יוגענד, נאר יעדעם מאהל וואס ווירסט וועלין ווידוי זאגען זאלסט דיר פארשטעלען דוא שטייסט אצונד פאר הקב"ה, פאר דעם (מלך רם ונשא איום ונורא) פאר דעם ערהויבענען און פארכטבארען גאט, און דוא ביזט נאר (עפר מן האדמה) און ווילסט פאר איהם מתודה זיין איבער דיינע מיסטייטן, וואס האסט קעגין איהם מורד געוועזין, כמה וכמה פעמים, און ווילסט האבען ער זאל דיר דיינע פיעל חטאים ופשעים מוחל זיין אזוי ווירסט שוין ממילא זאגין דיא ווידוי מיט הכנעה, און קאנסט פיעל דארויף רעכטען, דאס דוא ווירסט דורך דיא ווידוי איין כפרה האבען, נאר בתנאי זה זיך שוין פון נון ווייטער צו היטען פון עבירות (כי אל רחום הוא) ער איז איין ערבארמיגער גאט און ער בעגעהרט נישט דאס דער מענש זאל דארפען גישטראפט צו ווערין איבער זיינע עבירות, רק דאס איז זיין רצון דאס ער זאל תשובה טוהן (ושב ורפא לו):

## אות ז זכירה

(זכירה) צו דענקען און נישט צו פארגעסען אן דיא זאכען וואס גייטיג איז צו דענקען, איזט איין גדר גדול בתורה ובמצות, וזה און דאס איז דיא גוטע זאכען וואס דער איש יהודי דארף אלע מאהל צו דענקען און אן דעם קיין מאהל צו פארגעסען, בדרך כלל איז צו דענקען איך בין איין איש יהודי און דער בורא ב"ה האט אן אונז ישראל אויסדערוועהלט פיר זיין פאלק, און האט מיט אונז כורת ברית געוועזין צו האלטען דיא (תורה שבכתב, ותורה שבעל פה) און מיר יודען האבען אויף אונז מקבל געוועזין איהם צו דינען (בכל לב ונפש) איבער דעם איז אויף אונז מוטל מקיים צו זיין וואס מיר האבען אויף אונז מקבל געוועזין, דהיינו זיך צו היטען פון יעדען איסור און אויך מקיים צו זיין אלע מצות עס זייא מדאורייתא אדער מדרבנן דאס איזט בדרך כלל. ובפרטות דארף מען אייביג צו דענקען אן דעם וואס שטייט (שויתי ד' לנגדי תמיד) זיך פאהר צו שטעלען, דאס השם יתברך שטייט אלע מאהל פאר מיר און זעהט אלע מיינע מעשים און גידאנקען דער וואס דאס מקיים איז, איז ממילא אויך מקיים דעם פסוק (ולדבקה בו) ולכן איז ראוי עפטערס צו זאגען זאלכע פסוקים וואס טוהט דעם מענש ערמאנען אן גאט ב"ה, דהיינו (שויתי ד' לנגדי תמיד, אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך, מה רבו מעשיך ד' כולם בחכמה עשית, גדול ד' ומהולל מאד ולגדולתו אין חקר) ווידער דארף מען נישט צו פארגעסען אן דיא עבירות וואס רוב מענשען זענין שוין מיט זייא איינגעוואהנט (ונעשה להם כהיתר) כגון לשון הרע צו זאגען ברכות ותפלות האפעדיג אן כוונה, גזל, אונאה יענעם צו נארען הן מיט געלד והן מיט שטעכווערטער וביטול תורה אויך נישט צו פארגעסען אן דיא שלעכטע מדות וואס פיעל מענשען ווערין אן זייא נכשל, דהיינו גאוה כעס, קנאה, נטירה, קפדנות, אכילה גסה, ושיחה בטילה, אן דען אלען איז גוט צו דענקען דעם שטארקען עונש וואס עס איז אויף דעם, און אייביג צו טראכטען מיט וועלכע נדרים וועל איך זיך קענין פון דיא מדות רעות אפ

געוויינען, און צו טראכטען תחבולות כדי צו קענין דעם יצר הרע כובש צו זיין, והן אמת דאס אין דיא צייט וואס דער יצר טוהט דעם מענש אן רעדען צו איין עבירה, דענקט גאר נישט דער מענש אן דען יצר טוב, אויף דעם האבען מיר שוין אויבין געשריבען (באות ג' סימן גדר) דאס דיא בעסטע תחבולה צו קענין דעם יצר כובש צו זיין, איז זיך אויף צו שרייבען אויף איין פאפיער, דיא און דיא מדה דארף איך מתקן צו זיין און דאס זאלבע יעדען טאג דורך צו לייענען, זעהע אויבן (בסי' גדר) אויך איז גוט נישט צו פארגעסין אן דיא עבירות וואס מען האט עובר געוועזין (כדי לקיים, וחטאתי לנגדי תמיד) כדי דאס זאל איהם ברענגען לידי הכנעה, אויך דארף מען צו דענקען אן דיא חסדים און טובות וואס דער בורא ב"ה האט מיט דיר גיטוהן פון דיין גיבורין ווערין עד היום הזה, כדי איהם דאנקבאר צו זיין און פאר איהם אונטערטעניג צו זיין:

## זהירות

דיא מדה פון זהירות וועלין מיר מעתיק זיין בקיצור (מהספר מסילת ישרים)

זהירות הייסט דעם מענש צו וואהרנען, דאס ער זאל נישט לעבין אויף דיא וועלט אנאיבערלייגט, אזו וויא איין בהמה, רק איביג דארף דער מענש השגחה צו געבין אויף אללע זיינע מעשים, און דרכים צו זעהן אויב זייא זענען ראכטפארטיג, אויב ער פיהרט זיך אזו אויף דיא וועלט, לויט וויא דער רצון הבורא איזט, און אויך אויב ער טהוט נישט זיין בעשעפער יעדן טאג ערצארנען דאס דאזיגע הייסט (זהירות), אבער נישט צו לעבין אויף דיא וועלט אנאיבערלייגט צו גיין נאך זיין געוואנהייט פון דער יוגענט, אזו וויא איין בלינדער אין דיא פינצטער אזו אמענש האט נאך וייניגער אין ווערט פון אבהמה, ווייל מיר זעהן דאך דאס אפילו בהמות און חיות טוהן זיך היטען פון זאלכע זאכען וואס קען זייא שעדיקען, און אזו אמענש וואס טהוט זיך נישט היטען פון דיא זאכען וואס פיר איהם געפעהרליך איז, דער זעלבער האט נאך וועניגער אין ווערט פון דיא בהמה, אזו אמענש וואס גייט ארום אויף דיא וועלט אהן איבערלייגונג וואס טראכט גאר נישט אויב ער גייט בדרך טובה אדער בדרך רעה, דער איז גלייך צו איין בלינדען מענש וואס גייט גאנץ אליין ביא דען בארטען פון טיפען וואסער אן אשומר וואס ער איז בוודאי יעדע רגע אין איינע גרויסע סכנה, און עס איז שוועהר דאס ער זאל ניצול ווערין פון טויט, פונקט דאס זעלבע איז עס אויך ביא אזו אמענש וואס האלט צו דיא אויגען וואס וויל גאר נישט קוקען וויא ער גייט אויף דיא וועלט, וואס דאס איין ידוע איז, דאס דיא וועלט איזט יעדן אויגענבליק געפעהרליך פיר דעם מענש, ובפרט פיר דיא נשמה, ובאמת איז דאס איינס פון דיא תחבולות פון דעם יצר הרע וואס טהוט דעם מענש איבער לאדענען מיט פיעל ארבייט און פיעל זארג בעוה"ז, כדי דאס עס איהם זאל גאר קיין צייט מעהר איבעריג בלייבען אויף זיין נשמה אכט צו געבין, זיא נישט צו לאזען נידערן (לבאר שחת) אין דעם פינצטערן גרוב פון גיהנם, ווייל דער יצר ווייסט גוט דאס ווען דער מענש העט נישט אן

זיך פארגעסין נאר ער העט אכט געגעבין אויף זיינע מעשים אזו העט ער בודאי זיך געהיטען פון פיעל עבירות אונ העט אויך בודאי גרוים חרטה געהאבט, איבער זיינע פארדארבענע מעשים, אונ ממילא העט ער זיינע אויגען גיעפענט צו זעהן דעם אמת מיט וואס דער מענש דארף זיך אין מעהרסטענס צו בעשעפטיגען אויף דיא וועלט צו פאר דעם נארישען (גוף הכלה) אדער פיר דיא נשמה, וואס אקיום האט אויף אייביג, אונ דאס איז אלע מאהל דער דרך פון יצר, דעם מענש צו מאכען גאנץ פארגעסין אן דעם עיקר, אונ צוועק צו וואס ער איז בעשאפען געווארען, אונ מאכט אויך איהם גאנץ פארגעסין דאס זיין גאנץ בעמיהען אונ ארבייט אויף דיא וועלט, ווערד באלד אונ געשווינד איין ענדע האבין דען היינט איז ער דא אונ מארגען אין קבר, אונ מאכט איהם אויך גאנץ פארגעסין דאס ער איז מוכן דין וחשבון אפ צו געבין (על כל מעשיו) וויא אויך אויף יעדען טאג בעזונדער מיט וואס ער האט זיך אן דען טאג בעשעפטיגט אדער פיר עבודת הבורא אדער פיר דיא תאות הגוף צו ערפיללען איבער דעם מיין פריינד ווען דוא ווילסט פון דעם שטארקען יצר ניצול ווערין, אזו מוזט זעהן תחבולות צו טראכטען אונ אויך דאצו פיעל מיהע איינווענדען אזו וויא דער נביא (חגי) האט געזאגט (שימו לבבכם על דרכיכם) בעקלערט אייך גוט אויף אלע אייערע וועגין וויא איהר גייט, אויך שלמה המלך ע"ה האט געזאגט מיט זיין חכמה (אל תתן שינה לעיניך לעפעפיך תנומה הנצל כצבי מיד) דאס הייסט דוא זאלסט נישט פארשלאפען נאר גוט אויף דיר אכט צו געבין כדי דוא זאלסט קענען ענטרינען ווערין פון דעם יצר הרע, אזו וויא איין הירש פון זיין פענגער, דיא חכמים הקדושים האבין אויך געזאגט (כל השם אורחותיו בעוה"ז, זוכה ורואה בישועתו של הקב"ה), דער וואס טהוט אכט געבין אויף זיינע וועגין אזו איז ער זוכה צו זעהן דיא הילף פון הקב"ה, ווייל ווען נישט דאס דער אייבעשטער העט דעם מענש צו געהאלפען קעגין דעם יצה"ר העט ער איהם בודאי נישט געקענט בייא קומען, ווען איז אבער דאס, ווען דער מענש גיבט אליין אויף זיך אכטונג אונ וויל באמת מלחמה פיהרען קעגין דעם יצר אזו טהוט איהם דער בורא ב"ה צו העלפין, ווען דער מענש איז אבער אויף זיך אליין נישט חס, אונ וויל אליין נישט זיך רעטין, אזו טהוט מען איהם בודאי נישט העלפין צו קענען ניצול ווערין פון דעם שטארקען יצר, אזו וויא מיר האבין געלערנט אין פרק אבות, (אם אין אני לי מי לי) ווען נישט איך אליין זארג פאר מיר ווער דען ווירד זארגען פאר מיר:

## זריזות

דיא מדה פון זריזות איזט געזאגט געווארען אויף (מצות עשה), אזו וויא עם שטייט זריזין מקדימין למצוה), דאס איז געמיינט ווען מען דארף איינע מצוה מקיים צו זיין זאל מען דיא מצוה תיכף מקיים זיין נישט זיא אוועק צו לייגען אויף שפעטער. ווייל עס איז צו בעזארגען דאס עס זאל קיין עיכוב ארויין קומען דיא מצוה אין גאנצען צו פארלירען, פונקט אזו וויא דער מענש וויל נישט פארשיבען איין געשעפט וואס ער קען דאבייא פיעל געלד פארדינען

אויף

אויף שפעטער, אזו אויך דארף מען קיין שום מצוה צו פארשיבען אויף שפעטער, ווייל דער שכר פון איעדע מצוה איז זעהר גרויס, נאר אן אשיעור, איבערדעם איז איינע מצוה גדולה גלייך וויא מען שטייט אויף אין דער פריה תיכף מקיים צו זיין דיא מצוה פון ק"ש, ותפלה, אבער נישט צו ווארטען ביז מען ווירד עובר זיין דעם זמן ק"ש ותפלה וואס דאס איז (מעוות לא יוכל לתקן) אויך מנחה ומעריב צו דאווענען בזמנו, אויך תיכף נאך יעדן עסין און טרינקען ברכה אחרונה צו מאכין, ווייל עס איז לייכט צו פארגעסין אויך איז אין כלל זריזות אז מען פאהרט אין וועג זיך מיט צו נעהמען ציצית ותפלין, אויך ספרים צום לערנען (וישמע חכם ויוסף לקח):

## זמן

דאס איז ידוע דאס דער זמן פון ק"ש איז נישט מעהר וויא דרייא שעה אויף דעם טאג, אז דער טאג איז גרויס צוועלף שעה, און אז דער טאג איז גרעסער ווערד אלע מאהל גערעכענט דער זמן ק"ש איין פערטיל טאג, למשל אז דער טאג איז גרויס זעכטצין שעה אזו איז פיער שעה איין פירטעל טאג, ביז דאמאהלם איז דער לעצטער זמן פון ק"ש און דער זמן תפלה איז נישט מעהר וויא איין דריטעל טאג איין שעה מעהר פון זמן ק"ש, און אז מען זאגט ק"ש נאך דעם זמן וואס אויבין שטייט האט מען שוין פארלוירען דעם גרויסען שכר פון מצות ק"ש נאר (כקורא בתורה), און אז מען האט פערזיימט מיט ק"ש זאגין ביז פיער שעה אויף דעם טאג אזו איז דער דין אין שלחן ערוך דאס מען טאהר שוין נישט מעהר זאגען דיא ברכות פון ק"ש דהיינו יוצר אור מיט אהבה רבה און אמת ויציב, און אז מען זאגט יוא דיא ברכות של ק"ש נאך דיא צייט איז מען עובר אויף (לא תשא וכו') גלייך וויא מען העט געזאגט ברכות לבטלה און אז מען האט פערזיימט מיט שמונה עשרה של שחר ביז זמן מנחה, דאס איז ביז האלב איינס, איז שוין אסור צו דאווענען תפלה של שחר נאר מען מוז פריהר דאווענען תפלת מנחה, עס איז איין (סתם משנה) אין שבת אז מען לערנט תורה און עס קומט דער זמן פון ק"ש מוז מען אויף הערין פון לערנין כדי צו זאגען ק"ש בזמנו, ווייל דאס איז איין מצוה מדאורייתא און דער זמן איז עובר און דער שכר פון דעם איז גאר גרויס, און אז מען זאגט ק"ש אין דער פריה אן תפלין איז מען נישט יוצא ווייל ער טהוט אויף זיך אליין פאלטשע עדות זאגען, ער זאגט אין דער ק"ש (וקשרתם לאות על ידיך וכו') דאס הייסט דוא זאלסט תפלין לייגען אויף דיא האנד און אויף דעם קאפף און ער גייט אן תפילין, און ווען דוא ווערסט ווילן פרעגין, מיר זעהן דאך דאס רוב עולם בזמן הזה זענען יוא עובר ק"ש איך וועל מיך נוהג זיין וויא רוב מענטשען פיהרען זיך אזו וועל איך דיר אויף דעם דרייא תירוצים ענפרין, דאס ערשטע איז דער רוב עולם איז נישט דער רוב פון דיא יארין פון דיא וועלט, פאר צוואנציג דרייסיג יארין איז דער רוב נאר געוועזין איין מיעוט עס האט זיך פיליכט געטראפען אין איינע מקומות וואס יחידים האבין זיך אזו נוהג געוועזין, און ווידער פאר הונדערט יאהר צוריק איז עס גאר נישט

הערהאנדען

פערהאנדען געוועזן (במתבוין) מיט פלייס עובר ק"ש צו זיין אויסער בייא איין רעכטין אונס, היינט ווען דוא ווירסט רעכנען פון משה רבינו אהן ביז פאר הונדערט יאהר איז בודאי רוב יארין דאס כל ישראל האבין זיך נישט אזו געפיהרט:

אויך מוזט געדענקין וואס מיר זאגען יעדען טאג (לא יחליף האל ולא ימיר דתו) אונ דאס איז איינס פון דיא עקרים פון דת ישראל, דאס מיר גלויבען באמונה שלימה דאס אזו גוט וויא דער בורא ב"ה ווירד נישט פערענדערט ווערין, אזו אויך ווירד זיין תורה נישט פערענדערט ווערין אונ אזו גוט וויא דוא גלייבסט אן דיא רייד פון דיא חכמים דאס מען טאהר נישט מעהר מאכען וויא אכט פעדין אין דיא ציצית אונ פיער פרשות אין דיא תפילין אין דער וואס זאגט אנדערשט וויא דיא חכמים ז"ל האבין מקבל געוועזן דיא תורה שבעל פה פון משה רבינו, דער הייסט איין רעכטער אפיקורס אונ איז (מגלה פנים בתורה שלא כהלכה) אזו אויך מוזט דוא גלייבען אן דעם וואס דיא חכמים ז"ל דיא בעלי הגמרא האבין געזאגט דאס דער זמן ק"ש איז נישט מעהר וויא איין פירטעל טאג, אונ נאך דעם זמן הייסט שוין נישט מעהר מצות ק"ש וואס דיא תורה הקדושה האט געבאטען יעדען טאג ק"ש צו לייענען (בשכבך ובקומך) נאר כקורא בתורה אונ דער וואס זאגט אז דער זמן ק"ש איז שפעטער וויא דיא חכמים הקדושים האבין געזאגט אין איז זיך קובע יעדען טאג ק"ש צו זאגען נאך דעם זמן ק"ש דעם קען מען אויך רופען (מגלה פנים בתורה שלא כהלכה:

דאס צווייטע איז דוא זאגסט איך וועל אזו טוהן וויא רוב מענטשין טוהן דאס איז גאנץ פעהל גירעד ווייל רוב מענטשין טוהן אזו אונ אלע האפין זיך אהן אן דעם דרך דאס איז ערשט דער רעכטער בעוויז דאס דאס איז נישט דער אמת, ווייל צו דעם וואהרען אמת לויפט נישט יעדער נאר דער מיעוט, איך וועל דיר מעתיק זיין בקיצור וואס דער (רבינו תם בעל התוספות) שרייבט אין ספר הישר שער אחד עשר וז"ל (במעלות הצדיקים) דאס איז איין ידוע דאס דער בורא ב"ה איז איין איינציגער, אונ דיא ברואים זענען פיעל, אונ וואס מעהר דיא בעשעפענישען ערווייטערן זיך פון בורא ב"ה וואס מעהר טוהן זייא זיך מעהרין אונ ווידער וואס מעהר זייא טוהן זיך גענעהנין צום בורא ב"ה, וואס ווינציגער זענען זייא, איבערדעם געפינט זיך אויף דיא וועלט פיעל רשעים ווייל זייא טוהן זיך ערווייטערן פון בורא ב"ה אונ דיא צדיקים זענען ווינציג ווייל זייא טוהן זיך צו גענעהנין צום בורא ב"ה (ובעבור זה) איבערדעם דארף זיך דער מענש משתדל צו זיין צו טוהן דיא מעשים פון דיא צדיקים, אונ אל זיין פון דיא מעטים, אונ וואס מעהר דוא ווירסט זעהן דאס דער פערזאמלונג איז וועניגער דאס איז איין צייכען אויף זייער גרויסער מעלה, אונ זייא זענען נאהנט צום בורא ב"ה (ושים לבך לשער זה והבן אותו) עד כאן לשונו, אזו האב איך דיר געוויזען דאס מען דארף נישט צו זעהן ווייל רוב מענטשען אזו טוהן איז גוט נאר גראד להיפוך:

דריטענס וועל איך דיר ווייזן דאס דאס איז נאר די מעשה פון יצר דער זקן וכסיל וואס טוהט נאר גליסטען די מענשען צו מאכען זינדיגען און זייא צו פאר מיידען פון די גרעסטע מצות, דהיינו מצות ק"ש, און תפלה און שבת, און תלמוד תורה וואס דער מענש קען דאס אלעס יעדען טאג מקיים זיין און דער שכר פון דעם אלעס איז נאר גרויס איבער דעם זעהט ער דעם מענש אפ צו פיהרען פון דעם דרך אמת, ק"ש צו זאגען רעד ער איין דאס באלד אין דער פריא צו דאוונען איז איין (מנהג בורות) תורה הקדושה צו לערנין, איז מען יוצא אז מען לערנט די ספרים פון מעשה צדיקים, און עס איז בעסער פון תורה גילערנט, אלע טאג צו מאכען סעודות מצוה און בייא דעם צו זינגען איז חשיבר פון תורה גילערנט, ווידער שבת קודש מכבד צו זיין רעד ער איין אז מען טוהט זיך נישט פריער טובל זיין און הכנות ברויכען איז נאר נישט מעגליך אויף זיך מקבל שבת צו זיין, עס איז באמת וואר דאס עס איז איין מצוה זיך פאר שבת טובל צו זיין און מכין צו זיין אבער נישט אלע צייטען זענין גליך, אז עס טרעפט זיך דאס מען האט זיך פערזיימט נאהנט צו שבת, אזוי קען מען אויך אויף זיך מקבל שבת זיין אפילו אן איין טבילה און אן הכנות איך קען עדות זאגען וואס איך האב פיעל מאהל גיזעהן דאס עס איז שוין גיוועזין דער זמן פון לעכט צינדען און עס זענין ערשט געקומען אנשים מכובדים אנשי תורה אין מרחץ אריין און עס איז קיינער נישט אים שטאנד זייא אפ צו פרעגען וויא איז צייט אצונד אין מרחץ צו גיין עס טרעפט זיך בייא כמה אנשים (אשר נקבו בשם חסידים גדולים) און זייערע אלע מעשים ווערד נאר מיט כונות געטוהן און כמעט דאס יעדען פרייטאג ווערין די שבת לעכט אן געצונדען באיסור אז מען האט שוין אין כמה ביהכ"נ מקבל שבת גוועזן היינט זעה נאר די תחבולות פון יצר וויא ער ווייסט יעדען מענש צו מאכען זינדיגען אפילו מיט די גרעסטע עבירות אן די הכנות טוהט ער איהם ערמאנען, און אן די עקרים מאכט ער אים גאנץ פארגעסען עס פאלט אים נאר נישט איין דאס (נשים דעתן קלות) און אזוי לאנג וואס ער איז אין מרחץ אדער נאר (בבית השכר) אין ביער הויז אדער אין די מעהט שענק וואס דאס איז אויך איינס פון די הכנות כדי מקבל שבת צוא זיין (בשמחה ופנים צהובות) טוהן די ווייבער בבית קיין ליכט צינדען, און אויף וועמען הענגט מעהר דער עון וויא אויף דעם בעל הבית (ואתה הקורא נעים) דוא זאלסט נישט מיינען (כי מלבי יצאו הדברים) איך וועל דיר מעתיק זיין בקיצור ובדילוג פון דעם ספר (נפש החיים שער ד' פ"ד) וויא ער טוהט ענטפלעקען די תחבולות פון דעם יצר הרע כדי דאס מען זאל וויסען זיך פון איהם צו היטען וז"ל (לזאת הזהר בנפשך מאד) דוא זאלסט שטארק געווארינט זיין דאס דער יצר זאל דיך נישט אפ רעדען צו זאגען דאס דער גאנצער עיקר זאל נאר זיין דיך צו בעשעפטיגען כל ימיך צו האבען ריינע מחשבות כדי דיין מחשבה זאל אלע מאהל זיין בהעפט אן דיין בעשעפער און דער גאנצער עיקר איז דאס אזוי גוט וויא תורה צו לערנין און מצות מקיים צו זיין זאל נאר זיין מיט ריינע כונה און מיט גרויס דביקות און אזוי לאנג וואס

דאס

דאס הארץ פון מענש איז נישט פיעל מיט קדושה אונ מיט כוונה אונ מיט דביקות אונ מיט ריינע מחשבות ווירד זיין עבודה גאר נישט פאר איין מצוה גירעכענט אונ דער יצר דער זקן וכסיל ווירד דיר אויף דעם אלעם ראיות ברענגען פון מקרא ומשנה ותלמוד אונ פון זוהר הקדוש דהיינו (רחמנא לבא בעי) אונ נאך דער גלייכען, אבער אז דוא ווירסט זוכה זיין צו זעהן (בעיני שכל ע״פ תורה הקדושה) אזו ווירסט דוא שוין פאר שטיין דאס ער טוהט נאר דיר ווייזען דאס כשרה חזיר פיסעל מיט דיא סימני טהרה דאס ער וויל דיך פיהרען בדרכי הקודש אבער אין אמת וויל ער דיך נאך פיהרען בדרך מות ר״ל (ואתה ראה דרכיו) גיב נאר דיר אכטונג אויף זיינע דרכים, וויא ער איז אחכם להרע, היינט טוהט ער דיר איין רעדען דאס אזו אלערגען אונ א מצוה וואס איז אן דביקות האט גאר גישט אין ווערטה איבער דעם ווירד ער דיך בעשעפטיגען פאר יעדער מצוה אדער תפלה מיט כוונות אונ דביקות ביז עס ווערד פאר איבער גיין דער זמן פון דער מצוה אדער תפלה, דער נאך ווירד ער דיר ווידער איין רעדען אונ ראיות ברענגען דאס יעדע תפלה אונ מצוה וואס ווירד געטוהן מיט גרוים כוונה ובקדושה וטהרה, אפילו (שלא בזמנה) האט פיעל מעהר אין ווערטה פון איין מצוה בזמנו וואס איז אן כוונה, אונ אז ער וועט שוין האבען דיך אין רגילות אריין גיברענגט, נישט צו אכטען אויף דעם זמן קבוע פון יעדער מצוה אונ תפלה מחמת וואס דוא ווערסט דיך בעשעפטיגען דיין מחשבה צו רייניגען (בהמשך הזמן) אין אצייט ארום ווירד ער דיך פיהרען לאנגזאם פון איין שטאפעל אויף דעם אנדערען שטאפעל ביז דוא ווערסט שוין גאר נישט מרגיש זיין, אויב דוא טוהסט עובר זיין דעם זמן ביז דאס ווירד ממילא דיר ווערען פאר איין היתר גמור צו איבער גיין דעם זמן תפלה אונ מצוה אפילו אז דוא ווירסט נישט טרוד זיין דיא מחשבה צו רייניגען נאר חאטשע אז דו ווירסט זיין בעשעפטיגט מיט דברים בטלים צו רעדען אזו ווירד ער שוין האבען דיך אראפ געפיהרט פון אלעם, קיין מצוה בזמנו אונ קיין מחשבה טובה אונ נישט דאס אליין נאר אז דוא ווירסט איהם מיט דעם הארכען נישט צו אכטען אויף דעם זמן פון יעדער מצוה איז אין דעם כלל (הריסות כל התורה בכללה) ר״ל חלילה וחס דיא גאנצע תורה מבטל צו זיין, איך וועל דיר ווייזען דאס כמעט דיא גאנצע תורה הענגט נאר אן דעם זמן, למשל ווען איין מענש איז מקדש איינע אשה מיט חמץ אם פסח איז זיא ווייטער איינע פנויה אונ זיא איז מותר צו דיא גאנצע וועלט, אבער ווען דער מענש איז מקדש דיא אשה מיט חמץ פאר פסח אדער נאך פסח איז זיא איינע רעכטע אשת איש אונ דער וואס קומט צו איהר איז חייב מיתה, היינט זעהע וויא פיעל איסורין אונ עונשים הענגט אן דען זמן, דאס זעלבע אז מען טוהט א מלאכה אן שבת איז מען חייב מיתה, אז מען עסט אן יום כפור איז מען חייב כרת, וויא פיעל זמן איז צווישען חול אונ שבת אדער יום כפור ארגע, דאס זעלבע ביי אנדערע אסורים, אז מען האט געשאכטען רוב סימנים איז כשר אונ כחוט השערה ווייניגער איז טריפה, אזו איז דער שיעור צווישען כשר אונ טריפה

נאר

נָאר כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה דָאס זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּייא מִצְוֹת עֲשֵׂה דִיא תּוֹרָה הָאט גִיבָּאטְן אַן דִיא עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן פֶּסַח צוּ עֶסְן אַיין כַּזַּיִת מַצָּה, אַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שׁוֹפָר צוּ בְּלָאזְן, אַז מֶען עֶסְט דֶעם כַּזַּיִת מַצָּה אַיין רֶגַע פְרִיעֶר פַאר נַאכְט הָאט עֶר נִישְׁט מְקַיֵּים גִיוֶועזְן אוּן אַיין רֶגַע שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען שׁוֹין דִיא מִצְוָה יוֹא מְקַיֵּים גִיוֶועזְן אוּן נָאךְ ד״ג בַּייא אַנְדֶערֶע מִצְוֹת, אַצוּנְד לָאזְן מִיר נָאר זֶעהְן אַז אֵיינֶער ווירְד זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגְן דִיא עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן פֶּסַח צוּ עֶסְן דֶעם כַּזַּיִת מַצָּה מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן מִיט קְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה אוּן מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן דִיא הֲכָנוֹת צוּ דֶעם אַלֶעם ווירְד זִיךְ אַזוֹי צִיהְן בִּיז טָאג אוּן וֶועט עֶסְן דֶעם כַּזַּיִת מַצָּה מִיט דִיא אַלֶע הֲכָנוֹת בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר, אָדֶער אַז עֶר ווירְד הֲכָנוֹת בְּרויכְן צוּם שׁוֹפָר בְּלָאזְן בִּיז נַאכְט אוּן וֶועט שׁוֹפָר בְּלָאזְן (בְּצֵאת הַכּוֹכָבִים) אַזוֹי ווירְד דָאךְ בְּוַודַּאי זַיינֶע אַלֶע כַּוָּונוֹת פִּיגּוּל זַיין אוּן הָאט קֵיין מַצָּה גִיגֶעסְן אוּן קֵיין שׁוֹפָר גִיבְּלָאזְן אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט גִיגֶעסְן מַצָּה בִּזְמַנָּהּ, אוּן שׁוֹפָר גֶעבְּלָאזְן בִּזְמַנּוֹ אֲפִילוּ אָן הֲכָנָה, דֶער הָאט דָא בְּוַודַּאי מְקַיֵּים גִיוֶועזְן מִצְוֹת עֲשֵׂה פוּן דִיא תּוֹרָה (וְתָבֹא עָלָיו בְּרָכָה) דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּייא אַלֶע מִצְוֹת, אַז מִיר וֶועלְן חָלִילָה אַוֶועק לֵייגְן דֶעם זְמַן קָבוּעַ פוּן יֶעדֶער מִצְוָה צוּ טוּהְן (בְּמוֹעֲדָם וּבִזְמַנָּם) זָאג נָאר מִיר וָואס פַאר אַיין אוּנְטֶער שִׁיעֶד אִיז צְווִישֶׁען דֶעם וָואס אִיז עוֹבֵר דֶעם זְמַן פוּן דִיא מִצְוָה מִיט אַיין רֶגַע אוּן צְווִישֶׁען דֶעם וָואס בְּלָאזְט שׁוֹפָר מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אָן דִיא נַאכְט פוּן פֶּסַח שְׁטָאטְּס דֶעם כַּזַּיִת מַצָּה, אוּן עֶסְט דֶעם כַּזַּיִת מַצָּה אַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן פַאסְט אַן עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר, אוּן אַן יוֹם כִּפּוּר נֶעמְט עֶר אַיין לוּלָב שְׁטָאטְּס פַאסְטְן, (עַד כָּאן לְשׁוֹנוֹ) (וְאַתָּה הַקּוֹרֵא הַיינְט אוֹיף וָואס בֶּעשְׁטֵייט דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה נָעִים) הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעוויזְן וִויא דֶער דֶרֶךְ פוּן יֵצֶר גֵייט אוּן וִויא עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְשׁ פַארְלִירְן מִיט זַיינֶע תַּחְבּוּלוֹת, אַצוּנְד אַז דוּא מֵיינְסְט בֶּאֱמֶת צוּ זַיין אַיוּד, אוּן אַיין עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַזוֹי מוּזְט דוּא דִיא פַאלְשֶׁע טַעֲנָה אַוֶועק לֵייגְן אוּן נִישְׁט צוּ זָאגְן, אִיךְ וֶועל אַזוֹי טוּהְן וִויא רוֹב מֶענְשֶׁען טוּהְן וַוייל דָאס אִיז אוֹיךְ דִיא עֵצָה פוּן יֵצֶר הָרָע נָאר אַלְס וָואס דוּא ווילְסְט טוּהְן מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל מוּזְט נָאר זֶעהְן אוֹיבּ עֶס אִיז ע״פ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי זָאלְסְט עֶס טוּהְן וְאִם לַאו זָאל עֶס זַיין בַּייא דִיר וִויא אַרְעכְטֶער אִיסּוּר חָלִילָה אַנְדֶערְשְׁט צוּ טוּהְן וִויא דִיא בַּעֲלֵי הַגְּמָרָא הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן (כִּי מִפִּיהֶם אָנוּ חַיִּים, וּבְאוֹרָם נִרְאֶה אוֹר):

אוּן דֶער עִיקָּר פַאר אַלֶעם זָאל זַיין יֶעדֶע מִצְוָה צוּ טוּהְן בִּזְמַנּוֹ, אִין אִיר צַייט (חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר) אוּן אַז דוּא ווירְסְט קֶענֶען זֶעהְן דָאס עֶס זָאל דַאבַּייא אוֹיךְ זַיין דִיא מַחֲשָׁבָה טוֹבָה אוּן מִיט כַּוָּונוֹת (מַה טוֹב וּמַה נָּעִים) נָאר אַלֶעם מוּז אָבֶּער גִישֶׁעהְן שְׁטַאפֶּעל וַויים, פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפֶּעל צוּ שְׁטֵייגְן אוֹיף דִיא צְווייטֶע, אָבֶּער נִישְׁט מִיט אַמָאהְל מֶעהְרֶערֶע שְׁטַאפֶּלְן צוּ אִיבֶּער שְׁטֵייגְן וַוייל דָאס אִיז גוֹרֵם דָאס מֶען זָאל מִיט אַמָאהְל אִין גַאנְצְן אַרָאפּ פַאלְן חָלִילָה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין בִּמְהֵרָה צוּ עֶרְלֶעבְּן צוּ זֶעהְן (בְּבִיאַת הַגּוֹאֵל) אוּן דֶעם אֱמֶת אוֹיף צוּ הֵייבְּן אוּן דֶעם שֶׁקֶר צוּ פֶערְטִילִיגְן עַד שְׁאוֹל תַּחְתִּית בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן:

## יוּדא

יָדוּעַ דִיא מַעֲשֶׂה וָואס ווירד גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִיא גְמָרָא פוּן (מַר עוּקְבָא) דָאס פַאר זַיין שְׁטַארְבֶּען הָאט עֶר זִיךְ גֶעהֵייסֶען וַוייזֶען דֶעם צֶעטֶעל פוּן צְדָקָה וָואס עֶר פַארְטְהֵיילְט הָאט בֵּייא זַיין לֶעבִּין, הָאט עֶס אָנְגֶעטְרָאפֶען סַךְ זִיבֶּען טוֹיזֶענְד גוֹלְדֶען הָאט עֶר זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶועזִין אוּנ הָאט גֶעזָאגְט (אוֹרְחִין רְחִיקָא וַוזְוָודִין קְלִילָא) דֶער וֶועג וִויא אַהִין אִיךְ בְּרוֹיךְ צוּ גֶעהְן אִיז זֵייעֶר וַוייט, אוּנ צֶערוּנְג אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבּ אִיךְ מִיר זֶעהְר וֵוינִיג פַארְגֶעבְּרֵייט אַזוֹ הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען פַארְטְהֵיילֶען זַיין הַאלְבּ פַארְמֶעגֶען אוֹיף צְדָקָה, חָאטְשֶׁע דָאס מֶען דַארְף נִישְׁט מֶעהְר צוּ פֶערְטְהֵיילֶען וִויא אַיין פִירְטֶעל פַארְמֶעגֶען דָאס אִיז נָאר בֵּיים לֶעבִּין אָבֶער בְּשַׁעַת מִיתָה אִיז מוּתָּר נָאךְ מֶעהְר צוּ פַארְטְהֵיילֶען, פוּן דִיא דָאזִיגֶע מַעֲשֶׂה דַארְף זִיךְ אַיין יֶעדֶער אַיין מוּסָר אַרוֹיסְעֶם צוּ נֶעהְמֶען זִיךְ אָנְצוּלֶערְנֶען פוּן אִיהְם דְהַיְינוּ אַיין יֶעדֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט עֶפֶּעס אִין פַארְמֶעגֶן קוֹדֶם מוֹתוֹ עֶפֶּעס אַיין טְהֵייל צוּ פַארְטְהֵיילֶען אוֹיף אַיין דְבַר מִצְוָה, מִיר זֶעהְן דָאךְ דָאס אֲפִילוּ אַזוֹ אֵיינֶער וָואס וֶועניג פַארְשְׁטַאנְד הָאט, צוּ פָארְט הָאט עֶר צוּ דֶעם שֵׂכֶל, וֶוען עֶר דַארְף אַוֶועק צוּ פָאהְרֶען אִין וַוייטֶען וֶועג, וֶוען עֶר וַוייס דָאס אוֹיף דֶעם וֶועג וֶוערְד עֶר נִישְׁט בֶּעקוּמֶען צוּ קוֹיפֶען זִיךְ פַארְצוּבְּרֵייטֶען אוּנ צוּ בֶּעזָארְגֶען מִיט צֶערְהוּנְג לוֹיט דֶעם וַוייטֶען וֶועג וִויא עֶר בְּרוֹיךְ צוּ פָאהְרֶען אוּנ אוֹיף וִויא לַאנְג עֶר דַארְף זִיךְ צוּ פֶערְזוֹימֶען, הַיינְט לָאזֶען מִיר נָאר רֶעכְנֶען וִויא לַאנְג דֶער מֶענְשׁ פַארְבְּלֵייבְּט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת (שָׁנִים אֵין מִסְפָּר) יָאהְרֶען גָאר אָן צָאהְל, וִויפִיעל צֵדָה לַדֶּרֶךְ דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְשׁ פָארְצוּבְּרֵייטֶען דְהַיְינוּ פוּן צְדָקָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים דָאס עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפֶען דָארְט צוּ פַארְהוּנְגֶערְן וַוייל דָארְט אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת גִיבְּט מֶען נָאר נִישְׁט בְּחִנָּם נָאר לוֹיט וָואס עֶר זִיךְ מִיט גֶעבְּרֶענְגְט הָאט פוּן דִיא וֶועלְט אוּנ דָאס אִיז אוֹיךְ אַלֶעם יָדוּעַ דָאס עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען אַיין זַאךְ וָואס זָאל אַזוֹ בֶּעשִׁיטְצֶען פוּן דִיא עוֹנְשִׁים וְיִסוּרִין הֶן אוֹיף דִיא וֶועלְט וְהֶן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹ וִויא דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה, צְדָקָה פַארְיָאגְט אַלֶע מְקַטְרְגִים, אוּנ טְהוּט אוֹיף דֶעם מֶענְשׁ מֵלִיץ טוֹב זַיין, וְלָכֵן וִויא פַארְנַארְט זֶענֶען דִיא מֶענְשִׁין וָואס הֶעטִין גֶעקֶענְט זִיךְ מַצִּיל זַיין פוּן דֶעם שְׁוֶוערִין עוֹנֶשׁ פוּן גֵיהִנָּם, אִין זִיךְ צוּ פַארְשַׁאפֶען מְלִיצִים טוֹבִים אוּנ זֶענֶען נַאכְלֶעסִיג וָואס דֶענְקֶען גָאר נִישְׁט דַארַאן, זֵייעֶר גַאנְץ קְלֶערִין אִיז נָאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ בֶּעזָארְגֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט, וָואס אִיז נָאר אַיין הֶבֶל אוּנ קַיין בֶּעשְׁטַאנְד הָאט אוּנ פַארְגֶעסִין אִין גַאנְצֶען אַן דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת, וָואס וָוא אַיין בֶּעשְׁטַאנְד הָאט אוֹיף אֵייבִּיג דָאס אִיז וַואהְר דֶער יֵצֶר פוּן גֶעלְד אִיז זֶעהְר גְרוֹיס אוּנ טְהוּט דִיא מֶענְשִׁין דִיא אוֹיגֶען פַארְבְּלֶענְדֶען פוּן צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת, וָואס נֵייטִיג אִיז זִיךְ פַאר דֶעם גֶעלְד צוּ פַרְשַׁאפֶען אַזוֹ רֶעט עֶר אִיהְם אַיין, דָאס קִינְדֶער צוּ בֶּעזָארְגֶען אִיז קוֹדֶמֶער פוּן אַלְדִינְג (אָדָם קָרוֹב לְעַצְמוֹ) מֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ קוֹדֶמֶער פוּן אַיין פְרֶעמְדֶען וּכְדוֹמֶה, וְאַלְכֶע תֵּירוּצִים פֶעהְלְט אִיהְם גָאר נִישְׁט, אֲפִילוּ צוּ עֶרְהַאלְטֶען יוּדִישֶׁע נְפָשׁוֹת פוּן הוּנְגֶער אוּנ קֶעלְט אִיז אַלֶעם עֶר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער קוֹדֶמֶער, דִיא אַלֶע אוֹיסְרֵייךְעֶן

קען דער יצר ביי א דעם מענש רעכטען ביי א זיין לעבען, ווייל אזו לאנג וואס דער מענש לעבט האט ער אלעם נישט גענוג, און ער גלויבט ער וועט אייביג לעבען, אבער וואס פאר איין אויסרייד קען דער מענש זאגען, ווען ער וועט דאס ער איז שוין קרוב למיתה וואס טהוט שוין די צוואה מאכען זיין פארטהיילען אן זיינע קינדער און ווייל דאמאהלם אויך נישט זארגען פאר זיין נשמה וועגען פארוואס זאלען די קינדער מעהר אין ווערט האבען פון איהם אליין, דאס איז וואהר קינדער ליבשאפט איז גרויס אבער זיינע אייגענע ליבשאפט איז דאך גרעסער, ווען ער וויל נישט פארטהיילען זיין האלב פארמעגען אויף צדקה אזוי ווי (מר עוקבא) האט געטוהן איינוועניגסטענס דארף ער זיך אויך פאר איין יורש צו מאכען, צום ביישפיעל ער האט פינף קינדער אונד לאזט יעדעם קינד פינף טויזענד גולדען, לאז איהם דאכטען ער האט נאך איין קינד און דאס איז ער אליין און זאל פיר יעדעם קינד נאר לאזען פיער טויזענד גולדען און זיין טהייל זאל ער איבערלאזען אויף איין דבר טוב, דהיינו אויף קופות של צדקה און חברות קדושות צו אונטערשטיצען, אדער זקנים צו אונטערשטיצען (לעת זקנתם) אבער נאר דאס געלד איבער צו לאזען לקרן קיימת, און די פראצענט פון געלד זאל בלייבען אויף איין דבר טוב, פארוואס זאלען מיר אונז האבען צו שעהמען קעגען די גוים וואס טרעפט זיך עפטערס וואס לאזען איבער פיעל געלד צו פארטהיילען אדער לקרן קיימת דאס איז דאך אזוי אזאך וואס איין יעדער דארף צו פארשטעהן דאס אזו דארף צו זיין, וואס איז דען דעם פאטער איין חילוק נאך זיין טויט ווען ער לאזט יעדען קינד עפעס וועניגער טהוט ער דען עפעס געניסען פון דעם געלד וואס זיינע קינדער האבען, וועער איז מעהר ביליכער צו זיין ארבייט, צו זיין (יגיע כפו) ווי א ער אליין, לאזען מיר זעהן וועלכעס געלד איז זיכערער, אדער דאס וואס ער פארטהיילט פיר די קינדער, אדער דאס וואס ער נעמט פיר זיך און לאזט עם פיר איין קרן קיימת, מיר זעהן דאך דאס אחד מן אלף טרעפט זיך דאס ירושה געלד זאל איין קיום האבען, דאס געלד אבער וואס מען נעמט פיר זיך אויף אדבר מצוה דאס קען איהם קיינער אוועק נעהמען, און עם האט איין קיום אויף אייביג, וואס זיין נשמה טוט געניסען דעם שכר פון די צדקה אויף אייביג, זאג נאר מיר האסט דען נאך נישט געזעהן, וואס פאטער שטארבען און לאזען נישט איבעריג פיר די קינדער קיין פרוטה, און זייא ווערין הערנאך גרויסע עשירים, און זייער געלד האט ביי א זייא יוא איין קיום, ווייל עשירות און עניות קומט נישט בירושה, דאס וועגד זיך נאר לויט

דעם רצון הבורא ב"ה:

פאר וואס זאל מען נישט פארשטיין דאס דאס איז נאר מעשה יצר דיא

מענשען דעם גאנצען שכל אוועק צו נעהמען, לאזען מיר זעהן ווען

א מענש האט פארלעבט זעכציג יאהר און ער ווערד גיפעהרליך קראנק, אזו גיבט ער גערין אוועק אפילו זיין האלב פארמעגען כדי זיך מציל צו זיין פון טויט און ווי א פיעל יאהר קען ער נאך לעבען פינף יאהר, העכסטענס נאך צעהן יאהר, צו דאך איז איהם נאר נישט צו פיעל אזו פיעל פארמעגען צו

פארשפענדען

פַארְשְׁפֶּענְדֶען, כְּדֵי דָאס חַיֵּי שָׁעָה זִיךְ צוּ דֶער הַאלְטֶען (סוֹף אָדָם לָמוּת) דֶעם טוֹיט קָאן עֶר דָאךְ נִישְׁט פַארְמַיידֶען, הַיינְט וֶוען דָאס גֶעלְד הָאט קֵיין גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת בַּייא אִיהְם, עֶס אַוֶועק צוּ גֶעבֶּען אוֹיף אֵיין סָפֵק, פִילֵייכְט וֶועט עֶר נָאךְ לֶעהֶבֶּן צֶעהְן יָאהְר, וִויא בְּרוֹיךְ נָאךְ בַּייא דֶעם מֶענְשׁ נִישְׁט טַייעֶר צוּ זַיין דָאס גֶעלְד כְּדֵי זִיךְ צוּ פֶערְשַׁאפֶען דָאס (חַיֵּי נִצְחִיוּת) אֵייבִּיגֶע לֶעבֶּען אוּנ דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף אֵיין סָפֵק, נָאר אַוַודַאי דָאס גֶעלְד וָואס עֶר לָאזְט אִיבֶּער אוֹיף אֵיין דָבָר טוֹב וֶוערְד פַאר אִיהְם אַמֵלִיץ טוֹב זַיין בַּיים מִשְׁפָּט, אוּנ קָאן אִיהְם מַצִיל זַיין פוּן פִיעל צָרוֹת הַיינְט זָאג מִיר מַיין פְרַיינְד אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט אִין גַאנְצֶען נָאר מַעֲשֵׂה הַיֵצֶר וָואס פַארְבְּלֶענְט דִיא מֶענְשֶׁען פוּן צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת אוּנ וָואס רֶעכְטְפַארְטִיג אִיז, דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמוֹת זָאל אוּנְז בִּמְהֵרָה דִיא אוֹיגֶען עֶפִינֶען צוּ זֶעהְן דֶעם אֱמֶת (כְּדֵי לַעֲשׂוֹת הַטּוֹב וְהַיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וְאָדָם):

## זולל וסובא

פִיעל עֶסֶען אוּנ פִיעל טְרִינְקֶען אִיז זֶעהְר אֵיינֶע מִדָה רָעָה, דָאס אִיז גוֹרֵם מֶעהְרֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען צוּם מֶענְשׁ, אֵיינְס טוּהְט אִיהְם דָאס פֶערְאוּרְזַאכֶען זַיינֶע גַאנְצֶע יָאהְרֶען צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט פִיעל אַרְבַּייטֶען וֶועגִין פַּרְנָסָה, מַחֲמַת וָואס זַיינֶע אוֹיסְגַאבֶּען זֶענֶען זֶעהְר פִיעל, אוֹיךְ אִיז גוֹרֵם צוּפִיעל עֶסֶען, דִיא גַאנְצֶע נַאכְט צוּ שְׁלָאפֶען, וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם בִּיטוּל תְּפִלָּה בְּצִבּוּר אוֹיךְ בִּיטוּל תּוֹרָה, אוּנ מֶען טוּהְט מֶעהְרֶען כֹּחַ צוּ דִיא סִטְרָא אַחֲרָא, עֶס וֶוערְד גִיבְּרֶענְגְט אִין (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ) דָאס עֶס וִוירְד נָאר נִגְזַר מִיתָה אוֹיף פִיעל מֶענְשֶׁען, אוֹיךְ קוּמֶען נָאר דִיא מֶענְשֶׁען לִידֵי צַעַר, נָאר דוּרְךְ דֶעם פִיעל עֶסֶען אוּנְד פִיעל טְרִינְקֶען, אוּנ דוּרְךְ דִיא שִׂמְחָה פוּן דִיא הַבְלֵי עוה"ז, וֶוען דֶער מֶענְשׁ וָואלְט נָאר אַן דֶעם דֶענְקֶען דָאס אַלֶעס עֶסֶען וָואס עֶר עֶסְט, וֶוערְד פַארְקֶעהְרְט אִין מֶענְשׁ אוֹיף צוֹאָה, אַזוֹי הֶעט עֶר זִיךְ גִידַארְפְט צוּ שֶׁעהְמֶען צוּ פִיעל צוּ עֶסֶען, אוֹיסֶרְדֶעם צוּלֶךְ, דֶער רמב"ם שְׁרַייבְּט, וֶוען עֶס פַארְזַאמְלֶען זִיךְ מֶעהְרֶערֶע מֶענְשֶׁען צוּ טְרִינְקֶען זָאלְכֶע מַשְׁקִים וָואס טוּהְט זֵייא מְשַׁכֵּר זַיין אִיז נָאךְ מֶעהְר חֶרְפָּה, אַלְס זֵייא הֶעטֶען זִיךְ פַארְזַאמֶעלְט אִין אֵיין חֶדֶר אַרוּם צוּ גֵיין נַאקֶעט, אָן מַלְבּוּשׁ, דָאס אִיז אַלֶעס גִימֵיינְט, אֲפִילוּ דָאס עֶס וֶוערְד בַּייא דֶעם עֶסֶען קֵיין דִבּוּרִים שֶׁל אִיסוּר גִירֶעט, וִויא שְׁטַארְק דַארְף מֶען זִיךְ נָאךְ מַרְחִיק צוּ זַיין פוּן זָאלְכֶע (סְעוּדוֹת מְרֵעִים) וָואס עֶס וֶוערְד דָארְט נָאךְ דַאצוּ גִירֶעט לֵיצָנוּת, וְכַדוֹמֶה, וּבֶאֱמֶת דֶער בַּר דַעַת וָואס הָאט נָאר אֵיין בִּיסֶעל פֶערְשְׁטַאנְד, דֶער וֶוערְד בְּוַודַאי פֶערַאבְּשַׁייעֶן אוּנ פַארְמַיאוּסֶען זָאלְכֶע גִיזֶעלְשַׁאפְטֶען, וואָהְל דֶעם מֶענְשׁ וָואס וֶועגְט אָפּ אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים מִיט דִיא וָואגְשָׁאהְל, פוּן שֵׂכֶל, וָואס יוֹא צוּ טוּהְן, אוּנ וָואס נִישְׁט צוּ טוּהְן, אוּנ וִויא פִיעל אַלֶעס צוּ טוּהְן כְּדֵי זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלֶען זַיין אָנְגֶענוּמֶען אוּנ מְרוּצֶה פַאר זַיין בֶּעשֶׁעפֶּער:

## זנות

(יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים הֵם) וָואס אִין מֶעהְרְסְטֶענְס הִיטֶען זֵייא זִיךְ פוּן דֶעם אִיסוּר שֶׁל זְנוּת, עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אָבֶּער אִין דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטֶעהְט, וָואס עֶס

גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט (בָּתֵּי זוֹנוֹת) וָואס טוּהְן אִין דֶעם מֶענְשׁ אַרַיין גֶעבֶּען אַיין יֵצֶר
הָרָע, אַזוֹ וִויא דֶער גִיפְט פוּן דִיא שְׁלַאנְגֶען, וְלָכֵן אִיז רָאוּי לְכָל יְרֵא שָׁמַיִם זִיךְ
מוֹנֵעַ צוּ זַיין פוּן צוּ וואהְנֶען אִין זָאלְכֶע שְׁטֶעדְט, וַוייל עֶרְשְׁטֶענְס אִיז דָאס וֶועהְר
גִיפֶעהְרְלִיךְ פִיר זַיינֶע קִינְדֶער, צְווייטֶענְס אִיז מֶען מְחוּיָב זִיךְ צוּ רֶעכִינֶען (קִנְאַת
ד' צְבָאוֹת) אוּנ צוּ שְׁטְרָאפֶען דִיא עוֹבְרֵי עֲבֵירָה, אוּנ וֶוער קָאן אִין דִיא
יֶעטְצִינֶע צַייט מְקַיֵים זַיין מִצְוַת תּוֹכָחָה, דְרִיטֶענְס דַארְף מֶען פַאר זִיךְ מוֹרָא
צוּ הָאבֶּען דָאס עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיךְ נִתְפָּס וֶוערֶען דוּרְךְ אַנְדֶערֶע זִינְד, וַוייל דָא
וִויא עֶס אִיז זְנוּת קוּמְט חָלִילָה אַמְגֵפָה, אוּנ פַארְלֶענְט גוּטֶע אוּנ שְׁלֶעכְטֶע, וַוייל
עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען נָאךְ אַזוֹ אַזַאךְ וָואס דֶער בּוֹרֵא ב"ה טוּהְט זִיךְ
דַארִיבֶּער אַזוֹ נוֹקֵם זַיין, וִויא אוֹיף דֶעם חֵטְא פוּן זְנוּת: אוֹיךְ אִיז פֶערְהַאנְדֶען
אַיין מִין זְנוּת, וָואס טְרֶעפְט זִיךְ בַּייא דִיא פְרַיילֵיידִיגֶע מֶענְשֶׁען, דְהַיְינוּ וָואס
זֶענֶען (מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה) מִיט דִיא הֶענְד, אָדֶער גָאר בְּמִשְׁכַּב זָכָר ר"ל) וַעַל
פִּי רוֹב קוּמְט עֶס נָאר (מֵחֲמַת חִסָּרוֹן יְדִיעָה) וָואס וַוייסֶען נִישְׁט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶן
עוֹנֶשׁ, אִיבֶּער דִיא עֲבֵירָה, וְלָכֵן אִיז דָאס אַיין חִיוּב גָדוֹל, מוֹדִיעַ צוּ זַיין דֶעם
גְרוֹיסֶען חֵטְא פוּן דֶעם (כִּי יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים הֵם) וֶוען זַייא וֶועלִין וִויסֶען וִויא
גָאר הַארְבּ דִיא עֲבֵירָה אִיז, אוּנ דֶען פַארְכְטַבַּארֶען עוֹנֶשׁ, אִיבֶּער דִיא עֲבֵירָה,
אַזוֹ וֶועלִין זַייא זִיךְ שׁוֹין הִיטֶען פוּן דִיא עֲבֵירָה, נָאךְ מֶעהְר וִויא פוּן עֲבוֹדָה זָרָה
צוּ דִינֶען ר"ל, אָדֶער רְצִיחָה צוּ טוּהְן, וַוייל דִיא עֲבֵירָה פוּן (זֶרַע לְבַטָּלָה) אִיז
הַארְבֶּער פַאן אַלֶע חֲטָאִים פוּן דִיא וֶועלְט, אוֹיךְ כְּדֵי דֶער וָואס אִיז שׁוֹין נִכְשַׁל
גִיוָוארֶען מִיט דִיא עֲבֵירָה, זָאל אַיילֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, וְלָכֵן (כְּדֵי לְזַכּוֹת אֶת
הָרַבִּים) וֶועלִין מִיר דָא בֶּעצֵייכִינֶען בְּקִיצוּר אוֹיס דֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ (רֵאשִׁית
חָכְמָה) וָואס אַלֶעם עֶר שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם חֵטְא פוּן (מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה)
(ר"ח בְּשַׁעַר הַקְדוּשָׁה פֶּרֶק י"ז וז"ל) חָאטְשֶׁע דָאס דֶער חֵטְא פוּן (מוֹצִיא זֶרַע
לְבַטָּלָה) אַזוֹ גְרוֹיס אִיז, צוּ פָארְט טְרֶעפְט זִיךְ וֶועהְר וֶועלְטֶען בְּדוֹר הַזֶה דָאס
אַיינֶער זָאל פוּן דֶעם עָוֹן גַאנְץ רֵיין זַיין (במסכת נדה) ר' אֱלִיעֶזֶר הָאט גִיזָאגְט
(כָּל הָאוֹחֵז בְּאַמָּה וּמַשְׁתִּין, כְּאִלוּ מֵבִיא מַבּוּל לְעוֹלָם) דֶער וָואס הַאלְט מִיט
דִיא הַאנְד אַן דִיא מִילָה, בְּשַׁעַת עֶר אִיז מַשְׁתִּין, אִיז עֶס גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט
גִיבְּרֶענְגְט אַיין מַבּוּל אוֹיף דִיא וֶועלְט (וְכָל כַּךְ לָמָה) פַאר וָואס אִיז דָאס אַזוֹ
הַארְבּ, וַוייל עֶר קֶען דַאדוּרְךְ קוּמֶען צוּ זֶרַע לְבַטָּלָה, ר' יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט,
דֶער וָואס אִיז מוֹצִיא ז"ל, דֶער אִיז חַיָיב מִיתָה, אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּען
בַּייא (עֵר וְאוֹנָן) וָואס זֶענֶען יוּנְג גִישְׁטָארְבֶּען וֶועגֶען דֶעם חֵטְא, ר' יִצְחָק אוּנ
ר' אַמֵי זָאגֶען (כְּאִלוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים) עֶס אִיז אַזוֹ גוּט וִויא עֶר הָאט בְּלוּט
פֶערְגָאסֶען, אוּנ הֶעט זַיינֶע אֵיינֶענֶע קִינְדֶער גִיהַארְגִ'ט, ר' אַשִׁי זָאגְט, (כְּאִלוּ
עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה) עֶס אִיז אַזוֹ גוּט וִויא עֶר הֶעט עֲבוֹדָה זָרָה גֶעדִינְט, רַב זָאגְט
(הַמַקְשֶׁה עַצְמוֹ לָדַעַת יְהֵא בְּנִדוּי) דֶער וָואס בְּרֶענְגְט מִיט פְלַייס צוּ קִישׁוּי
אֵבֶר, דֶער זָאל זַיין אִין חֵרֶם, ר' אַמֵי זָאגְט, עֶר וֶוערְד דַאפִיר אָן גֶערוּפֶען
פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל, אַטֵייל זָאגֶען ר' אַמֵי הָאט אַזוֹ גֶעזָאגְט, דֶער וָואס בְּרֶענְגְט זִיךְ
לִידֵי הִרְהוּר דֶעם לָאזְט מֶען קֵיין מָאהֵל אַרַיין אִין דִיא מְחִיצָה פוּן הקב"ה
(במסכת כלה) רַבִּי זָאגְט, דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז מוֹצִיא ז"ל, דֶער אִיז אַזוֹ

גערעכנט וויא אבהמה, ווייל אזו וויא אבהמה שטייט נאר לשחיטה, אונ האט קיין חלק לעולם הבא, אזו האט אויך דער מענש קיין חלק לעולם הבא, אויף דעם ענין האט שלמה המלך ע״ה געזאגט, דאס דיא נשמה פון דעם צדיק גייט לאחר מיתה ארויף אין הימעל אויף איהר ארט, דאס איז געמיינט דער צדיק וואס היעט זיך פון זרע לבטלה, אונ דיא נשמה פון דעם רשע, וואס איז מו״ל, גייט לאחר מיתה אראפ אויף דיא ערד, אזו וויא דיא בהמה, אין זוהר הקדוש ווערד אויך פיעל גיברענגט פון דען גרויסען עון פון ז״ל (ר׳ יהודה פתח, כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע) דאס איז געמיינט, דיא מענשען וואס זענען מוציא זרע לבטלה, אונ בעהעפטען זיך צום יצר הרע, דיא ווערען אנגערופען רע, ואלבע מענשען טוהן זיך אין גאנצען מטמא זיין, אזו וויא מיר געפינען ביי דעם דור המבול, וואס האבען עובר גיוועזען אויף אלע עבירות, צופארט איזט נישט פריער אויף זייא נגזר גיווארען דאס מבול צו ברענגען, נאר איבערדעם חטא, וואס האבען פארנאסען זרע לבטלה אויף דיא ערד, אזו וויא דער פסוק זאגט (רק רע כל היום) אונ דיא מענשען וואס זענען עובר אויף דיא עבירה, דיא לאזט מען קיין מאהל קומען פאר הקב״ה, ווייל זייא האבען גורם גיוועזען, דאס דיא שכינה זאל זיך אפ טיהען פון דיא וועלט, ולכן איז דער עונש מדה כנגד מדה, אויך שטייט בזוהר הקדוש, דער, וואס איז זיך מטמא מיט דיא עבירה פון זרע לבטלה, ווערד ער קיין מאהל גידענקט אין הימעל צום גוטען, נאר צום שלעכטען ר״ל, דיא עבירה איז דאריבער אזו גרויס, ווייל דורך דעם ברענגט דער מענש אויף זיך איין רוח הטומאה, אונ איז זיך מטמא אלע זיינע אברים, עס איז נישט פערהאנדען נאך אזו עבירה, וואס דער מענש זאל זיך אזו מטמא זיין וויא דורך דיא עבירה פון ז״ל, ער איז זיך מטמא אויף דיא וועלט, אונ אויף יענע וועלט, אונ אזו גוט וויא דער צדיק דורך זיינע מעשים טובים, טוהט ער משפיע זיין (שפע וברכה) אין אלע עולמות עליונים, אונ דאדורך קומט אראפ אויף דיא וועלט שפע וברכה, אזו איז ווידער דער היפוך ביי דיא מענשען, וואס טוהן מוציא ז״ל זיין, משפיע צו זיין צו דיא חיצונים (בר מינן) אונ דאס ברענגט ווידער אויף דיא וועלט פארשידענע צרות ר״ל, וגם דער וואס איז זיך מטמא מיט דעם עון אזו לאנג וואס ער טוהט קיין תשובה, ווערד ער נישט גידענקט ביי נאכט מיט גוטע חלומות, נאר אדרבא, מחמת וואס עס גיוועלטיגען אויף איהם דיא חיצונים, אזו טוהן זייא איהם גידענקען צום שלעכטען, אונ זענען איהם עפטערס מטמא מיט קרי לבטלה ר״ל, אויך ווערד גיברענגט אין זוהר הקדוש (פרשת ויחי) קום אונ זעה אלע עבירות פון דיא מענשען וועגט זיך נאר אן תשובה, חוץ אויף דיא עבירה פון המוציא ז״ל, העלפט קיין תשובה, אויסגענומען ווען ער טוהט זעהר שטארק תשובה. (ת״ח בההוא זמנא) אין דער צייט וואס דער ב״ה ווערד מחיי׳ מתים זיין וועלין אפילו דיא מתים פון חוץ לארץ אויך לעבעדיג ווערען, חוץ פון דיא מענשען וואס האבען מוציא ז״ל גיוועזען, אונ האבען ביי זייער לעבען דארויף קיין תשובה געטוהן, דיא וועלין נישט אויפשטעהן לתחיית המתים, אמייל זאגען, זייא וועלין יוא אויף שטיין אבער נאר (לחרפת ולדראון עולם) צו

לעכטעריט

לֶעסְטֶערִינְג אוּן צוּ שַׁאנְדֶה, אוֹיף זַייא זָאגְט דֶער פָּסוּק (וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי עָפָר יָקִיצוּ) אוּן דֶער סוֹף פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז (אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם) נָאךְ זָאגְט עֶר דָארְט, אוּן וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיא רַצְחָנִים, אִיז דִיא תְּשׁוּבָה דַארוֹיף רַצְחָנִים וֶועלִין אוֹיךְ אוֹיף שְׁטֶעהְן לִתְחִיַּית הַמֵּתִים, נָאר דִיא מֶענְשֶׁען נִישְׁט, אוּן וָואס אִיז דֶער טַעַם? וַוייל דֶער רוֹצֵחַ הָאט נָאר גִיהַארְגֶּעט פְרֶעמְדֶע מֶענְשֶׁען, אוּן דֶער אָבֶּער הָאט גִיהַארְגֶּעט דוּרְךְ דִיא עֲבֵירָה זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן הָאט אוֹיךְ פִיעל בְּלוּט פַארְגָאסֶען, אוּן אַז דוּא וֶועסְט וֶועלִין פְרֶעגִין פַאר וָואס אִיז דִיא עֲבֵירָה הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אִיז דֶער טַעַם, וַוייל מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה אִיז מֶען פּוֹגֵם דָאס אֵבֶר אַלֵיין, מִיט וֶועלְבֶען מֶען הָאט דִיא עֲבֵירָה גֶעטוּהְן, מִיט דִיא עֲבֵירָה אָבֶּער פוּן מוֹצִיא ז״ל, אִיז מֶען זִיךְ מְטַמֵּא אוּן פּוֹגֵם אַלֶע זַיינֶע אֵיבָרִים, אוֹיךְ גֵייט דֶער פְּגַם בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, אִיבֶּערְדֶעם דֶער וָואס אִיז נִכְשַׁל גֶעוָוארֶען מִיט דִיא עֲבֵירָה, מוּז וֶוערְן שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, אוּן זָאל מְקַיֵּים זַיין (וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד) אוּן דַארְף פִיעל טְרֶערִין צוּ פַארְגִיסֶען, אוּן זַיין הַארְץ צוּ צוּבְּרֶעכֶען, אוּן אוֹיךְ מוּז עֶר וֶועהְן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִיא תִּקּוּנִים וָואס מִיר וֶועלִין דָא וַוייטֶער שְׁרַייבֶּען, דַאמַאהְלְס קָאן מֶען הָאפֶען אוֹיף אֵיין כַּפָּרָה פוּן דֶעם בַּעַל הָרַחֲמִים:

אוֹיךְ אִיז גוֹרֵם דִיא עֲבֵירָה פוּן ז״ל פִיעל שְׁלֶעכְץ ר״ל, דוּרְךְ דֶעם חֵטְא וֶוענִין מִיר יוּדֶען פַארְטְרִיבֶּען גִיוָוארֶען פוּן אוּנְזֶער לַאנְד אִין גָלוּת אַרַיין, אוֹיךְ אִיז גוֹרֵם דִיא עֲבֵירָה עֲנִיּוּת אִין גֶעלְד, אוּן עֲנִיּוּת אִין דִיא תּוֹרָה, אִין אַזוֹי לַאנְג וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דִיא עֲבֵירָה, וֶוערְד זַיין תְּפִלָּה נִישְׁט אָן גֶענוּמֶען, אוֹיךְ וֶועגֶען דֶעם חֵטְא שְׁטַארְבֶּען נֶעבֶּעךְ דִיא קְלֵיינֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט ר״ל (וְלָכֵן כָּל אֲשֶׁר בְּשֵׁם יִשְׂרָאֵל יְכוּנֶּה) זָאל זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט מִתְעַצֵּל זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אוֹיף דִיא עֲבֵירָה, אַזוֹי וֶוערְד מֶען זִיךְ אִיבֶּער אִיהְם עֶרְבַּארְמֶען אִין הִימֶעל, אָבֶּער דָאס זָאל קֵיינֶער זָאגֶען, וֶוען אוֹיךְ דָאס עֶר הָאט פִיעל מָאהְל עוֹבֵר גִיוֶועזֶען אוֹיף דִיא עֲבֵירָה, דָאס עֶר אִיז שׁוֹין פֶערְלוֹירֶען חָלִילָה וְחָלִילָה, דֶען מִיר גֶעפִינֶען ר׳ יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט (גְּדוֹלָה צְעָקָה שֶׁקּוֹרַעַת גְּזַר דִּינוֹ שֶׁל אָדָם מִכָּל יָמָיו) דָאס אִיז טַייטְשׁ (צְעָקָה) אַז דֶער מֶענְשׁ שְׁרַייט צוּ גָאט מִיט בֶּעטִין, אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וָואס דָאס טוּהְט צוּ רַייסֶען דֶעם גְּזַר דִּין פוּן מֶענְשׁ אַלֶע טֶעג (ר׳ יְהוּדָא זָאגְט גְּדוֹלָה צְעָקָה) וָואס טוּהְט גִיוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּערְדֶעם מִדַּת הַדִּין שֶׁל מַעְלָה, מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶעם פָּסוּק (פְּנֵי ד׳ בְּעוֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית מֵאֶרֶץ זִכְרָם, צָעֲקוּ וַד׳ שָׁמֵעַ) רָע וֶוערֶען אָן גֶערוּפֶען דִיא מֶענְשֶׁען וָואס וֶועגֶען מוֹצִיא ז״ל, צוּפָארְט (צָעֲקוּ וַד׳ שָׁמֵעַ וּמִכָּל צָרוֹתָם הִצִּילָם) דָאס הֵייסְט וֶוען זַייא שְׁרַייעֶן צוּ גָאט ב״ה, אַזוֹי טוּהְט עֶר זַייא עֶרְהֶערִין אוּן טוּהְט זַייא אַרוֹיס צִיהְן פוּן אַלֶע צָרוֹת:

(וְעַתָּה) אַצוּנְד וֶועלִין מִיר ווִידֶער שְׁרַייבֶּען פוּן דֶעם פְּגַם פוּן עֲוֹן קֶרִי, וַוייל דָאס אִיז אוֹיךְ גֶערַאכֶענְט ווִיא (זֶרַע לְבַטָּלָה) אוּן דָאס טְהוּט אוֹיךְ פּוֹגֵם זַיין דֶעם (בְּרִית קוֹדֶשׁ) (בְּזֹהַר פ׳ פְּקוּדֵי) וֶוערְד גֶעבְּרֶענְגְט דָאס דֶער צְווֵייטֶער הֵיכָל פוּן דִיא הֵיכָלוֹת הַטּוּמְאָה, וָואס דָארְט טוּט מֶען דַן זַיין דִיא מֶענְשִׁין וָואס הָאבִּין זִיךְ מְטַמְּאָה גֶעוֶועזֶען דֶעם בְּרִית קוֹדֶשׁ, דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ צְווַייא (רוּחוֹת

וואס פארקליידען זיך פאר זכרים און נקיבות, און טוהן ביי נאכט מטמאה זיין דיא מענשין אין חלום מיט (קרי לבטלה) דער עונש אויף דען עון פון קרי לבטלה איז אויך גרוים, מיר געפינען דיא תורה האט אויף דעם געווארענט (ונשמרתם מכל דבר רע), איז דיא כוונה פון דעם, דער מענש איז מחויב זיך זעהר צו היטען נישט מהרהר צו זיין בהרהורים רעים ביי טאג, כדי ער זאל נישט דארפען צו קומען ביי נאכט לידי קרי לבטלה, און דיא סיבות וואס צו דעם גורם איז, זענען פיעל, דיא ערשטע סיבה איז, (הסתכלות בנשים) אז מען קוקט אויף נקיבות ברענגט דאס צו הרהור און מען קומט דאדורך לידי (טומאה בלילה), אין זוהר הקדוש (פ' קדושים) שטייט אויף דעם (וכל מאן דאסתכל בשפירו דאינתתא ביממא אתי לידי הרהור בליליא) דאס הייסט דער וואס קוקט אויף איינע אשה, ביי טאג, דער קומט צו קרי ביי נאכט און ער איז עובר אויף (אלהי מסכה לא תעשו לכם), אויך זאל מען נזהר זיין פון איבריג רעדען מיט איינע אשה אפילו נישט מיט זיין ווייב ווען זיא איז אנדה, אזו וויא מיר האבען געלערנט אין פרק אבות (אל תרבה שיחה עם אשה וגו') (וכל זמן שאדם מרבה שיחה עם אשה גורם רע לעצמו) און וואס איז דאס געמיינט רע לעצמו, ער טוט מיט דעם אויף זיך ציהען דיא לילית וואס ווערד אנגערופען רע, און איז איהם מטמאה בקרי און וואס איז דער עונש אויף דעם אזו וויא עס שטייט (וסופו יורש גיהנם), אויך (בזוהר פ' בשלח) שטייט אויף דעם פסוק (לא תאנה אליך רעה ונגע לא יקרב באהליך), אז דער מענש פיהרט זיך בדרך הישר און איז זיך נוהג בקדושה, אזו דיא לילית וואס ווערד אנגערופען רע, און אויך דיא קליפות וואס ווערין אנגערופען (נגע בני אדם) קענען גאר נישט צו איהם צוגענעהנען, אבער אז חס ושלום דער מענש פיהרט זיך נישט בדרך הישר, און איז זיך נישט נוהג בקדושה, האבען דיא אללע אן איהם איין שליטה, וואס טוהן איהם עפטערס מטמאה זיין מיט דעם עון קרי, דיא ר"ת פון נאלמתי דומיה החשיתי מאכט נדה, דאס קומט צו לערנען, געווארענט צו זיין ממעט בדיבור צו זיין מיט איינע אשה נדה, אויך געווארענט צו זיין אן איהר נישט אנצורירען, און צו האלטען דיא אללע הרחקות וואס דיא חכמים הקדושים פארבאטען האבען דיא צווייטע סיבה, וואס איז גורם נכשל צו ווערין מיט דעם עון קרי, איז אז מען זינדיגט מיט דיא צונג אזו וויא עס שטייט אין תהלים (נצור לשונך מרע) דאס הייסט היעט דיין צונג פון דבורים אסורים, כדי דוא זאלסט ניצול ווערין פון דיא לילית וואס הייסט רע אין כלל פון דבורים אסורים איז לשון הרע, רכילות, ליצנות, אפילו דער וואס רעט פיעל דברים בטלים ווערד אויך נכשל מיט דעם עון פון קרי ר"ל, אויך דער וואס מאכט ברכות לבטלה איז גערעכענט וויא במוציא ז"ל' דער קען אויך טמא ווערין דורך קרי בלילה, אויך איז דער גורם דאדורך צו קומען צו קרי לבטלה פיעל שלאפען דיא גאנצע נאכט, ווייל דאס איז מדה כנגד מדה וויל ער האט נישט געוואלט בעהעפטען אן דיא (אשה יראת ד') דורך תורה לערנען, אזו ווירד ער בעהעפט אז דיא חיצונים צו דיא אשה רע, וואס זיא מאכט פון איהם געווינען איין שד, וואס טוט אייביג אויף איהם מקטרג זיין,

אויך

אויךְ אִיז גּוֹרֵם דָאס צוּ פִּיעל שְׁלָאפֶען, צוּ שְׁלָאפֶען (אַפְּרַקְדָן) אויף דֶעם רִיקֶען מִיט דֶעם פָּנִים לְמַעְלָה, אָדֶער אויף דֶעם בּויךְ מִיט דֶעם פָּנִים לְמַטָּה, וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם צוּ קוּמֶען לִידֵי קֶרִי לְבַטָּלָה, אויךְ דֶער וָואס ווִיל נִיצוֹל וֶוערִין פוּן דֶעם חֵטְא, זָאל זִיךְ הִיטֶען נִישְׁט עוֹבֵר צוּ זַיין אויף אֵיין נֶדֶר, וְעַל כֻּלָּם מוּז מֶען זִיךְ הִיטֶען נִישְׁט צוּ קוּמֶען ווִיא בְּהֵמוֹת אָדֶער אֵיין אַנְדֶער מִין הַחַי קֶהֶעפְטִין זִיךְ אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען כְּדֵי נִישְׁט צוּ קוּמֶען לִידֵי הִרְהוּר וד"ל:

וְעַתָּה, אַצוּנְד וֶועלִין מִיר בֶּעצֵייכֶענֶען דִיא תִּקּוּנִים אויף דֶעם חֵטְא פוּן קֶרִי לְבַטָּלָה, אוֹיס דֶעם סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ (רֵאשִׁית חָכְמָה) דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקּוּן אִיז, דֶער וָואס אִיז נִכְשַׁל גֶעוָוארֶען מִיט קֶרִי לְבַטָּלָה, זָאל זִיךְ תֵּיכֶּף טוֹבֵל זַיין אִין אֵיינֶע כְּשֵׁרָה מִקְוֶה, כְּדֵי פוּן זִיךְ אָבְצוּטוּהֶען דִיא טוּמְאָה הַחִיצוֹנִית, אויךְ כְּדֵי נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם חֵטְא, זָאל מֶען פְּרִיה אֵיין וַוייבּ נֶעמֶען, אוּנ דָאס אִיז מוּטָל אויף דִיא עֶלְטֶערְן כָּל הִתְפַּעֲלוּת צוּ טוּהְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער פְּרִיה חַתוּנָה צוּ מַאכֶען, וּבִפְרַט בְּדוֹר הַזֶּה, מִשְׁנַיוֹת לֶערְנֶען אִיז אֵיין תִּיקּוּן אויף דֶעם חֵטְא, אוּנ דֶער וָואס טוּט זִיךְ אָנְזֶעטִיגֶען מִיט תּוֹרָה לֶערְנֶען פַאר דֶעם שְׁלָאפֶען לֵייגֶען דֶער וֶוערְד נִיצוֹל פוּן קֶרִי לְבַטָּלָה, אַזוֹ ווִיא ר' יוֹחָנָן הָאט גֶעזָאגְט (כָּל הַמַּשְׂבִּיעַ עַצְמוֹ מִדִּבְרֵי תוֹרָה וְלָן אֵין מְבַשְּׂרִין אוֹתוֹ בְּשׂוֹרוֹת רָעוֹת) אויךְ דֶער וָואס אִיז נִכְשַׁל גֶעוָוארֶען מִיט דִיא עֲבֵירָה, דֶער זָאל זֶעהְן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִיא אַלֶע מִדּוֹת וָואס דֶער מֶענְשׁ וֶוערְד דוּרְךְ דֶעם אָנְגֶערוּפֶען צַדִּיק, דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז, אויף צוּ שְׁטֵיין נָאךְ דִיא הַאלְבֶּע נַאכְט מִתְאַבֵּל צוּ זַיין אויף חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּנ עוֹסֵק צוּ זַיין בַּתּוֹרָה בִּיז צוּם דַאוֶוענֶען, אִינְוֶוענִיגְסְטֶענְס אויף צוּ שְׁטֵיין אֵיינִיגֶע שָׁעָה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה, כְּדֵי מְחַבֵּר צוּ זַיין דִיא נַאכְט מִיט דֶעם טָאג בַּתּוֹרָה, אויךְ צְדָקָה גֶעבִּין אִיז פוּן דִיא מִדּוֹת שֶׁל צַדִּיק, וָואס דָאס אִיז אויךְ אֵיין תִּיקּוּן אויף דֶעם חֵטְא, אִין דֶער וָואס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ מִדּוֹת הַצַּדִּיק, דֶער זָאל זֶעהְן (מַרְבֶּה בְּשָׁלוֹם) צוּ זַיין, אַזוֹ גוּט מִיט זַיין בְּנֵי הַבַּיִת, ווִיא אויךְ מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין, אויךְ שָׁלוֹם צוּ מַאכֶען (בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ וּבֵין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ) וּמכש"כ דֶער וָואס ווִיל מְתַקֵּן זַיין דֶעם חֵטְא דֶער מוּז זִיךְ הִיטֶען פוּן צוּ רֶעדִין דִבּוּרִים אֲסוּרִים, וּבִפְרַט פוּן נִיבּוּל פֶּה, אוּנ ווייל דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען קוּקְט מִיט דִיא אוֹיגֶען ווִיא מֶען בְּרוֹיךְ נִישְׁט, אִיז דֶער גּוֹרֵם צוּ דִיא עֲבֵירָה, אַזוֹ דֶער מֶענְשׁ וָואס ווִיל ווִידֶער מְתַקֵּן זַיין דִיא עֲבֵירָה זָאל זֶעהְן זִיךְ צוּ הִיטֶען זַיינֶע אוֹיגֶען פוּן צוּ זֶעהְן, וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אַזוֹ ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט (וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם) אויךְ אִיז אֵיין תִּיקּוּן אויף דֶעם בְּרִית קוֹדֶשׁ, אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין (מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה צוּ זַיין) אוּנ דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז אִין שְׁטַאנְד תַּעֲנִיתִים צוּ הַאלְטֶען, אִיז דָאס אֵיין דָּבָר גָּדוֹל מְכַפֵּר עֲוֹנוֹת צוּ זַיין, אויף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת דֶער מֶענְשׁ אָבֶּער וָואס אִיז נִישְׁט אוּמְשְׁטַאנְד זִיךְ צוּ פַּיינִיגֶען מִיט תַּעֲנִיתִים וּבִפְרַט בְּדוֹר הַזֶּה וָואס מִיר זֶענֶען (חֲלוּשֵׁי כֹּחַ) אִין וֶועניגְסְטֶענְס דַארְף מֶען מְמַעֵט בְּתַעֲנוּגִים צוּ זַיין, (בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר) אוּנ יֶעדֶען פַארְטָאגְס זִיךְ זַיין הַארְץ צוּ צֶערְבְּרֶעכֶען מִיט זִיפְצֶען אוּנ מְקַיֵּים צוּ זַיין (וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד), וְהִנֵּה יָדוּעַ וָואס שְׁטֵייט (כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים וכו') וְלָכֵן לִיעבֶּע עֶלְטֶערְן וֶוען אִיהְר ווִילְט בֶּאֱמֶת רַחֲמָנוּת הָאבִּין אויף אֵייעֶרֶע קִינְדֶער אַזוֹ זָאלְט אִיהְר גְּרוֹיס הַשְׁגָּחָה

געבין אויף אירע קינדער, באלד ווי זיי קומען אין די יאהרען פון פירצעהן פופצעהן יאהרען, זייא מוח'ע צו זיין דעם גרויסען חטא פון דעם עון ז"ל, אונ אויך זייא מודיע צו זיין דעם ארכטבארען עונש איבער די עבירה, אונ מיט זייא צו לערנען אדער ליינען אין די מוסר ספרים דארט וויא עס שמיסט פון די עבירה, כדי אין דעם קינד איינצוואורצלען איין מורא ופחד פאר דעם פארכטבארען חטא פון זרע לבטלה, איבערהויפט אבט צו געבען אויף זיינע קינדער אויך נאך די חתונה זייא נישט צו לאזען גיין (בשרירות לבם) אונ מיט זייא צו לערנען וויא זייא זאלען זיך נוהג זיין בימי נדתה, וויא אויך (בימי ליבונה) אונ זייא פארשטיין צו געבין דאס זייא זאלען זיך נישט נוהג זיין (כבהמה וכפרד) נישט בלויס זיך (ממלא תאוה) צו זיין, נאר כדי מקיים צו זיין מצות הבורא פון (פרו ורבו, מצות עונה ומצות ושמח את אשתו) אויך זייא מודיע צו זיין דאס, דאס עס איז איין איסור זיך מיט פליים צו ברענגען לידי קושי אבר, וואס דער דאזיגער איז (בנידוי מפי חכמי הגמרא) אויך דארף מען זיין קינד צו לערנען ווען זיא קומט אהיים פון (בית הטבילה) זיך נאך מעהר צו היטען מיט אללע הרחקות פון פריער, ווייל דאמאהלם פון דעם קלענסטען (קריבות) קען מען קומען צו קישוי אבר אונ אויך צו ז"ל, ע"כ למען השם אונ אויך פון וועגען רחמנות צו האבען אויף זיך אונ אויף זיינע קינדער אונ קינדס קינדער זאלין די עלטערן אויף דעם אלען השגחה געבין זייערע קינדער נישט צו לאזען גיין (בתאות לבם הרע), ובזכות זה וועלין מיר זוכה זיין צו זעהן (בביאת הגואל במהרה בימינו אמן):

## זיווג

די מצוה איז מוטל אויף דעם ופאטער ווען זיין זוהן ווערד אלט אכטצעהן יאהר אונ העכסטענס ביז צוואנציג יאהר מיט איהם איין שידוך צו טוהן אונ דער מענש וואס ווארט לענגער וויא צוואנציג יאהר אן אווייב שעלט איהם דער אייבערשטער ב"ה, אונ ער איז אויך כל ימיו (בהרהורים רעים), ולכן ווען דער פאטער וויל נישט מיט זיין זוהן איין שידוך טוהן, איז דער זוהן בייא דעם פטור פון כבוד אב, נאר ער מעג זעלבסט מיט זיך איין שידוך טוהן, אפילו (שלא ברצון אביו) כדי זיך מציל צו זיין פון די הארבע עבירה פון קרי לבטלה, אויך פון הרהורים רעים, אונ ווען ער איז נישט אומשטאנד זיך נדן צו מחייב צו זיין, וואס דאדורך קען ער קיין שידוך טוהן לויט זיין רצון דאמאהלם איז דאס איינע מצוה גדולה זיך צו פארזיכערן אן גאט ב"ה, וואס ער איז דער (זן ומפרנס לכל) איין שידוך צו טוהן, ווען אויך מיט ווענינ געלד כדי מקיים צו זיין די געבאט פון השם יתברך אונ אויך כדי זיך מציל צו זיין פון חטאים רבים, ובזכות זה וואס ער האט די אמונה אן הקב"ה ווערד דער בעשעפער איהם מפרנס זיין מיט זיין ערבארמקייט אזו וויא עס שטייט (נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו) וידוע וואס די חכמים הקדושים האבען געשריבען דאס דער מענש איז מחויב אללעם צו פארוועגדען כדי צו קענען געבען זיין טאכטער איין תלמיד חכם פאר איין מאן, וואהל איז די

אִשָּׁה וָואס הָאט דִיא זְכִיָּה צוּ קוּמֶען צוּ אַיין תַּלְמִיד חָכָם, דָאס אִיז אַיינֶע גֶעווִיסֶע זַאךְ דָאס עֶם וֶועֶרד בַּייא אִיהְר אַלֶע מָאהְל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת. אוּנ אִיהְר מַאן וֶוערְד זִיא מְכַבֵּד זַיין, נָאךְ מֶעהְר וִויא זִיךְ זֶעלְבְּסְט. אַזוֹי וִויא דֶער דִין אִיז. וְעַל הַכֹּל וָואס זִיא וֶוערְד זִיךְ טְהֵיילֶען מִיט זַיין שְׂכַר לְעוֹה"בּ. אַז מֶען גִיבְּט אָבֶּער זַיין טָאכְטֶער צוּ אַיין עַם הָאָרֶץ, אֲפִילוּ דָאס עֶר אַיין עוֹשֶׁר אִיז, דָאס גֶעלְד הָאט דָאךְ קַיין קִיוּם אוֹיף אַייבִּיג, נָאךְ אַלֶען זֶעהְן מִיר דָאךְ דָאס נִישְׁט פִיעל נַבְן אִיז גוֹרֵם נָאךְ דִיא חֲתוּנָה פַּרְנָסָה צוּ הָאבֶּען דָאס זֶעהְן מִיר אוֹיךְ דָאס עֶם שַׁאדֶעט גָאר נִישְׁט צוּ דִיא פַּרְנָסָה וֶוען אוֹיךְ דָאס מֶען הָאט גָאר נִישְׁט פַארְמָאגְט צוּ דִיא חֲתוּנָה, וַוייל פַּרְנָסָה וֶוענְט זִיךְ נָאר אַן דֶעם רְצוֹן הַבּוֹרֵא וָואס עֶר אִיז דֶער (זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל) אִיבֶּערְדֶעם דֶער בַּר דַעַת זָאל נִישְׁט גֶעבֶּען זַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיף פִיעל גֶעלְד, נָאר זַיין גְלִיסְטוּנְג זָאל זַיין צוּ בֶּעקוּמֶען פִיר זַיינֶע קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אִין וֶועניגְסְטֶענְס צוּ בֶּעקוּמֶען אַיין יְרֵא אֱלֹהִים (וְאָז לֹא תְאוּנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וְנֶגַע לֹא יִקְרַב בְּאָהֳלֶיךָ):

(וְהִנֵּה בְּעִנְיַן הַזִּיווּג). וִויא אַיין יוּד דַארְף זִיךְ נוֹהֵג צוּ זַיין בְּעִנְיַן הַזִּיווּג, יָדוּעַ דַאס דָאס אִיז אַיינֶס פוּן דִיא מִצְוֹת דְאוֹרַיְיתָא, אַזוֹי וִויא עֶם שְׁטֵייט (וְעוֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע), דִיא תּוֹרָה הָאט פֶערְבָּאטִין מִיט אַיין (לָאו) נִישְׁט צוּ פֶערְמֵיידִין דִיא עוֹנָה פוּן זַיין וַוייבּ. אוּנ וֶוען אִיז דָאס דֶער זְמַן עוֹנָה, וֶוען זִיא הָאט זִיךְ גֶעטוֹבֶלְט. אוּנ אוֹיךְ וֶוען אִיהְר מַאן וֵויים דָאס זִיא אִיז מִשְׁתּוֹקֵק צוּ אִיהְם. דַאמָאלְס אִיז עֶם אַיינֶע מִצְוָה מְקַיֵּים צוּ זַיין דִיא מִצְוָה (שֶׁל וְעוֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע). אוֹיךְ דִיא מִצְוָה פוּן (וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ).

וְהִנֵּה דָאס אִיז וִויסִיגְלִיךְ וָואס שְׁטֵייט (וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד), אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס אַיין חִיוּב גָּדוֹל עַל כָּל אִישׁ, עֶפְּטֶערְס צוּ לֶערְנֶען דִיא דִינִים. וִויא אַיין אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי דַארְף זִיךְ נוֹהֵג צוּ זַיין מִיט זַיין וַוייבּ. (קוֹדֶם הַתַּשְׁמִישׁ וּלְאַחַר הַתַּשְׁמִישׁ). אוֹיךְ עֶפְּטֶערְס צוּ לֶערְנֶען וִויא מֶען דַארְף זִיךְ צוּ פִיהְרֶען (בְּשַׁעַת נִדָּתָהּ). וַוייל דָאס זֶענֶען פוּן דִיא הַארְבֶּע זַאכֶען, וָואס רִירְט אָן (חִיּוּב כָּרֵת). ע"כ כְּדֵי לְזַכּוֹת אֶת הָרַבִּים וֶועלִין מִיר דָא מַעְתִּיק זַיין אוֹים דֶעם סֵפֶר (חָכְמַת אָדָם) פוּן הִלְכוֹת נִדָּה כְּלַל קפ"ח. וָואס שְׁמִיסְט מֵעִנְיְנֵי הַזִּיווּג.

(א) כָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל אִיז מְחוּיָּב זִיךְ צוּ גֶעוֵוינֶען צוּ פִיהְרֶען בִּקְדוּשָּׁה, אוּנ אַייבִּיג צוּ הָאבִּין רַיינֶע אוּנ גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערִין (בְּאִיסּוּר עֶרְוָה). (וְיִזָּהֵר מִן הַיִּחוּד), גִיוָוארִינְט צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ זַיין צוּזַאמֶען אִין אַיין חֶדֶר מִיט אַיינֶע פְרֶעמְדֶע אִשָּׁה, אוֹיךְ זִיךְ צוּ עֶרְוֵוייטֶערִין פוּן שְׂחוֹק אוּנ פוּן שִׁכְרוּת, נִישְׁט פִיהְל מַשְׁקִים צוּ טְרִינְקֶען, וּבִפְרַט זִיךְ צוּ הִיטֶען פוּן (שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ), שְׁטִיפֶערַייא אוּנ גִילֶעכְטֶער, אוּנ פוּן לִידֶער זִינְגֶען, וַוייל דָאס אַלֶעם אִיז דֶער גוֹרֵם דַאדוּרְךְ צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם (אִיסּוּר עֶרְוָה). אוֹיךְ נִישְׁט צוּ זִיטְצֶען אָהְן אַוַוייבּ. אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה נִיצוֹל צוּ וֶוערִין פוּן דֶעם (אִיסּוּר עֶרְוָה) אִיז זַיין מַחֲשָׁבָה צוּ וֶוענְדִין לְתוֹרָה וּלְמוּסָר:

ב) (וְלֹא יָקֵל רֹאשׁ) מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נוֹהֵג זַיין בְּקַלּוּת רֹאשׁ מִיט זַיין וַוייבּ. נִישְׁט צוּ רֶעדֶען נִיבּוּל פֶּה חָלִילָה, אוֹיךְ נִישְׁט נַארִישְׁקַייטֶען, אֲפִילוּ (בֵּינוֹ לְבֵינָהּ) דָאס קַיין אַנְדֶערֶער הֶערְט, דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט

(אפילו שיחה קלה שבין איש לאשתו, עתיד ליתן את הדין) אפילו אויף דעם גרינגסטען ווארט פון קלות ראש וואס דער מענש רעט מיט זיין ווייב, אפילו דאס קיינער הערט, איז ער עתיד דין וחשבון צו געבען, (קודם התשמיש ולאחר התשמיש) זאל מען נישט רעדען מיט זיין ווייב, כדי דאס ער זאל נישט דארפען חלילה אין דיא גידאנקען צו האבען פון איינע אנדערע אשה, און כדי זיא זאל אויך נישט און דיא געדאנקען האבען פון איין פרעמדען מאן אויסגענומען ווען ער דארף זיא מפייס צו זיין, איז מותר מיט איהר צו רעדען, און עס איז נאך איינע מצוה, זיא מפייס צו זיין מיט בעווילינגטע רייד, כדי עס זאל זיין ברצונה הטוב:

ג) (אע"פ) האטשע דאס עס איז מותר מיט זיין ווייב צו וואהנען אלע צייט ווען זיא ריין איזט, און אויך זיא מנשק צו זיין, דאס האט נאר דיא תורה מתיר גיוועזען קעגין דעם יצה"ר, אזו וויא מען האט מתיר גיוועזען צו נעמען איין (יפת תואר) צופארט דאס קינד וואס מען האט פון איהר, ווערד זיין איין סורר ומורה, ולכן דארף זיך דער יוד איינצוצוימען און דעם יצר כובש צו זיין, זיך נוהג צו זיין מיט זיין ווייב בצניעות, ובקדושה, זיא נישט מנשק צו זיין פאר מענשען, ווייל דאס איז איין קלות ראש, אפילו אויך (בינו לבינה) דאס קיינער זעהט, ווען ער קאן דאדורך קומען (לידי קישוי אבר) מוז מען זיך אויך היטען זיא נישט מנשק צו זיין, אויך זאל מען זיך היטען נישט מרבה בתשמיש צו זיין, ווייל דאס טוהט דעם מענש זעהר פוגם זיין, אויך איז דאס גורם שוואך צו ווערען פון כח, און זיך צו פארדארבען דאס ליכט פון דיא אויגען, אויך איז דאס גורם, פריה פארעלטערט צו ווערען, ולכן וואהל דעם וואס איז פון דעם שטארק צוריק גיהאלטען:

ד) צו דאך איז אסור מבטל צו זיין דיא (עונה) פון זיין ווייב וואס דיא תורה האט גיבאטען (ועונתה לא יגרע) דהיינו ווען זיא קומט אהיים פון בית הטבילה, און אויך ווען זיא איז מתאוה צו איהם, אפילו ווען מען וואהנט מיט זיין ווייב, ווען עס איז דיא מצוה מקיים צו זיין דיא עונה, זאל מען זיך נישט מכוין זיין בלוים פיר זיין הנאה וועגען, נאר כדי מקיים צו זיין דיא עונה וואס דיא תורה האט געבאטען, און אויך מקיים צו זיין מצות (פריה ורביה) אויך כדי צו האבען קינדער וואס זאלען עוסק זיין בתורה ובמצות:

ה) עס איז איין איסור מיט זיין ווייב צו וואהנען (בעל כרחה) איבער איהר דאנק (רק ברצונה) מיט איהר גוטען ווילען, און ווען זיא איז נישט מרוצה דאצו, מוז ער זעהן זיא פריער מפייס צו זיין ביז זיא ווערד מרוצה ווערען, און דאס וואהנען מוז גישעהן מיט גרוים צניעות, און נישט פאר איין שום מענש, עס איז איין דבר טוב, נישט משמש צו זיין אזו לאנג וואס דאס בני הבית זענען נאך וואכעדיג, אויסגענומען ווען ער שלאפט אין איין אנדערע חדר, אדער עס איז איינע מחיצה צווישען זייא, און דעם בני הבית, וואס זייא וועלען נאר נישט מרגיש זיין, איז מותר:

ו) כתיב, עס שטייט געשריבען, דער אייבערשטער האט געזאגט (וברותי מכם וכו') איך וועל אויסקלויבען פון אייך דיא (מורדים ופושעים) זייא צו

פארלענדען, איז דאס געמיינט אויף די (בני תשעה מדות) ואלבע קינדער וואס ווערען געבוירען פון איינס פון די ניין ערליי וואס דא ווערד ווייטער שטיין, די אלע ווערען אן גערופען (מורדים ופושעים) (א') איז בני אנוסה, (ב') בני שנואה, (ג') בני נידוי, (ד') בני תמורה, (ה') בני מורדת, (ו) בני שכרות, (ז) בני גרושת הלב, (ח') בני ערבוביא' (ט') בני חצופה, (בני אנוסה) הייסט, מיט געוואלט, אפילו נישט מיט געוואלט, נאר זיא איז נישט מרוצה דאצו, איבערדעם מוז ער זעהן פריער זיא מפייס צו זיין, ביז זיא זאל שוין יוא מרוצה זיין, (בני שנואה) הייסט, אז ער האט זיא פיינט בשעת התשמיש. (בני נידוי) הייסט, אז ער אדער זיא איז אין חרם, איז אסור משמש המטה צו זיין, (בני תמורה) הייסט, בשעת ער וואהנט מיט זיין ווייב האט ער די געדאנקען אויף זיין צווייטעם ווייב. (בני מורדת) הייסט, ווען זיא זאגט צו איהר מאן, איך וויל דיך נישט האבען פאר איין מאן, אפילו דאס בשעת התשמיש איז זיא מרוצה, (בני שכרות) הייסט, ווען איינער פון זייא איז דאמאהלס שכור. (בני גרושת הלב) הייסט, ווען ער האט אין די געדאנקען זיא מגרש צו זיין, (בני ערבוביא) הייסט, ווען ער האט גאר דאמאהלס אין די געדאנקען אויף איינע פרעמדע אשה, (בני חצופה) הייסט, ווען דאס ווייב פאדערט בפירוש איהר מאן וועגען תשמ"ש, איז זיא דאפיר גירעכענט וויא איינע זונה, ווען אבער אז זיא רעדט מיט איהם בעוויליגטע רייד כדי דאס ער זאל זיין דעה אויף איהר געבען, דאמאהלס איז נאך איינע מצוה, אונ אויך איין חיוב מיט איהר משמש צו זיין, ווייל דאמאהלס איז ער מחויב מקיים צו זיין די עונה וואס די תורה האט געבאטען, דאס זענען די אלע ניין ערליי וואס די קינדער וואס ווערען געבוירען פון זייא, ווערען אן גערופען (מורדים ופושעים) אונ וועלען בוודאי נישט גוט זיין:

ו) (אסור להסתכל באותו מקום) והמסתכל, איז עובר אויף (הצנע לכת) אונ טוהט אפ פון זיך די בושה, ומכש"כ דער וואס איז מנשק (באותו מקום) איז נאך דאצו עובר אויף (בל תשקצו). דער עונש איז, דער וואס איז (מסתכל באותו מקום) דער האט בלינדע קינדער, אונ דער וואס איז (מנשק באותו מקום) האט שטימע קינדער, דער וואס איז משמש (הוא למטה, והיא למעלה) דאס איז (בדרך עזות) די האבען הינקעדיגע קינדער:

ח) מען זאל נישט משמש זיין בתחילת הלילה, אויך נישט בסוף הלילה, כדי זייא זאלען נישט הערען דאס קול פון דעם בני הבית, אויסער ווען ער האט שטארק תאוה, איז מותר:

ט) עס איז איין איסור גדול משמש צו זיין אז עס ברענט איין ליכט אין שטיב, אפילו דאס מען מאכט טונקעל מיט איין פידערהאנג איז דאך אסור, אויסגענומען, אז מען מאכט איינע מחיצה הויך צעהן טפחים פאר דעם ליכט, אונ מען מאכט טונקעל, דאס מען זאל נישט זעהן די ליכט איז מותר. אויך ביי טאג טאר מען נישט משמש זיין, אויסער לצורך גדול, וואס דער יצר שטארקט זיך אויף איהם, אז מען טוהט טונקעל מאכען אין שטיב איז מותר:

י) עֶס אִיז אָסוּר מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין אִין אַזוֹ אַשְׁטִיבּ וְויא עֶס אִיז דָארְט אַסֵפֶר תּוֹרָה אָדֶער אַמְגִילָה. וָואס אִיז גֶעמַאכְט צוּם וויקְלֶען, נָאר מֶען מוּז דָאס סֵפֶר תּוֹרָה לֵייגֶען אִין אֵיין אַנְדֶער חֶדֶר. אַז מֶען הָאט קֵיין אַנְדֶער חֶדֶר מוּז מֶען מַאכֶען אַמְחִיצָה. וֶוענִיגְסְטֶענְס הוֹיךְ צֶעהְן טְפָחִים פַאר דֶעם ס"ת. אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אוֹיף פַּאפִּיער, אָדֶער תְּפִילִין, אִיז גֶענוּג אַז מֶען לֵייגְט דִיא סְפָרִים אִין צְוֵויא כֵּלִים אַרַיין. אַז דִיא סְפָרִים לִיגֶען אִין אֵיין שַׁאנְק, אָדֶער אִין אַקַאסְטֶען, דַארְף מֶען נָאךְ דִיא שַׁאנְק צוּ פַארְדֶעקֶען מִיט אַזַאךְ, אָדֶער אַמַלְבּוּשׁ. אוֹיךְ דִיא מְזוּזָה מוּז מֶען נָאךְ פַארְדֶעקֶען מִיט אַזַאךְ:

יא) עֶס אִיז אָסוּר צוּ וואהְנֶען מִיט זַיין וַוייבּ אִין פְרַייעֶן פֶעלְד, אוֹיךְ אֲפִילוּ אִין שְׁטִיבּ אִיז אָסוּר מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין אָן אֵיין צוּדֶעק, נָאר מֶען מוּז זִיךְ גוּט פַארְדֶעקֶען, וּבִצְנִיעוּת גָדוֹל, אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַכִּסֵא מוּז מֶען וַוארְטֶן מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין דֶעם שִׁיעוּר וָואס מֶען קָאן גֵיין אֵיין (חֲצִי מִיל) דָאס אִיז טוֹיזֶענְט אֵיילֶען נָאךְ דֶעם תַּשְׁמִישׁ, טָאר זִיא נִישְׁט גֶעבֶּען צוּ זֵייגֶען דָאס קִינְד בִּיז מֶען זָאל וַוארְטֶען דֶעם שִׁיעוּר פוּן פִיעֶר טוֹיזֶענְט אֵיילֶען, וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט שְׁטַארְק זָאל זִיא וֶוענִיגְסְטֶענְס וַוארְטֶען דֶעם שִׁיעוּר פוּן צְוֵוייא טוֹיזֶענְט אֵיילֶען אַז מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ אוּנ אַקְלֵיין קִינְד וֶוענִיגֶער פוּן אַיָאהְר לִיגְט אִין דֶעם בֶּעט קָאן דָאס קִינְד הָאבֶּען (חוּלִי נוֹפֵל ר"ל) נָאר אַז מֶען הַאלְט דִיא הֶענְד אוֹיף דֶעם קִינְד שַׁאט נִישְׁט:

אַזוֹ גוּט וִויא מֶען מוּז זִיךְ הִיטֶען פוּן צוּ פִיעל תַּשְׁמִישׁ, אַזוֹ אִיז ווִידֶער אָסוּר מְבַטֵּל צוּ זַיין דִיא עוֹנָה פוּן זַיין וַוייבּ. אוּנ אַז דִיא כַּוָּנָה פוּן אִיהְם אִיז, כְּדֵי זִיא מְצַעֵר צוּ זַיין, אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף אֵיין לַאו מִן הַתּוֹרָה (וְעוֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע). אוּנ וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט רָאוּי מֶעהְר מִיט זַיין וַוייבּ צוּ וואהְנֶען, אוּנ דִיא אִשָּׁה פָאדֶערְט פוּן אִיהְם גֶט, מוּז עֶר זִיא פְרַייא מַאכֶען, אוּנ יֶעדֶען טָאג וָואס עֶר הַאלְט זִיא אוֹיף, אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף אֵיין (לֹא תַעֲשֶׂה), דִיא זְמַנִּים וָואס דֶער הָאר"י הַקָדוֹשׁ הָאט פֶערְבָּאטֶען אִין זֵייא מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין, דְהַיְינוּ דִיא נַאכְט פוּן פֶּסַח, שְׁבוּעוֹת, ר"ה, דָאס אִיז נָאר פַאר דֶעם יְרֵא שָׁמַיִם, וָואס עֶר וֵוייסְט זִיכֶער דָאס עֶר וֶועט נִישְׁט נִכְשַׁל וֶוערֶען מִיט אֵיין עֲבֵירָה, אָבֶּער אַלְבֶּע מֶענְשֶׁען אָבֶּער וָואס דֶער יֵצֶר הָאט אוֹיף זֵייא אֵיינֶע שְׁלִיטָה, זֵייא צוּ בְּרֶענְגֶען צוּ תַּאֲוָה, אוּנ זֵייא מֵיינֶען דָאס עֶס אִיז אָסוּר מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין מִן הַתּוֹרָה, אוּנ דַאדוּרְךְ קוּמֶען זֵייא צוּ מִכְשׁוֹלִים, אַזוֹ דַארְף מֶען דָאס מוֹדִיעַ צוּ זַיין דָאס עֶס אִיז נָאר קֵיין אִיסוּר בַּייא אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס הָאט שְׁטַארְק תַּאֲוָה, נָאר עֶס אִיז נָאךְ פַאר אִיהְם פִיר אֵיינֶע מִצְוָה גֶערֶעכֶענְט, אֲפִילוּ נָאר אַן דִיא נַאכְט פוּן ר"ה כְּדֵי נִישְׁט חָלִילָה נִכְשַׁל צוּ וֶוערֶען מִיט קֶרִי ח"ו, נָאר עֶר זָאל זִיךְ צוּ מָארְגֶען טוֹבֵל זַיין, וַוייל מִצַד הַדִין אִיז נִישְׁט מֶעהְר אָסוּר מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין, נָאר אַן דִיא נַאכְט פוּן יו"כ, אוּנ ט' בְּאָב אוֹיךְ אַן דִיא טֶעג וָואס עֶר, אָדֶער זִיא אֲבֵלִים זֶענֶען:

וְעַתָּה מַיין פְרַיינְד הָאבֶּען מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען דָאס הִתְנַהֲגוּת פוּן דֶעם אִישׁ יָשָׁר וְכָשֵׁר (מֵהַסֵפֶר חָכְמַת אָדָם) (וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים) וּבִזְכוּת זֶה וָואס מִיר וֶועלֶען אוּנְז נוֹהֵג זַיין (בְּעֵת הַזִּוּוּג) בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, וּבְמַחֲשָׁבוֹת טוֹבוֹת וֶועלִין מִיר זוֹכֶה זַיין לְבָנִים טוֹבִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת אָמֵן:

אין

## זכיה

אִין זוהַר הַקָדוֹשׁ, טוּהְט מֶען וֶועהְר מַפְלִיג זַיין (בְּשִׁבַח אָדָם זֶה) וָואס אִיז מְזַכֶּה רַבִּים, אוּנ וֶועהְט דִיא בַּעֲלֵי עֲבֵירָה (מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה צוּ זַיין, וְלָכֵן טוֹב לַגֶּבֶר) וואהְל דֶעם מֶענְשׁ וָואס טוּהְט זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין אַלֶע מָאהְל מוֹכִיחַ צוּ זַיין זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען וָואס גֵייעֶן בַּדֶרֶךְ לֹא טוֹב, כְּדֵי זַייא אָפּ צוּ גֶעוֵוייעֶן פוּן דְבָרִים אִיסוּרִים, וּמִכָּל שֶׁכֵּן דָאס דֶער חִיוּב אִיז נָאךְ מֶעהְר גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דֶעם פָּאטֶער זַיינֶע קִינְדֶער צוּ הִיטֶען פוּן עֲבֵירוֹת, אוּנ זַייא מְזַכֶּה צוּ זַיין בְּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוֹיךְ זַייא צוּ עֶרְוַוייטֶערֶען פוּן חֲבֵרִים רָעִים, אוּנ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אוֹיךְ פוּן צוּ לֶערְנֶען (חָכְמוֹת הַחִיצוֹנִיוֹת):

## זקן

אַז עֶס וֶוענֶען שׁוֹין אִיבֶּערְפָאהְרֶען דִיא רוֹב יָאהְרֶען פוּן מֶענְשׁ, דְהַיְינוּ עֶר קוּמְט שׁוֹין נָאהְנְט צוּ פֶערְצִיג יָאהְר דַארְף עֶר זִיךְ שׁוֹין צוּ עֶרְמַאנֶען אַן דֶעם סוֹף פוּן יֶעדֶען מֶענְשׁ, דָאס עֶר לֶעבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג, אוּנ יֶעדֶען טָאג וָואס פַארְבֵּייא גֵייט אִיז עֶר נֶענְטֶער צוּם קֶבֶר, אוּנ יֶעדֶער טָאג וָואס אִיבֶּערְגֶעהְט, פֶעהְלְט אִיהְם נָאךְ אַטָאג פוּן זַיין אוֹיסְגֶיזֶעצְט לֶעבֶּען, דֶער גֶעוִוין פוּן דֶעם וֶועט זַיין, וֶוען עֶר אִיז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען נָאךְ גֶעגַאנְגֶען דִיא תַּאֲוַת לִבּוֹ צוּ עֶרְפִילֶען, אוּנ הָאט נָאר נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַן דֶעם סוֹף פוּן מֶענְשׁ, אוּנ הָאט אוֹיךְ נָאר נִישְׁט אַן דֶעם גֶעדֶענְקְט צוּ וֶועלְכֶען תַּכְלִית עֶר אִיז גִיבּוֹרֶען גֶעוָוארֶן, אַזוֹ אִין וֶועניגְסְטֶענְס, אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין אִין דִיא סוֹף יָאהְרֶען, אִיז שׁוֹין גֶעוִוים דִיא צַייט חַס צוּ הָאבֶּען אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּנ אוֹיף (כְּבוֹד קוֹנוֹ) מְתַקֵן צוּ זַיין וָואס מֶען הָאט אִין דִיא פְרִיעֶרֶע יָאהְרֶען מְקַלְקֵל גִיוֶועזֶען, אוּנ תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן (עַל חַטֹאת נְעוּרִים) אוּנ דַארְף זִיךְ פוּן נוּן אַן צוּ שְׁטַארְקֶען צוּ גֵיין בְּדֶרֶךְ טוֹבִים, אוּנ זִיךְ זֶעלְבְּסְט מִתְעוֹרֵר צוּ זַיין, צוּ זִיךְ צוּ זָאגֶען (אוֹי לִי, כִּי פָּנָה יוֹם) וִוייא אִיז צוּ מִיר מַיין לֶעבֶּען פַאנְגְט שׁוֹין אַן אַיין עֶנְד צוּ הָאבֶּען, אוּנ דִיא פִינְצְטֶערֶע טֶעג פוּן קֶבֶר הֵייבֶּען שׁוֹין אָן צוּ צוּרִיקֶען (וְאִם לֹא עַכְשָׁיו אֵימָתַי) וֶוען אִיךְ וֶועל נִישְׁט הַיינְט טְרַאכְטֶען מַיין נְשָׁמָה מְתַקֵן צוּ זַיין, וֶוען דֶען וֶועְרד צוּ דֶעם צַייט זַיין, צוּ וָואס זָאל אִיךְ וַוארְטֶען בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין נָאר נִישְׁט קֶענֶען מְתַקֵן זַיין, פוּן מַיין גֶעבּוֹרֶען וֶוערֶען בִּיז אַצוּנְד הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן יצה"ר, אִין פוּן אַצוּנְד אָן, ווִיל אִיךְ שׁוֹין טוּהְן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא ב"ה, מַיין בֶּעשֶׁעפֶּער, אוּנ שְׁפַּייזֶער, אוּנ עֶנְטְרִינֶער, פִילֵייכְט וֶועל אוֹיךְ נָאךְ קֶענֶען פַארֶעכְטֶען נָאךְ פַאר מַיין טוֹיט, וָואס אִיךְ הָאבּ בִּיז אַהֶער פַארְדָארְבֶּען, מֵיין פְרַיינְד, בֶּעטְרַאכְט נָאר דִיא תַּחְבּוּלוֹת פוּן דֶעם שְׁטַארְקֶען יצה"ר אַזוֹ לַאנְג וָואס דֶער מֶענְשׁ אִיז נָאךְ אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶען, אוּנ הָאט נָאךְ צוּ אַלֶעם תַּאֲוָה, אוּנ חֵשֶׁק, אַזוֹ טוּהְט אִיהְם דֶער יֵצֶר אַיינְרֶעדֶען, אַצוּנְד וֵוייל דוּא בִּיזְט נָאךְ יוּנְג אוּנ הָאסְט כֹּחַ צוּ אַלֶעם, אִיזְט הַיינְט דִיא רֶעכְטֶע צַייט דִיא וֶועלְט צוּ גֶענִיסֶען, גוּט צוּ עֶסֶען, אוּנ טְרִינְקֶען, אִין זִינְגֶען, אִין שְׁפַּאצִירֶען גֵיין, וִויא אוֹיךְ אַלֶע אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶען מִיט צוּ מַאכֶען, אוּנ אוֹיךְ דִיא נַאכְט אִיזְט אַיינֶע שַׁאדֶע צוּ

פַארְלִירֶען אָן עֶפֶּעס צוּ גֶעניסֶען, אַזוֹ זוּכְט עֶר זִיךְ אַן דִיא נַאכְט וַאלְבֶּע פַארְזַאמְלוּנְגֶען וָואס עֶר זָאל קֶענֶען זִיךְ מִיט זֵייא אוּנְטֶערְהַאלְטֶען. אֲפִילוּ אוֹיךְ מִיט קָארְטֶען שְׁפִּילֶען וָואס דָאס אִיז מְטַמֵא דֶעם מֶענְשׁ אִין גַאנְצֶען. אוּן זִיךְ צוּ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען מִיט (סְעוּדוֹת מֵרֵעִים) וִויא עֶס וֶוערְד דָארְט דַאבֵּייא גֶעזוּנְגֶען אִין גֶעגְרֵייְמְט, אוּן טַאנְצֶען אִין וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִיהְם מִיט נְקֵיבוֹת צוּ טַאנְצֶען, פַארְלָאזְט עֶר עֶס אוֹיךְ נִישְׁט. וַוייל אִין דִיא צַייט אִיז עֶר שׁוֹין גָאר נִישְׁט אִין זַיין מַאכְט, נָאר עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹ פִיהְרֶען פוּן דֶען יֵצֶר (כַּשׁוֹר לַטֶבַח יוּבָל) אַזוֹ וִויא מֶען פִיהְרְט דֶעם אוֹקְס צוּם שֶׁעכְטֶען, דָאס אַלֶעס טוּהְט אִיהְם דֶער יֵצֶר פַאר גוּטֶע אוּן גְלַייכֶע זַאכֶען פַארְשְׁטֶעלֶען. קוּמְט עֶר אָבֶּער שׁוֹין אִין דִיא עֶלְטֶערֶע יָאהְרֶען, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר לוּסְט צוּ וַאלְבֶּע זַאכֶען, אַזוֹ טוּהְט אִיהְם ווידֶער דֶער יֵצֶר גַאנְץ אוֹיף אַיין אַנְדֶערֶען דֶרֶךְ פִיהְרֶען, אוּן זָאגְט צוּ אִיהְם מֵיין פְרֵיינְד, דוּא הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר דַיין עֶרְשְׁטֶען כֹּחַ, מִיט צוּ מַאכֶען וַאלְבֶּע (מַעֲשֶׂה נַעֲרוּת) עֶס אִיז שׁוֹין גָאר נִישְׁט מֶעהְר פַּאסֶענְד פַאר דִיר זִיךְ מִיט וַאלְבֶּע נַארִישְׁקֵייטֶען אָפּ צוּ גֶעבֶּען, הַיינְט אִיז פַּאסֶענְד פַאר דִיר זִיךְ צוּ גֶעזֶעלֶען מִיט וַאלְבֶּע מֶענְשֶׁען, וָואס וֶענֶען אִין דַיין עֶלְטֶער, אַזוֹ זוּכְט עֶר זִיךְ ווידֶער וַאלְבֶּע גוּטֶע פְרֵיינְד וָואס וַאלֶען מִיט אִיהְם זִיטְצֶען בִּיז אִין דִיא הַאלְבֶּע נַאכְט צוּ רֶעדֶען מִיט זֵייא פִיעל דְבָרִים בְּטֵלִים, וָואס נָאר פַארְגֶעהְט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, וּמִמֵילָא (בְּרוֹב דְבָרִים לֹא יֶחְדַל פֶּשַׁע) וֶוערְד שׁוֹין אוֹיךְ גֶירֶעט פִיעל דִיבּוּרִים שֶׁל אִיסוּר עֶס פֶעלְט אִיהְם גָאר נִישְׁט אַיין עֶפֶּעס צוּ קְלֶערֶען וָואס וֶוערְד מַיין סוֹף זַיין, נָאר עֶר גֶעהְט זִיךְ אוֹיף דִיא וֶועלְט גַאנְץ זִיכֶער, גְלֵייךְ עֶר הֶעט אוֹיף דִיא וֶועלְט אֵייבִּיג גֶעבְּלִיבֶּען, חָאטְשֶׁע עֶר זֶעהְט וִויא דִיא כּוֹחוֹת פוּן אִיהְם פַאנְגֶען אָן שְׁוַואכֶער צוּ וֶוערֶען אוּן דִיא זִקְנָה קוּמְט אוֹיף אִיהְם, צוּפָארְט פַאלְט אִיהְם גָאר נִישְׁט אַיין זִיךְ צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען דָאס זַיין לֶעבֶּען וֶוערְד בַּאלְד אַיין עֶנְד הָאבֶּען, אוּן עֶר וֶוערְד בַּאלְד גֶערוּפֶען וֶוערֶען פַאר דֶעם מִשְׁפָּט צוּ שְׁטֵיין, מִיט אִיהְם פְּרַאקְטִיקַאל אוֹיף צוּ נֶעמֶען אוֹיף יֶעדֶען טָאג בֶּעזוּנְדֶער פוּן זַיין לֶעבֶּענְס יָאהְרֶען, מִיט וָואס עֶר הָאט דֶען טָאג צוּ גֶעבְּרַאכְט, אוּן יֶעדֶער טָאג בֶּעזוּנְדֶער וֶוערְד אוֹיף אִיהְם עֵדוּת זָאגֶען וָואס עֶר אַן דֶעם טָאג גֶעטוּהְן הָאט, דָאס אַלֶעס מַאכְט אִיהְם דֶער יֵצֶר פַארְגֶעסֶען (וְלָבָן אָחִי וְרֵעִי) וֶוען מִיר הָאבֶּען דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶען פַארְנַאכְלֶעסִיגְט מִיט הֲבֵל הֲבָלִים, אַזוֹ אִינְוֶועניגְסְטֶענְס לָאזֶען מִיר נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶען פַארְשְׁווינְדְלֶען לָאזִין מִיט נַארִישְׁקַייטֶען, נָאר זִיךְ פָּאהְר צוּ שְׁטֶעלִין יֶעדֶען טָאג, פִילֵייכְט וֶועל אִיךְ דָאס יָאהר, אָדֶער דֶעם חוֹדֶשׁ גֶערוּפֶען וֶוערֶען אַהֵיים צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת, אוּן וָואס הָאבּ אִיךְ מִיר מִיט צוּ נֶעהְמֶען, וָואס זָאל קֶענֶען מִיךְ בֶּעשִׁיצֶען פוּן דֶעם שְׁוֶוערֶען מִשְׁפָּט (כִּי אֵין רַחֲמִים בַּדִין) אַזוֹ אִיז דָאךְ בֶּעסֶער פַאר מִיר אִיךְ זָאל פוּן אַצוּנְד אָן אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף מַיינֶע דְרָכִים, אוּן מְתַקֵן צוּ זַיין דוּרְךְ תְּשׁוּבָה וַחֲרָטָה, וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען מְקַלְקֵל גִיוֶועזֶען:

עֶס אִיז אֵיינֶע מִצְוָה פוּן דִיא (תרי״ג מִצְוֹת) זִיךְ אוֹיף צוּא שְׁטֶעלֶען פַאר אַיין אַלְטֶען מַאן, אוֹיךְ אִיז דִיא מִצְוָה זִיךְ אוֹיף צוּ שְׁטֶעלֶען פַאר אַיין תַּלְמִיד

חכם

חכם, אפילו דאס ער נאך יונג איז, פון כבוד התורה וועגען, מען דארף אן דעם זעהר געוואהרענט צו זיין, אז מען האט אין הויז איין זקן, אדער אזקנה, דאס זייא זאלען נישט אויף איהם לעסטיג זיין, נאר פון זייא צו ליידען זייער מינישקייט, מען דארף צו טראכטען, פיליייכט וועל איך אויך צוא דעם קומען, אונ וועל לעסטיג ווערען אויף מיין בני הבית, ווייל דר אייבערשטער ב"ה בעצאהלט (מדה כנגד מדה):

## אות ח חנופה

דיא שלעכטע מדה פון חנופה ווערד גיברענגט אין אלע ספרים, פון איהר שלעכטיגקייט, אונ דאס איז איינס פון דיא זאכען וואס איז גורם דאדורך נישט מקבל צו זיין פני השכינה, ווייל די בעלי חנופה זענען זעהר פארמיאוסט אין גאטס אויגען, עס גיבט צווייערלייא חנופה, דער ערשטער אופן איז, אז מען ווייזט זיין חבר איין שיין אונ אנגענעהם פנים, אונ ער בעווייזט איהם גרויס ליעבשאפט, ער מיינט אבער דאס גאר נישט ערנסט, אין הארץ האט ער איהם גאר נישט ליעב, מאנכעס מאהל טרעפט זיך גאר דאס ער וויל יענעם נאך בעטריגען, נאר ער טוהט איהם מיט פלייס חנפענען, כדי דאס יענער זאל צו איהם האבען דאס צוטרויען, אונ דאדורך וועט ער איהם קענען בעטריגען. דער צווייטער אופן איז, וואס נאך שלעכטער אונ ביטער איז, אז איינער וואס זאגט (לרע טוב אתה) צו דעם רשע, דו ביזט גוט אין רעכט פארטיג, וממילא ווען ער זעהט בייא איהם אפילו דעם גרעסטען פעהלער, טוהט ער איהם נישט מוכיח זיין, עס זענען מעהרערע אורזאכען וואס איז גורם צו דיא שלעכטע מדה פון חנופה, אין מעהרסטען אבער געפינט מען דיא שלעכטע מדה, ביי זאלכע מענשען וואס האבען קיין בטחון אן הקב"ה, נאר אן דיא מענשען וואס גלויבען דאס אין דעם מענשענס מאכט איז איהם צו קענען העלפען, אפילו ווען עס איז נישט דאבייא דער רצון הבורא ב"ה, אויך איז שכיח די מדה רעה פון חנופה, ביי זאלכע מענשען וואס זענען (רודפים אחר הכבוד) וואס זייער באגעהר איז כבוד צו ערלאנגען, דאס איז גורם צו ברענגען יענעם צו חנפענען, צו איהם צו רעדען מיט פאלשע לעפצען, נישט מיט דעם גאנצען הארץ, כדי מענשען זאלען איהם האלטען פאר דעם (איש טוב) פיינעם מענש, דער מענש אבער וואס וויל ניצול ווערען פון דיא שלעכטע מדה, דער דארף זיך זיין הארץ צו רייניגען, זיך איין צו ווארצלען אין הארץ דיא אמתדיגע אמונה אן הקב"ה, אונ צו האבען דעם אמתדיגען בטחון אן הקב"ה, דאס אמענש קאן דעם אנדערען גאר נישט גוטס, אדער שלעכץ טוהן, אן דעם רצון פון דעם אלמעכטיגען גאט ב"ה, וממילא ווירד דאס איהם שוין ברענגען גאר נישט חס צו האבען אויף זיין כבוד. ווען עס קאן דאדורך ארויס קומען אזו אזאך וואס איז ווידער דעם רצון הבורא, אויך ווערד די אמתדיגע אמונה אין בטחון איהם ברענגען יעדען מענש מוכיח צו זיין, ווען ער ווערד בייא איהם זעהן איין פעהלער אונ ער ווערד גאר נישט

אַכְטֶען אויף דֶעם, וָואס מֶען וֶוערְד אִיהם פִילַייכְט נָאךְ זֶעהר בֶּעלֵיידִיגֶען אִין לֶעסְטֶערְעֶן, אויךְ וֶוערְד עֶר פַאר גֶעווִיס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ חַנְפֶנֶן פִיר גֶעלְד וָועגֶען, וָוען עֶר גְלַייבְּט בֶּאֱמוּנָה דָאס קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ קָאן אִיהם עֶפֶּעס גוּטְס טוּהן, וָוען עֶס אִיז נִישְׁט דַאבַּיי דֶער רָצוֹן הַבּוֹרֵא: עֶס גִיבְּט מֶענְשֶׁען וָואס לֶעֶר זֶעגֶען פוּן פֶערְשְׁטַאנְד, וָואס זָאגֶען, דֶר וָואס אִיז מְכַבֵּד דִי עֲשִׁירִים אוּנ טוּט זַיי כָּבוֹד צוּ טְהַיילֶען, דַאס, דָאס הַייסְט חֲנוּפָה, אוּנ ווִידֶער דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז מְבַזֶה דִי עֲשִׁירִים אוּנ אִיז נָאר נִישְׁט חַס אוֹיף זַייעֶר כָּבוֹד, דֶר אִיז אַיין (אִישׁ אֱמֶת) מֵחֲמַת עֶר טוּהט זַיי נִיט חַנְפֶנֶן, דָאס אִיז אָבֶּער נִיט דֶער וַואהרֶער אֱמֶת, נָאר זַיי זֶענֶען זִיךְ אִין גַאנְצֶן טוֹעֶה, מֶען אִיז מְחוּיָב דִי עֲשִׁירִים יוֹא מְכַבֵּד צוּ זַיין, אַזוֹ וִויא מִיר גֶעפִינֶען בַּיי (רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אוּנ ר׳ עֲקִיבָא) הָאבֶּען אוֹיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי עֲשִׁירִים, וָוען עֶר וֶוערֶע נִיט רָאוּי צוּ כָּבוֹד, הֶעט אִיהם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֵיין עֲשִׁירוּת גֶעגֶעבֶּען, וֶועגֶען שָׁלוֹם בַּיִת וֶועגֶען מֶעג מֶען חַנְפֶנֶען זַיין וַוייבּ, אוֹיךְ אִיז מוּתָּר צוּ חַנְפֶנֶן זַיין רֶבִּין, כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיהם תּוֹרָה לֶערְנֶען, אוֹיךְ אִיז מוּתָּר צוּ חַנְפֶנֶען זַיין בַּעַל חוֹב, וָואס עֶר קָאן אִים נִיט אַצוּנְד בֶּעצָאהלֶען, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהם נִיט אוּנְטֶערְדְרִיקֶען, אוֹיךְ אִיז אַיין מִצְוָה צוּ חַנְפֶנֶן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּנ זַיינֶע חֲבֵרִים, כְּדֵי זַיי זָאלֶען פוּן אִיהם אָן נֶעהמֶען מוּסָר וְתוֹכָחָה:

## חמדה

דיא מִדָה פוּן (חֶמְדָה) צוּ גְלִיסְטֶען וָואס מֶען זֶעהט בַּייא אַיין אַנְדֶערֶען אִיז זֶעהר אַיין מִדָה רָעָה, אוּנ דָאס אִיז דִיא צֶעהנְטֶע גֶעבָּאט פוּן דִיא (עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת) דִיא מִדָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, וַוייל דוּרְךְ דִיא מִדָה רָעָה קוּמְט מֶען עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה. אוֹיף דֶעם לָאו פוּן לֹא תַחְמוֹד, אִיז מֶען עֶרְשְׁט עוֹבֵר אַז מֶען הָאט גֶעגְלִיסְט צוּ יֶענֶעמְ׳ס זַאךְ, עֶס זַיי בְּחִנָם אָדֶער אֲפִילוּ פַאר גֶעלְד, אוּנ הָאט דַאצוּ מִיהֶע אַנְגֶעוֶוענְדֶעט, בִּיז עֶר הָאט דִיא זַאךְ בֶּעקוּמֶען, דַאמַאלְס אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף (לֹא תַחְמוֹד). אוּנ אוֹיף דֶעם לָאו פוּן (לֹא תִתְאַוֶה וכו׳) אִיז מֶען עוֹבֵר תֵּיכֶף וִויא מֶען גְלִיסְט נָאר צוּ יֶענֶעמְס זַאכֶע, הָאמְשֶׁע דָאס עֶר הָאט דִיא זַאךְ נָאר נִישְׁט בֶּעקוּמֶען, וְלָכֵן דַארְף מֶען אַן דֶעם זֶעהר גֶעוָוארֶענְט צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ גְלִיסְטֶען צוּ קֵיין שׁוּם זַאךְ, וָואס מֶען זֶעהט בַּיי זַיין חָבֵר, אֲפִילוּ דָאס דֶער יֵצֶר בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְשׁ יוֹא צוּ גְלִיסְטֶען, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְאַמֵץ צוּ זַיין אָנְצוּשְׁרַייעֶן אַן דֶעם נַארִישֶׁען יֵצֶר הָרָע, וַוייל אַלֶע זַאכֶען פוּן דֶעם עוה״ז אִיז נָאר הֶבֶל, וָואס הָאבֶּען נִישְׁט דֶעם וֶוערְט, דַאצוּ צוּ גְלִיסְטֶען, וַוייל קֵיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ הָאט אַקִיוּם אוֹיף אֵייבִּיג, נָאר וָואס דֶען אִיז בֶּאֱמֶת חָשׁוּב, אִין הָאט אִים וֶוערְט דַאצוּ צוּ גְלִיסְטֶען, אוּנ צוּ דֶעם צוּ עֶרְרַייכֶען דָאס אִיז חָכְמָה, אִין מִדוֹת טוֹבוֹת, בַּיי דֶעם אִיז מוּתָּר יֶענֶעם מְקַנֵא צוּ זַיין, מֵחֲמַת וָואס עֶר קָאן בֶּעסֶער לֶערְנֶען פוּן אִיהם, אָדֶער מֵחֲמַת וָואס יֶענֶער בֶּעזִיצְט מֶעהר מִדוֹת טוֹבוֹת פוּן אִים, אוֹיךְ דַארְף מֶען צוּ גְלִיסְטֶען זִיךְ צוּ פַארְגְלַייכֶען צוּ דִיא קְדוֹשִׁים וְיִרְאֵי שָׁמַיִם, אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס אַיינֶע עֵצָה טוֹבָה, וָוען דֶער יֵצֶר טוּהט דֶעם מֶענְשׁ אָן רֶעדֶען עוֹבֵר צוּ זַיין

אויף

אויף (לא תחמוד) זאל מען זעהן תיכף צו פארוועקסלען דיא (חמדה) צו גליסטען צו מצוה זאכען, וואס מען איז נאך מקבל שכר פאר דעם (ואז תבוא עליו ברכת טוב):

## חיזוק

מחזיק צו זיין דיא לומדי תורה, איז איין טהייערע עדעלשטיין וואס טהוט דעם מענש מחיה זיין (בעוה״ז ובעוה״ב), אזו וויא עס שטייט געשריבען, (עץ חיים הוא למחזיקים בה), עס שטייט געשריבען, דאס הקב״ה איז אנגעברייט צו מאכען איינע חופה צו דיא (בעלי המצות), וואס האבען מחזיק געוועזען אן דיא לומדי תורה, געבען דיא לומדי תורה. נאך מעהר געפינען מיר דאס (שבט זבולן) האט מען איבער דעם אלע מאל מקדים געוועזען פאר (שבט יששכר), ווייל שבט זבולן האבען עוסק געוועזען במו״מ, אונ האבען מחזיק געוועזען שבט יששכר, כדי זייא זאלען קענען בעשטענדיג תורה לערנען, איבער דעם האט מען נאך מעהר מכבד געוועזען שבט זבולן פון שבט יששכר, (כי גדול המעשה יותר מן העושה), ווייל דער וואס איז דער גורם יענעם צו ברענגען צו איינע מצוה, איז זיין שכר נאך גרעסער פון דעם וואס טהוט אליין דיא מצוה, אויך טהוט ער זיך מיט איהם פערטהיילען מיט דעם שכר בעוה״ב (שוה בשוה). היינט איז דען פערהאנדען נאך אזו איין משא ומתן וויא דאס איז, פאר דעם געלד וואס מען לאזט זיך קאסטען מחזיק צו זיין דיא לומדי תורה, זיך פערשאפען (מעדנים לנפשו), גוטע שפייזען צו זיין נשמה, אין חלק לעוה״ב, פונקט אזו וויא דער ת״ח אליין, וואס דער ת״ח האט קיין מנוחה בעוה״ז, אונ מוז לעבען בחיי צער כדי צו קענען בעשטענדיג תורה לערנען. דער מענש אבער וואס איז מפזר זיין געלד פיר דיא לומדי תורה, קאן זיין (טוב לב משתה תמיד). אויך אויף דיא וועלט ברויך ער זיך נישט אזו שטארק צו פלאגען, נור בלוים בשכר זה וואס ער איז מחזיק אן דיא לומדי תורה דאס זייא זאלען קענען אנגעשטערט תורה לערנען, ווירד ער האבען דעם זעלבען שכר וויא דער ת״ח אליין. היינט אזו אמענש וואס דער אייבערשטער האט איהם מזכה געוועזען מיט עשירות, אונ זעהט נישט פאר דעם געלד זיך דעם גרויסען שכר צו פערשאפען בעוה״ב, וואס וויל נישט מחזיק זיין אן דיא לומדי תורה, (פתי וסכל יקרא), דעם קאן מען רופען מיט דעם נאמען, נער ופתי, ווייל דאס איז גלייך צו אזו איינעם וואס עס טרעפט זיך איהם צו קויפען אטהייערען דימאנט פאר איין קרייצער, אונ ער וויל נישט דעם קרייצער אוועקגעבען כדי צו בעקומען דעם קאסטבארען דימאנט. אונ ווידער וואס וועלין קענען ענפערען זאלכע עשירים ביי דעם יום הדין הגדול, וואס בייא זייער לעבען האבען זייא קיין צייט געהאבט אפי׳ו איין ספר אנצוקוקען, מחמת דיא פיעל טרדות פון דיא פיעל געשעפטען, אונ הארעג זענען זייא אויך נישט געוועזען אויסצוגעבען פיעל געלד (שלא לצורך), אונ האבען געלאזט דיא לומדי תורה פערהונגערען, אונ צו לעבען בחיי צער, וואס דאס איז דער גורם געוועזען זייא מבטל צו זיין פון תורה לערנען, אונ

דיא עשירים העטען געקענט זייא אונטערשטיצען, אונ האבען עס גישט געוואלט טוהן, אן אצווייפעל, דאס עס ווערד זייא פערדעקען (בושה וכלימה) שאנד אונ שפאט ביי דעם (הדין הגדול. וזאת צריך לדעת) דאס עס איז אין אמשפחה, אדער צווישען ברידער איינער וואס איז אבן תורה, איז דער חיוב געווארפען אויף דיא גאנצע משפחה, אדער ברידער איהם מפרנס צו זיין בדרך כבוד, אונ איהם צו געבען (כל הצטרכות), דאס ער זאל קענען בעשטענדיג תורה לערנען. וואהל דעם מענש וואס האט שכל וויא זיך צו פיהרען מיט דעם געלד, דער קאן זיך לייכט גליקליך מאכען אויף ביידע וועלטען:

## חינוך

(כתיב, חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנה), אז מען געוויינט דאס קינד אין דיא יוגענד צו געהן בדרכי התורה, ווערד ער זיך אויך אזו פיהרען אין דיא עלטער, ולכן איז דיא מצוה פון (חנוך) געווארפען אויף דיא עלטערען, דיא קינדער צו געוויינען זיך צו פיהרען לויט פארשריפט פון דיא תורה, אויך במדות טובות, דען נור דאס איז דער גאנצער געווין פון דיא עלטערען דיא זכיה צו האבען דיא קינדער מגדל צו זיין (על התורה ועל העבודה). אויך זאל מען דיא קינדער געוויינען (במדות הסתפקות), זיך בעגניגען צו לאזען מיט ווייניג, אויך נישט מיט גוטע מאכלים, אונ טהייערע מלבושים, אפילו דאס דיא עלטערען אין שטאנד וועגען זייערע קינדער אלעם גוטס נאך צו געבען, זאל מען פארט זייא געוויינען (במדות הסתפקות), דען ווער ווייס אוב דיא קינדער וועלען אויך אין שטאנד זיין זיך אזו צו פיהרען. וגם דארף מען דיא קינדער נישט צו בעווייזען גראס ליעבשאפט, נור פארקעהרט, זייא אלע מאל מוכיח צו זיין, אמאל מיט שלאגען, אונ אמאל מיט הארטע רייד, אויך מיט גוטע רייד, לויט דעם פערשטאנד פון קינד, אויך לויט דיא יאהרען פון קינד, אויך זייא צו געוויינען נישט צו זיין (עזי פנים וקשי עורף). אויך גראס השגחה צו געבען אויף דיא קינדער, איבער אלעם עסען אונ טרינקען געהעריג ברכה צו מאכען, אונ זייא צו היטען פון שלעכטע חברים. דער רמב"ם שרייבט, דאס צווישען דיא מענשען וואס האבען קיין חלק לעוה"ב, נור זייא ווערען געשטראפט (בשאול תחתית לעולמי עד), וועגען אויך צווישען זייא גערעכענט דיא מענשען וואס טוהען דיא קינדער אוועק נעמען פון לערנען, אונ לאזען זייא לערנען (חכמות חצוניות), היינט קען מען זעהן וויא פארנארט דיא עלטערען וועגען וואס זייא מיינען דיא קינדער גליקליך צו מאכען, אונ דאס איז גראד להפוך, נור זייא טוהען דיא קינדער וויא אויך זיך זעלבסט פאראומגליקען (עד עולמי עד. וגם על הבנות), אויך איז דער חיוב געווארפען אויף דיא עלטערען דיא טעכטער צו ערציהען (בדרכי היהדות) ובצניעות, מען דארף צו דעם פיעל מיהע אנצווענדען כדי זייא נישט צו לאזען געהן (בדרכי לבם), אין גליסטענג פון זייער הערץ, דאס ערשטע איז זייא אפצוגעוויינען פון עצלות, אונ פון פיעל

שלאפען, אויך זייא צו געוויינען אין דיא אלע מלאכות. וואס געהערט צו דיא אשה, פיר דעם הויז ווירטשאפט. אונ זייא אבצוגעוויינען פון פיעל רעדען, ובפרט פון (שחוק) לאכען, ובפרט וויא ווייט נור מעגליך איז זייא צו פערמיידען פון צו רעדען מיט פרעמדע מענער, דען דאס טהוט דאס קינד געוויינען (בדרכי הפריצות). דאס אלעם איז אבער גוט אין דיא יוגענד צו געוויינען, אזו לאנג וואס דאס קינד האט נאך אויף זיך דיא מורא פאר איהרע עלטערען, דאמאלס איז דיא רעכטע צייט דאס קינד צו ציכטיגען, אונ צו פיהרען בדרכי הצניעות, דען אז מען ווארט ביז דיא טאכטער שאן ערוואקסען איז, דאמאלס איז זעהר שווער זיא אפצוגעוויינען פון איהרע זיטען וואס זיא האט זיך געוויינט פון דיא יוגענד אן, וויא שטארק דארפען דיא עלטערען צו היטען דיא טאכטער פון צו לעזען אין זאלכע ביכער וואס שמוסט פון הולטייעשע זאכען, פון ראמאנען אונ ליעבעס, וואס דאס טהוט פעראורזאכען אין דעם קינד איינצוווארצלען שטאטס צניעות, עזות אונ פארשייטיקאט, ומילא איז דאס דער גורם אויך צו שפעטען אוים אלעם יודישקייט, אונ פרומעקייט, אונ נישט צו אכטען שבת צו האלטען, דעם קאפף צו צוואגען, אונ האר פלעכטען, אונ דעם שירעם צו טראגען, אונ ווער איז אין שטאנד דאמאלס זייא צו ווערען, דען זייא רעדען זיך איין דער וואס טהוט דאס נישט, דער איז אונגעבילדעט, אונ פערדומט. אונ ווידער ווען זיא טהוט חתונה האבען, וויא זעהט ביי איהר אוים דאס התנהגות פון צו האלטען (הלכות נדה, והפסק טהרה) אין דיא (שבעה נקיים). אזו איינע אשה וואס בעזיצט גאר קיין יראת שמים דיא ווערד בוודאי נישט טוהן אלעם וויא עם געהער צו זיין, כדי חלילה וחס נישט עובר צו זיין אויף דעם הארבען איסור פון נדה וואס דער עונש דארויף איז (כרת) דאן קאן מען פארשטיין וויא דיא קינדער וואס פון איהר געבורען ווערען אויסזעהן, וואס דאס איז באלד פון דער התחלה געבויעט געווארען (שלא בטהרה) ובמחשבות פסולות. אז מען העט אבער דאס קינד באלד פון דיא התחלה ערצויגען מיט צניעות, אין שטאטס דיא ראמאנען ביכער לעזען, מיט איהר ליבער צו לערנען ספרי מוסר וואס שמיסט פון דעם גרויסען אונ פארכטבארען עונש, איבער דעם איסור נדה, אויך מיט איהר צו לערנען דינים פון שבת, אין ליכט צינדען, אונ פון פלייש כשר מאכען, כדת וכדין, וכדומה, דאס ווערד ממילא אין דעם קינד איין געווארצעלט דיא אמונה אן דיא היילינע תורה, אין אזו העט זיא זיך שוין געפיהרט אלע איהרע טעג, היינט מיין פריינד זאג אויך מיר ווער האט מעהר שולד דאבייא וואס דיא קינדער ווערען ערצויגען אן יראת שמים, ווער מעהר וויא דיא עלטערען אליין (ועתידים ליתן את הדין) עס ווער ראוי פון דעם ענין פיעל צו שרייבען, אבער (עת להאריך ועת לקצר ודי"ל):

## חיים

דיא חכמים האבען געשריבען (הרוצה לחיות, ימית את עצמו) איזט אויף דעם צווייא פרושים. (א) דער מענש וואס וויל האבען איין רוהיגעם לעבען

אויף דיא וועלט. דער זאָל זיך נישט געוויינען מיט תענוגים פון גוט עסען אונ טהייערע מלבושים. ווייל נישט אלע מאהל איז דאס געלעגענהייט דאצו אזו פיינקטליך צו לעבין. אויך ווייס מען נישט אויב מען וויורד אללע מאהל איין שטאנד זיין אזו גוט צו לעבען. אונ ווען ער מוז איין מאהל לעבען אויף בלויס ברויד אזו הייסט זיין לעבען ביי איהם גאר נישט געלעבט. מחמת זיין געוואוינהייט, וממילא ברענגט איהם דאס אָרימקייט עובר צו זיין אויף כמה עבירות. צו גנבנן אונ גזלנן אונ נישט צו האנדלען באמונה. אויך עובר צו זיין אויף (לא תעשוק) אונ צו פאלשע שבועות. צו דעם אללען ברענגט איהם דער הרגל וואס ער האט זיך אזו איינגעוויינט פון דיא יוגענד. אזו וויא איין אנדערער קען נישט לעבען אָן ברויד אזו קען ער נישט לעבען אָן דיא אללע תענוגים וואס ער האט זיך מיט זייא איינגעוויינט. דער מענש אבער וואס געוויינט זיך נישט מקפיד צו זיין אויף גוט עסען, נאר ער לאזט זיך צו פרידן מיט אלעם. דער קען אללע מאהל צו פרידען לעבען אָן צער. אונ ברויך אויך קיין פסלנות צו טוהן: (ב) דער צווייטער פירוש איז דער וואס וויל זוכה זיין צו דעם (חיי הנצחיות לעוה"ב) דער זאל זיך ממית זיין בעוה"ז וועגען תורה לערנען. אזו וויא עס שטייט. (כי עליך הורגנו כל היום) איבער דעם מיין פריינד ווען מיר קענען נישט מקיים זיין דעם פסוק (כי עליך הורגנו כל היום) אזו אין ווענינגסטענס דארפען מיר אונז מתאמץ צו זיין בכל כחינו נישט איין טאג פאראיבער צו לאזען אָן תורה. נאר וויא ווייט מעגליך יעדן טאג תורה צו לערנען. ווייל נאר דאס איז דאס רעכטע לעבען פיר דעם איש ישראלי. אזו וויא דער פסוק זאגט (כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה):

## חילול ד׳

ידוע דאס איז וואהל בעקאנט דאס דער עונש פון חילול ד׳ איז הארבער פון אללע עבירות. אזו ווייט דאס מען קען נישט פריער איין כפרה האבען איבער דעם חטא. נאר מען מוז ראבט תשובה טוהן. אונ דאצו מוז מען ערשט ליידען יסורים אונ אויך יום כפור. אונד דער צער מיתה דאמאהל ווערד מען פריי פון דעם עונש פון חילול השם. חילול ד׳ הייסט אז מען איז גורם דאס מענשען זאלען אויף איהם שלעכטס רעדען מחמת זייגע פארדארבענע מעשים אונ וואס גרעסער דער מענש איז אין לערנען וואס מעהר מוז ער זיך היטען דאס מען זאל נישט האבען אויף איהם ביין צו זיין אונ אויף איהם שלעכטס צו רעדען. ווייל דאס איז אחילול השם אז מענשען זאגען זעהט נאר אָן דעם בן תורה. וואס פארדארבענע מעשים ער בעווייזט אונ וויא ער האנדעלט נישט ביושר קענן דיא מענשען. איבער דעם וויא עס קען גורם זיין איין חילול השם חלילה דארף זיך דער מענש זעהר צו היטען. איבערהויפט ביי געלד זאכען דארף מען זיך זעהר צו שטארקען דאס עס זאל קיין חילול ד׳ ארויסקומען ווייל עס איז בעסער אפילו חלילה צו פארהינגערן. איי צו זיין איין רשע פאר הקב"ה. נאך איז פארהאנדען איין ארט חילול ד׳, וואס דאס נאך הארבער איז אז מען טוט דיא גוים אויסאיבען אונ בעטריגען. אזו איז דאס גורם וואס דיא

גוֹיִם טוּהְן שְׁלֶעכְטְס רֶעדְן אוֹיף קְלָלוֹת יִשְׂרָאֵל, וָואס זָאגְן אוֹיף אוּנְז יוּדְן זְעהְט נָאר דִיא הֵיילִיגֶע יִשְׂרָאֵל דָאס פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָן זִייא אוֹיסֶערְוֶועהְלְט פַאר זַיין פָאלְק, דָאס דִיא גְרֶעסְטֶע בֶּעטְרִינֶערְס גֶעפִינְד מֶען נָאר בֵּייא יוּדְן, עֶס אִיז שַׁיין נִישְׁט פַארְהַאנֶדְן קֵיין גְרֶעסֶערֶר חִילוּל ד׳ וִויא דָאס אִיז אוּנ עֶס אִיז אוֹיךְ גָאר קֵיין שִׁיעוּר צוּ דֶעם עוֹנֶשׁ אִיבֶּער דִיא עֲבֵירָה, וַוייל חִילוּל הַשֵּׁם קֶענֶען דִיא גוֹיִם אִיז נָאךְ גְרֶעסֶער וִויא קֶענֶען אֵיין יוּד וַוייל אֵיין יוּד טוּט נָאר אוֹיף אִיהְם אַלֵיין שְׁלֶעכְטְס רֶעדְן, דִיא גוֹיִם אָבֶּער טוּהְן תֵּיכֶף שְׁלֶעכְטְס רֶעדְן אוֹיף כְּלָלוֹת יִשְׂרָאֵל, אוֹיךְ זָאלְכֶע פּוֹשְׁעִים וָואס טוּהְן עוֹבֵר זַיין אוֹיף הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פַאר דִיא גוֹיִם, אַזוֹ זָאגְן זֵייא אוֹיף דִיא יוּדְן, קוּקְט נָאר אֵייךְ אָן וִויא אִיהְר אוֹיסְזֶעהְט מִיט אֵייעֶר דַת אוּנ אֱמוּנָה, אִיהְר זַייט פִיעל עֶרְגֶער פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, שְׁטֶעל נָאר דִיר פָאר וָואס פַאר אֵיין חִילוּל ד׳ דָאס אִיז, וְלָכֵן (מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים) זָאל זִיךְ הִיטֶען פוּן דֶעם פַארְכְטְבַּארֶען חֵטְא אַזוֹ וִויא מֶען הִיעט זִיךְ פוּן עֲבוֹדָה זָרָה דִינֶען, אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ גֶעוֵוינֶען אוֹיף קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ עֶפֶּעס בֵּייז צוּ רֶעדְן, נָאר יֶעדְן מֶענְשׁ דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, אַזוֹ וֶועט מֶען אִיהְם אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת אִין הִימֶעל (וְתַקָּנָה שָׁמַעְנוּ), עֶס אִיז פַארְהַאנֶדְן אֵיין תִּיקוּן אַז מֶען אִיז חַיָּיב מִיתָה לַשָּׁמַיִם וֶועגְן דֶעם עָוֹן פוּן חִילוּל ד׳ וּכְדוֹמֶה אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל צוּ זַיין (מְסִירַת הַנֶּפֶשׁ בְּלֵב שָׁלֵם) זִיךְ צוּ לָאזְן הַרְגֶנֶן פוּן כְּבוֹד הַשְּׁכִינָה וֶועגְן בְּשַׁעַת מֶען זָאגְט (שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אִין ק״ש) אוֹיךְ בְּשַׁעַת (נְפִילַת אַפַּיִם) וֶוען מֶען פַאלְט תַּחֲנוּן אוּנ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ב״ה אִיז מְצָרֵף (מַחֲשָׁבָה טוֹבָה כְּמַעֲשֶׂה):

## חסד

דִיא מִצְוָה פוּן גוֹמֵל חֶסֶד צוּ זַיין מִיט מֶענְשֶׁען, אִיזְט אֵיין (עַמּוּד הָעוֹלָם) פוּנְדֶעמֶענְט פוּן דִיא וֶועלְט, וָואס אִין דֶעם זְכוּת שְׁטֵייט דִיא וֶועלְט אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה), אוּנ דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִיא זַאכֶען (מַה שֶּׁאָדָם אוֹכֵל מִפֵּירוֹתֵיהֶם בְּעוה״ז וכו׳) וָואס דֶער מֶענְשׁ טוּט גֶענִיסֶען דִיא פֵּירוֹת פוּן דֶעם שָׂכָר אוֹיף דִיא וֶועלְט, אוּנ דֶער עִיקָר שָׂכָר בְּלֵייבְּט אִיהְם לְעוה״ב דִיא מִצְוָה פוּן גְמִילוּת חֶסֶד דַארְף מֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין (בְּגוּפוֹ, וּבְמָמוֹנוֹ וּבְדִבּוּרוֹ) (בְּגוּפוֹ) הֵייסְט, זִיךְ צוּ בֶּעמִיהֶען פִיר זַיין חֲבֵרְס וֶועגֶען, כְּדֵי אִיהְם אֵיינֶע טוֹבָה צוּ טוּהְן (וּבְמָמוֹנוֹ) אִיזְט, זַיין חַבֵר גֶעלְד צוּ בָּארְגֶען אָהְנֶע פְּרָאצֶענְט, (וּבְדִבּוּרוֹ) אִיזְט ווִידֶער פִיר זַיין חַבֵרְס וֶועגְן גוּטְס צוּ רֶעדְן, כְּדֵי עֶס זָאל אִיהְם אֵיינֶע טוֹבָה אַרוֹיסְקוּמֶען אוֹיךְ אִיז אִין דֶעם כְּלַל צוּ טְרֵייסְטֶען מִיט גוּטֶע רֵייד דִיא בֶּעטְרִיבְּטֶע הֶערְצֶער, וּכְדוֹמֶה אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער עָנִי קֶען אוֹיךְ דִיא מִצְוָה מְקַיֵּים זַיין אֲפִילוּ מִיט דֶעם קֶענְסְטֶען גְמִילוּת חֶסֶד וָואס מֶען טוּט זַיין חַבֵר אִיז מֶען מְקַיֵּים אֵיינֶע מִצְוָה מְדְאוֹרַייתָא), לְמָשָׁל, יֶענֶעם דִיא טִיהְר אוֹיף צוּ מַאכֶען, אוּנ אָפְּצוּוֶועכְסְלֶען גְרוֹיס גֶעלְד אוֹיף קְלֵיין גֶעלְד, אוּנ צוּ בָּארְגֶען כֵּלִים פוּן הוֹיזְווִירְטְשַׁאפְט וּכְדוֹמֶה:

דִיא תּוֹרָה הָאט גֶעבָּאטֶען (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פָאר צוּ שְׁטֶעלֶען אַזוֹ וֶוען אִיךְ הֶעט מִיר גֶעדַארְפְט דִיא זַאךְ צוּ בָּארְגֶען

פון איינעם אנדערן, ווער איך צו פרידען ווען מען העט עם מיר געבארגט. אזוי אויך דארף מען ווידער יענעם אויך דיא טובה צו טוהן, איהם דיא זאך צו בארגען (והאיש) אונ דער מענש וואס גאט ב"ה האט איהם מזכה געוועזען מיט עשירות (בזה יתפאר בעושרו) ווען ער וויל האבין דאס ער זאל זיך קענען ריהמען מיט זיין עשירות זאל ער זעהן מיט זיין געלד גומל חסד צו זיין צו בארגען געלד אהנע פראצענט אויך צו קויפען זאלכע כלים פון הויזווירטשאפט וואס דער סדר איז וואס שכנים בארגען עם זיך איינער פון אנדערן, כדי צו קענען אלע מאהל גומל חסד זיין צו יעדער צייט ווען מען ווערד פון איהם פארלאנגען אויף אזוי א מענש זאגט דער פסוק (הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד) עם טרעפט זיך אבער זאלכע נשים וואס ווילען קיין שום זאך פון הויז אוועק בארגען (אבל לא זו הוא הדרך) אבער גישט אזוי דארפען מיר יודען זיך צו פיהרען אונ דאס איז איינס פון דיא סמנים פון אונז יודען צו זיין (ביישנים, רחמנים, גומלי חסדים):

דאס איז אויך נייטיג מזהיר צו זיין, דער דאזיגער וואס האט זיך עפעס געבארגט זאל זעהן דיא געבארגטע זאך תיכף אפצוגעבען, אויך אכט צו געבען עם אפצוגעבען אין דיא גרעסטע ארדנונג, ריין אונ שיין כדי נישט צו בעצאהלען שלעכטם פיר גוטם וויא אויך נישט יענעם צו פיעל צו בעלעסטיגען אונ דאס יענער זאל נישט מוזען אליין קומען דיא געבארגטע זאך צוריק צו געהמען פארשמוצטערהייט, זאלכע מענשען זענען גורם אנדערע מענשען צו מאכען זינדיגען, אונ זייא צו פערמיידען פון דיא מצוה של גמילת חסד (ולכן צריכין ליזהר בזה):

דער עיקר גמילות חסד איז, זיין חבר צו ברענגען לידי מצוה אונ איהם צו פארמיידען פון צו זינדיגען, ווייל מיט דעם איז מען גומל חסד מיט זיין נשמה, איבערדעם איז מען מחויב אללע מאהל מוכיח צו זיין כדי דיא מענשען צו פארמיידען פון עבירות, דאס דאזיגע מוז אבער געשעהן מיט איין פריינדליך פנים וד"ל:

## חולה

ביא דעם חולה זענען (שני אזהרות) צוויא וואהרונגען, איינם וואס דער חולה אליין דארף געוואהרנט צו זיין, אונ איינם וואס אנדערע מענשען דארפען געווארענט צו זיין פיר דעם חולה צו בעווארגען, (אזהרות החולה ע"ש) דער חולה דארף זיך צו איבערדענקען, דאס יעדער מענש איז אלע צייט מוכן ומזומן צום טויט, איבערדעם האבען דיא חכמים הקדושים מזהיר געוועזען (שוב יום א' לפני מיתתך), דאס הייסט יעדער מענש אפילו ווען ער נאך געזונד איז, זאל יעדען טאג תשובה טוהן, פיליייכט שטארבט ער מארגען, הייגט איז דאך דאס איין כש"ש ביא אזוי א מענש וואס איז שוין אין בעט אריין געקומען, דאס ער איז מחויב זיך משים ללב צו זיין יעדען טאג תשובה צו טוהן גרוים חרטה צו האבען איבער זיינע שלעכטע מעשים, אונ צו בעטין וועגען איינע כפרה פון דען בעל הרחמים, ווייל דאס איז פונקט אזוי וויא מען

הֶעט אִיהְם פַאר דֶעם שְׁלוּסְפֶּערְהַאנְדלוּנְג גֶעשְׁטֶעלְט דַן צוּ זַיין הֵן לְחַיִים אוֹ ח״ו לַמָּוֶת, (וְלָכֵן חֲרָדָה יִלְבַּשׁ) אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דֶער בַּעַל שֵׂכֶל אִין אַזוֹ אַצַייט זִיךְ אָנְצוּגָארְטְען מִיט צִיטֶערְנִישׁ, אוּנ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין פוּן דֶעם יוֹם הַמָּוֶת, אוּנ פוּן דִיא יִסוּרִים וָואס אַלֶעם אוֹיף אִיהְם קוּמֶען קֶען אוּנ זָאל נִישְׁט וַוארְטְען אַזוֹ לַאנְג בִּיז דִיא קְרַאנְקְהֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְען ווירְד, ווייל וֶוער ווייס אוֹיבּ עֶר ווירְד שׁוֹין דַאמָאהְלְס בֵּייא דֶעם פַארְשְׁטַאנְד זַיין, אוּנ ווירְד שׁוֹין נִישְׁט מֶעהְר קֶענֶען מִתְוַדֶה זַיין, אוּנ תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּנ אוֹיךְ צוּ קֶענֶען מְתַקֵן זַיין וָואס וֶועהְר גֵייטִיג אִיז קוֹדֶם מוֹתוֹ מְתַקֵן צוּ זַיין, אַזוֹ פִיהְרֶען זִיךְ דִיא אוּנְוִויסֶענְדֶע מֶענְשֶׁען וָואס לֶעהְר זֶענֶען פוּן פַארְשְׁטַאנְד, דֶער (אִישׁ נָבוֹן) פַארְשְׁטֶענְדִיגֶער מֶענְשׁ אָבֶּער תֵּיכֶף וִויא עֶר קוּמְט נָאר אִין בֶּעט אַרַיין דַארְף עֶר אַלֶעם גֶעהֶערִיג מְסַדֵר צוּ זַיין וֶועם עֶר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג אִיז אוּנ אוֹיךְ וָואס אַנְדֶערֶע אִיהְם שׁוּלְדִיג זֶענֶען, אוּנ דַארְף זִיךְ אִין אַזוֹ אַצַייט צוּ עֶרְמַאנֶען וֶועמֶען עֶר הָאט עֶפֶּעס אֵיין עַוְלָה גֶעטוּהְן, אִין גֶעלְד זַאכֶען, דָאס תֵּיכֶף מְתַקֵן צוּ זַיין, אוֹיךְ וֶועמֶען עֶר הָאט אֵיינְמָאהְל מְצַעֵר גֶעוֶועזֶען, אִיהְם מְפַיֵים צוּ זַיין, ווידֶער דַארְף יֶעדֶער חוֹלֶה אַזוֹ ווייט וִויא זַיין כֹּחַ נָאר גְרֵייכְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶען וִויא אֵיין לֵייבּ, כְּדֵי מְקַיֵים צוּ זַיין דִיא אַלֶע מִצְוֹת וָואס נָאר עֶר קֶען מְקַיֵים זַיין, דְהַיְינוּ פוּן ק״ש וּתְפִלָה, צִיצִית וִויא אוֹיךְ פִיעל צְדָקָה צוּ פֶערְטֵיילֶען וְגַם לְכָל הַפָּחוֹת נִישְׁט צוּ פַארְפֶעהְלֶען יֶעדֶען טָאג צְווייא מָאהְל ווידוּי צוּ זָאגֶען, מִיט אֵיין לֵב נִשְׁבָּר אוֹיךְ נִישְׁט צוּ פַארְפֶעהְלֶען אַלֶע בְּרָכוֹת הַנֶהֱנִין צוּ זָאגֶען, אוּנ וֶוען עֶר אִין שְׁטַאנְד אִיז זָאל עֶר אוֹיךְ יֶעדֶען טָאג דַאוֶוענֶען, דָאס דַאוֶוענֶען אִין בְּרָכוֹת זָאגֶען מוּז אָבֶּער נָאר גֶעשֶׁעהְן בֵּייא אֵיין מָקוֹם נָקִי, וָואס גַאנְץ רֵיין אִיז פוּן צוֹאָה, אוּנ פוּן נַאכְט גֶעשִׂיהְר, אִיבֶּערְדֶעם פַאר יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר וִויל זָאגֶען, זָאל עֶר פְרִיעֶר אַכְט גֶעבֶּען, אוֹיבּ עֶס אִיז דָארְט גַאנְץ רֵיין, אוֹיךְ דַארְף עֶר פַאר יֶעדֶע בְּרָכָה מַאכֶען זִיךְ דִיא הֶענְד פְרִיעֶר צוּ וַואשֶׁען, אֲפִילוּ דַאס דָאס דָאזִיגֶע קוּמְט אִיהְם זֶעהְר שְׁוֶוער אָן (לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא) דֶער כְּלַל אִיז בֵּייא אֵיין חוֹלֶה, דַאס עֶר דַארְף צוּ זֶעהְן יֶעדֶען טָאג אוּנ יֶעדֶע שָׁעָה וִויא ווייט זַיין כֹּחַ גְרֵייכְט מוֹסִיף צוּ זַיין מִצְוֹת, ווייל פִילֵייכְט ווירְד אִיהְם דִיא מִצְוָה מַצִיל זַיין (מִמָּוֶת לְחַיִים) אַזוֹ וִויא עֶס הָאט זִיךְ אֵיינְמָאהְל גֶעטְרָאפֶען בֵּייא אֵיין גֶעפֶערְלִיכֶען חוֹלֶה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אִין חָלוֹם, וִויא מֶען הָאט אִין הִימֶעל גֶעוָואגֶען זַיינֶע אַלֶעמִצְוֹת אוּנ עֲבֵירוֹת הָאט עֶר גֶעזֶעהְן דִיא וָואגְשָׁאהְל אִיז גֶעוֶועזֶען אִין מִיטֶעלְפוּנְקְט, וִויא עֶר עֶרְוַואכְט הָאט פוּן שְׁלָאף, הָאט עֶר זִיךְ מִתְאַמֵץ גֶעוֶועזֶען בְּכָל כֹּחוֹ אוּנ הָאט דִיא תְּפִילִין גֶעלֵיינְט, אַזוֹ תֵּיכֶף פוּן דִיא רֶגַע אָן אִיז אִיהְם וָואס אֵיין מָאהְל בֶּעסֶער גֶעוָוארֶען, אוּנ אִיז נִיצוֹל גֶעוָוארֶען (מִמָּוֶת לְחַיִים) אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דֶער חוֹלֶה אִין אַזוֹ אַצַייט גָאר נִישְׁט מֵיקֵל צוּ זַיין אָן דִיא מִצְוֹת, נָאר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶען וִויא ווייט נָאר זַיין כֹּחַ גְרֵייכְט, מְקַיֵים צוּ זַיין מִצְוֹת, אַזוֹ לַאנְג וָואס נָאךְ צַייט אִיז, אוֹיךְ אִיז אֵיין יוֹשֶׁר זַיינֶע קִינְדֶער פִיעל מוּסָר צוּ זָאגֶען דָאס זֵייא זָאלֶען זִיךְ פִיהְרֶען בְּדֶרֶךְ הַיָשָׁר (וּבִזְכוּת זֶה וְשָׁב וְרָפָא לוֹ):

ב) (אַזְהָרוֹת אֲחֵרִים עָלָיו) אַצוּנְד וֶועלֶען מִיר בֶּעצֵייכֶענֶען דִיא אַזְהָרוֹת וָואס אִיז מוּטָל אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען פִיר דֶעם חוֹלֶה צוּ פַארְזָארְגֶען, דִיא

מִצְוָה פוּן (בִּיקּוּר חוֹלִים) אִיז מוּטָל אוֹיף אַיְעדֶען מֶענְשׁ. דֶעם קְרַאנְקֶען צוּ בֶּעזוּכֶען, דִיא מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים אִיז זֶעהְר גְרוֹיס. וָואס מֶען טוּהְט גֶענִיסֶען דֶעם שָׂכָר פוּן דִיא מִצְוָה בעוה"ז, אִין דֶער עִיקָר שָׂכָר בְּלֵייבְּט אִיהְם לעוה"ב. דִיא עִיקָר מִצְוָה פוּן בִּיקּוּר חוֹלִים אִיז, אוֹיף דֶעם חוֹלֶה מְבַקֵּשׁ רַחֲמִים צוּ זַיין עֶס זָאל אִיהְם גֶעשִׁיקְט וֶוערֶען אֵיינֶע רְפוּאָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם (וּלְכָל הַפָּחוֹת) זָאל מֶען גֶעוָואהְרֶענְט זַיין, אֵיידֶער מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן חוֹלֶה, צוּ זָאגֶען דִיא קְלֵיינֶע תְּפִלָּה (הַמָּקוֹם יְרַפְּאָךְ בִּרְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל) אָמֵן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער רוֹפֵא חִנָּם זָאל דִיךְ הֵיילֶען בִּרְפוּאָה שְׁלֵימָה צְווִישֶׁען אַנְדֶערֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אָמֵן, אַז דֶער חוֹלֶה אִיז אֵיין אִישׁ עָנִי, דַארְפֶען דִיא מְבַקְּרִים צוּ זָארְגֶען, אִיהְם צוּ פֶערְשַׁאפֶען (כָּל הַצְטָרְכוּת) וָואס דֶער חוֹלֶה דַארְף, אַזוֹ גוּט פוּן רְפוּאָה זַאכֶען, וִויא אוֹיךְ שְׁאָר הַצְטָרְכוּת (עוֹד מִצְוֹת אֲחֵרִים עָלָיו) אוֹיךְ אִיז מוּטָל אוֹיף דִיא מְבַקְּרִים דֶעם חוֹלֶה צוּ עֶרְמַאנֶען ווִידּוּי צוּ זָאגֶען, אוּנ תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. נָאר אָבֶּער אַז מֶען וִויל דֶעם חוֹלֶה עֶרְמַאנֶען ווִידּוּי צוּ זָאגֶען, דַארְף מֶען דָאס דָאזִיגֶע צוּ טוּהְן מִיט שֵׂכֶל. דָאס דֶער חוֹלֶה זָאל נִישְׁט אָפּ גִישְׁרֶעקְט וֶוערֶען, אִיהְם אוֹיף צוּ קְלֶעהְרֶען דָאס עֶס אִיז אַגְרוֹיסֶער יוֹשֶׁר. אוּנ אוֹיךְ זֶעהְר נֵייטִיג דָאס דֶער חוֹלֶה זָאל פַאר זִיךְ אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין וֶועגֶען אֵיינֶע רְפוּאָה שְׁלֵימָה, ווַייל דִיא תְּפִלָּה פוּן חוֹלֶה אַלֵיין קָאן פִיעל מֶעהְר ווִירְקֶען פוּן דִיא תְּפִלָּה וָואס אַנְדֶערֶע טוּהְן פַאר אִיהְם מִתְפַּלֵּל זַיין, נָאר אָבֶּער פַאר דֶעם בֶּעטִין וֶועגֶען אֵיינֶע רְפוּאָה, אִיזְט זֶעהְר נֵייטִיג פְרִיעֶר ווִידּוּי צוּ זָאגֶען, דֶעם בֶּעשֶׁעפֶער צוּ בֶּעטֶען וֶועגֶען אֵיינֶע כַּפָּרָה אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מִיסְטַייט (כִּי אֵין צַדִּיק בָּאָרֶץ וכו') נָאךְ דֶעם ווִידּוּי זָאגֶען (בְּלֵב נִשְׁבָּר) קָאן דִיא תְּפִלָּה וֶועגֶען אֵיינֶע רְפוּאָה פִיעל וֶוערְקֶען, ווִירְקְלִיךְ גֶעהֵיילְט צוּ וֶוערֶען, מִיט אֵיינֶע רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּנ אַז דֶער חוֹלֶה קָאן נִישְׁט אַלֵיין ווִידּוּי זָאגֶען, דַארְף מֶען מִיט אִיהְם צוּ זָאגֶען וָוארְט בֶּעוָוארְט מִיט אַקּוֹל בֶּכִי, כְּדֵי זַיין הַארְץ צוּ עֶרְוֶועקֶען בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, דָאס דַארְף מֶען צוּ ווִיסֶען, דָאס עֶס אִיז גָאר קֵיין שִׁיעוּר צוּ דֶעם גְרוֹיסֶען שָׂכָר פוּן דֶעם מֶענְשׁ, וָואס אִיז גוֹרֵם צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹלֶה מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, אוּנ תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל, בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ ד'):

אוֹיךְ אִיז נֵייטִיג דֶעם חוֹלֶה צוּ עֶרְמַאנֶען, דָאס עֶר זָאל מְסַדֵּר זַיין אַלֶע זַיינֶע חוֹבוֹת, וָואס עֶר שׁוּלְדִיג אִיז, אוּנ אוֹיךְ וָואס אַנְדֶערֶע אִיהְם שׁוּלְדִיג זֶענֶען, דָאס דָאזִיגֶע אִיז אֵיין גְרוֹיס גְמִילוּת חֶסֶד וָואס מֶען טוּהְט מִיט דֶעם חוֹלֶה, ווַייל דָאס אִיז אֵיינֶע רְפוּאַת הַגּוּף, אוּנ אוֹיךְ אֵיינֶע רְפוּאַת הַנֶּפֶשׁ. אוֹיךְ דַארְפֶען דִיא מְבַקְּרִים אַכְט צוּ גֶעבֶּען, דַאס, דָאס אָרְט ווִיא דֶער חוֹלֶה לִיגְט זָאל רֵיין זַיין פוּן צוֹאָה, אוּנ פוּן נַאכְט כֵּלִים בְּשַׁעַת דֶער חוֹלֶה, אָדֶער דִיא מְבַקְּרִים ווִילֶען עֶפֶּעס זָאגֶען, אֵיין דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין (מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵירָה) (וְיִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסִיף לֶקַח) וְעַל הַכֹּל, דַארְף מֶען צוּ זֶעהְן, דָאס מֶען זָאל נִישְׁט לֶעסְטִיג וֶוערֶען אוֹיף דֶעם חוֹלֶה ור"ל:

וְעַתָּה לִיבֶּע פְרֵיינְד, וָוען אִיהְר טוּהְט שׁוֹין מְקַיֵּים זַיין דִיא חֲשׁוּבָה מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, אַזוֹ זָאלְט אִיהְר אַייךְ נִישְׁט לָאזֶען פַארְפִיהְרֶען פוּן דֶעם יֵצֶר, דִיא טַייעֶרֶע מִצְוָה נִישְׁט צוּ פַארְדַארְבֶּען, אַזוֹ וִויא בֵּייא כַּמָּה וְכַמָּה אֲנָשִׁים אֵיינְגֶעפִיהְרְט אִיז, בַּאלְד וִויא זֵייא קוּמֶען נָאר אַרַיין צוּ דֶעם חוֹלֶה, אַזוֹ פַאנְגֶען זֵייא בַּאלְד צוּ רֶעדֶען דְבָרִים בְּטֵלִים, וָואס נָאר פָאהְר גֵייט אוֹיף דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז מְבַלְבֵּל דֶעם חוֹלֶה פוּן זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּנ מַאכְט אִיהְם פַארְגֶעסֶען וָואס עֶר דַארְף אַלֶעם מְתַקֵּן צוּ זַיין, וּבֶאֱמֶת אִיז דָאס אֵיין גְרוֹיס קַלּוּת רֹאשׁ פַאר דִיא שְׁכִינָה, וָואס רוּהְט צוּ קָאפֶּענְס פוּן דֶעם חוֹלֶה, (הַשֵּׁם הַטּוֹב יְכַפֵּר בַּעֲדָם) וְלָכֵן דַארְף דֶער חוֹלֶה אַלֵיין אַן דֶעם צוּ דֶענְקֶען, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס צוּ אִיהְם קוּמֶען, גָאר קֵיין שׁוּם נַייעֶס צוּ שְׁמוּסֶען, נָאר בֶּעסֶער אִין דִיא צַייט פַאר אִיהְם אֵיינִיגֶע קַאפִּיטֶעל תְּהִלִּים צוּ זָאגֶען:

אֲבָל פַארְוָואהְר אָבֶער, וָואס גְרֶעסֶער דִיא מִצְוָה אִיז, וִויא שְׁטַארְקֶער טוּהְט דֶער יֵצֶר הָרָע אָן רֶעדֶען דִיא מֶענְשֶׁען, אוּנ טוּהְט אוֹיף זֵייא וַוארְפֶען עַצְלוּת, אִין שִׁכְחָה, כְּדֵי פוּן זֵייא צוּ מַאכֶען פַארְלִירֶען דֶעם שְׂכַר פוּן דִיא טַייעֶרֶע מִצְוָה, וַוייל אַן דִיא מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים אִיז נָאךְ בַּאהֶעפְט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם (שֶׁהַחַי יִתֵּן עַל לִבּוֹ) דָאס דֶער מֶענְשׁ זָאל זִיךְ אִיבֶּער דֶענְקֶען וָואס דֶער גַאנְצֶער מֶענְשׁ אִיז, אִין וָואס אַלֶעם אוֹיף אִיהְם קוּמֶען קָאן, פוּן פַארְשִׁידֶענֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען, אוּנ יִסּוּרִים גְדוֹלִים, וָואס דָאס דָאזִיגֶע אִיזְט וֶועהְר אֵיין דָבָר גָדוֹל, דֶעם מֶענְשׁ צוּרִיק צוּ הַאלְטֶען פוּן כַּמָּה עֲבֵירוֹת, וַוייל עֶר בֶּעדֶענְקְט זִיךְ דָאס דֶער מֶענְשׁ לֶעהְבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג, אִין דָאס זֶעלְבֶּע וָואס אוֹיף דֶעם קְרַאנְקֶען אִיז גֶעקוּמֶען, קָאן אוֹיךְ אוֹיף מִיר קוּמֶען, אַזוֹ בְּרֶענְגְט דָאס אִיהְם צוּ הַכְנָעָה, אִין תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן (וְגַם מִצְוָה גוֹרֶרֶת מִצְוָה) אַז דֶער מְבַקֵּר וֶועהְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי אִיז פַארְאָרֶעמְט אַזוֹ טוּהְט אִיהְם דָאס רַחֲמָנוּת אִיבֶּערְנֶעהְמֶען מִיט אִיהְם מִיטְלֵייד צוּ הָאבֶּען, אוּנ אִיהְם צוּ הֶעלְפֶען מִיט גֶעלְד כְּפִי כֹּחוֹ, אַזוֹ בְּרֶענְגְט דָאס אִיהְם אוֹיךְ צוּ צְדָקָה, דֶער מֶענְשׁ אָבֶער וָואס וִויל דִיא טַייעֶרֶע מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין, דֶער הָאט הֶיזֶק דָאס אַלֶעם, אֲפִילוּ דָאס עֶר הֶערְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען עֶרְצֶעהְלֶען, דָאס ווירְקְט בֵּייא אִיהְם גָאר וֶוייניג (כִּי אֵינָהּ דוֹמָה רְאִיָּה לִשְׁמִיעָה וד"ל):

## חשבון הנפש

דֶער חוֹבַת הַלְּבָבוֹת שְׁרַייבְּט (בְּשַׁעַר חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ) דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִיא דַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה אִיזְט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, דֶער מֶענְשׁ זָאל מִיט זִיךְ אֵיין חֶשְׁבּוֹן מַאכֶען, דִיא טוֹבוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַבֵּל פוּן זַיין בֶּעשֶׁעפֶער, אוּנ וָואס עֶר אִיז דַאפִיר שׁוּלְדִיג צוּ פַארְגֶעלְטֶען צוּ זַיין בַּעַל טוֹבָה, אוּנ אוֹיךְ זִיךְ עֶפְּטֶערְס צוּ בַּארֶעכֶענֶען וִויא זַיין עֲבוֹדָה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיס וֶועהְט, אוֹיבּ עֶר אִיז בֶּאֱמֶת יוֹצֵא, אוֹיבּ נִישְׁט, אַזוֹ וֶועלֶען מִיר דָאס עֶנְיָן שְׁרַייבֶּען (בְּדֶרֶךְ שְׁאֵלָה וּתְשׁוּבָה) פְרַאגֶע אוּנ אַנְטְוָוארְט:

דֶער מֶענְשׁ זָאגְט צוּם נֶפֶשׁ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגֶען, אַזוֹ בַּאגֶער אִיךְ פוּן דִיר, מִיךְ צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען בְּעִנְיָן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּנ אוֹיךְ בַּאגֶער אִיךְ פוּן דִיר מִיר צוּ זָאגֶען, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ עֶפֶּעס צוּ רֶעכֶענֶען אוּנ צוּ הָאפֶען אוֹיף שְׂכַר בְּעוֹלָם הַבָּא, אוּנ אוֹיבּ אִיךְ קָאן מִיךְ אוֹיךְ רֶעכֶענֶען צְווִישֶׁען דִיא מֶענְשֶׁען וָואס וֶוערֶען אָן גֶערוּפֶען (עוֹבְדֵי הַשֵּׁם):

תְּשׁוּבָה זָאגְט דָאס נֶפֶשׁ, אִיךְ קָאן דִיךְ נִישְׁט אַנְדֶערְשְׁט אוּנְטֶערְרִיכְטֶען, בִּיז דוּא מוּזְט דִיר פָאהְרְנֶעמֶען דִיא צְווַייא זַאכֶען צוּ טוּהְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז, אַוֶועק צוּ לֵייגֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן גַּאֲוָה, דָאס צְווַייטֶע אִיז זָאלְסְט דִיר פָאהְרְנֶעמֶען אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ וֶועל דִיךְ פְרֶעגֶען צוּ עֶנְפֶערֶען מִיט דֶעם וָואהְרֶען אֱמֶת ווייל שֶׁקֶר הָאבּ אִיךְ זֶעהְר פַיינְט, זָאגְט דֶער מֶענְשׁ צוּם נֶפֶשׁ, אִיךְ נֶעם מִיר פָאהְר דִיךְ צוּ גֶעהָארְכֶען צוּ אַלֶעם וָואס וֶועסְט מִיר גֶעבִּיטֶען:

שְׁאֵלָה פְרֶעגְט דָאס נֶפֶשׁ, זָאג נָאר מִיר אוֹיבּ דוּא ווייסְט וֶוער עֶס הָאט דִיךְ בֶּעשַׁאפֶען:

תְּשׁוּבָה דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים וָואס הָאט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּעשַׁאפֶען דֶער הָאט אוֹיךְ מִיךְ בֶּעשַׁאפֶען:

שְׁאֵלָה ווייסְט דוּא אוֹיךְ וֶוער דִיר גִיגֶעבֶּען הָאט, אוֹיגֶען צוּם זֶעהְן, אוֹירֶען צוּם הֶערֶען, דָאס מוֹיעֶל צוּם רֶעדֶען, פִיס צוּם גֵייןְ, הֶענְד צוּם אַרְבֵּייטֶען, אוּנ פֶערְשְׁטַאנְד, וָואס דוּא מִיט דֶעם אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט בִּיזְט, פוּן אַלֶע בֶּעשֶׁעפְנִישֶׁען פוּן דִיא וֶועלְט:

תְּשׁוּבָה אִיךְ ווייס עֶס זֶעהְר גוּט, דַאס, דָאס אַלֶעם הָאט מִיר נָאר דֶער אֵיינְצִיגֶער בֶּעשֶׁעפֶער גִיגֶעבֶּען, וָואס עֶר אִיז דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים אוֹיף אַלֶע זַיינֶע בְּרוּאִים פוּן דִיא וֶועלְט:

שְׁאֵלָה ווייסְט דוּא אוֹיךְ וֶוער דִיר דַיין גַאנְצֶעס גֶעבְּרוֹיךְ גֶעגֶעבֶּען הָאט, פוּן דַיין בֶּעשַׁאפֶען וֶוערֶען בִּיז אַהֶער, פוּן עֶסֶען, אוּנ קְלֵיידֶען, אוּנ וואהְנוּנְג, אוּנְד גֶעזוּנְד:

תְּשׁוּבָה אִיךְ ווייס עֶס זֶעהְר גוּט, דַאס דָאס אַלֶעם אִיזְט נָאר פוּן אִיהְם אַלֵיין, זָאגְט דָאס נֶפֶשׁ וֶוען דוּא יוֹא מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת בִּיזְט, אַזוֹ וֶועל אִיךְ דִיךְ ווייטֶער פְרֶעגֶען, נָאר זָאלְסְט מִיר ווייטֶער עֶנְפֶערֶען מִיט דֶעם אֱמֶת:

שְׁאֵלָה זָאג אוֹיךְ מִיר אוֹיבּ דוּא הָאסְט שׁוֹין אֵיינְמָאהְל גִיזֶעהְן אַזוֹ אֵיין מֶענְשׁ וָואס אוֹיף דִיא וֶועלְט פַארְאוּמְגְלִיקְט אִיזְט, דָהַיְינוּ זֶעהְר פַאר אָרֶעמְט אִיזְט, וָואס מוּז זַיין (נָע וָנָד) פַארְוָואגֶעלְט אוּם זַיין בְּרוֹיד פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען צוּזַאמֶען בֶּעטְלֶען מוּז, אוּנ מוּז זַיין דִירָה הָאבֶּען אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל:

תְּשׁוּבָה אִיךְ הָאבּ זָאלְכֶע מֶענְשֶׁען שׁוֹין פִיעל גִיזֶעהְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ב״ה זָאל מִיךְ אִין מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דֶעם הִיטֶען:

שְׁאֵלָה הָאסְט דוּא אוֹיךְ אֵיינְמָאהְל גִיזֶעהְן אַזוֹ אַמֶענְשׁ וָואס אִיז אֵיין בַּעַל מוּם ר״ל, בְּלִינְד אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען, אָדֶער לָאם אוֹיף בֵּיידֶע פִיס, אָדֶער הָאסְט שׁוֹין עֶפֶּעס בַּייא גֶעוואהְנְט, אֵיין בַּעַל יְסוּרִים, וָואס לִיגְט אוֹיף דֶעם קְרַאנְקֶען בֶּעט, מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע צָרוֹת אוּנ יְסוּרִים, פוּן חוֹלִי רֹאשׁ, לֵייבּ

שמערצען, אדער געשוואלען אויף דעם גאנצען קערפער, און נאך דערגלייכען וואס אלעם דיא מענשען אויף דיא וועלט בעגעגנען טוהט:

תשובה איך זאל שוין זאלכעס נישט מעהר פאר מיינע אויגען זעהן, עס בעגרייפט מיך אציטערניש אז איך טוה נאר דאפון רעדען:

שאלה אזו פרעגט ווייטער דאס נפש, זאג נאר מיר צום בייאשפיעל, ווען עס העט זיך געטראפען אמענש וואס זעהר פארומגליקט איז אויף דיא וועלט, מיט איינם פון דיא אונגליקען, וואס אובען גענאנט איזט, אדער דאס ער ווערד פעראורטהיילט צום טויט, און איין רופא חנם העט איהם פון דעם אלען געהיילט, און העט איהם מציל גיוועזען פון טויט, און העט נאך דאצו איהם פיעל טובות געטוהן, וואס העט איהם בעזארגט מיט פרנסה, און דירה, און קליידען, ובכל הצטרכות, וואס ווערע דער מענש שולדיג זיין בעל טובה צו פערגעלטיגען:

תשובה דער יעניגער ווערע שולדיג זעהר אונטערטעניג צו זיין, און איהם צו געהארכען צו אלעם וואס ער איהם געביטען טוהט, און איזט אויך שולדיג אייביג נישט אויף צו הערין איהם צו דאנקען, און צו לויבען, און אויך אנדערע מענשען צו דערציילען פון זיין בארעמהערציקייט:

זאגט דאס נפש, דאס וואס האסט געזאגט איזט אלעם וואר, און רעכטפארטיג, נאר זאג מיר אויך אויב דוא האסט ווירקליך אזו געטוהן און געהאנדעלט קעגען דיין בעל טובה, דאס איז דער אייבערשטער ב"ה דער בעל הרחמים וואס דיך ערשאפען האט, און גיבט דיר דיין גאנץ אויסקומען, און שפייזט דיך בדרך כבוד, נישט דורך אנדערע מענשען, און איז אויך דיך מציל פון פיעל אונגליקען וואס אויף דיא מענשען קומען, און האט אויך דיר געשענקט שכל און פארנונפט, כדי צו וויסען און צו ערקענען ווער דיך ערשאפען האט, און ווער דיר דיין געברויך געבען טוהט, און נישט דאס אליין וואס ער דיך פון איינם פון דיא אומגליקען בעשערמט האט, זאנדערען דאס ער דיך יעדען טאג פון פיעל אומגליקען רעטען טוהט:

אצונד זאג אויך מיר אויב דוא האסט ווירקליך אזו געטוהן און געהאנדעלט קעגען דיין בעשעפער, דער אמתדיגער בעל טובה, וויא דוא זעלבסט פעראורטהיילט האסט, דאס איין מענש איז שולדיג צו פארגעלטען זיין בעל טובה, וואס באמת איז דאך דער בעל טובה נאר איין שליח פון דעם אמתדיגען רופא חנם אין הימעל, נאר ענפער מיר ווייטער מיט דעם וואהרען אמת:

תשובה וויא קאן דען אמענש וואס איז נאר אבשר ודם, און וואס געבויעט איזט פון ערד, פארגעלטען דעם בורא ב"ה (אשר לגדולתו אין חקר) וואס צו זיין אלמעכטיגקייט איז קיין ערפארשונג:

זאגט דאס נפש, פערלאנגט דען דער בעשעפער פון דיר לויט זיין כח, ער פערלאנגט דאך נאר פון מענש לויט וויא ווייט זיין כח גערייכט, אצונד בעלייג דיר גוט דאס נישט דאס אליין וואס דוא ביזט (כפוי טובה) אונדאנקבאר צו דיין בעשעפער, דיין בעל טובה, זאנדערען וויא פיעל אונצעליגע מאהל האסט נאך איהם פארגעלטיגט שלעכטס פיר גוטס, וואס האסט איהם

ערצארנט מיט דיינע פארדארבענע מעשים: וואס האסט עובר געוועזען צו טוהן וואס ער דיר פארבאטען האט, נישט צו טוהן, און האסט נישט מקיים געוועזען צו טוהן וואס ער דיך געבאטען צו טוהן, היינט אויף וואס פאר איין אופן ווילסט וויסען אויב דוא קאנסט דיך אויך רעכענען צווישען דיא עובדי השם, און צו האפען אויף דעם גוטען שכר פון עוה"ב, מיט דיא מעשים פון זמרי, קאן מען דאך נישט ערווארטען דעם שכר פון פנחס:

תשובה זאגט דער מענש צום נפש איך בעט דיך ווער מיך אויפמערקזאם צו מאכען, און מיך גרינגלעך צו ערקלערען דורך וועלכע אורזאכען בין איך אונדאנקבאר צו מיין בעשעפער, און מיט וואס האב אזו פיעל ערצארנט מיין בעל טובה דער בורא ב"ה, אויב וואהל דאס איך האלט מיך נישט פאר דעם גרויסען צדיק וישר, דאך פיעל איך מיך נישט אזו ווייט פארדארבען צו זיין, וויא דוא מיך געשילדערט האסט:

תשובה איך האב דאך דיר באלד פאראויס געזאגט, דאס איך קאן דיך נישט פריער אונטערריכטען ביז דוא מוזט פריער אוועק לייגען דיא שלעכטע מדה פון גאוה:

זאגט דער מענש צום נפש דאס וואס איך געזאגט האב, איזט נישט מחמת גאוה חלילה, זאנדערען איך שפיהר מיך נישט מיט אזו פיעל פארדארבען צו זיין, ערשטענס פארפעהל איך נישט יעדען טאג פון צו דאווינען ערב ובוקר, און ווען דיא צייט ערלויבט מיר, טוה איך אויך עפעס תורה לערנען, אויך האב איך ב"ה קיין מאהל עובר געוועזען אויף רציחה, גזילה, וזנות, וחילול שבת חלילה, ווען איך האב חן געפינען אין דיינע אויגען, אזו בעט איך דיך מיך צו אונטערריכטען און אויפמערקזאם צו מאכען, בפרטות, פון מיינע פעהלער, כדי איך זאל קענען זייא אויסבעסערען, און מתקן זיין וואס איך פארדארבען האב:

תשובה זאגט דאס נפש איך האב נאך פריער געוויסט און פארשטאנען פון דיינע פעהלער, וואס מיט דעם זענען זיך פיעל מענשען טועה, וואס האלטען זיך פאר דיא עהרליכע יודען, און אמתדיגע מענשען, און באמת אבער געהען זייא אין דיא פינסטער (כּכסיל בחשך הולך) וואס וויסען נישט צו אונטערשיידען (בין ימינם לשמאלם), צווישען גוט און שלעכט, און דאס אלעם קומט נור דורך זייער שוואכע אמונה אן השי"ת, וואס פערוועדען נישט מעהר דיא גאנצע טעג און יאהרען, נור בלוים פיר דעם (העמל) של העולם הזה, אזו ממילא קומט זייא נישט אוים אצייט מיט זיך אחשבון צו מאכען, און זיך צו איבערדענקען וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט, און צו וועלכען צוועק בין איך ערשאפען געווארען, בין איך דען פון דעסטוועגען בעשאפען געווארען כדי שווער צו ארבייטען און דאס גאנצע לעבען צו פערוועדען פיר דעם נארישען עוה"ז, וואס פארגענגליך איז, און קיין קיום האט, דער מענש וואס האט נור אביסעל פערשטאנד אין זיך, דארף דאך צו פערשטעהן דאס דער מענש איז נישט פיר דעסטוועגען בעשאפען געווארען כדי דעם נארישען עוה"ז צו בעדינען, זיין גאנץ לעבען צו פערוועדען

תים

מִיט שְׁוֶועֶהר אַרְבֵּייטֶען, אוּם דִיא נַארִישֶׁע תַּאֲוֹות עוה״ז צוּ עֶרְרֵייכֶען, (עַיֵין בפתיחה).

אַצוּנְד מֵיין פְרֵיינְד דוּא בִּיזְט מִיר ווִירְקְלִיךְ זֶעהְר אַרַחֲמָנוּת אוּנ אִיךְ בֶּעדוֹיעֶרֶע דִיךְ זֶעהְר. אַצוּנְד פְרֵיינְד, עֶפֶען דָאס הֶערְץ, אוּנ פַארְגֶעס מֵיינֶע רֵייד, ווֶעלְכֶע מִיט אֱמֶת אוּנ וַוארְהַאפְט, אָהְן פַאלְשְׁקֵייט גֶערֶעט ווֶוערְדֶען, וָואס דוּא מִיט דֵיין פַאלְשֶׁען שְׁטָאלְץ גֶעוָאנְט הָאסְט, דָאס דוּא פֶערְפֶעהְלְסְט נִישְׁט עֶרֶב וּבוֹקֶר צוּ דַאוֶוענֶען, זָאג אוֹיךְ מִיר אוֹב דֵיין תְּפִלָּה פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶוערְד אַזוֹ גֶעבֶּעטֶען, אַלְּס וֶוען דוּא הֶעסְט גֶעבְּרוֹיכְט עֶפֶּעס אַנְגֶעבֶּעט צוּ פֶערְרִיכְטֶען פַאר אַמֶּלֶךְ בו״ד, וָואס דֶער מֶלֶךְ בו״ד פֶערְשְׁטֶעהְט נִישְׁט דֵיינֶע אִינְגֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּנ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט דִיא מַאכְט אַלֶעם וָואס דוּא בֶּעגֶעהְרְסְט צוּ עֶרְפִילֶען, לְמָשָׁל, וֶוען אֵיינֶער בֶּעט אִיהְם אוּם אִיהְם צוּ שֶׁענְקֶען דָאס לֶעבֶּען אָדֶער דָאס עֶר זָאל אִיהְם הֵיילֶען פוּן אַגֶעפֶעהְרְלִיכֶע קְרַאנְקְהֵייט, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט דַאצוּ מַסְכִּים דִיא גְזֵרָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָמִים ב״ה, אַזוֹ אִיז עֶס גָאר נִישְׁט אִין זַיין מַאכְט אִיהְם עֶפֶּעס צוּ קֶענֶען הֶעלְפֶען, (וְעַם כִּי זֶה) צוּפָארְט, ווִיא הֶעסְט דוּא דִיךְ מֵכִין גֶעוֶועזֶען, אוּנ אַלֶע גֶעדַאנְקֶען רֵיין גֶעהַאלְטֶען, כְּדֵי דָאס גֶעבֶּעט צוּ פֶערְרִיכְטֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אָהְן פֶעהְלֶער, כְּדֵי עֶר זָאל דִיא בַּקָּשָׁה אָנְנֶעמֶען. הֵיינְט וֶוען דָאס אַזוֹ אִיז פַאר אַמֶּלֶךְ בו״ד, ווִיא דַארְף נָאךְ דֶער מֶענְשׁ זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטֶען מִיט קְרַאפְט אוּנ פִיעל מִיהֶע אַנְצוּוֶוענְדֶען כְּדֵי דִיא תְּפִלָּה צוּ פֶערְרִיכְטֶען פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, (אֲשֶׁר מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ), אוּנ ווֵייסְט פוּן יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה פוּן מֶענְשׁ, אַזוֹ מוּז דָאךְ בְּוַודַאי זַיין דִיא תְּפִלָּה פוּן מֶענְשׁ אָהְן פֶעהְלֶער, אוּנ אָהְן אַנְדֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַצוּנְד בֶּעלֶעהְג דִיר גוּט, ווִיא פִיעל מָאל אִין יָאהְר קָאנְסְט דִיךְ בֶּרִיהְמֶען, דָאס דוּא הָאסְט אֶמֶתְדֶעג מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועזֶען אָהְן פֶעהְלֶער, אוּנ אָהְן מַחֲשָׁבָה זָרָה, אֶפְשַׁר אֲפִילּוּ נִישְׁט אַמָאל אִין יָאהְר. אוּנ נִישְׁט דָאס אַלֵיין, וָואס אַזוֹ אַתְּפִלָּה וֶוערְד גָאר פַאר קֵיין מִצְוָה גֶערֶעכֶענְט, זָאנְדֶערְן וֶוער ווֵייס ווִיא פִיעל עֲבֵירוֹת מֶען הָאט נָאךְ דַאמִיט גֶעטוּהְן, וָואס מֶען טְהוּט דֶעם שֵׁם מֶעלְדֶען אַזוֹ פִיעל מָאהְל אָהְן כַּוָּנָה, וָואס דָאס אִיז גֶערֶעכֶענְט ווִיא (לְבַטָּלָה):

אוּנ זָאג אוֹיךְ מִיר אוֹב דוּא טוּסְט אַזוֹ בְּכָבוֹד הַאלְטֶען דִיא שׁוּהְל, וָואס וֶוערְד אָנְגֶערוּפֶען (מִקְדָּשׁ מְעַט), ווִיא מֶען אִיז מְכַבֵּד דָאס אָרְט פוּן אַמֶּלֶךְ בו״ד נִישְׁט דָאס אַלֵיין וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מְכַבֵּד דָאס הֵיילִיגֶע אָרְט וָואס דִיא שְׁכִינָה דָארְט רוּהְט, זָאנְדֶערְן מֶען אִיז נָאךְ נוֹהֵג פִיעל קַלּוּת רֹאשׁ, שַׁאנְד אוּנ שְׁפָּאט אִין דִיא בָּתֵּי הַכְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשִׁים, וָואס מֶען עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ דָארְט פִיעל דְבָרִים בְּטֵלִים צוּ רֶעדֶען, אוּנ אַזוֹ גָאר שְׂחוֹק וְקַלּוּת רֹאשׁ, אוּנ צוּ רֶעדֶען פוּן דִבְרֵי מו״מ, אֲפִילּוּ אוֹיךְ אַן שַׁבָּת ויו״ט:

אַצוּנְד לָאזֶען מִיר וַוייטֶער גֶעהְן, יֶעדֶען טָאג זָאגְסְט דוּא, דִיא בְּרָכָה, בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּנ זָאגְסְט (אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים, וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ) ווִיא זֶעהְט אוֹיס דֵיין תּוֹרָה לֶערְנֶען, ווִיא פִיעל שָׁעָה אִין מֵעֵת לְעֵת, גֶעמְסְט דִיר צֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין דִיא גְרֶעסְטֶע מִצְוָה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָואס אִיבֶּער וֶועגְט קֶעגֶען אַלֶע מִצְוֹת, אֲפִילּוּ אִין דִיא צֵייט וָואס דוּא שׁוֹין פְרֵייא בִּיזְט פוּן דֶעם

הָעָמָל שֶׁל העוה"ז, פַאלְט עֶס אוֹיךְ דִיר נִישְׁט אַיין צוּ זָאגֶען, לָאז אִיךְ אַצוּנְד לוֹיפֶען לְבֵית הַמֶדְרָשׁ, מְקַיֵים צוּ זַיין דִיא חָשׁוּבֶע מִצְוָה פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה:

און וָואס דוּא הָאסְט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ קֵיין מָאהְל עוֹבֵר גִיוֶועזֶען אוֹיף רְצִיחָה, וּגְנֵיבָה קָאנְסְט דִיךְ אוֹיךְ בַּארִימֶען, דָאס הָאסְט נִישְׁט עוֹבֵר גִיוֶועזֶען אוֹיף (אָבָק רְצִיחָה) אַזוֹי וִויא דִיא חֲכָמִים ז"ל הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער וָואס טוּהְט מַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ זַיין, אִיז עֶס אַזוֹי גוּט (כְּאִלוּ הֲרָגוֹ) און דֶער וָואס גֶענִיסְט פוּן אַיין מַאֲכָל אָן בְּרָכָה, אִיז עֶס אַזוֹי גוּט וִויא עֶר הֶעט גִיגַזְלְתְּ (לְהקב"ה וְלִכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל) און בֶּעלַייג נָאר דִיר גוּט וִויא דַיינֶע אַלֶע בִּרְכַּת הַנֶהֱנִין אוֹיסְזֶועהְן, אוֹיבּ מֶען קָאן עֶס רֶעכֶענֶען פַאר אַיין בְּרָכָה, און קָאנְסְט דִיךְ אוֹיךְ בַּארִימֶען דָאס הָאסְט נִישְׁט עוֹבֵר גִיוֶועזֶען אוֹיף דֶעם לַאו פוּן (לֹא תַעֲשׁוֹק, וְלֹא תוֹנֶה) דָאס הָאסְט עֶהְרְלִיךְ גִיהַאנְדֶעלְט, קֵיינֶעם אַיין שׁוּם עַוְלָה צוּ טוּהְן אִין מַשָׂא וּמַתָּן, און פוּן צוּ מֶעלְדֶען דֶעם שֵׁם לְבַטָלָה, און פוּן (שְׁבוּעוֹת שָׁוְא) פוּן אוּמְזָאנְסְט שְׁוֶוערֶען, און פוּן, כַּעַס, וָואס דָאס אִיז גֶערֶעכֶענְט (כְּעוֹבֵד ע"ז) און פוּן לָשׁוֹן הָרָע, וּרְכִילוּת, וָואס דָאס אִיבֶּערְוֶועגְט קֶעגֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת וּכְדוֹמֶה:

וִוידֶער וָואס הָאסְט גֶעזָאגְט אִיךְ בִּין נִישְׁט עוֹבֵר אוֹיף חִילוּל שַׁבָּת, קָאנְסְט דִיךְ אוֹיךְ בַּארִימֶען דָאס הָאסְט דִיךְ גֶעהִיטֶען פוּן צוּ רֶעדֶען בְּדִבְרֵי מו"מ וּבִדְבָרִים בְּטֵלִים אָן שַׁבָּת, אִין פוּן מְטַלְטֵל צוּ זַיין דְבָרִים הַמוּקְצִים בְּשַׁבָּת און מוֹסִיף צוּ זַיין (מֵחוֹל עַל הַקוֹדֶשׁ) אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל שַׁבָּת צוּ זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אַיין חָצִי שָׁעָה קוֹדֶם בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת, און הָאסְט אוֹיךְ מְקַיֵים גִיוֶועזֶען דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת צוּ הֵיילִיגֶען מִיט תּוֹרָה לֶערְנֶען מֶעהְר פוּן יְמֵי הַחוֹל, און וִויא פִיעל מָאהְל בִּיזְט דוּא נִכְשַׁל גֶעוָוארֶען (בַּאֲכִילַת שְׁקָצִים וּרְמָשִׂים) מֵחֲמַת וָואס הָאסְט דִיךְ נִישְׁט גִיהִיטֶען פוּן צוּ עֶסֶען זָאלְכֶע פֵּירוֹת וָואס זֶענֶען פִיל מִיט וֶוערֶעם, וִויא פִיעל מִיהֶע דַארְף דֶער מֶענְשׁ אַיינְצוּוָוענְדֶען כְּדֵי דָאס רֶעכְט בּוֹדֵק צוּ זַיין וִויא דֶער דִין אִיז, קוּרְץ, וֶוען אִיךְ זָאל דִיר אַלֶעם מְפָרֵשׁ זַיין בִּפְרָטוּת, וֶוערֶע נִישְׁט גֶענוּג פִיעל בִּיכֶער אָן צוּ שְׁרַייבֶּען, און נָאךְ דֶען אַלֶען, הַאלְטְסְט דוּא דִיךְ פַאר אַיין אִישׁ תָּם וְיָשָׁר, און פֶערְלַאנְגְסְט פוּן מִיר דִיר צוּ זָאגֶען אוֹיבּ הָאסְט אוֹיךְ צוּ עֶרְוַוארְטֶען אוֹיף דֶעם גוּטֶען שְׂכַר פוּן עוה"ב, וָואס דָאס נָאר בֶּעשְׁטִימְט אִיז פִיר דִיא אַנְשֵׁי אֱמֶת, וְשׂוֹנְאֵי בָצַע, וָואס דִינֶען זַייעֶר בַּאשֶׁעפֶער בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים, און הִיטֶען זִיךְ זֶעהְר פוּן עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און בֶּעשְׁטְרֶעבֶּען זִיךְ כָּל יְמֵי חַיֵיהֶם צוּ טוּהְן (רְצוֹן קוֹנָם) און צוּפָארְט הַאלְטֶען זַייא זִיךְ זֶעהְר בִּשְׁפַל רוּחַ, וּבַעֲנָוָה, און פֶערְלַאנְגֶען נָאר פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ בְּמַתְּנַת חִנָּם:

תְּשׁוּבָה אַנְטְוָוארְט דֶער מֶענְשׁ צוּם נֶפֶשׁ, אִיךְ בִּין מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת, און טוּה בֶּעקֶענֶען מַיינֶע פֶעהְלֶערְס, דָאס אִיךְ הָאבּ מִיךְ וֶועלְבְּסְט גֶענַארְט, וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַלֶע מָאהְל גִיהַאלְטֶען פַאר דֶען אִישׁ תָּם וְיָשָׁר, אַצוּנְד אָבֶּער זֶעהֶע אִיךְ דֶעם אֱמֶת, און בִּין מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת, דָאס (מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בִּי מְתוֹם) אִיךְ בִּין פִיהְל מִיט פֶעהְלֶער און מִיט עֲבֵירוֹת (אוֹי לִי) וַוייא אִיז צוּ מִיר פוּן וֶועלְכֶען הָאבּ אִיךְ אַצוּנְד צוּ הָאפֶען אוֹיף שְׂכַר בְּעוה"ב, וֶוען מַיינֶע עֲבֵירוֹת שְׁטַייגֶען מִיר אִיבֶּער דֶעם קָאפּ אַרִיבֶּער, דָאךְ נָאךְ אַיין

זאך

נאך באגעהר איך פון דיר מיר צו זאגען, אויב עס איז נאך מעגליך קודם מותי צו קענען מתקן זיין וואס איך האב ביז אהער מקלקל געוועזען:

תשובה ווייסט דוא דען נישט פון דעם, וואס אלע הייליגע ספרים שרייבען פון דיא גרויסע מעלה פון דעם בעל תשובה, דאס ער איז נאך גרעסער פון דעם צדיק וואס האט קיין מאהל געזינדיגט. מיר געפינען דאך דאס הקב"ה האט געזאגט צום נביא יחזקאל (חי אני נאם ד' אלקים אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה), אזוי וואהר וויא איך לעב, שווערט גאט ב"ה אויב איך בעגעהר אן דעם טויט פון רשע, נאר דאס איז מיין רצון דאס ער זאל ווידערקעהרען פון זיין שלעכטען וועג, כדי דאס ער לעבען זאל, אונ נאך מעהר זאלכע פסוקים געפינען מיר דאס זיין בעגעהר איז נאר דאס דער רשע זאל תשובה טוהן:

זאגט דער מענש צום נפש, ווען עס אזוי איז, אזוי בעגעהר איך פון דיר אויף מיר רחמנות צו האבען, אונ מיך צו אונטעריכטען וויא איך זאל מיך פון אצונד אן פיהרען, כדי דאס זאל קענען נאך פאר מיין שטארבען מתקן זיין וואס איך האב מקלקל געוועזען, כדי צו קענען מציל זיין מיין נשמה פון דיא פארכטבארע עונשים של גיהנם:

(תשובה) זאגט דאס נפש צום מענש, ווען דוא מיינסט דאס ערנסט אזוי העלפען מיך צו, ווירד דיר וואהל זיין אויף ביידע וועלטען, ווען איך זאל דיר וועלען בעשרייבען דאס התנהגות וויא דוא דארפסט דיך צו פיהרען פון אויף שטעהן ביז צום ליגען גיין, אזוי ווער דאס ענין פיעל צו שרייבען, אזוי וויל איך דיר נאר פארשרייבען פון דיא זאכען וואס זענען פון דיא הויפט זאכען וואס געהער צו עבודת הבורא יתברך וגם וועל דיר בעצייכענען דיא הויפט זאכען פון וועלכע דער מענש דארף זיך פון זייא זעהר צו היטען, אויף זייא נישט עובר צו זיין:

ראשית, דאס ערשטע אונ דאס וויכטיגסטע וואס געהער צו עבודת הבורא איז וואהל איין יעדען מענש בעקאנט דאס דאס איז (תלמוד תורה) וויל אזוי וויא עס איז נישט מעגליך איין הויז צו בויען אן האלטץ, אן שטיינער, אזוי אויך איז נישט מעגליך צו קענען זיין איין עובד השם אן תורה לערנען (כי לא עם הארץ חסיד), אונ ווען דוא ווילסט מיך פרעגען מיר געפינען דאך מעהרערע לומדי תורה וואס קיין יראי שמים זענען, אזוי זאלסט וויסען דער טעם פון דעם איז, וויל זייא לערנען נישט תורה לשמה, נאר פאר בריהם וועגען, וויל דער אמתדיגער מענש וואס מיינט באמת זיין בעשעפער צו דיענען דער טוט פאר אללען לערנען זאלכע ענינים וואס לערנט דעם מענש וויא ער דארף זיך נוהג צו זיין דעם גאנצען טאג, אונ וויא ער דארף מתפלל צו זיין, הן בחול והן בשבת ויו"ט, אונ וויא ער דארף דעם שבת צו האלטען, אונ אויך וויא ער דארף אויף איין יעדע זאכע ברכה צו מאכען, אונ וויא ער דארף זיך צו היטען פון מדות רעות, אונ ווידער אן וועלכע מדות טובות ער דארף זיך צו בעגרייפען אזוי אמענש וואס בעשטרעבט זיך נאר אין מעהרסטען אין זאלכע ספרים צו לערנען איז דאס דער רעכטער בעווייז דאס ער מיינט עס גאנץ ערנסט לשם

שמים, דיא מענשען אבער וואס בעשעפטיגען זיך נאר בלויס מפלפל צו זיין מיט קשיות ותרוצים, אונ ווייסען נישט איין מאהל, וויא מען דארף ברכה צו מאכען איבער איין מאכל, דאס איז דער רעכטער בעוויז, דאס זייער לערנען איז נישט לשמה איבערדעם ברענגט זייא נישט דאס לערנען צו יראת שמים וד"ל:

(ולכן הכי אחי אתה), איבער דעם, פריינד, הער מיך צו, (וטוב יהי' לך), פאר אלעם לערנען זאלסט דיר מאכען אשעור קבוע יעדען טאג צו לערנען דינים פון שולחן ערוך, אזו ווייט וויא דיין שכל שטייגט, עס קאן אפילו זיין קצור ש"ע, אדער חיי אדם, דאס מוזט דוא בעשטענדיג לערנען, קלאר צו זיין אין אלע דינים, דאס צווייטע לערנען ווידער וואס אויך גאנץ געטהיג איז, איז מוסר ספרים, דען אין דיא מוסר ספרים ווערסט דוא געפינען דיא אלע מדות טובות, וואס דער מענש דארף זיך אן זייא צו בעהעפטען, אונ אויך ווערסט דארט געפינען דיא אלע מדות רעות וואס דער מענש דארף זיך פון זייא צו ערווייטערן:

מיין פריינד, איין זאך אבער וויל איך דיך וואהרנען, נישט זיך צו לאזען פיהרען פון דעם יצר, וואס ער טהוט נור דיר אנרעדען שנעל אלעם דורך צו לערנען, וואס עס בלייבט דיר גאר נישט אין געדעכטנים, רק יעדעם ענין וואס ווערסט לערנען, הן פון דינים והן פון מוסר, זאלסט דיא זאך עטליכע מאל איבער לערנען, כדי אן דעם צו דענקען, אונ ווען נישט, איזט דיין לערנען אונ בעמיהען גאנץ אומזונסט, אין איין אויער אריין, אונ אין צווייטען אויער ארויס, רק יעדע זאך עטליכע מאל צו איבערלערנען, אונ יעדעם מאל וואס ווערסט לערנען אין דעם מוסר ספר זאלסט אן דעם דענקען בעפאהר דוא הערסט אויף צו לערנען זאלסט דיך איבערלעגען אונ טראכטען, אוב דוא פיהרסט דיך אזו וויא דא איז געשטאנען, אונ אוב נישט, אזו ווען דוא ווערסט זעהן דאס דיין התנהגות פונקט פערקעהרט איז, אזו מוזט דוא תיכף דארויף מתחרט זיין, אונ אויף דיר מקבל צו זיין פון נון אן וויא ווייט מעגליך איז, זיך שוין אנדערש צו פיהרען, אפילו דאס עס מוז דיך פיעל מיהע קאסטען, זיך אב צוגעוועהנען פון דעם הרגל, דאפיר ווערד אויך אנגערופען דער ירא שמים איין (עובד השם), דען דאס איז באמת אשווערע (עבודה) ארבייט, דאפיר ווידער (לפום צערא אגרא), איז אויך דער שכר זעהר גראס, ווידער וואס אנבעטרעפט פון מדות טובות ורעות, אזו זאלסט וויסען, דאס דיא חשובסטע מדה פון אלע מדות איז דיא מדה פון (ענוה), צו זיין אענו ושפל רוח, אונ ווידער דיא שלעכטסטע מדה פון אלע מדות רעות איז דיא מדה פון גאוה, אונ אויך דיא מדה רע פון כעס, פון דיא צווייא שלעכטע מדות זאלסט דיך ערווייטערן בתכלית הריחוק, נאך אן עטליכע זאכען וועל דיך ערמאנען אונ וואהרנען, וואס פיעל מענשען ווערען געכאפט גכשל אן זייא. (א) זיך זעהר צו היטען פון צו רעדען אין שוהל אדער בבית המדרש בדברים בטלים, נור זיך צו מאכען פאר אאסור גמור דארט צו רעדען דברים בטלים, רק, אדער תפלה, אדער תורה. (ב) זיך זעהר צו היטען פון געזעלשאפטען, וואס

בֶּעשֶׁעפְּטִיגֶען זִיךְ צוּ פֶערְבְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה מִיט לֶעהְרֶע רֵייד, (ג') גֶעוָואהְרְנְט צוּ זַיין, נִישְׁט צוּ פֶערְפֶעהְלֶען אֲפִילוּ אוֹיף אַבְּרָכָה אָמֵן צוּ עֶנְטְפֶערֶען, אוּנ אוֹיךְ יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא, בָּרְכוּ, וּקְדוּשָּׁה צוּ זָאגֶען בְּכָל כֹּחוֹ, (ד') זָאלְסְט זֶעהְן יֶעדֶען פַארְטָאגְס אַלֵיין צוּ זַיין אִין דַיין שְׁטוּבּ, אָדֶער בְּשַׁעַת דָאס בְּנֵי הַבַּיִת נָאךְ שְׁלָאפֶען, אוּנ זָאלְסְט וִודּוּי זָאגֶען מִיט אַצֶעבְּרָאכֶען הֶערְץ, אוּנ אוֹיךְ צוּ זָאגֶען עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטֶעל תְּהִלִּים בְּלֵב נִשְׁבָּר:

וְעַתָּה מַיין פְּרֵיינְד, דָאס דָאזִיגֶע וָואס הָאבּ דִיר דָא גֶעשְׁרִיבֶען, דָאס זֶענֶען זֶעהְר וִויכְטִיגֶע זַאכֶען אוּנ דָאס אִיבְּרִיגֶע הִתְנַהֲגוּת פוּן דֶעם בַּעַל תְּשׁוּבָה, וִויא עֶר דַארְף זִיךְ צוּ פִיהְרֶען אִיז מִיר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַצוּנְד אַלֶעם דִיר אַרוֹיסְצוּ שְׁרֵייבֶען, וֶוען דוּא מֵיינְסְט עֶס בֶּאֱמֶת דִיךְ מְתַקֵּן צוּ זַיין אַזוֹי וֶועסְט דוּא אַלֶעם שׁוֹין גֶעפִינֶען אִין דִיא מוּסָר סְפָרִים, וִויא אוֹיךְ אִין דֶעם דָאזִיגֶען סֵפֶר. דָארְךְ מֵיינֶע רֵייד אוּנ זַייא תָּמִיד מִתְפַּלֵּל צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָאס עֶר זָאל זַיין דַיין הֶעלְפֶער, אוּנ אוּנְטֶערְרִיכְטֶער דִיךְ צוּ פִיהְרֶען אִין דֶעם אֱמֶתְדִיגֶען וֶועג (וְהָאֱמֶת וְהַשָּׁלוֹם אֱהָבוּ אָמֵן סֶלָה וָעֶד:

# תם ונשלם חלק שני.

# מודעה רבה

יש להשיג הסה"ק של הגה"ק רבי הלל קאלאמייער זצ"ל אצל המו"ל
ר' פאוויש רויזענבערג נ"י האדרעסע כדלמטה

המחירים הם כדלהלן:

| | |
|---|---|
| עת לעשות, עברי טייטש, ב' חלקים | 2.50 דולאר |
| משכל אל דל, החלקים א' ב' ג' | 3.25 דולאר |
| משכיל אל דל, חלק ד' עם הספר שירי משכיל | 3.00 דולאר |

כל הספרים ביחד רק 8 דולאר ודמי המשלוח בכלל.

גם כן מהמחבר הנ"ל הספר מקרי דרדקי
על בראשית שמות—ויקרא במדבר
8 דולאר ודמי המשלוח בכלל.

בקרוב יופיע אי"ה גם כן מהמחבר הנ"ל הספר
אבקת רוכל חלק א' ב'

גם יש להשיג אצלינו טורים על אורח חיים ויורה דעה — ד' כרכים בגודל 9 ביי 13 וחצי — מבית הדפוס המהודר „סיני" משנת תשכ"ג.

גם אפשר לקבל „ש"ם הוצאת „מאורות בעשרים כרכים גדולים
הספר „נר דוד" אשר הוא כולו מוסר ויראת שמים עברי טייטש,
וספר הנוכחי „פלא יועץ" מהרב הגאון בוצינא קדישא מו"ה אלעזר פאפו זצלה"ה.

Z. ROSENBERG

144 RODNEY STREET, BROOKLYN, N. Y. 11211

בעזרהשי״ת

דעס ספר ענטהאלט אנאיבערזעצאנג אויפטייטשווייז פינע ספר פלא יועץ״ פין רבי אליעזר פאפו זצוק״ל פינעם איבער זעצער ר׳ יצחק האמבארגער ז״ל מתושבי ק״ק קראקא בהסכמות הגאון הגדול רבי שמעון סופר אבד״ דק״ק הנ״ל בהגאון רבי משה מרן החתם סופר זצוק״ל״

כדי דע הוצאה גאנץ צימאכען שטעלען מיר בראש הספר דעם שער״פין פלא יועץ אויף יודיש דייטש - פינעם איבעזעצער הרב הגאון יהודא כהן קרויס מקק׳ באניהאד [לאקענבאכער רב] זצ״ל ציליב מערערע בריף הסכמות ועוד ואס דארט געדריקט זענען ואי איר זעטעס אין ציליב חשבון הדפים אויך זיין קונטרס מנחה חדשה״ דינים אויף מליחה חלה נידה הדלקה וואס האט אויך אנהאנג צו פלא יועץ

אויב איינער פין דע לייער דענקט דאס ער וואלט געקענט דעם ביי אינק היינט שווער פערשטענדליכען יודיש דייטש אויף אויף א ביי אונק היינט פערשטענדליכען אידיש איבערזע- צען- וואלטען מיר געלאזט דריקען דאס איבעריקע פין דעם ספר פלא יועץ אין אויך אנדערע פין דעם מחבר-ס- ספרים

ג׳תשא שנת תשחכ״ לפק״ פה ברוקלין נ״י״

עבדי טייטש פאבלישינג המו״ל

EVRE-TATCH · 144 RODNEY ST
BROOKLYN - 11211 NY

האדרעסע

# מודעה רבה

יש להשיג הסה"ק של הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זצ"ל אצל המו"ל
ר' פאוויש רויזענבערג נ"י האדרעסע כדלמטה

המחירים הם כדלהלן:

| | |
|---|---|
| עת לעשות, עברי טייטש, ב' חלקים | 2.50 דולאר |
| משכל אל דל, החלקים א' ב' ג' | 3.25 דולאר |
| משכיל אל דל, חלק ד' עם הספר שירי משכיל | 3.00 דולאר |

כל הספרים ביחד רק 8 דולאר ודמי המשלוח בכלל.

גם כן מהמחבר הנ"ל הספר מקרי דרדקי
על בראשית שמות—ויקרא, במדבר
8 דולאר ודמי המשלוח בכלל.

בקרוב יופיע אי"ה גם כן מהמחבר הנ"ל הספר
אבקת רוכל חלק א' ב'

גם יש להשיג אצלינו טורים על אורח חיים ויורה דעה — ד' כרכים בגודל 9 ביי 13 וחצי — מבית הדפוס המהודר „סיני" משנת תשכ"ג.

גם אפשר לקבל ש"ם הוצאת „מאורות בעשרים כרכים גדולים
הספר „נר דוד" אשר הוא כולו מוסר ויראת שמים עברי טייטש,
וספר הנוכחי „פלא יועץ" מהרב הגאון בוצינא קדישא מו"ה אלעזר פאפו זצלה"ה,

Z. ROSENBERG

144 RODNEY STREET, BROOKLYN, N. Y. 11211